STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00150

FUN LUBLIN BIZ NYU YORK

Kadia Molodowsky

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Rebecca Berman
in memory of
Sarah Konigsberg

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאדיע מאָלאָדאָווסקי

פון לובלין ביז ניו־יאָרק

טאָג־בוך פון רבקה זילבערג

פאַרלאַג פאַפּירענע בריק
ניו־יאָרק 1942

From Lublin to New York

Diary of Rivke Zylberg

Copyright by

KADIA MOLODOWSKY

New York, 1942

200

טאָג־בוך
פון רבקה
זילבערג

פ ר י ע ר ד ע ר ש י נ ע נ ע ב י כ ע ר :

חשוונדיקע נעכט, 1927.

גייען שיכעלעך אַוועק, 1930.

דזשיקע גאַס
ערשטע אויפלאַגע, 1931.
צווייטע אויפלאַגע, 1936.

פריידקע
ערשטע אויפלאַגע, 1935.
צווייטע אויפלאַגע 1936.

אַלע פענצטער צו דער זון, 1936.

אין לאַנד פון מיין געביין, 1937.

אויפן באַרג, 1938.

דער ערשטער טאָג אין ניו־יאָרק

15טער דעצעמבער 1939.

אָנגעקומען היינט אין אַ שיינעם טאָג. אפשר איז דאָס אַ סימן, אַז מיר וועט זיין גוט אין אַמעריקע. די טאַנטע איז זייער ענלעך צו מיין מוטער עה"ש, נאָר זי האָט ניט אַזאַ גוטן שמייכל ווי מיין מוטער האָט געהאַט. דער פעטער שוויגט, זעט אויס ניט צופרידן, וואָס איך בין געקומען. סעלמאַ איז אַזוי אַלט ווי איך, און אַזוי הויך ווי איך. זי האָט צו מיר היינט אַרויסגערעדט אַ פּאָר ווערטער. „ווי פילסטו?" און „דו ביסט מיין קאַזין", מער קען זי ניט ריידן קיין אידיש, זאָגט זי. מאַרווין איז אַלט אַ יאָר זעכצן. ער האָט מיר בלויז געזאָגט „האַלאָ" און איז אַוועק פון שטוב. די טאַנטע האָט באַטראַכט מיינע זאַכן. זי און סעלמאַ האָבן געלאַכט פון מיינע זאָקן, פון מיינע העמדער און פון מיינע קליידער. אין לובלין בין איך געווען גוט אָנגעטאָן. וועט מען פון מיר שטענדיק לאַכן אין אַמעריקע? די טאַנטע האָט אַ הויב געטאָן אַלע מיינע קליידער און אַ זאָג געטאָן: שמאַטעס! מען דאַרף איר קויפן אַ „דרעס" און אַ „העט". איך האָב קוים איינגעהאַלטן די טרערן. די טאַנטע האָט מיך באַלד אויפגענומען ווי אַן אָרעמע קרובה. אפשר וואָלט בעסער געווען, ווען איך וואָלט געבליבן אינדערהיים. וואָס וועל איך דאָ טאָן? זיי ריידן אַלע ענגליש. איך פאַרשטיי גאָרניט. מיר דאַכט זיך, אַז זיי ריידן וועגן מיר און מיר דאַכט זיך אויך, אַז איך בין טויב געוואָרן צו צוואַנציק יאָר.

אין אָוונט זיינען אַריינגעקומען צו אונדז עטלעכע שכנות אָפּנעמען ביי מיר געריסן פון דער „אַלטער היים". זיי זיינען אַלע מיט געפּאַרבטע באַקן און מיט געפאַרבטע ליפּן. איך האָב פּשוט מורא דאָס אַרויסזאָגן, ביי מיר אין די אויגן זעען זיי אויס, ווי צעלאָזענע. אַפילו פרויען פון פערציק־פופציק יאָר זיינען אויך געפאַרבטע. יעדערע פון זיי האָט דערציילט וועגן איר היים. ביי מיר האָבן זיי זייער ווייניק געפרעגט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן מיך אַריינגעכאַפּט איך זאָל אויסהערן

אַלע זייערע מעשות, וואָס זיי האָבן צו דערציילן וועגן זייער אַל־טער היים. איינע פון די שכנות, בעטי רופט זי די טאַנטע, אָדער מיסיס שאָר, האָט דערציילט, ווי זי האָט פאַרלאָרן איר חתן אויפן וועג קיין אַמעריקע. זי האָט עס דערציילט מיט אַ גרינג האַרץ. זי איז געפאָרן מיט איר חתן צוזאַמען אויפן שיף, מיט זיי צוזאַ־מען איז געפאָרן אַ בעסאַראַבער משפחה. די בעסאַראַבער האָבן געפירט מיט זיך אַ סך געטריקנטע קעז און האָבן מכבד געווען זייערע שיף־ברידער און שיף־שוועסטער. דער חתן האָט פון אָנהויב דעם קעז גאָרניט ליב געהאַט. דערנאָך איז אים געפעלן געוואָרן דער קעז זייער שטאַרק. ער פלעגט אַלע מאָל פאַרפאַלן ווערן, גיין נעמען ביי די בעסאַראַבער אַ שטיקל קעז. די בעסאַ־ראַבערקע איז געווען אַ פרוי פון אַ יאָר אַכט און צוואַנציק, דריי־סיק. זי האָט געפירט מיט זיך צוויי קינדער און געפאָרן איז זי צו אַ שוועסטער, ווייל דער מאַן אירער איז געשטאָרבן אין אַמעריקע. די בעסאַראַבערקע האָט אַלץ געלאַכט און מכבד געווען דעם חתן מיט קעז. זי האָט אים אַ נאָמען געגעבן נאַשער, קעז־נאַשער. זי האָט אים צוגעזאָגט אַ קעזענעם גן עדן. די כלה האָט אויך מיטגעלאַכט מיט דער בעסאַראַבערקע, אָבער אין ניו יאָרק האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער חתן איז געוואָרן אומעטיק. ער פלעגט אָפט אַוועקגיין און סוף כל סוף געזאָגט בעטין, אַז ער וויל דערווייל ניט חתונה האָבן, ער איז צו־יונג און נישט אייגעאָרדנט. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער בעסאַראַבקע. די מיסיס שאָר האָט עס דערציילט אָן ביטערקייט. איך האָב זיך זייער געוואונדערט. איך וואָלט זיך געוויס געשעמט וועגן מיט מיר פּאַסירט אַזאַ זאַך און וואָלט עס קיינעם ניט דערציילט. אָבער בעטי האָט דער־נאָך זיך אַ באַרים געטאָן, אַז איר אַמאָליקער חתן איז ביזן היינ־טיקן טאָג אַן אָרימאַן און זי איז גאָט צו דאַנקען אַרויסגעקראָכן פון אַ שווערן מזל. די פרויען האָבן גערעדט אַ סך וועגן זיך און מיר אפילו ניט געגעבן קיין מעגלעכקייט צו דערציילן, ווי איך בין געבליבן אָן אַ היים. פון מיסיס שאָרס מעשה איז מיר געוואָרן זייער אומעטיק. מיר דאַכט זיך, אַז עס איז פאַר מיר ניט קיין גוטער סימן, וואָס די ערשטע מעשה, וואָס איך האָב געהערט אין אַמעריקע איז פון אָפּנאַרעריי און פון אומגליק. ווער ווייס וואָס מיט מיר וועט נאָך דאָ זיין?

די זיסע בלאַט פון מענטשן

20־טער דעצעמבער.

איך האָב היינט באַמערקט, אַז די טאַנטע האָט צוגעגאָסן וואַסער צו מיין גלאָז אָראַנדזש־דזשוס (פּאָמעראַנצן־זאַפט). איך האָב דאָס באַמערקט צופעליק. איך בין געשטאַנען אַנטקעגן שפּיגל און האָב געזען ווי די טאַנטע דערגיסט איין גלאָז מיט וואַסער און דאָס זעלבע גלאָז האָט זי מיר דערנאָך דערלאַנגט. — טרינק, האָט זי געזאָגט, אָראַנדזש־דזשוס איז געזונט. מיר איז אָבער שוין פון דעם קיין געזונט ניט צוגעקומען. איך האָב עס קוים אָראָפּגעשלונגען. בעסער די ביטערע בלאַט פון גאָט איידער די זיסע פון מענטשן — פלעגט מיין מאַמע עה״ש זאָגן. — נו, איז די אָראַנדזש־דזשוס ביי מיר היינט געווען טאַקע די זיסע בלאַט פון מענטשן. און נאָך איין זאַך האָב איך היינט צו פאַרשרייבן: מאַרווין קען ריידן אידיש, אָבער איך וויס ניט וואָס פאַראַ מין אידיש דאָס איז. ער האָט נעכטן איבערגעלאָזן זיינע שיך לעבן מיין בעט. היינט אינדערפרי איז ער זיי געקומען אָפּנעמען און אַ זאָג געטאָן: „דאָס איז אַ חזיריי״. וואָס האָט ער געמיינט? אַז איך זאָל אים אָפּריינִיקן די שיך? אפשר האָט ער דאָס געמיינט. נאָר סיוויסיי, געזאָגט האָט ער דאָס אויף אידיש. די טאַנטע האָט אים עפּעס געענטפערט אויף ענגליש. איך האָב עטלעכע מאָל געהערט דאָס וואָרט „שי״. די טאַנטע און מאַרווין האָבן געהאַלטן אין איין „שיקען״. „שי״ און „שי״. איך וועל היינט פרעגן ביי דער מיסיס שאָר, וואָס הייסט „שי״. מיר דאַכט זיך, אַז זיי האָבן גערעדט וועגן די שיך און וועגן מיר, ווייל נאָך זייער שמועס האָט די טאַנטע צו מיר אַ שמייכל געטאָן. רבקה, גיי עס עפּעס, האָט זי אַ זאָג געטאָן. געוויס וואָלט גלייכער געווען, אַז איך זאָל ניט זיין קיין פּליכטלינג.

ע ד י

25־טער דעצעמבער.

איך האָב היינט געזען סעלמאָס „באָי״ (בחור). ער איז אַ הויכער, אַ דינער און זיינע הויזן זיינען זייער גלאַט אויסגעפּרעסט.

מען האָט אונדז באַקאַנט. ער האָט צו מיר געזאָגט עטלעכע ווערטער אויף אידיש. „ווי גלייכסטו אַמעריקע?״ אַלע פרעגן דאָ די עטלעכע ווערטער. ריידן רעדט ער אַזוי ווי אַ גוי. אַזוי ווי פאַן סטעפּאַנאָווסקי, וואָס פלעגט אַריינקומען צו מיין פאָטער וועגן זיינע וואַלד־געשעפטן און פלעגט מיט מיר פאַרפירן אַ אידישן שמועס. איך האָב זיך דערמאָנט וועגן פאַן סטעפּאַנאָווסקי און אָנגעהויבן לאַכן. אַלע זיינען געוועזן אומצופרידן פון מיין פלוצלינגדיקן געלעכטער. די טאַנטע האָט צו מיר געזאָגט: דו דאַרפסט זיך, רבקה, בעסער אויסלערנען ענגליש, און ניט לאַכן. דאָ איז ניט לובלין. דאָ רעדט מען ענגליש. — סעלמאַס „באָי״ האָט מיך פאַרטיידיקט. וואָס ער האָט געזאָגט האָב איך ניט פאַר־שטאַנען, איך האָב בלויז געזען, אַז ער גיט אַלע מאָל אַ קוק אויף מיר און שמייכלט. מיר איז דאָס געוועזן זייער אָנגענעם, און ס'האָט מיר באַנג געטאָן, ווען סעלמאַ איז מיט אים אַוועק אין די מואוויס (סינעמאַ). די טאַנטע האָט מיר היינט געזאָגט, אַז איך דאַרף גיין אין אַ „סקול״ זיך לערנען ענגליש. זי וועט מיך מאָרגן גיין פאַרשרייבן. איך האָב היינט באַגעגנט אויף די שטיגן די מיסיס שאָר. איך האָב זי געפרעגט וואָס הייסט „שי״. די מיסיס שאָר האָט מיר געזאָגט, אַז „שי״ איז אַזיווי — זי. „הי״ איז אַזיווי — ער און „אַי״ איז אַזיווי — איך. הייסט עס, אַז זיי האָבן טאַקע דעמאָלט גערעדט וועגן מיר. מאָרגן האָט געמיינט, אַז איך וועל אים אָפּפּוצן די שיך. ניין, איך וועל דאָס ניט טאָן, ער איז אַ קנאַפּער פּריץ און קען דאָס אַליין טאָן . . .

ניי־יאָר

1־טער יאַנואַר.

נעכטן אין אָוונט זיינען אַלע אַוועק זיך פאַרווילן. דער אַנקל מיט דער טאַנטע זיינען אַוועק שפּילן אין קאָרטן צו דער מיסיס שאָר. סעלמאַ און איר „באָי״ זיינען אַוועק טאַנצן. מאָרווין איז אַוועק אויף טיימס סקווער. איך האָב ניט געוואָלט גיין אין ערגעץ. ביי מיר איז היינט אַ ביטערער טאָג. פאַראַיאָרן אין דער צייט האָט די מאַמע נאָך געלעבט, זי האָט פאַר אונדז געבאַקט לאַטקעס, ניט ווייל עס איז געוועזן ניי־יאָר. פון ניי־יאָר האָט מען ביי אונדז

קיין ווען ניט געמאַכט, נאָר ווייל עס איז געקומען א גאַסט, דער פעטער זיידל איז געקומען מיט אַ שליטעלע נעמען אונדז אויף אַ שפּאַציר, „קוליק״. די מאַמע עה״ש האָט אים ניט געוואָלט אָפּלאָזן אָן כיבוד. — כיבוד? — האָט דער פעטער זיידל אויסגעשאָסן, — אויב כיבוד, איז לאַטקעס. — האָט מען געגעסן לאַטקעס. דער־נאָך זיינען מיר געפאָרן „קוליק״. אמת, דער „קוליק״ איז אונדז ניט באַקומען. ווי נאָר מיר זיינען אַרויסגעפאָרן אויף דער ברייטער גאַס האָט מען אונדזער שליטל אָנגעהויבן באַוואַרפן מיט שניי. פון אָנהויב האָבן מיר געמיינט, אַז מען וואַרפט אויף אונדז שטיינער, דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זיינען געווען שניי־קוילן; די כוליגאַנעס, די שוואַרצע ניכפּע זאָל זיי נעמען, האָבן אונדז מכבד געווען מיט זידלערייען און מיט פייפערייען. מיר האָבן זיך אומגעקערט אַהיים נאַסע מיט שמוציקע פּנימער. דער פעטער זיידל האָט אויף זיי געבעטן די ווייסטע מפּלה, און איך אַליין האָב שיעור ניט געווינטשן פּאַר פּאַרדראָס. אָבער דאָך איז געווען אַ היים, עס איז געווען די מאַמע, לובלין איז געווען און לייזער אויך. איך האָב דעמאָלט ניט געטראַכט, אַז אין אַ יאָר אַרום וועל איך זיין אין אַ פרעמד הויז, עלנט, און אויף לאַסקאַוון ברויט, און וועל ניט וויסן אפילו, וואו עס זיינען דער טאַטע, דער ברודער, און די היים. אַז איך וועל זיין אַ פּליכטלינג. אַ שרעקלעכער וואָרט איז דאָס „פּליכטלינג״. דאָס וואָרט קומט מסתמא פון פאַרפלוכט זיין. ווייל אַ פּליכטלינג איז אַ פאַרפלוכ־טער מענטש. בין איך דעריבער ניט געגאַנגען היינט אין ערגעץ. אַ קנאַפּע שמחה פאַר מיר דער נייער יאָר. גלייכער וואָלט אפשר געווען, ווען דער פּאַראַיאָריקער וואָלט זיך קיינמאָל ניט געענדיקט, אָדער איך זאָל אים אויך ענדיקן, ווי די מאַמע עה״ש.

אַ טרייסט

5־טער יאַנואַר.

די לעצטע פּאָר טעג האָבן דער פעטער און די טאַנטע גערעדט אויף ענגליש און אַ סך מאָל דערמאָנט „שי״. איך וויים שוין, אַז דאָס ריידען זיי וועגן מיר. „זי״, „זי״. זעט אויס, אַז מען האָט באַשלאָסן אָפּשיקן די שוואַרצע, וואָס קומט יעדן טאָג טאָן די

שטוב־אַרבעט. היינט האָט מיר די טאַנטע געגעבן אויסוואַשן אַ פּאָר קליידלעך, „סליפּס" (האלקעס) און זאָקן. סעלמאַס, אירע און מיינע. די טאַנטע האָט מיר צוגעהאָלפן, אָבער איך האָב זיך געפילט, אַז איך ווער אַ דינסט אין שטוב. די אַרבעט איז מיר ניט שווער געווען, נאָר דאָס האַרץ איז געווען שווער ווי אַ שטיין. די שוואַרצע, האָט די טאַנטע געזאָגט, איז קראַנק געוואָרן, ווער ווייסט ווען זי וועט קענען קומען צו דער אַרבעט. עס וואָלט מיר גרינגער געווען אין דער היים וואַשן די שטיינער פון ברוק, איי־דער וואַשן דאָ סעלמאַס קליידלעך. און אַמאָל גיב איך אַ טראַכט — ווער ווייסט וואָס עס איז איצטער מיט מיין היים . . . אפשר שטיין דאָ און וואַשן די קליידלעך אין „לאָקס" איז גאָר אַ גן עדן, ווייל מיין היים אין לובלין איז דאָך דער ביטערסטער גיהנום. מיין איינציקע טרייסט איז, וואָס איך גיי אין סקול, די לערערין קומט אַלע מאָל צו צו מיר און גיט אַ קוק מיין שרייבן. מיר דאַכט זיך, אַז די לערערין איז אַ אידישע, אָבער פרעגן זי קען איך ניט, איך קען נאָך גאָרניט ריידן קיין ענגליש. אויסער אַ פּאָר ווערטער, וואָס מיר האָבן געלערנט אין סקול. ענגליש איז אַ שווערע שפּראַך, ווער ווייס צי איך וועל זיך אַמאָל אויסלערנען ריידן ענגליש?

מענדל פּושקאַרט

8־טער יאַנואַר.

די שוואַרצע איז נאָך ניט געקומען, זי איז קראַנק און ווער ווייסט, ווען זי וועט געזונט ווערן. נעכטן איז געווען אַ „קאַרט־פּאַדי" (קאָרטן־שפּיל) ביי אונדז. דער אָנקל איז גאָר אַן אַנדער מענטש, ווען ער שפּילט אין קאָרטן. ער רעדט און וויצלט זיך. ער האָט געוואונען אַ דאלער, מעגלעך, אַז דערפאַר איז ער געווען אַזוי אויפגעלייגט. איך האָב דערלאַנגט טיי. די טאַנטע האָט גע־זאָגט: „אַז אין קאָרטן שפּילסטו ניט, טאָ גיב כאָטש אַ גלאָז טיי, עפּעס דאַרף דאָך אַ מענטש טאָן." מער פון אַלץ האָט מיך גע־קרענקט מענדל פּושקאַרט. (דאָס איז זיין אמתער נאָמען און זאָל ער טאָקע וויסן, אַז אים מיין איך עס). ער האָט אויסגעטרונקען ניט ווייניקער ווי אַ פינף, זעקס, אָדער מער גלעזער טיי. געגאָסן

אין זיך, ווי אין אַ פּאַס און יעדעס מאָל צו מיר אַ וואונק געטאָן, אַז איך זאָל אים דערלאַנגען נאָך. אַזויווי ער זאָל מיר צאָלן גע־האַלט, אַזוי האָט ער זיך מיט מיר געשאָפּן. פאַר דעם איינעם אָוונט האָב איך אים פיינט געקריגן, ווי אַ חזיר. און איך האָב אפילו אַ טראַכט געטאָן, מען קען ניט וויסן, וואָס מיט אַ מענטשן קען זיין . . . אויסער דעם האָט דער מענדל פּושקאַרט דערציילט מעשות. ער לאָזט קיינעם אַ וואָרט ניט אויסריידן. ער רעדט נאָכאַנאַנד. און ווערטלעך שיטן זיך ביי אים איינס נאָכן אַנדערן. ער האָט דערציילט, ווי זיין טאַכטער האָט געקריגן אַן אויסצייכ־נונג פאַר פידל שפּילן, ווי מען האָט זי אויף די הענט געטראָגן נאָך אַ קאָנצערט. ווי זי איז איצט דער גרעסטער מבין אויף פידל שפּילעריי און אַלע פּראָפעסאָרן האַלטן זיך מיט איר אַן עצה, ווען עס קומט צו נגינה. דערנאָך האָט ער דערציילט, ווי זיין טאָכטער, טאַקע די זעלבע פידלשפּילערקע, אַז זי פּרעגלט אָפּ „פּיטשעס" קען קיינער אַזאַ מאכל ניט צוגרייטן, און אַלע פּראָ־פעסאָרן קומען צו איר פאַרזוכן די „פּיטשעס" און עס איז פּשוט אַ כבוד פאַר עמיצן, אַז זי לאַדט אים איין. נאָר ווען ער וואָלט איצט פאַרמאָגט דאָס געלט, וואָס זיין טאָכטער האָט אים אָפּגעקאָסט לערנען, וואָלט ער איצט געווען אַ גרויסער גביר און וואָלט ניט געוואוינט דאָ אויף גרענד סטריט. דערנאָך האָט ער דערציילט, ווי זיין טאָכטער האָט מיט צוואַנציק יאָר צוריק, איידער זיי זיינען געקומען קיין אַמעריקע, גערעדט רוסיש ווי אַ וואַסער, און זי האָט געזאָגט צו אַ גענעראַל, וואָס האָט זי געוואָלט אַרעסטירן, ווייל זי איז געפאָרן אָן אַ פּאַס: „וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ, אַ גוטער מענטש איז שטענדיק אַ גוטער מענטש". זי איז אַזוי געפעלן געוואָרן דעם גענעראַל, אַז ער האָט איר דערלאַנגט די האַנט. מענדל פּושקאַרט האָט אַזש געלויכטן און טראָפּנס שווייס זיינען ביי אים אַרויס אויפן שטערן, ווען ער האָט דערציילט די מעשה. פון אָנהויב האָב איך אים געגלויבט, אָבער נאָכדעם, אַז ער האָט צו מיר געוואונקען וועגן די גלעזער טיי, האָב איך זיך דער־קונדיקט וואָס פאַראַ מענטש ער איז און האָב אים אַ וואָרט מער ניט געגלויבט. ביי דער זעקסטער גלאָז טיי האָב איך מער ניט געקענט אויסהאַלטן, און אַז מענדל פּושקאַרט האָט צו מיר אַ וואונק געטאָן, און אַ וואונק געטאָן אויף זיין גלאָז, ווייס איך ניט

פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען אַזויפיל איינשטעלעניש, און איך האָב אים אַ זאָג געטאָן, ווי זיין טאָכטער צום גענעראַל: „וואָשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ, גייט אַליין און נעמט איך טיי." אַלע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. די טאַנטע אַליין איז אַוועק אים אַנגיסן טיי. מענדל פּושקאַרט האָט מיך אָנגעקוקט און אַ זאָג געטאָן: „אַהאַ, זי איז דאָך גאָרניט קיין גרינע". איך האָב געפילט, אַז ביי מיר שטעלן זיך טרערן אין די אויגן, און כדי מען זאָל דאָס ניט זען בין איך אַרויס פון צימער און זיך געלייגט שלאָפן. געשלאָפן בין איך ניט, עס האָט מיר געזעצט אין האַרצן, ווי מיט האַמערס. די טאַנטע איז אַריינגעקומען, זי האָט מיר געבראַכט אַ שטיקל פּאַמעראַנץ, זי האָט געזען, ווי טרערן לויפן ביי מיר פון די אויגן: „דאָן בי פּוליש", האָט זי געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער. וואָס איז דאָס? דאָס איז אַ זידל־וואָרט צי אַ טרייסט־וואָרט ? ווער ווייס דאָ אין אַמעריקע.

די וועלט איז נאָך פאַר מיר ניט פאַרשלאָסן

10־טער יאַנואַר.

איך בין נאָר וואָס געקומען פון די מואוויס. איך האָב היינט אַ געפיל, אַז די וועלט איז נאָך ניט פאַרשלאָסן פאַר מיר. אין די מואוויס בין איך געגאַנגען מיט סעלמאַן און מיט איר „באָי". ער האָט געבראַכט אומזיסטע בילעטן „טיקעטס" און האָט מיך געבעטן מיטגיין מיט זיי. סעלמאַ האָט שוין אויך דערנאָך צוגע־לייגט אַ וואָרט: „קום, וואָס אַרט דיך". אָבער איך האָב געזען, אַז צופרידן איז זי ניט. אַז סעלמאַ ווערט אומצופרידן ווערט ביי איר אָנגעבלאָזן אַביסל דער גוידער. דאָס פּנים פון אונטן ווערט ברייטער און כאָטש זי האָט געשמייכלט, האָב איך דאָס אַלץ דערקאָנט אויף איר. די טאַנטע האָט געשוויגן. מען האָט מיך גענומען פאַרפּוצן אויף גיין אין די מואוויס. איך האָב אָנגעטאָן מיין „דרעס" און סעלמאַ האָט מיר אָנגעמאָסטן איינע פון אירע היטעלעך. זי האָט אַ זאָג געטאָן: דו זעסט, מאַ, אפילו אויף רבקה'ן איז דאָס שיין. נאָר איך האָב זיך געמאַכט ניט הערנדיק און ניט פאַרשטייענדיק. איך זאָל וועלן אויף אַלץ ענטפערן, דאַרף איך גלייך איינפּאַקן מיינע שמאַטעס און גיין פון הויז. וואוהין

וועל איך גיין? קיין לובלין? צו דער מאַמען אויף יענער וועלט? דער „באָי" איז געגאַנגען אינמיטן און איך און סעלמאַ פון בײדע זײַטן. סעלמאַ האָט אים געהאַלטן אונטערן אָרעם. איך בין גע־גאַנגען דערבײַ. דערנאָך האָט דער „באָי" מיך אויך גענומען אונטערן אָרעם. סעלמאַ האָט אַ גלאַנץ געטאָן מיט אַן אויג, אַ קוק געטאָן, נאָר גאָרניט געזאָגט. איך האָב ווידער דערזען, אַז דער גוידער ווערט בײַ איר אָנגעבלאָזן און דאָס פּנים ברייט. עס פּאַסט איר ניט ווען זי ווערט אַזוי, זי ווערט מיאוסער. דעם „באָי" רופט מען עדי. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך ענגליש און איך האָב געשוויגן די גאַנצע צײַט. נאָר עדי גיט צו מיר אַ שמייכל און זאָגט: „דו פאַרשטייסט ניט". אָבער ער שמייכלט זייער גוטמוטיק. סעלמאַ האָט ניט געוואָלט אַרײַן עסן אײַז־קרים, זי האָט געזאָגט, אַז זי איז מיד, און מיר זײַנען געפאָרן אַהיים. נאָר מיר איז גראַד הײַנט לײַכטער אויפן האַרצן. עס דאַכט זיך מיר, אַז די וועלט איז נאָך פאַר מיר ניט פאַרשלאָסן.

דעם זיידנס יאָרצייט

20־טער יאַנואַר.

הײַנט איז דעם זיידנס יאָרצײַט. די טאַנטע האָט אָנגעצונדן אַ ליכט אין קיך, אַ גרויסע ליכט, עס זאָל ברענען אַ גאַנצן מעת־לעת. די טאַנטע איז אַרומגעגאַנגען הײַנט און געזיפצט, און דער־מאָנט דעם טאַטן, מײַן זיידן, הייסט עס. עס קען זײַן, אַז דערפאַר האָב איך זיך געפילט צו איר נענטער און אין שטוב היימישער. זעט אויס, אַז די טאַנטע האָט עס אויך געפילט און פאַר איין גאַנג שוין אַרויסגעלאָזט אַ טרער, וואָס מײַן מוטער איז גע־שטאָרבן. „אָט אַזוי", האָט זי געזאָגט, „ווערט חרוב אַ משפּחה". זי האָט געווישט די נאָז מיט אַ בלומענע נאָז־טיכל און איז געוועזן מער ענלעך צו אַ לובלינער פרוי, ווי צו אַ ניו־יאָרקער. אָבער נאָך האַלבן טאָג האָט די טאַנטע זיך פאַרקעמט, זיך אָנגעט־פאַרבט די באַקן און די ליפּן, ווי געוויינלעך, און איז אַוועק אין גאַס. איך בין געבליבן אינדערהיים אויפראַמען די צימערן. די שוואָרצע איז טאַקע מערניט געקומען, קראַנק געוואָרן אויף איי־ביק . . . גראַד ווען די טאַנטע איז אַוועק איז אַרײַנגעקומען

די מיסיס שאָר. עס איז שווער צו זאָגן, צי מיסיס שאָר איז אַ גוטע, אָדער אַ שלעכטע, יעדנפאַלס, זי איז אַ מאָדנע. — וואָס, די שוואַרצע אייערע קומט ניט מער? — ווען איך האָב איר גע־זאָגט, אַז די שוואַרצע איז קראַנק, האָט די מיסיס שאָר אַ פאַרסקע געטאָן מיט אַ פאַרשטיקטן געלעכטער. — נו, קריגט מען שוין ניט קיין שוואַרצע אין די יונייטעד סטייטס? גאָרניט, דיין טאַנטע וויל „פלעין" (פשוט) פאַרשפאָרן געלט, אַז זי האַלט אַ פליכטלינג אין שטוב. אַזוי האָט זי זיך אַ זאָג געטאָן און האָט אַרויסגענומען פון איר טאַש אַ פאַפּיראָס און פאַררויכערט. די מיסיס שאָר רוי־כערט און לאָזט אַרויס דעם רויך פאַמעלעך דורך די נאָזלעכער. אַזויווי איך קען ניט רויכערן האָט מיר די מיסיס שאָר געגעבן אַ „טשואינגאַם" איך זאָל דאָס קייען. זי זאָגט, אַז דאָס העלפט באַרואיקן די נערוון אין אַ שלעכטער צייט . . . זאָגנדיק אַזוי, האָט זי צו מיר אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג, ווי אַן אייגענער מענטש. איך האָב באַמערקט, אַז די אַמעריקאַנער, אַז זיי זאָגן אייך אַריין אַ ביטערן אמת, אָדער טוען גלאָט אייך אָפּ אַ חזיריי, פאַרזיסן זיי דאָס דערנאָך מיט אַ שטיקל פאַמעראַנץ, אָדער אַ „טשואינגאַם". אַזוי טוט די טאַנטע, אַזוי טוט אויך די מיסיס שאָר.

סעלמאַ

24־טער יאַנואַר.

סעלמאַ איז היינט געווען זייער נערוועז, און דער פעטער האָט נאָך מער געשוויגן ווי שטענדיק. דעם פעטער האָב איך ליבער פון אַלעמען אין הויז. כאָטש די טאַנטע איז דער מאַמעס עה"ש שוועסטער איז מיר דער פעטער נענטער צום האַרצן. ער איז ניט קיין מרוק, כאָטש ער שוויגט כמעט שטענדיק, אויסער ביים שפּילן אין קאָרטן. אין דערהיים, אין לובלין האָט מען געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ למדן און האָט סמיכות אויף רבנות. נאָר ער האָט ניט געוואָלט ווערן קיין רב און איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. דאָ איז ער אַן אינשורענס אַגענט, נאָר מיר דאַכט זיך שטענדיק, אַז אים וואָלט זיך בעסער געפּאַסט זיין אַ רב. סעלמאַ האָט היינט פּלוצלינג אָנגעהויבן וויינען. ווען זי האָט זיך אָנגעטאָן אויף גיין אין גאַס, האָט זי זיך ניט געקענט קיין עצה געבן, וואָס

פאַראַ שיך זי זאָל אָנטאָן, צי זי זאָל אָנטאָן שוואַרצע שיך, אָדער בלויע, צי געלע. האָט דער פעטער אַ זאָג געטאָן: אַ שווערע מהרש״א, און ער האָט אַ שמייכל געטאָן, טאַקע ווי אַ רב. ער האָט נאָך דערצו צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אַ זאָג געטאָן: „אַז דער קאָפּ איז קיין קאָפּ ניט, וועלן די שיך ניט העלפן.״ די טאַנטע האָט זיך צעשריען: „לאָז אָפּ דאָס קינד, לאָז אָפּ, עס איז ניט יוראָפּ!״ סעלמאַ האָט געוויינט. איך פאַרשטיי ניט דעם גאַנצן פּלאָנטער, נאָר עפּעס קומט דאָ פאָר אין הויז, וואָס איך ווייס ניט און וואָס האָט אַ שייכות מיט סעלמען.

פינף און זיבעציק סענט אַ טאָג (איך וויל וויינען)

25־טער יאַנואַר.

מאַרווין האָט באַשלאָסן זיך אויסלערנען טאַנצן אַזױװי בעני גודמאַן. ער שטעלט אָן די ראַדיאָ און שטעלט זיך אַנטקעגן טאַנצן קען עס נעמען אַ שעה נאָכאַנאַנד. ער דרייט די ראַדיאָ און טאַנצט. טאַנצט און דרייט די ראַדיאָ. מיר האָט אָנגעהויבן ווי טאָן דער קאָפּ דערפון. אַז ער טאַנצט דערמאָן איך זיך באַלד, אַז מיין מאַמע איז געשטאָרבן פון אַ באָמבע, אַז איך ווייס ניט וואו מיין ברודער איז אַהינגעקומען, ער טאַנצט אוודאי ניט איצטער, און וואָס מיטן טאַטן איז געוואָרן ווייס איך אויך ניט. איך וואָלט אָוועק עק וועלט, אַבי ניט זען מאַרווינס טאַנצן, נאָר וואו זאָל איך גיין?

פאַרנאַכט איז אַריינגעקומען די מיסיס שאָר, זי האָט מיך ווידער מכבד געווען מיט טשואינגאָם, און איך האָב שוין גע־וואַרט, אַז זי זאָל מיר עפּעס אַ זאָג טאָן: „ביטאָ נאָך די שוואַרצע?, — האָט זי שפּעטער אַ ווײַלע אַ פרעג געטאָן, — איך האָב היינט געטראָפן אייער שוואַרצע אין גאַס, זי איז גאָרניט קראַנק, די טאַנטע וויל פאַרשפּאָרן פינף־און־זיבעציק סענט אַ טאָג, דאָס אַל (דאָס גאָר). רבקה, אויב דו ווילסט קום צו מיר, וועל איך דיר יאָ באַצאָלן, פאַרוואָס ניט? וועל איך האָבן אַ רואיקן קאָפּ, אַז מען טראָגט מיר ניט אַרויס פון שטוב גאָרניט.״ איך ווייס ניט, צי איך האָב זיך אָן עפּעס אַ גליטש געטאָן, צי די פיס האָבן ביי מיר אַליין אַ ציטער געטאָן, איך בין פונקט אין דער מינוט אַני־

דערגעפּאַלן, איך האָב זיך ניט צעקלאַפּט, נאָר עס האָט זיך מיר זייער געוואָלט וויינען אויפן קול. די טאַנטע איז אָנגעקומען און עפּעס אַ זאָג געטאָן אויף ענגליש. מיסיס שאָר האָט באַלד אויפן אָרט אָפּגעבאַקט אַ ליגן: — דאַכט זיך, זי בענקט אַהיים, אייער „ניעס" (פּלימעניצע). די טאַנטע האָט געזען, אַז איך בין זייער צערודערט. זי האָט אַ טאַפּ געטאָן ביי מיר דעם קאָפּ און האָט געזאָגט: „זי האָט אַ הייסן קאָפּ." איך האָב זיך צוגעלייגט און גענומען אַן אַספּי־רין. איך בין געווען דאַנקבאַר דער טאַנטע, וואָס זי האָט געזאָגט, אַז איך בין קראַנק. איך בין שוין מער היינט פון בעט ניט אויפ־געשטאַנען.

אַ וועלט איז פאַרפאַלן געוואָרן

28־טער יאַנואַר.

סעלמאַ וויינט און מאַרווין טאַנצט. איך פיל זיך זייער אי־בעריק אין שטוב. אַ נס איך גיי אַוועק פאַרנאַכט אויף צוויי שעה אין סקול. די לערערקע זעט אויס האָט באַמערקט, אַז איך בין זייער פאַרזאָרגט און האָט מיר היינט געזאָגט, זעט אויס, געוואָלט מיך טרייסטן: „יו'ר יאַנג". איך בין יונג, אָבער צרות האָב איך שוין דורכגעלעבט אַ סך. די לערערקע ווייס דאָך ניט, אַז עס איז געווען לובלין, אַ מאַמע, אַ טאַטע, ברידער, לייזער איז געווען און מען פלעגט גיין שפּאַצירן צום סאַסנאָוון וואַלד, דער פעטער זיידל פלעגט קומען מיט אַ פערד און מיט אַ וואָגן אָדער מיט אַ שליטל. און איצט איז גאָרניטאָ. עס האָט זיך אָפּגעריסן איין מענטש פון אַ וועלט און די וועלט איז אים פאַרפאַלן געוואָרן. וואָס זשע קען דאָ העלפן, וואָס איך בין יונג?

עס איז נאָך דאָ לובלין

2־טער פעברואַר.

עס איז נאָך דאָ לובלין. היינט באַקומען פון טאַטן אַ קאַרטל. ער לעבט. דער ברודער איז אויך געזונט. וועגן דער מאַמען דערמאָנט ער ניט. און כאָטש איך האָב געוואוסט וואָס מיט דער מאַמען איז געשען, האָט זיך מיר פונדעסטוועגן אָפּגעריסן אין

הארצן, אַז איך האָב פון דער מאַמען קיין געריס ניט געפונען. אָבער עס איז נאָך דאָ לובלין. די שטאָט, מיט מיין היים, און דער וואָלד איז נאָך מסתם אויך פאַראַן. וועגן לייזערן שרייבט דער טאַטע גאָרניט, איך ווייס ניט וואָס מיט לייזערן איז געוואָרן. איך באַמי זיך וועגן אים ניט טראַכטן. וואָס איז דאָ צו טראַכטן? אַז איך וועל אים שוין מסתם קיינמאָל ניט זען. איך וואָלט אָבער געוואָלט וויסן צי ער לעבט. היינט האָב איך ניט געהאַט קיין עגמת נפש וואָס מאַרווין האָט מיר ווידער אָוועקגעשטעלט די שיך זיינע לעם מיין בעט. אַ דאגה דאָס איז. דאָס קאַרטל איז מיר אָנגעקומען גלייך אינדערפרי, האָב איך מאַרווינען אָפּגעפּוצט די שיך. אַבי עס איז דאָ צוריק אַ שטאָט, צוריק אַ שטיקל היים, איז נאָך דאָ אַ וועלט אויך. וועל איך נאָך פּטור ווערן פון מאַר־ווינס שיך אויך. היינט איז פרייטיק. די טאַנטע האָט געמאַכט געפילטע פיש. זי האָט אויך געבאַקט „קוקיס״. פרייטיק איז ביי אונדז אין שטוב מער שבת, ווי אום שבת גופא. אין אָוונט שפּילט מען אין קאָרטן, אָבער פאַרנאַכט צינדט די טאַנטע אָן ליכט. היינט איז די טאַנטע פאַרזאָרגט וועגן סעלמאַן. סעלמאַ איז ניט געזונט, מען דאַרף איר מאַכן אַן אָפּערציע. סעלמאַ אַליין איז אויך פאַרזאָרגט. זעט אויס, אַ מענטש האָט מורא פאַר זיין לעבן. און מיין מאַמע? ניטאָ שוין וועגן איר גאָרניט אין קאַרטל. איך וואָלט כאָטש וועלן זען דאָס אָרט וואו זי ליגט. דעם נאָמען אי־בערלייענען אויפן שטיין.

אַזעלכע אויערן האָב איך

3־טער פעברואַר.

די מאַמע עה״ש פלעגט שטענדיק שרייען אויף מיר, וואָס אומעטום שטעל איך צו אַן אויער. אַ מענטש דאַרף ניט אַלץ וויסן, פלעגט זי זאָגן. וואָס זאָל איך טאָן, אַז אַזעלכע אויערן האָב איך, איך הער זיך ניט צו און איך הער פאָרט. באַנאַכט האָב איך געהערט, ווי דער פעטער אין צווייטן צימער האָט אַ זאָג געטאָן: ממזרים פעלן מיר נאָך אין שטוב? די טאַנטע האָט אַ שיקע געטאָן און עפּעס אַ זאָג געטאָן אויף ענגליש. און דערנאָך האָב איך ווידער געהערט זיי ריידן „שי״ און „שי״. נאָר דאָס מאָל

האָט מען שוין גערעדט ניט וועגן מיר, נאָר וועגן סעלמאַן. זעט אויס, אַז מיט סעלמאַן איז עפּעס ניט גלאַטיק. און איר אָפּעראַציע איז אויך ניט גלאַט אַזוי אַן אָפּעראַציע. דאַכט זיך, אַז סעלמא האָט די אמתע צרות . . . דערפאַר קומט ניט עדי. עדי איז שוין ניט געווען אַ טאָג צען. סעלמאַ איז מיין קוזינע. איר נאָמען איז אַזויווי מיינער, שרה־רבקה. סעלמאַ הייסט עס אויף ענגליש. איך וואָלט וועלן אויף איר רחמנות האָבן און קען ניט. זי האָט אַזעלכע שיינע קליידער. טאַשן, שיך, אַלץ וואָס זי דאַרף, נעמט זי אַרויס פון אַ טאַש. פּאַרב, פּודער, אַ פּיילכל פאַר די נעגל, אַ קעמעלע, אַ נאָז־טיכל, אַ שפּילקע צו די האָר, אַ שפּילקע צום קלייד, אַ באַנד, אַן אַדרעס. מיר דאַכט זיך, וואָס עס זאָל זיך מיט סעלמאַן ניט טרעפן וועט זי באַלד אַרויסנעמען פון טאַש אַ זאַך, וואָס וועט איר תיכף העלפן. אַ רפואה, אַן עצה, אַלץ איז דאָ ביי סעלמאַן אין די שיינע טאַשן, טאָ ווי קען איך אויף איר רחמנות האָבן? אָבער פונדעסטוועגן וויינט זי. היינט האָט זי גערעדט צו עדין אויפן טעלעפאָן. עדי, עדי, האָט זי אַ סך מאָל אָנגערופן אים ביים נאָמען. וואָס זי האָט גערעדט ווייס איך ניט. ענגליש. אָבער נאָכן ריידן איז זי אַוועק צו זיך אין צימער, און ווידער מיינע צרה'דיקע אויערן, איך האָב געהערט, ווי זי האָט געשנייצט די נאָז, געוויינט.

ביי דער טאַנטע אויף גרענד סטריט

5־טער פעברואַר.

עס איז אַ נאַרישקייט, וואָס איך טראַכט וועגן לייזערן. איך טראַכט, ווי מיר פלעגן גיין צוזאַמען אין סאָסנאָוון וואַלד. נאָך דעם טאַטנס קאַרטל, ווייס איך, אַז עפּעס איז נאָך דאָרט פאַרבליבן. מסתם איז דער סאָסנאָווער וואַלד אויך, אפשר, פאַראַן. און לייזער? וואו איז ער? אַוועק מיט די פּאַליאַקן קיין רומעניע? געבליבן ביי די דייטשן? אָדער אפשר איז ער אין לובלין? ער האָט געוואָלט פאָרן קיין ארץ ישראל, אפשר איז ער אַוועקגעפאָרן אַהין? אָבער צי לעבט ער? איך וועל פרעגן דעם טאַטן. אפשר וועט ער מיר ענטפערן. איך האָב זיך היינט אין שול אויסגעלערנט נאָך עטלעכע ווערטער. איך פאַרשטיי שוין אַביסל

ווען מען רעדט פאַמעלעך, אָבער, אַז מאַרווין רעדט פאַרשטיי איך גאָרניט.

די מיסיס שאָר איז היינט ווידער געקומען, ווען די טאַנטע איז ניט געווען אינדערהיים. זי וויל מיך נעמען אין דער לובּלינער לאַנדסמאַנשאַפט. „דו דאַרפסט זען מענטשן", האָט זי צו מיר געזאָגט, „וואָס ווערסטו דאָ זיצן אויף גרענד סטריט?" די מיסיס שאָר איז אַ מאָדנער מענטש. זי האָט בלויע אויגן, איין אויג איז ביי איר כמעט שטענדיק אַביסל פאַרזשמורעט, און עס דאַכט זיך, אַז איין אויג איז גרעסער און איין אויג קלענער. זי זעט ניט אויס צו זיין קיין גוטע, אָבער, אַז זי קומט אַריין, פיל איך זיך היימישער. היינט האָט זי צו מיר אַ זאָג געטאָן: „דו ביסט שוין אַלט צוואַנציק יאָר? אין אַמעריקע דאַרף מען שוין חתונה האָבן. דאָ צו צוואַנציק יאָר איז מען שוין כמעט אַן אַלטע מויד", און זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. עס האָט מיך אַ קלעם געטאָן ביים האַרצן. לייזער, האָב איך זיך דערמאָנט, האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז מיר וועלן חתונה האָבן, ווען ער וועט אַלט זיין פינף און צוואַנציק און איך צוויי און צוואַנציק יאָר. און דאָ בין איך שוין אַן אַלטע מויד. לייזער ווייס איך ניט צי ער לעבט. לובּלין איז עק וועלט. און איך בין אין אַמעריקע ביי דער טאַנטע אויף גרענד סטריט, פוץ די שיך פאַר מאַרווינען. מען האָט צוליב מיר אָוועקגעשיקט די שוואַרצע. אַ, איך בין אַלט אַ סך מער ווי צוואַנציק יאָר, אפשר דרייסיק, אפשר פערציק. איך בין שוין זייער, זייער אַלט, כאָטש איך בין אין די זעלביקע יאָרן ווי סעלמאַ. אָבער אויף סעלמאַן איז אויך אַ רחמנות.

איך פאָר זען לאַנדסלייט

11־טער פעברואַר.

נעכטן איז סעלמאַ צוריקגעקומען פון שפּיטאָל. זי איז דאָרט געווען צוויי טעג. אין אָוונט איז געקומען עדי. צו מיר האָט ער אַ זאָג געטאָן „האַלאָ גרינע" און האָט מיר אַ שאָר געטאָן מיט דער האַנט איבער די האָר. איך האָב געזען, אַז סעלמאַן האָט עס פאַרדראָסן. זי האָט געשמייכלט, נאָר ביי איר איז ווידער גרויס געוואָרן דער גוידער, און דאָס פּנים איז געוואָרן ברייט. די

טאַנטע האָט זיך דערמאָנט, אַז זי דאַרף גיין אויף אַ זיצונג פון דער „לײדיס סאָסײעטי״ (פרויען־געזעלשאַפט) פון דער לאַנדסמאַנשאַפט. די טאַנטע האָט מיך גערופן מיטגיין. „קום וועסטו זען לאַנדסלייט״. איך האָב אָנגעטאָן מיין „דרעס״, די טאַנטע האָט מיר צוגעפאַסט אַ היטעלע און סעלמאַ האָט מיר געגעבן אַ טאַש. מיר זיינען געפאָרן מיט דער סאָבוויי. איך קען זיך צו דער סאָבוויי ניט צוגעוואוינען. עס ווערט מיר ניט גוט אין דער סאָבוויי. נאָר איך האָב דער טאַנטע ניט געזאָגט וועגן דעם. שוין אַזוי אויך בין איך צופיל אַ „גרינע״. איך בין געזעסן און עס האָט מיר געקלונגען אין די אויערן. קוים זיך אַרויסגעכאַפּט אויף דער פרישער לופט.

— דיין מאַמע, דיר צו לענגערע יאָר, איז אויך געווען אַ שוואַכע, — האָט די טאַנטע אַ זאָג געטאָן צו מיר, — איך זע דו סאָפּעסט אויך פון דער סאָבוועי. — „ניין, איך פיל זיך גוט,״ האָב איך באַלד דער טאַנטע אָפּגעטאָקט אַ תשובה. איך קען אליין ניט פאַרשטיין צוליב וואָס, נאָר אַזוי האָט זיך מיר געוואָלט איר ענטפערן. מיר זיינען געקומען צום מיטינג. דאָרט זיינען געווען אַ פּופּציק פרויען, כמעט אַלע מיט גרויע קעפּ, בלויז אַ פּאָר אינגערע, און עטלעכע מענער. די פרויען זיינען געווען אויסגעפּוצט מיט שפּילקעס אין די קליידער, אַ סך מיט גאָלדענע זייגערלעך אויף די הענט. אין דער היים האָב איך קיינמאָל ניט געזען עלטערע פרויען זיך אַזוי אָנטאָן. פאַרוואָס זיי רופן דאָס „מיטינג״ פאַרשטיי איך ניט. דער גאַנצער אָוונט איז כמעט אַוועק אויף טרינקען קאַווע און עסן קעיק. די פאַרזיצערן האָט גערעדט ענגליש. איך האָב ניט פאַרשטאַנען וועגן וואָס זי רעדט, נאָר אינמיטן דערינען פלעגט זי אויסשיסן אַ פּאָר אידישע ווערטער. „ווער עס וועט ניט פאָלגן וועט באַצאָלן טייערער.״ אָדער — „לאָזט איבער די סודות אויף שפּעטער״, „דעם בעסטן קעיק וועלן מיר ׳פּרייזן׳ (באַלוינען) מיט אַ קוש״. עס איז געוואָרן אַ פּאַטשעריי. און מען האָט אָנגעהויבן פרעגן: — פון וועמען? פון וועמען אַ קוש? — די פאַרזיצערן האָט זיי נאָך עפּעס דערקלערט אויף ענגליש און ווייטער אויסגעשאָסן אויף אידיש: „ווער עס וועט ברענגען אַ פלאַש ׳פּאַלעסטיין׳ ווייַן וועט מען אים אויך ניט אַרויסטרייבן״. איך האָב געמיינט, אַז מען גרייט צו די

פורימדיקע סעודה, נאָר מען האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס דאַרף זיין אַ זאַמלונג פאַר די מלחמה קרבנות. עס איז געווען גאַנץ פריילעך. מען האָט זיך געחכמעט און געגעסן קעיק (טאָרט). אין אַמעריקע עסט מען זייער אַ סך „קעיק". אַבי וואָס איז „קעיק". אַ קאָרט פּאַדהי — איז קעיק, אַ געבורטסטאָג — איז „קעיק", אַ זאַמלונג פאַר די מלחמה געליטענע — איז „קעיק". מען האָט מיר געזאָגט, אַז ווען עמיצער שטאַרבט, גיט מען נאָך דער לויה אויך יעדערן צו שטיקלעך קעיק, נאָר אין דעם גלויב איך ניט, סיידן איך זאָל דאָס זען מיט מיינע אייגענע אויגן. און פון יעדער סאָרט „קעיק" האָבן די פרויען פאַרזוכט. פריער אַ שטיקעלע האָניק־קעיק, דערנאָך אַ שטיקעלע קעז־קוכן, דערנאָך ווידער אַ שטיקל קאַפּע קעיק און ווידער „קוקיס" — מען קייט. מען גיט אַ זיפץ: „אויף יענער זייט איז דאָס אַן אומגליק", און מען פאַרקייט עס מיט אַ שטיקל קאַפּע קעיק. דערנאָך האָט מען געשפּילט אין קאָרטן. דאָס געוואונענע געלט גייט אויף אַפּשיקן אין דער אַל־טער היים, קיין לובלין. צווישן די פרויען האָב איך געטראָפן חנקע די בעקערקע. ווען איך האָב געהערט דערציילן אַ סך מעשיות אין דער היים. זי איז זייער אַ שיינע געווען אַמאָל. זי האָט חתונה געהאַט זייער יונג. דערנאָך האָט זי זיך גע'גט מיטן מאַן און זי איז אַריין אין דער חברה. זי איז געוואָרן ביי זיי אַ רעדנערקע און אַ גאַנצע אויפטוערקע. מען האָט זי געכאַפּט אויף אַ פאַרזאַמלונג און אַוועקגעשיקט אין טורמע. זי איז אַנטלאָפן און איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. צו דעם מיטינג האָט זי גע־בראַכט די בעסטע „קוקיס". אַז איך האָב איר געזאָגט, אַז אינ־דערהיים האָט מען דערציילט וועגן איר אַ סך מעשיות, האָט זי הנאה געהאַט און געזאָגט, אַז זי איז איצט אויך די בעסטע „פּאָר־קערקע" אין קלוב. דאָס הייסט זי שפּילט אַמבעסטן אַ קאָרטן־שפּיל אַזאַ, „פּאוקער". ווען מיר זיינען צוריקגעקומען אַהיים איז נאָך עדי געווען. ווען איך בין געשטאַנען אַן אַ זייט און אַריינגעלייגט סעלמאַס היטעלע צוריק אין שאַכטל (סעלמאַ האַלט אַלע אירע היטעלעך אין שאַכטעלעך און ביי איר אין צימער איז פאַראַן אַ ספּעציעלע פּאָליצקע פאַר דעם) איז צו מיר צוגעגאַנגען עדי, ער האָט צו מיר הויך געזאָגט: — נו, דו האָסט געזען דיינע לאַנדס־לייט? — און שטילערהייד האָט ער צוגעגעבן, — דו ביסט אַ

שיינע. — איך האָב זיך צעטומלט און מורא געהאַט די טאַנטע זאָל ניט דערהערן, אָדער סעלמאַ. געהערט האָבן זיי ניט, אָבער די טאַנטע איז פונדעסטוועגן צוגעגאַנגען צו אונדז און געזאָגט:

— מיר האָבן זיך דאָרט זייער גוט „אַנדזשאָיעט". — פאַרן אַוועקגאַנג האָט מיר עדי אַ דריק געטאָן אַ פינגער. מיר האָט זיך דערנאָך געדאַכט, אַז דעם פינגער פיל איך אַרויס פון דער גאַנצער האַנט, כאָטש ער האָט מיר ניט ווי געטאָן, נאָר געברענט ביז איך בין אַנשלאָפן געוואָרן.

אַן אויסגעבאָרגטע וועלט

14־טער פעברואַר.

זייער ביטער צו זיין אויף לאַסקאַוון ברויט. סעלמאַ קוקט אויף מיר ניט אינגאַנצן. און די טאַנטע איז געוואָרן שטיוונע, שטייף. זי רעדט יע צו מיר, נאָר עפּעס אַזוי ווי מיט אַ טענה. איך זאָג זיך ניט אָפּ פון קיין שום אַרבעט. רייניק מאַרווינען די שיך, גרייט צו דער טאַנטע די גרינס, נאָך איידער זי הייסט מיר, נאָר פונדעסטוועגן דאַכט זיך מיר, אַז דאָס גאַנצע הויז איז פול מיט טענות צו מיר. באַנאַכט האָט זיך מיר אפילו געחלומט, אַז איך שטיי אינמיטן שטוב און אַלע שטייען אַרום מיר און שרייען: „אַרויס פון שטוב, אַרויס!" ביי סעלמאַן איז געווען אַזאַ גרויסער גוידער, ווי ביי אַ קי אַן אייטער. אַ חלום איז אַ נאַר. אויפגעכאַפּט זיך האָב איך געהאַט בלויז אַ קלעמעניש אין האַרצן, און בין געווען צופרידן, וואָס דאָס אַלץ איז בלויז אַ חלום. ווייל וואו וועל איך גיין?

זעט אויס, אַז עפּעס האָט די טאַנטע געזאָגט דער מיסעס שאָר, ווייל מיסיס שאָר האָט מיך געטראָפן אויף די שטיגן, מיר דאַכט זיך, זי האָט מיך אַפילו אומישנע אָפּגעוואַרט, זי האָט מיך אַרומגענומען ביי דער טאַליע און אַריינגערופן צו זיך אין הויז. די מיסיס שאָר האָט מיך אַוועקגעזעצט אויפן קאַוטש און איך האָב געפילט, אַז זי וויל מיט מיר ריידן וועגן זייער אַ וויכטיקער זאַך. אַנקעגן מיר אויף דער וואַנט האָב איך דערזען אַ בילד פון אַ טערקישער פּרינצעסין מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ, און אירע שטוב־מיידלעך זיצן לעבן אירע פיס און דערלאַנגען איר פרוכט.

די מיסיס שאַר האָט מיר דערלאַנגט אַ טשואינגאַם און אַליין האָט זי פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

— הער, רבקהלע, — האָט זי אַ זאָג געטאָן, — אַמעריקע איז אַזאַ לאַנד, וואָס דער בעסטער גוטער פריינט איז דער דאָלאַר, און דער נעענטסטער קרוב איז מען צו זיך אַליין. צו וואָס דאַרפסטו זיצן ביי דיין טאַנטע? סעלמאַ איז אַ מיידל, דו ביסט אַ מיידל, צוויי קעץ אין איין זאַק טויגן ניט. גלייכער זוך זיך פאַר דיר אַרבעט. וועסט האָבן אַן אייגענעם דאלער און די וועלט וועט זיך פאַר דיר עפענען. —

איך בין געזעסן און האָב געהערט, אין האַרצן האָט מיר געז־זעצט, ווי מיט האַמערס. וואו זאָל איך גיין זוכן אַרבעט? וואָס פאַר אַן אַרבעט? און אַז די מיסיס שאַר האָט מיך אַריינגערופן צו זיך אין שטוב אַריין, כדי ריידן מיט מיר, מסתם ווייסט זי, וואָס זי טוט. איך האָב פלוצלינג דערפילט די גאַנצע וועלט, ווי אַן אויסגעבאָרגטע. מיסיס שאָרס קאַנאַפּע איז מיר אויסגעבאָרגט צו זיצן דאָרט אַ ווײַלע. מיין בעט איז מיר אויסגעבאָרגט אויף שלאָפן עטלעכע נעכט, אפילו די שטיגן זיינען מיר אויסגעבאָרגט אויף דורכגיין עטלעכע מאָל און ניט קומען מער אויף צוריק. אַן אויסגעבאָרגטע וועלט איז פּונקט אַזוי ביטער, ווי אַן אויסגע־באָרגט קלייד, אָדער שיך, דריי זיך דורך אין זיי און גיב צוריק. און וואו זאָל איך גיין זוכן אַ שטענדיקע וועלט? וואו זאָל איך גיין? איך ווייס ניט, ווי לאַנג איך בין געזעסן דעם קאָפּ אַראָפּ־געלאָזט. איך האָב אפילו ניט באַמערקט, ווי די מיסיס שאַר איז אַוועק אין קיך און האָט געבראַכט פאַר אונדז צוויי טעפּעלעך קאַווע. דערנאָך האָט זי געבראַכט „קוקיס”, זי האָט מיך אַ נעם געטאָן פאַר דער נאָז און אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ אַרויף:

— זאָרג ניט, די וועלט איז גרויס.

מיסיס רובין

16־טער פעברואַר.

איך האָב באַשלאָסן גיין פריער פון אַלץ צו מיין מאַמעס חברטע, צו דער מיסיס רובין. אויפן מיטינג, ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז די מאַמע מיינע לעבט שוין ניט, האָט זי אַ וויין געע־

טאָן, פאַרט אַן אייגענער מענטש. די טאַנטע האָט געזען, ווי איך טו אָן די „דרעס״ און זי האָט מיך אַ פרעג געטאָן: — וואו קלייבסטו זיך עפּעס מיצקע דערינען? — פון איר פרעגן האָב איך דערפילט, אַז זי ווייסט וואו איך גיי, נאָר זי מאַכט זיך ניט וויסנדיק. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך וויל זיך גיין פאַרשרייבן אין דער ביבליאָטעק, נעמען ביכער.

— נעם ביכער, אַז דו ווילסט ביכער, — האָט די טאַנטע געזאָגט נאָכגיביק, נאָר קום ניט צו שפּעט.

דער מאַמעס חברטע, די מיסיס רובין, האָט אין שטוב אויס־געזען אינגאַנצן אַנדערש, ווי אויפן מיטינג. ערשטנס איז ביי איר דער גאַנצער קאָפּ אויסגעשטעקט מיט מאַשינקעס אויף מאַכן גע־קרייזלטע האָר. דער קאָפּ האָט אויסגעזען, ווי ער זאָל האָבן אָן אַ שיעור הערנער. פון פאָרנט, פון הינטן און פון אַלע זייטן. דאָס פּנים האָט אויסגעזען אַ סך עלטער און געגאַנגען איז זי אין אַ פאַרטוך, וואָס האָט זי געמאַכט פון אויבן ביז אַראָפּ גלייך, ווי אַ זעקל שטרוי. אָן אַ טאַליע, אָן אַ ביוסט, אָן זייטן, אָן אַלעמען. אַ לאַנגער זאַק שטרוי, מיט הערנער פון אויבן און מיט אַ פּאָר שטעקשיך פון אונטן. זי האָט מיך דערזען און זיך פאַרוואונדערט, וואָס איך בין געקומען אַליין אָן דער טאַנטע אינמיטן פרייטיק. איך האָב געוואָרט זי זאָל ווידער אָנהויבן ריידן וועגן איר חבר־שאַפט מיט מיין מאַמען עה״ש, איך וואָלט געהאַט מער מוט דער־ציילן איר, אַז איך וויל פון איר אַ טובה, אַז זי זאָל מיר העלפן געפינען אַ שטעלע, נאָר פונקט ווי אויף צו להכעיס, האָט זי וועגן דעם ניט גערעדט. זי האָט נאָר גערעדט וועגן מיין טאַנטע וואָס פאַראַ גוטע פרוי זי איז, און מיין גליק, וואָס איך בין אַריינגע־פאַלן אין אַזאַ הויז. איך האָב אַלץ ניט געפונען די געלעגנהייט אָנהויבן מיט איר צו ריידן אָפּנהאַרציק. עס איז זייער שווער צו ריידן ווען מען וויל עפּעס בעטן. איך האָב געגעסן אַן עפּל, גע־טרונקען אַ גלאָז טיי, איך האָב איינגעזען, אַז איך מוז שוין גיין אַהיים. איך האָב זיך אַנגענומען מיט אַלע כחות און געזאָגט:

— מיסיס רובין, איך בין צו אייך געקומען, ווייל איר זיינט געווען מיין מאַמעס עה״ש אַ חברטע, איך האַלט אייך פאַר אַן אייגענעם מענטשן . . .

די מיסיס רובין איז געוואָרן ערנסט, כמעט דערשראָקן. איך

האָב ווייטער ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגן און צו מיינע גרויסע צרות האָבן זיך מיר טרערן אָנגעקליבן אין האַלדז, כאָטש ווער דערשטיקט. כדי ניט אָנהויבן וויינען האָב איך דערווייל גענומען טרינקען דאָס ביסל טיי, וואָס מיר איז געבליבן אין גלאָז. די מיסיס שאָר האָט זיך געמאַכט ניט זעענדיק, וואָס די אויגן זיינען ביי מיר פול געוואָרן, זי האָט געשוויגן און איך האָב שטילערהייט געזופּט. דערנאָך האָב איך איר געזאָגט, אַז איך וויל אַוועקגיין פון דער טאַנטע און איך ווייס ניט, וואָס איך זאָל זיך נעמען טאָן.

— אַוועקגיין איז גרינג, אָבער צוריקקומען, חלילה, איז שווער, — האָט מיר די מיסיס רובין געזאָגט, — גיי ניט אַוועק, אויב עס פאַרדריסט דיך עפּעס — מאַך זיך ניט ווויסנדיק. אַז מיין הערי וועט קומען, וועל איך מיט אים איבערשמועסן, אפשר וועט ער זען פאַר דיר אַרבעט ביי די „גלאָוס" (הענטשקעס). עס איז געוועזן זייער פיין פון דער מיסיס רובין, זי האָט מיך געבעטן בלייבן אויף אָווענטברויט, אָבער איך האָב זיך געפילט אַזוי מיד פון דעם שמועס, אַז איך האָב געוואָלט וואָס פריער אַוועקגיין, זיך אַביסל אָפּרוען.

אינשורנס

19־טער פעברואַר.

דער אָנקל איז היינט געקומען אַהיים מיט אַ קאָפּווייטיק. אין שטוב איז געוועזן אַ חורבן. די מיסיס ראַבקין, וואָס האָט געזאָלט לאָזן שרייבן אַן אינשורענס פאַר די קינדער האָט פּלוצלינג געקראָגן קאַלטע פיס, זי וויל זיי, הייסט עס, דערווייל ניט אינשורן. און אַלץ צוליב דעם, וואָס די טאַנטע האָט ניט געשטימט פאַר איר פאַר אַ טרעזשורער אין דער „ליידיס סאָסייעטי". די טאַנטע האָט זיך געשוואָרן, אַז זי האָט פאַר קיינעם ניט געשטימט, דער קאָפּ האָט זי גראַד ווי געטאָן, און זי איז געזעסן אויפן מיטינג, ווי אַ טויטע, און האָט ניט געהערט אפילו וואָס מען פּלאַפּלט דאָרטן.

— דאַרף מען דעם קאָפּ אַוועקלייגן אַן אַ זייט! גאָר אַן עסק מיט אַ קאָפּ, — האָט גע'טענה'ט דער אָנקל, — גאָר אַן עסק מיט אַ קאָפּ, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזאַ זאַך.

די טאַנטע האָט געהאַט טענות, פאַר וואָס מען האָט איר ניט דערמאָנט, אַז דער אָנקל קלייבט זיך שרייבן אַן אינשורענס ביי די ראַבקינס, האָט דער אָנקל צוריק גע׳טענה׳ט, אַז זי מעג אויך געדענקען די ביזנעס אָן אַ דערמאָנונג. דער סוף איז געווען, אַז די טאַנטע איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ נאַסן האַנטאַך אויפן קאָפּ און גשלונגען אַספּירין, ביז עס איז אַריינגעקומען די מיסיס שאַר און מענדל פּושקאַרט און מען האָט געמאַכט אַ פּינאָקל. איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז דאָס פּינאָקל ראַטעוועט דעם אָנקל פון אַלע צרות, און איך בין צופרידן, אַז דער אָנקל זעצט זיך אַוועק שפּילן, כאָטש, אַז ער פאַרטראַכט זיך אַ רגע, דאַכט זיך, אַז ער פּסקנ׳ט אַ שאלה. א זייגער אַכט האָט מיר די טאַנטע געגעבן אַ קוואָדער און געשיקט אין די מואַוויס. — גיי זיך אַביסל דורך אין די מואַוויס, — האָט די טאַנטע געזאָגט, — וועסט זיך גיכער אויסלערנען ריידן ענגליש. — איך ווייס שוין, אַז ווען די טאַנטע שיקט מיך אַוועק אין אָוונט, הייסט עס, אַז עדי קומט. די טאַנטע וויל ניט, אַז איך זאָל זיך טרעפן מיט עדין. זעט אויס, אַז סעלמאַן פּאַרדריסט זייער אַז עדי רעדט אויס צו מיר אַ וואָרט. און איך בין אויך צופרידן, וואָס איך טרעף זיך ניט מיט אים. אין שטוב ווערט אַזאַ שווערקייט, אַזאַ אַנגעצויגנקייט, און מיר דאַכט זיך, אַז אַלע היטן מיך, אַז איך זאָל עפּעס ניט „צונעמען". אין די מואַוויס האָב איך געזען אַ פּרוי, וואָס האָט פאַרפירט פּאַראַמאָל פיר מענער. אַ גוטע אַקטריסע. איך האָב זיך פון איר עפּעס אויס־געלערנט. איך האָב זיך אויסגעלערנט, אַז מיט מענער דאַרף מען ניט זיין אָפנהאַרציק. מען דאַרף זיי נאָכאַנאַנד פירן אין באָד אַריין, צוזאָגן און ניט האַלטן וואָרט. און דאָס געפעלט זיי. איך מיין, ווען אַלע פרויען זאָלן זיך אַזוי אויפפירן, ווי די אַקטרי־סע וואָלטן זיי פאַרפירט אַלע מענער. איך וועל דאָס קיינמאָל ניט קענען, ווייל מען דאַרף זאָגן איין ליגן נאָכן אַנדערן, און אויף מיר דערקענט מען באַלד, אַז איך זאָג אַ ליגן. אָבער פונ־דעסטוועגן וואָלט איך געוואָלט זיין אַזוי.

ווען איך בין געווען אין די מואַוויס, איז דאָ געקומען די מיסיס רובין. אַ שאָד, וואָס איך האָב זי ניט געטראָפן. זי האָט אָנגעזאָגט, איך זאָל צו זיי קומען מאָרגן. עס האָט מיר אַזש אַ זעץ געטאָן אין האַרצן, ווען די טאַנטע האָט עס מיר איבערגעגעבן,

אפשר וועל איך קריגן אַרבעט, אפשר עפנט זיך שוין פאַר מיר די וועלט.

מיסטער רובין

20־טער פעברואַר.

איך זע זיך אַרום, אַז אינדערהיים איז דער מענטש אַן אַנדערער, ווי ווען מען זעט אים אין דער לאַנדסמאַנשאַפט. אין דער לאַנדסמאַנשאַפט איז מיסטער רובין געווען, ווי אַלע לאַנדסלייט, ביי זיך אינדערהיים זעט ער אויס ווי אַ פּריץ. ער איז געזעסן מיט אַ ציגאַר אין מויל און האָט מיר געגעבן עצות. אגב זיין ציגאַר רויכערט ער אויף אַ מאָדנעם אופן. ער רויכערט אים כמעט גאָרניט, נאָר ווען ניט ווען, אַמאָל אין אַ יובל, גיט ער אים אַ ציִ, אַ פּיפּקע מיט די ליפּן און פון ציגאַר לויפן אַרויס אַ דריי, פיר רינגעלעך רויך. און דערנאָך ווידער שטיל. מיסטער רובין פאַרציט אים ניט און דער ציגאַר רויכערט ניט. אַז איך זאָל קענען באַקומען אַרבעט ביי אים אין דער „פעקטאָרי" (פאַבריק) פון די „גלאָווס" — דאָס איז אוממעגלעך, ווייל ער נעמט ניט קיין לערנמיידלעך, און קיין אַנדער אַרבעט, זאָגט ער, וועל איך ניט קענען טאָן, ווייל איך קען ניט קיין ענגליש. מיסטער רובין האָט נאָך דעם אַ פּיפּקע געטאָן זיין ציגאַר, פון ציגאַר זיינען אַרויסגעלאָפן די פיר רינגעלעך רויך און מיסטער רובין איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן פאַרמיינעטוועגן: די גלייכסטע זאַך פאַר אַ מיידל אין דעם עלטער, אַז זי קומט קיין אַמעריקע — איז חתונה האָבן, ווייל עס איז דאָ שווערער פאַר אַ מיידל צו באַקומען אַרבעט איידער ווערן אַ כלה. דאָ האָט זיך שוין מיסיס רובין אַריינגעמישט. — „נעווער מיינד", האָט זי אַ זאָג געטאָן, „מען דאַרף פאַר איר קריגן אַ „דזשאָב". חתונה האָבן גאָר גיט ער איר אַן עצה" . . .
איך האָב דערזען, אַז מיסיס רובין איז פאַרט דער מאַמעס עה"ש אַ חברטע געווען און וויל מיר ביישטיין אין אַ שלעכטער צייט. דעמאָלט האָט מיסטער רובין ווידער אַ פּיפּקע געטאָן דעם ציגאַר און איך האָב שוין אַביסל אָפּגעצויגן דעם אָטעם, מיט די דריי רינגעלעך רויך איז טאַקע געקומען אַ שפּאָגל נייע עצה: אַזוי ווי דער וויִס פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט „הילף פאַר פליכטלינגע" איז אַליין אַ לובלינער, איז די גלייכסטע זאַך גיין צו אים

און ער וועט שוין עפּעס זען טאָן פאַר מיר, אָבער כדי ער זאָל וועלן טאָן — דאַרף מען אים ברענגען פון עמיצן אַ בריוו. מיסטער רובין האָט לאַנג געטראַכט, פון וועמען זאָל מען אים ברענגען אַ בריוו, דער ציגאַר האָט ביי אים אַלע ווײַלע אַ פּאַך געטאָן מיט עטלעכע רינגעלעך רויך און סוף כל סוף האָט מיסטער רובין אַ זאָג געטאָן: — אַזוי ווי דער רב פינקל איז אויך אַ לובלינער, דאַרף מען ביי אים נעמען אַ בריוו, און אַז דער ווייס פּרעזידענט וועט באַקומען אַ בריוו פון רב פינקל, וועט ער קיין ברירה ניט האָבן און וועט מוזן עפּעס טאָן פאַר אַ פּליכטלינג. — ווי זשע קריגט מען דעם בריוו פון רב פינקל? פּשוט מען גייט און מען נעמט. אויף דעם איז ער דאָך אַ רב, צו אים דאַרף מען קיין פּראָטעקציע ניט האָבן. מיסטער רובין איז געווען זיכער, אַז דער פּלאַן איז דער בעסטער, ער האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס פון רב פינקל און דעם אַדרעס פון דעם ווייס פּרעזידענט. (אַדרעסן האָט מיסטער רובין געהאַט אפשר אַ מיליאָן). ער האָט די אַדרעסן פאַרשריבן אויף באַזונדערע פּאַפּירלעך. די מיסיס רובין האָט דערלאַנגט די זעלבע קוקיס, זי האָט דערלאַנגט אַ „קאָפּ קאָפע" און פרוכטן אויפן זעלבן גרינעם טעלער. ווען איך בין אַוועק פון די רובינס האָב איך גע־פיהלט, אַז קריגן אַרבעט איז שווערער ווי ווערן אַ כלה. די גאַס איז געווען טומלדיק, אַ מאַשין אַהין, אַ מאַשין אַהער, מענטשן יאָגן זיך, איילן זיך, אַ געדראַנג. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך דאַרף דעם גאַנצן ריזיקן עולם צעשטופּן מיט מיינע הענט, כדי ערגעץ וואו זיך אַליין אַריינשטעלן, און אַליין אויך זיך נעמען ערגעץ יאָגן. איך האָב דערפילט אַ שוואַכקייט אין מיינע הענט, און טאָמער וועל איך ניט קענען טאָן דאָס? ווען איך בין געקומען אַהיים און דערציילט דער טאַנטע וועגן דעם מיסטער רובינס עצות, האָט די טאַנטע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — אייס־איך, קאַלטע פּאַטראַוועס, נאָר פּרוּוון דאַרף מען . . .

רבי פינקל

21־טער פעברואַר.

האָב איך שוין דעם בריוו פון רבי פינקל אויך געקריגן! דער רבי פינקל זיצט אויף אַ הויכלעכן שטול, מיר דאַכט זיך, אַז

זיין שטול איז אַביסל העכער, ווי אַ געוויינלעכער, און עס דאַכט זיך אַז ער גייט פון אים קיינמאָל ניט אַראָפּ. ער זיצט און גיט עצות. אַנטקעגן אים שטייט אַ קליין ארון קודשל פאַרהאָנגען מיט אַ ליליא סאַמעטענעם פּרוכת, אַרומגענייט מיט זילבערנע פרענדז־לעך. די פרויען פרעגן אָפּ די עצה און לייגן אַוועק ביים רבין אויפן טיש אַ דאָלאַר אדער צוויי. דער רבי פינקל נעמט ניט צו דאָס געלט, נאָר שאַרט עס אַוועק אָן אַ זייט, אונטער אַ ספר.

— וואָס פאַראַ עצה דאַרפט איר? — האָט דער רבי פינקל אַ פרעג געטאָן מיך און דער מיסיס שאַר, ווען עס איז געקומען אונ־דזער ריי און מיר זיינען צוגעגאַנגען צו זיין טישל. — איך האָב זיך אַביסל צעטומלט און ניט געוואוסט פון וואָס אָנצוהויבן, נאָר די מיסיס שאַר האָט זיך געכאַפּט און געענטפערט: „זי איז אַ לובלינער,‟ האָט זי אַ ווייז געטאָן אויף מיר, „זי וויל אַ בריוו‟ . . .

— זאָל זי אַליין זאָגן, ווער ביסטו פון לובלין? — האָט מיך דער רבי אַ פרעג געטאָן נאָך איידער איך האָב צייט געהאַט עפּעס אַליין זאָגן.

— איך בין שמעון זילבערג'ס אַ טאָכטער.

דער רבי האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן פון אָרט. ער האָט בלויז די אויגן אַ הויב געטאָן: — דו ביסט רב מאָטיעלע זילבערג'ס אַן איינִיקל? צו וועמען ווילסטו אַ בריוו?

אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וויל אַ בריוו צום וויס פּרע־זידענט פון דער געזעלשאַפט „הילף פאַר פליכטלינגע‟, האָט דער רבי איבערגעחזרט: — וויס פרעזידענט, וויס פרעזידענט . . . דו דאַרפסט אַ בריוו צו וועלוול כאַמוט, דעם מצה רעדלער, וויס־פּרעזידענט . . . — זעט אויס, אַז מיין זיידע, רב מאָטיעלע זילבערג איז געווען אַ סך חשובער ביים רבין, ווי וועלוול דער מצה רעדלער, ווייל ער האָט אַ קרעכץ געטאָן איידער ער האָט איינגעטונקט די פּענע אין אַ טיפן טינטער און האָט נאָך איינמאָל אַ הויב געטאָן די אויגן:

— וואָס ווילסטו פון אים, אַ טובה?

— איך זוך אַרבעט, איך וויל, אַז . . .

— אַ טובה, אַ טובה . . . — האָט מיך דער רבי איבערגעהאַקט. ער האָט אָנגעשריבן אַ לאַנגן טיטל און אַ קורצן בריוול און גע־

שטעלט אַ העברעאישן שטעמפּל. דער רבי האָט מיר אָפּגעגעבן דעם בריוו, און איידער איך האָב אים באַוויזן צו זאָגן אַ דאַנק, איז שוין ביים טיש געשטאַנען אַ פרוי מיט אַ פעדער אין הוט, זי איז געקומען נאָך אַן עצה. אַרויסגייענדיק פון רב פינקל האָב איך איבערגעלייענט דעם בריוו, די מיסיס שאָר האָט געלייענט און איך האָב צוגעהאָלפן. אַ לאַנגער טיטל, אָנגעפּיקעוועט מיט העב־רעאישע ווערטער, וואָס מיר ביידע האָבן זיי, דעם אמת געזאָגט, ניט געקענט איבערלייענען. נאָכן לאַנגן טיטל שרייבט דער רבי: „השם יתברך זאָל געבן, אַז מיט איער הילף זאָל אונדזער בת עיר ממשפחת זילבערג מצליח זיין אין אַלע אירע דרכים.״ און דערנאָך ווייטער אַ שורה מיט פאַרשטריכלטע העברעאישע ווער־טער און דערנאָך דער אונטערשריפט. די מיסיס שאָר איז געוועזן בייז אויפן רבין: — אַ רענדל אַ וואָרט! — האָט זי געזאָגט. — ניט ער רעדט אַליין אַ וואָרט, און ניט ער לאָזט עמיצן אויס־ריידן. אַ „סטעטיו״ — האָט זי אַ זאָג געטאָן און אַריינגעלייגט דעם בריוו צו זיך אין „פּאַקעטבוק״, כדי איך זאָל אים ניט פאַרלירן, און האָט דעם גאַנצן וועג געטענה'ט, אַז אַזאַ רב האָט זי נאָך ניט אָנגעזען, ניט אין דער אַלטער היים און ניט אין אַמעריקע. „אַ סטעטיו און דאַטס אָל״. מילא, זאָל זיין יע אַ סטעטיו, זאָל זיין ניט אַ סטעטיו, אַבי איך האָב שוין דעם בריוו.

מיסטער שאַמוט

23־טער פעברואַר.

דאַכט זיך, אַז דער טאַנטע האָט פאַרדראָסן, וואָס די מיסיס שאָר איז מיט מיר געגאַנגען צום רבי פינקל און האָט דערנאָך דערציילט פאַר אַלעמען, אַז דער רבי פינקל האָט אָנגעשריבן אַ לענגערן „שיינע מאַריינע״, ווי דער גאַנצער בריוו איז, און הלואי זאָל אַזאַ בריוו קענען עפּעס העלפן.

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס מיט דיינע ביזנעס? — האָט די טאַנטע מיך אַ פרעג געטאָן כמעט מיט אַ שטאָך.

— איך וועל היינט גיין צו דעם וויס פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט „הילף פאַר פליכטלינגע״, — האָב איך געענטפערט דער טאַנטע, — איך וועל אים געבן דעם בריוו פון רבי פינקל.

— אַבי איך האָב געמיינט, אַז דו האָלסט עס פאַר אַ „סיקרעט״ פון מיר, — האָט די טאַנטע אַ זאָג געטאָן.

אַ מאָדנע זאַך: איך האָב זיך צוגעוואוינט פאַר דער צייט, וואָס איך בין אין דער פרעמד, צו דערשטיקן אין זיך יעדן כעס. עס האָט מיך אַ ברען געטאָן אין האַרצן אויף דער טאַנטע, וואָס זי האָט גאָר טענות צו מיר. זי איז דאָך די ערשטע געגאַנגען צו דער מיסיס שאָר זען עפּעס אַן עצה, ווי פּטור צו ווערן פון דעם „פליכטלינג״, און איצט שטעכט זי מיך מיט „סיקרעט״. אָבער דעם ברען אין האַרצן האָב איך איבערגעלאָזט פאַר זיך און צו דער טאַנטע האָב איך גערעדט רואיק. די טאַנטע אַליין וועט מיט מיר גיין צום ווייס פּרעזידענט, זאָגט זי. צו וואָס דאַרף מען באַמיען פרעמדע מענטשן? איך בין אַוועק צו דער מיסיס שאָר אָפּנעמען ביי איר רבי פּינקלס בריוו. די מיסיס שאָר האָט געעפנט איר „פּאַקעטבוק״, אַרויסגענומען דעם בריוו און האָט דערביי צו מיר געזאָגט:

— דיין טאַנטע אַליין האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל זען העלפן דיר געפינען אַרבעט, און איצט וויל זי גאָר אַליין גיין צום ווייס פּרעזידענט . . . זי האָט מיך אַליין געבעטן . . .

די מיסיס שאָר האָט דאָס מיר אַלץ דערציילט מיט אַ שטילן קול, מיט שושקעריי, מיט איין אויג אַביסל פאַרזשמורעט. זעט אויס, אַז נאָך דער מעשה מיטן האַרטן קעז און מיט דער בעסאַראַ־בערקע, וואָס האָט ביי איר צוגענומען דעם חתן, האָט זיך די מיסיס שאָר אויסגעלערנט אויפן גאַנצן לעבן, אַז מענטשן טאָר מען ניט גלויבן, אפילו מיין טאַנטע אויך ניט, און דערפאַר טאַקע האַלט די מיסיס שאָר שטענדיק איין אויג אַביסל פאַרזשמורעט. צום ווייס פּרעזידענט האָבן מיר באַשלאָסן גיין אַלע זאַלבעדריט. איך, די מיסיס שאָר און די טאַנטע, אָבער מיסיס שאָרס גאַנג איז געווען אינגאַנצן אומזיסט. ביי דעם ווייס פּרעזידענט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מער ווי צווייען לאָזט מען ניט אַריין צו אים אין אָפיס. האָט די מיסיס שאָר פאַררויכערט אַ סיגאַרעט און איז געבליבן זיצן אין וואַרט־צימער. זי האָט אַ זאָג געטאָן אויפן חשבון פון דעם ווייס פּרעזידענט, דאָס וואָס זי האָט געהערט פון דעם רב פּינקל: „ווערלוול דער מצה רעדלער! אַ גאַנצער געגנע־

ראַל! ער נעמט ניט אויף מער, ווי צוויי מענטשן מיטאַמאָל . . .
קיילעכדיקע מצות!" איך און די טאַנטע זיינען אַריין צום וויס פּרעזידענט. „וויליאם שאמוט" איז געווען אָנגעשריבן אויף זיין טיר מיט גרויסע שוואַרצע אותיות אויף אידיש און אויף ענגליש.

דער וויס־פּרעזידענט האָט געהאַט אַזאַ קיילעכדיק פּנים, אַז ער איז געווען מער ענלעך צו אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, ווי צו אַ וויס פּרעזידענט. ער איז געווען, זעט אויס, צופרידן פון רבי פינקעלס בריוו, און פון דעם טיטל, וואָס איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט פאַרשטריכלטע העברעאישע ווערטער. מיסטער וויליאם שאַמוט האָט, זעט אויס, די פאַרשטריכלטע העברעאישע ווערטער ניט גוט צעקייט, ער האָט דעם בריוו אַוועקגעלייגט אויפן טיש און דעם לאַנגן טיטל אַ פּאָר מאָל אַ טאָפּ געטאָן מיט די פינגער. כ'וויס ניט פאַרוואָס, נאָר מיר האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט זעצן אין האַרצן, ווען כ'בין געזעסן ביי אים אין אָפיס. דאָס איז ניט געווען קיין שרעק, נאָר אַ קלעמעניש. אָט וועט דער וויס פּרעזידענט גאַרניט וועלן טאָן פאַר מיר, כאָטש איך בין אַ לובלינערין . . . אַז מיסטער שאַמוט איז פאַרטיק געוואָרן מיטן בריוו, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיט די פינגער אָן טיש:

— ווער־זשע זיינט איר פון לובלין? פון די זילבערגס טאָקע?

און פונקט ווי דער רב האָט קיין זאַך ניט געפרעגט און קיין זאַך ניט געוואָלט וויסן, אַזוי פאַרקערט האָט מיסטער וויליאַם שאַמוט אַלץ געפרעגט און אַלץ געוואָלט וויסן.

— איר זיינט רב מאָטיעלעס אַן אייניקל? און וואו איז אַהינגעקומען רב מאָטעליעס שיינע טאָכטער, סימעלע? סימעלע דאַכט זיך האָט זי געהייסן?

— איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין סימעלעס אַ טאָכטער, און מיין מוטער עה"ש איז אומגעקומען, ווען די דייטשן האָבן באָמבאַרדירט לובלין.

מיסטער שאַמוט האָט, זעט אויס, זיך שוין אָנגעהערט מיט אַ סך מעשיות וועגן די צרות פון די אידן „אויף יענער זייט", ער האָט אַפילו מיט קיין אויג ניט אַ פינטל געטאָן וועגן מיין מוטערס טויט.

— אַ שיין מיידל געווען, — האָט ער געזאָגט. — און איר זיינט עס דאָ, הייסט עס, אַ „פּליכטלינג״ . . . .

מיסטער שאַמוט האָט געשמייכלט, פּונקט ווי זיין אַ פּליכטלינג וואָלט געווען זייער אַ פריילעכע זאַך. עס האָט זיך מיר אַ ווײַלע אַ דאַכט געטאָן, אַז ער איז זייער ענלעך צו אונדזער לובלינער חזנטע, און פּשוט ניט געקענט פאַרשטיין, ווי קומט עס צו אַ ווייס פּרעזידענט. איבערן צימער האָט זיך צעטראָגן אַזאַ קלינגעריי, אַז איך האָב זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן איבער די טירן, נאָר מיסטער שאַמוט האָט גענומען רואיק דאָס טרייבל פון טעלעפאָן און האָט אַ זאָג געטאָן: „אין אַ פּאָר מינוט אַרום וועל איך זיין פּאַרטיק. יאָ, איך קום באַלד״. מיר איז געוואָרן מלאָסנע ביים האַרצן. וואָס זשע האָבן מיר געפּועלט מיט אונדזער גאַנג? מיטן בריוו פון רבי פינקל? וואָס זשע וועט זיין מיט מיר? מיסטער שאַמוט האָט אַ ריר געטאָן דעם זייגער, וואָס איז געלעגן אויף זיין טיש און האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט:

— הערט, ליבינקע, איך האָב איצט אַ מיטינג און מוז באַלד גיין (מיסטער שאַמוט איז שוין געשטאַנען אויף די פיס). היינט האָבן מיר אַזוי גוט ווי פּרייטיק, קומט צו מיר מאָנטיק, וועלן מיר שוין עפּעס זען, אַהין אַהער, מיר וועלן שוין עפּעס טאָן פאַר אַ לובלינער.

מיסטער שאַמוט האָט מיך ווידער גענומען ביי דער האַנט און מיר זיינען אַלע צוזאַמען אַרויס פון אָפיס. מיט עטלעכע טעג צוריק, אַז עדי האָט מיר אַ דריק געטאָן אַ פינגער, איידער ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט מיר דער פינגער געברענט ביז איך בין אַנשלאָפן געוואָרן און איצט, אַז מיסטער שאַמוט האָט מיך אָנ־גענומען ביי דער האַנט, האָב איך דערפילט אַ פייכטקייט, און ווען איך שעם זיך ניט פאַר דער טאַנטע וואָלט איך אָפּגעווישט די האַנט מיט אַ נאָזטיכל, נאָר איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז אַ סך זאַכן איז גלייכער צו פאַרשווייגן און ניט מאַכן קיין באַטרעף דער־פון. מילא, עס וועט זיך שוין אַליין אויסטריקענען. די מיסיס שאַר איז שוין געווען אומרואיק.

— נו, וואָס האָט געזאָגט דער מצה רעדלער? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— ש־ש־שאַ! — האָט זיך די טאַנטע צעשיקעט, — שאַ, מען דאַרף קומען מאָנטיק נאָך אַמאָל.

אין דער סאָבוויי פאָרן האָב איך זיך שוין אויסגעלערנט. עס טוט אַביסל ווי דער קאָפּ, אָבער איך פאָר שוין ווי אַלע פּאַ־סאַזשירן.

איך טרעף מיין לערער שיינפעלד

מאָנטיק, 26טער פעברואַר.

דאַכט זיך מיר, אַז מיסטער רובין איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז עס איז גרינגער צו קריגן אַ התן איידער אַ דזשאָב. איך האָב זיך קוים דערוואַרט אויף מאָנטיק גיין צום וויים־פּרעזידענט, מיסטער וויליאַם שאמוט, הערן וואָס ער קען טאָן פונמיינעטוועגן — ערשט איך קום היינט, ער איז ניטאָ.

„געקעטשט אַ קאָלד". ווען וועט ער זיין צוריק? — פרעג איך דאָס מיידל וואָס נעמט אויף די באַזוכער אין וואַרטצימער. ערשט דאָס מיידל גיט עפּעס אַ זאָג מיט די צונטער אָנגעפּאַרבטע ליפּן אויף ענגליש, און איך פאַרשטיי ניט אַ וואָרט וואָס זי רעדט. ווי קען איך אַוועקגיין, אַז איך ווייס ניט ווען איך דאַרף קומען צוריק? בלייב איך שטיין און וואַרט אפשר וועט זי נאָך עפּעס זאָגן. זי זיצט און איך שטיי. דערנאָך גיט זי ווידער אַ זאָג מיט די רויטע ליפּעלעך: „אַי טאָלד יו" און ווידער די פּאָר ווערטער, וואָס איך הויב זיי ניט אָן צו פאַרשטיין. „אַי טאָלד יו" פאַרשטיי איך שוין וואָס דאָס איז: איך הער דאָס ביי אונז אינדערהיים כסדר. די טאַנטע זאָגט אפשר פופצן מאָל אַ טאָג „אַי טאָלד יו", סעלמאַ זאָגט אַלע ווילע „אַי טאָלד יו", מאַרווין זאָגט: „אַי טאָלד יו". (נאָר דער פעטער זאָגט עס קיינמאָל ניט). און כאָטש איך ווייס, אַז דאָס הייסט: איך האָב דיר געזאָגט, דאַכט זיך מיר שטענדיק, אַז דער טייטש דערפון איז — טשעפּע זיך אָפּ פון מיר. נאָר אויף דעם מיידל האָט מיר שוין פאַרדראָסן. זי זעט דאָך, אַז איך פאַרשטיי ניט, זאָגט זי צו מיר ווידער דאָס זעלביקע מיט אַ צולייג פון „אַי טאָלד יו". בלייב איך ווידער שטיין און גיי ניט אַוועק, ווייל איך ווייס נאָך אַלץ ניט, ווען איך דאַרף קומען צוריק. דע־

מאָלט עפּנט שוין דאָס מיידל אירע גוואַלדיק רויטע ליפּעלעך און זאָגט צו מיר אויף אידיש:

—„איך האָב דיר געזאָגן, מיסטער שאָמוט האָט געקעטשט אַ קאָלד און ער האָט נישט געזאָגן ווען ער קאָם".

דעם אמת געזאָגט, האָב איך קיין כעס צו דעם מיידל ניט געפילט, בלויז די ליפּן אירע זיינען געווען צו־רויט אין מיינע אויגן און מיר האָט זיך געוואָלט אַרויסנעמען מיין נאָזטיכעלע און אַביסל אָפּווישן די פאַרב, נאָר איך האָב דאָס ניט געטאָן. עס איז זייער גוט געווען, וואָס טאַקע אין דער רגע האָט מיך עמיצער אַ רוף געטאָן ביים נאָמען: — רבקה! — איך האָב גלייך דערקענט דאָס קול. דאָס קול האָב איך אַ סך מאָל געהערט, נאָר ווער עס האָט מיך מיט דעם קול גערופן האָב איך זיך ניט געקענט דערמאָנען. איך האָב בשום אופן ניט געטראַכט דאָ טרעפן מיין לערער שיינפעלדן. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ האַנט. ווי גוואַלדיק עס האָבן זיך געביטן זיינע הענט. דאָס האָט זיך מיר צום ערשטן געוואָרפן אין די אויגן, ווייל איך האָב גוט געדענקט, ווי ער פלעגט שטיין ביים טאָוול און צייכענען געאָמעטרישע פיגורן. די דרייעקן, וואָס ער פלעגט מאַכן, שיין און גלייך, זיי פלעגן שטיין אויפן טאָוול מיט אַ שאַרפן שפּיץ אַרויף, ווי זיי זאָלן זיך קלייבן אַוועקפליען. ערשט האָט ער מיר דערלאַנגט אַ האַנט מיט שוואַרצע אַרומגעפאַרבטע נעגל. ער איז אויך געקומען צו מיסטער שאָמוט און אויך וועגן אַרבעט, כאָטש ער האָט שוין אַ שטיקל „דזשאַב", ער וואַשט אַלטע לעפל אין אַ פאַבריק, וואו זיי ווערן איבערגעמאַכט אויף נייע, „סעקאַנדהענדיקע" רופט ער זיי. ער וואַשט זיי מיט אַזאַ זאַלץ, וואָס מאַכט שוואַרץ די נעגל. דאָס האָט ער מיר געזאָגט, ווען ער האָט באַמערקט, אַז איך קוק אויף זיינע הענט. ער וויל זיך לערנען ענגליש און האָט ניט קיין צייט. ווען ער קומט פון דער אַרבעט האָט ער קיין כח ניט. „קיין יונגערמאַן איז מען שוין ניט", האָט ער געזאָגט איינפאַך, ווי מען רעדט פאַר אַ שוועסטער. און ער האָט צוגעגעבן: „איך איז גוט, איר זיינט נאָך יונג". זאָגט ער, אַז איך בין יונג און די מיסיס שאַר זאָגט, אַז איך בין שוין אַן אַלטע מויד אין אַמעריקע און איך זאָג, אַז סייוויסיי איז מיר ניט גוט.

אַ נייע צרה

מיטוואָך, 28־טער פעברואַר.

סעלמאַס „באַי", עדי, איז גאָר אַ נייע צרה פאַר מייגעטוועגן. ער איז היינט אַראָפּגעקומען און האָט מיך אָנגעהויבן פאַרהערן אין ענגליש. „האַו דו יו ספעל אַ טעיבל", (ווי לייגסטו אויס „טעיבל"?), און „האַו דו יו ספעל אַ טשער"? (און ווי לייגסטו אויס „טשער"?). פון אָנהויב האָב איך אים געענטפערט, דערנאָך האָב איך דערזען, אַז דאָס גאַנצע הויז שטייט אין פלאַמען. סעלמאַ האָט געפּייערט. זי האָט זיך גענומען זוכן עפּעס אַ שערעלע און האָט געוואָרפן די שאַכטלעך, די „באָקסעס" אירע מיט אַזאַ אימ־פּעט, אַז דאָס גאַנצע הויז האָט געדונערט. די טאַנטע האָט אַלע מאָל אַריינגעוואָרפן אַ ווערטל: די „טיטשערקע" (לערערקע) וועט שוין זי אויסלערנען, „דאָן באַדהער" (עסק זיך ניט). — דערנאָך האָט גאָט געהאָלפן, אַז די מיסיס שאָר האָט מיך אַ רוף געטאָן, זי דאַרף מיך אויף עפּעס, איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט פון שטוב, האָב איך געפילט, ווי אַלע גלידער ברענען מיר אַזויווי אַ פייער. מסתם האָט די טאַנטע זי געבעטן, אַז זי זאָל מיך אָוועקרופן, ווייל איך האָב געהערט, ווי די טאַנטע האָט געקלאַפּט מיט די טירן. אַז די מיסיס שאָר האָט מיך אַ רוף געטאָן, האָב איך באַמערקט, אַז עדי איז געבליבן אַן אָפּגעקאָכטער, ער האָט אַ דריי געטאָן די ראַדיאָ, און די ראַדיאָ האָט אָנגעהויבן קוויטשען און זיך איבעררייסן. דער פּעטער, וואָס האָט געלייענט די צייטונג און האָט גענומען זיין „וואַקיישאַן" (וואַקאַציע) אויף שווייגן — האָט אַ קרעכץ געטאָן, און מיך האָט עס אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן, כאָטש טייף האָט מיר הנאה געטאָן, וואָס עדי וויל ניט, אַז איך זאָל אָוועקגיין. די מיסיס שאָר האָט מיך באַדאַרפט אויף גאַרניט מיט גאָרניט. זי האָט מיר געזאָגט, אַז מאָרגן גייט זי קויפן אויף אַ „סייל" (אויספאַרקויף), זאָל איך מיט איר מיטגיין און צוריקגייענדיק וועלן מיר זען, צי מיסטער שאַמוט איז שוין אין אָפיס. די מיסיס שאָר האָט אַ זאָג געטאָן — זיך אַביסל, — און אַליין איז זי אַריין אין קיך, זיך דאָרט ביי עפּעס אַ ווײלע געפּאָרעט. איך בין געבליבן זיצן אַנטקעגן דער טערקישער פּרינצעסן מיט

דער קרוין, וואָס הייגגט ביי דער מיסיס שאָר אויפן וואַנט. מיר דאַכט זיך, אַז די טערקישע פרינצעסן מיט דער קרוין קומט מיר שטענדיק פאַר די אויגן, ווען מיר איז ניט גוט אויפן האַרצן, און זי טרייסט מיך, אַז זי זיצט אויך געפאַנגען ביי דער מיסיס שאָר אין הויז.

די מיסיס שאָר איז אַריינגעקומען פון קיך מיט אַ פאַפּיראָס אין מויל, זי האָט אַביסל, ווי געווייינטלעך, אַ זשמורע געטאָן איין אויג און האָט אַ זאָג געטאָן, מיר האָט זיך געדאַכט, מיט אַ בעטנדיקער שטים:

— רבקהלע, מאַך ניט קיין איבעריקע עסקים מיט עדין.

— אָט האָסטו זיך אַ נייעם גוט שבת, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. און די מיסיס שאָר האָט זיך גערעדט ווייטער: — ער איז אַ „דזשיריבאָג”, עדי, זאָלסט וויסן זיין, היינט שפּרינגט ער אַהער און מאָרגן שפּרינגט ער אַהין, דו קענסט נאָך ניט די היגע „באָיעס”.

מיר איז הייס געוואָרן אין פּנים און איבערן גאַנצן לייב זיינען מיר דורכגעלאָפן כוואַליעס. וואָס בין איך שולדיק, אויב עדי וויל מיך לערנען „ספּעלינג”? — וואָס הייסט אַ „דזשיריבאָג?” — האָב איך אַ פרעג געטאָן די מיסיס שאָר. — פרעג ניט, — האָט זי געזאָגט, — דאָס איז ניט קיין צדיק, אַ דזשיריבאָג איז אַ דזשיריבאָג. — מער פרעגן האָט מיר ניט געפּאַסט, נאָר איך האָב פאַרשטאַנען, אַז קיין גוטע זאַך איז דאָס ניט, און אַז פון חבר׳ן זיך מיט אַ „דזשיריבאָג” קומט קיין גוטס ניט אַרויס. איך ווייס ניט, צי בין איך אין כעס אויף דער מיסיס שאָר, צי ניט, נאָר איך ווייס, אַז עס איז מיר ענג אין האַרצן און אויף דער וועלט. וואָס איך טו טויג ניט. און דער עדי איז גאָר אַ נייער צושלאָג צו מיינע צרות. פונדעסטוועגן, וואָלט איך זייער וועלן וויסן, וואָס הייסט אַ „דזשיריבאָג”?

זיך געדרייט, געדרייט און אין קונע פאַרדרייט

דאָנערשטיק 29־טער פעברואַר.

אָט דאָס הייסט אַ משוגענער טאָג. מיסטער שאָמוט איז שוין גאָט צו דאַנקען געזונט געוואָרן. די מיסיס שאָר איז מיט מיר גע־

גאַנגען צו אים. מיסטער שאַמוט האָט אַליין אָן עפּן געטאָן די טיר פון זיין אָפּיס און האָט מיך אַ רוף געטאָן מיט אַ פינגער, איז די מיסיס שאַר געבליבן זיצן, דערנאָך האָט זי זיך אויך אַ הויב געטאָן, דערנאָך האָט זי זיך ווידער צוגעזעצט. — קומט, קומט בײדע אַריין, — האָט זי מיסטער שאַמוט אויך אַ רוף געטאָן, און מיר זיינען בײדע אַריין צו מיסטער שאַמוט אין אָפּיס. מיסטער שאַמוט האָט מיר געוויזן אויפן האַלדז: — אַ „קאָלד״, נאָך באַדאַרפט בלייבן זיצן אַ טאָג אינדערהיים, נאָר מ'קען ניט... דאָ... — ער האָט אַ וויז געטאָן מיט דער האַנט אויפן אָפּיס. די ערשטע זאַך האָט מיסטער שאַמוט אָפּגערופן צום רב פינקל. צום רב האָט מיסטער שאַמוט גערעדט מיט העברעאישע ווערטער: — אייער שליח'טע איז דאָ, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — רב מאַטיעלע זילבערגס אייניקל . . . איך וועל זי שיקן צו פינחס הערשן, דעם קצבס, יע . . . יע, ער איז שטיין רייך . . . ער האָט אַ פּעקטאָרי פון גלאַווס. איך וויל, רבי, אַז איר זאָלט זיך מטריח זיין צו אים אויך אָפּרופן. יע . . . אויפן טעלעפאָן. ער וועט פאַר אייך דרך ארץ האָבן . . . איך וועל אים אָנשרייבן אַ בריוו . . . הלוואַי זאָל מצליח זיין . . . נו, דער רבי פינקל וועט אויך העלפן, — האָט מיסטער שאַמוט צו מיר געזאָגט, — און איר ווייסט צו וועמען מיר שיקן אייך? איך טאַקע אַ לובלינער . . . אַ דבר אחר איינער אין דער וועלט . . . אַ קצב יונג, איז דאָ געוואָרן שטיין רייך . . . איר הערט, — מיסטער שאַמוט האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט, ער האָט אָנגעהויבן לאַכן אויפן קול, און לאַכנדיק האָט ער אַ ריר געטאָן דעם זייגער, וואָס ליגט ביי אים אויפן טיש (ער האָט נאָך הייסט עס צייט). — איר הערט... אָט־דעם פינחס הערש, וואָס מיר שיקן אייך צו אים, האָט מען גערופן אין לובלין „פינחס הערש מיט דער אוגערקע״. — מיסיס שאַר האָט אָנגעהויבן לאַכן, זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר מיסטער שאַמוט האָט זי ניט געלאָזט. ער האָט ווייטער דערציילט און האָט דערביי אַליין געלאַכט. — מען האָט אים איינמאָל געכאַפּט אין שפּייכלער טאַנצנדיק מיט אַן אוגערקע. מער האָט מען אין לובלין ניט געדאַרפט . . . — די מיסיס שאַר האָט ווידער געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר מיסטער שאַמוט האָט זי ווידער ניט געלאָזט: —

אין לובלין איז געווען אַ שיין מיידל, חנקע מאָסטאָווליאַנסקי. אַ קירזשנערס אַ טאָכטער, אָבער אַ קראַסאַוויצע, זי האָט ליב געהאַט טאַנצן אַ פּאָלקע מאַזורקע. און דער פּנחס הערש האָט געפּגרט פאַר איר. האָט ער זיך געוואָלט אויסלערנען אַ פּאָלקע מאַזורקע און טאַנצן מיט חנקע מאָסטאָווליאַנסקי. איינמאָל פרייטיק צו נאַכט, צו דער וועטשערע, שיקט מען פּנחס הערשן אין שפּייכלער ברענגען אַ זויערע אוגערקע צום פליש. זיצט מעןביים טיש, דער טאַטע זיינער שמעון דוד דער קצב, און די מאַמע זיינע, פאַרגעסן ווי זי האָט געהייסן, הינדע . . . יע, הינדע האָט זי געהייסן. זיצט מען אַלע און מען וואַרט אויף דער אוגערקע. דאָס פליש ווערט קאַלט און שמעון דוד איז הונגעריק, און פּנחס הערש מיט דער אוגערקע איז ניטאָ. גיט אַ שפּרונג זיין שוועסטערל ציפּקע און כאַפּט זיך אַריין אין שפּייכלער און דערזעט . . . וואָס מיינט איר? ווי פּנחס הערשט האַלט אין האַנט אַן אוגערקע און טאַנצט מיט איר . . . אַ פּאָלקע מאַזורקע. און גראַד אין דער רגע, ווען ציפּקע איז אַריין האָט פּנחס הערשט זייער איידל געהאַלטן די אוגערקע און האָט זיך געדרייט מיט איר אַרום דער פּאַס. ציפּקע האָט די מעשה צעקלונגען איבער דער גאַנצער שטאָט, אַז פּנחס הערש האָט געטאַנצט מיט אַ זויערער אוגערקע אַ פּאָלקע מאַזורקע. נאָך דער מעשה האָט חנקע מאָסטאָווליאַנסקי ניט געוואָלט אַ קוק טאָן אין זיין זייט, און די גאַנצע שטאָט האָט אים אַ נאָמען געגעבן „פּנחס הערש מיט דער אוגערקע". דער יונג האָט געמוזט עוקר זיין קיין אַמעריקע, און דאָ איז ער נעבאַך געוואָרן שטיין רייך און מען רופט אים מיסטער רובין, און ער האָט אַ פעקטאָרי פון גלאָזוס . . . —

מיר האָט אַזש פאַרכאַפּט דער אָטעם. מען שיקט מיך, הייסט עס, צוריק צו דעם זעלבן מיסטער רובין . . . מיסטער שאַמוט האָט אַריינגערופן דאָס מיידל מיט די צונטער רויטע ליפּעלעך, ער האָט צו איר געזאָגט אַ פּאָר ווערטער אויף ענגליש. איך האָב געהערט מיין נאָמען און מיסטער רובינס נאָמען. פאַר די אויגן האָט זיך מיר געדרייט אַ קאַראַהאָד: רבי פינקל, מיסטער שאַמוט, פּנחס הערש מיט דער אוגערקע . . . זעט אויס, אַז איך האָב זיך אַ ווילע פאַרטראַכט. די מיסיס שאָר האָט מיך אַ ריר געטאָן ביים אַקסל. מיסטער שאַמוט איז שוין געשטאַנען, ער האָט מיר געזאָגט,

אַז דאָס מיידל וועט אונדז שוין געבן דעם בריוו צו מיסטער רובין. ער האָט אונדז אַרויסבאַגלייט צו דער טיר און האָט אַ רוף געטאָן: — נעקסט! — צו אים אין אָפיס איז אַריין אַ איד מיט אַ באָרד, מיט רחמנתדיקע אויגן, וואָס איך קען זיי ניט פאַרגעסן. ווער ווייס? אפשר האָב איך אויך געהאַט אַזעלכע רחמנותדיקע אויגן, ווען איך בין אַרויס פון מיסטער שאַמוטס אָפיס? דאָס מיידל מיט די רויטע ליפּעלעך האָט אונדז דערלאַנגט דעם בריוו. מיסיס שאָר האָט איר געזאָגט „דענק יו". איך בין געווען צומישט. איך טראָג שוין גאָט צו דאַנקען צוריק אַ בריוו, און דאָס מאָל פון ווייס פּרעזי־דענט צו מיסטער רובין . . . זיך גערדייט, געדרייט און אין קונע פּאַרדרייט. מאָרגן וועל איך פונדעסטוועגן גיין צו מיסטער רובין מיטן בריוו. וואָס דען דאַרף אַ „פּליכטלינג" פּיס?

חלומות

2טער מערץ.

דער בריוו צו מיסטער רובין ליגט ביי מיר אין טאַש און איך ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט אים. מיסיס שאָר און די טאַנטע זאָגן, אַז איך מעג דעם בריוו גלייך אַרויסוואַרפן און זוכן אַרבעט ערגעץ אַנדערש. און דער אָנקל האָט אַ זאָג געטאָן: — זאָל זי גיין, מען קען ניט וויסן, אפשר קען עס גראָד העלפן . . . — ער האָט דערביי אַ מאָדנעם שמייכל געטאָן, איך ווייס ניט צי פון מיר מיט מיינע בריוו, צי פון עמיצן אַנדערש. מאָרגן וועל איך מיטן בריוו, פונדעסטוועגן, זיך לאָזן צו מיסטער רובינען. אמת איז, אַז אַלץ וואָס איך טו ליגט מיר גאָרניט אין זינען. היינט געזען אין צייט־טונג, וואָס מען מאַכט פון די אידן אין לובלין. נאָר איך האָב דאָס נאָך פריער געוואוסט, מיר האָט זיך נעכטן געחולמט, אַז איך זע מיין ברודער, מיכלען, שטיין טויט ווייס, און אינמיטן דערינען האָט ער געטאָן אַזאַ ווילדן שפּרונג, ווי פון אַ גרויסן ווייטיק. ביי מיר האָט זיך אָפּגעריסן דאָס האַרץ, און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. טרערן זיינען ביי מיר געלאָפן אַזוי שנעל, אַז איך האָב זיי ניט געקענט אָפּשטעלן, איך האָב געעפנט מיין טאַש, געוואָלט נעמען מיין נאָזטיכעלע און איך האָב דערזען מיסטער שאַמוטס בריוו.

— גיי צום טייוול! — האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט, קוקנדיק אויפן בריוו.

איך בין ניט געווען אין כעס, נאָר דער בריוו איז מיר אין דער רגע געווען זייער איבעריק, כאַטש נעם און וואַרף אים אַרויס פון טאַש. זעט אויס, אַז עס זיינען ניטאָ קיין שטילע טרערן. די טאַנטע האָט דערהערט, אַז איך וויין (כאַטש מיר האָט זיך גע־דאַכט, אַז איך וויין זייער שטיל) האָט זי פון איר צימער שטיל אַ שעפּטשע געטאָן צו מיר: — שלאָף, רבקה, שלאָף, קענסט גאָרניט העלפן. שלאָף בעסער! — אַז די טאַנטע האָט עס צו מיר געזאָגט, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די מאַמע עה"ש רעדט עס צו מיר, און אַז איך בין שפּעטער איינגעשלאָפן, האָב איך טאַקע געזען די מאַמע עה"ש ווי זי זיצט לעבן מיין בעט און זי זאָגט: — שלאָף, רבקהלע, שלאָף, קענסט גאָרניט העלפן, שלאָף בעסער! — עס איז גוט כאָטש אין חלום צו זען דער מאַמען, עס איז מערניט אַ גרויסער שאָד, וואָס אַ חלום אַנטלויפט.

די מוזלדיקע בלום

זונטיק, 3־טער מערץ.

סעלמאַ איז היינט געשטאַנען צוויי מיט אַ האַלבע שעה ביים שפּיגל. (מיר זיינען היינט געגאַנגען צום פּעטערס ברודערס טאָכ־טער אויף דער חתונה). די טאַנטע איז געשטאַנען ביים שפּיגל בלויז איין האַלבע שעה. סעלמאַ האָט אַ נאַטור צו אויספּרובירן די האָר, „טו טריי". האָט זי פריער געמאַכט דעם שרונט אינמיטן, איז אַריינגעקומען די מיסיס שאָר און האָט געזאָגט, אַז דער שרונט אינמיטן מאַכט זי עלטער אפשר אויף פינף יאָר. האָט סעלמאַ געמאַכט דעם שרונט אָן אַ זייט — האָט די טאַנטע געזאָגט, אַז זי זעט אויס, ווי די בראַנזווילער רבצין. האָט סעלמאַ געגעבן אַ שמיץ דעם קעמל און איז אַוועק איבעראַנייס אין ביוטי־פּאַרלאָר (כאַטש אינדערפרי איז זי דאָרט אָפּגעזעסן צוויי שעה). זי איז געקומען צוריק מיט דריי שטאָק גרייזלעך איינס איבערן אַנדערן און אויפן דריטן שטאָק איז געווען אַריינגעשטעקט אַ רויז. אַלע האָבן געזאָגט: „ווערי נייס" (זייער שיין) און סעלמאַ האָט געגנו־

מען אָנטאָן די „דרעס" (דאָס קלייד). איך האָב אויך אָנגעטאָן מיין „דרעס" און איך האָב פאַרלייגט די צעפּ אַרום קאָפּ. (איך טראָג מיינע צעפּ, איך האָב פיינט גיין געשאָרן). די מיסיס שאָר האָט אַ זאָג געטאָן: — „בעליוו מי" (גלויב מיר), רבקה דאַרף ניט קיין ביוטי־פּאַרלאָר. — סעלמאַ האָט זיך אָנגעצונדן, זי האָט עפּעס געזאָגט אויף ענגליש, און די מיסיס שאָר האָט זיך אַזויווי פאַר־ענטפערט: — „סטייליש" (מאָדיש) איז דאָס ניט „סטייליש". — סעלמאַ און מאַרווין זיינען אַוועק פריער. צו מיר האָט סעלמאַ געזאָגט: — „דו וועסט גיין מיט די טאַטע". — די טאַנטע האָט מיר דערקלערט: — זי וויל ניט קומען מיט קיין „באַנטש" (חברה). — דער אָנקל האָט אַ זאָג געטאָן: — אַ סך ווייס זי וואָס זי וויל . . . טאַטע־מאַמע איז אַ „באַנטש"! — די טאַנטע האָט עפּעס געזאָגט אויף ענגליש, זעט אויס פאַרענטפערן סעלמאַן. די מיסיס שאָר איז אַוועק צו זיך און האָט געבראַכט פאַר מיר אַ ליליא סאַמעטענע בלום. — דאָס איז אַ מזלדיקע בלום, איין מיידל איז שוין צוליב דער בלום געוואָרן אַ כלה. — איך האָב געזען, אַז די מיסיס שאָר איז טאַקע גוט צו מיר, און די בלום, וואָס זי האָט מיר געגעבן איז טאַקע געווען מזלדיק. אויף דער חתונה איז געקומען עדי אויך. ווען סעלמאַ האָט געטאַנצט מיט מאַרווינען איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און האָט געזאָגט: — „אַי לאַיק יו מאָר" (איך האָב דיך ליבער . . .) — ער האָט זיך פאַרהאַקט און דערנאָך צוגעגעבן — „דען עני וואַן" (ווי עמיצן אַנדערש). — די טאַנטע איז צוגעקומען, די טאַנטע קומט שטענדיק צו, ווען איך רייד מיט עדין. עדי איז אַוועק טאַנצן מיט סעלמאַן, איך האָב מיט קיינעם ניט געטאַנצט, גענוג פאַר מיר, אַז איך בין גע־גאַנגען אויף אַ חתונה. עס איז נאָך קיין יאָר ניטאָ, אַז די מאַמע ע"ה איז אַוועק. זי איז מיר פון קאָפּ ניט אַרויס דעם גאַנצן אָוונט. עדיס חבר, „רעד", האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט, אַז איך זאָל טרינקען מיט אים פון איין גלעזל. איך האָב פאַרזוכט אַביסל וויין פון זיין גלעזל, און ער האָט עפּעס געזאָגט צו מיר אויף ענגליש. די טאַנטע האָט מיר פאַרטייטשט, אַז איצט דאַרף איך אים אַלץ פאָלגן, דעם „רעד", ווייל איך האָב פאַרזוכט פון זיין גלעזל. איך האָב זיך דערמאָנט פון דער אַקטריסע, ווי זי פירט

די מענער אין באָד אַריין, און ווען די טאַנטע איז אַוועק זאָגן מזל טוב דער מחותנתטע, האָב איך געזאָגט צו „רעדן" דאָס זעל־ביקע, וואָס עדי האָט מיר געזאָגט: „אַי לאַיק יו מאָר, דען עני וואַן". „רעד" איז געווען זייער צופרידן, און איך האָב געזען, ווי עדי האָט אויף אונדז געקוקט, כאָטש ער האָט געטאַנצט מיט סעל־מאַן, און ביי סעלמאַן איז געווען אָנגעבלאָזן דער גוידער. איך בין צוגעגאַנגען צום שפּיגל, און דערזען דער מיסיס שאָרס מזלדיקע בלום, וואָס מען ווערט מיט איר אַ כלה . . . דער אָנקל האָט מיר געבראַכט אַ סענדוויטש און אַביסל וויין, ער האָט געזאָגט, — שעם זיך ניט, עס, איך האָב זיי דערלאַנגט 15 טאָלער אין אַן ענ־וועלאָפּ. — דער אָנקל איז אַ גוטער, ער רעדט ניט קיין סך, נאָר איך ווייס, אַז ער געדענקט וועגן מיר, כאָטש די טאַנטע איז דער מאַמעס עה"ש שוועסטער. דער „רעד" האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט מיך אויסלערנען ריידן ענגליש. איך ווייס, אַז דאָס איז צוליב מיסיס שאָרס מזלדיקער בלום.

ענגליש

דינסטיק, 4טער מערץ.

אויף אַזאַ זאַך האָב איך זיך אינגאַנצן ניט געריכט. מיסטער רובין האָט גאַנץ אויפמערקזאַם איבערגעלייענט דעם בריוו פון דעם וויס־פּרעזידענט, מיסטער שאַמוט, וואָס איך האָב צו אים געבראַכט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז רבי פינקל האָט אים אויך אָפּגערופן איפן טעלעפאָן, און מיסטער רובין האָט אים צוגעזאָגט עפּעס טאָן פון מיינטוועגן. — וואָס איך וועל מיט אייך טאָן איז אסור אויב איך ווייס, אָבער צוגעזאָגט איז צוגעזאָגט, — האָט איבערגע־חזרט אַ פּאָר מאָל מיסטער רובין. — רבי פינקל איז באַשטאַנען, אַז איך זאָל אים מבטיח זיין, וואָס קען מען טאָן? צוגעזאָגט איז צוגעזאָגט . . . אין צוויי וואָכן אַרום האָט חתונה דאָס מיידל, וואָס קלייבט די „פּיסעס" אין דער פּעקטרי, צען דאלער אַ וואָך מאַכט זי דערפון נאָר מען מוז קענען ענגליש. אַז איינע, אַן אַפּרייטערקע גיט אַ רוף: „קאַם אָוועך היר" (קום אַהער), מוז מען וויסן וואָס דאָס מיינט, און אַז אַ צווייטע גיט אַ רוף „טעיק איט עוועי" (נעם עס אַוועק!), מוז מען וויסן וואָס זי מיינט. און אַז אַן אפּרייטערקע

איז „נוירוועז״ (נערוועז) און צעשרייט זיך: „אָם סיק ענד טייערד אָף דע דאָסט!״ (איך בין טויט מיד פון דעם שטויב), מוז מען אויך פאַרשטיין וואָס דאָס מיינט. — עס איז געבליבן, אַז איך מוז זיך שטאַרק נעמען לערנען ענגליש און וואַרטן אַז דאָס מיידל, וואָס קלייבט די שטיקלעך ביי מיסטער רובין אין דער פעקטאָרי זאָל אם ירצה השם חתונה האָבן, און חס וחלילה ניט אָפּלייגן די חתונה. מיסטער רובין האָט דעם ציגאַר זיינעם אינגאַנצן ניט געפּיפּקעט. זעט אויס, אַז דער ציגאַר זיינער האָט זיך אויסגעלאָשן, בלויז אַ גרוי ריפּעלע אַש איז געווען אויפן שפּיץ, אָבער קיין סימן ניט פון קיין גלי. דער מיסטער רובין האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און האָט געזאָגט: — דערוויל קאָסט מיר שוין דער עסק אַ 25־ער, איידער וואָס, איידער ווען. אָפּגערופן האָט מיך דער רבי פּינקל וועגן דיר, אָבער דערוויל האָט ער שוין פאַרוואָרפן אַ וואָרט וועגן דער ישיבה. די ישיבה האָט איצט אויסצוהאַלטן אַ נייעם רבי, אויך אַ פּליכטלינג, דעם נאָוואָטעפּליצערס אַ זון, נו, האָב איך געזאָגט, ער זאָל צושיקן דעם שמש וועל איך אים געבן אַ 25־ער. מיינסטו דער שמש האָט אָפּגעלייגט חלילה אויף מאָרגן? הויבט זיך ניט אָן, ער איז באַלד געקומען אַזיווי מיט אַן עראָפּלאַן . . . האָב איך אים אויסגעשריבן דעם טשעק. צוגעזאָגט איז צוגעזאָגט . . .

די מיסיס רובין איז היינט אויך אַרומגעגאַנגען מיט די מאַשינ־קעס אין קאָפּ אויף גרייזלען די האָר. זי איז געווען פאַרטאָן מיט איבערוואַשן דאָס גלאָזוואַרג. זי איז געווען אויפגעלייגט, האָט הנאה געהאַט פון עפּעס און האָט אַלע ווײַלע אַ זאָג געטאָן: — פאַרוואָס זאָלן זיי ביי דיר ניט נעמען? ביי וועמען דען זאָל מען נעמען? ביי דעם וואָס האָט ניט? — און צו מיר האָט די מיסיס רובין אַ זאָג געטאָן: — רבקה, איך האָב פאַר דיר סאַפּער (וועטשערע), וועסט עסן מיט אונדז. — ווען די מיסיס רובין האָט דערלאַנגט רייז פּודינג האָט זי אַ לאַך געטאָן: — אין לובלין האָט מען קיין רייז פּודינג ניט געגעסן . . . און קיין רייז פּודינג מיט דזשעלע אוודאי ניט. — מיסטער רובין האָט זיך, זעט אויס, אָן עפּעס דערמאָנט: — קיין רייז פּודינג מיט דזשעלע האָט מען טאַקע אין לובלין ניט געגעסן, אָבער שיינע מיידלעך זיינען אין לובלין געווען קראָסאָוויצעס . . .

איך האָב זיך דערמאָנט וועגן חנקע מאָסטאָווליאַנסקי, וואָס פּנחס הערש, מיסטער רובין הייסט עס, האָט צוליב איר געטאַנצט אַ פּאָלקע מאַזורקע מיט אַן אוגערקע . . . איך האָב זיך קוים איינגע־האַלטן פון געלעכטער, נאָר צו מיין גרויסער פאַרוואונדערונג האָט מיסטער רובין אַליין דערמאָנט די חנקע מאָסטאָווליאַנסקי. — געוועזן אין לובלין דעם קירזשנערס אַ טאָכטער, חנקע, איז אין ניו־יאָרק ניטאָ אַזאַ שיין מיידל . . . — פאַרן אַוועקגיין האָט מיר די מיסיס רובין אַ זאָג געטאָן: — דו זוך פונדעסטוועגן דערוייל אַ דזשאָב, ווייל קיין גרויסע מציאה איז ניט קלייבן די „פּיסעס" ביי מיין מאַן אין פעקטאָרי. — אינדערהיים האָב איך געפונען אויפן בעט אַן ענגלישן „רידינג בוק" (אַ כרעסטאָמאַטיע). זעט אויס, אַז דער „רעד" איז געקומען מיך לערנען ענגליש, נאָר קיי־נער האָט מיר ניט געזאָגט וועגן דעם, און איך האָב ניט געוואָלט איבערפרעגן. מען קען נאָך מיינען, אַז איך לויף נאָך נאָך אים. נאָר ווער דען האָט מיר געקענט איבערלאָזן דעם „רידינג בוק" אויפן בעט? נישט אַנדערש ווי „רעד".

דער ערשטער דאָלער

מיטוואָך, 5טער מערץ.

מיין וויינען, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, איז פּראָסט־פּשוט אַן אומגליק. דער אָנקל האָט היינט געבראַכט פאַר מיר אַ קעסטל זאָקן. ער איז געווען ביי זיינעם אַ קאַסטאָמער (אַ קונה) און ביי יענעם איז גראַד געווען אַ סעיל (אויספאַרקויף) פון זאָקן, האָט ער גענומען דריי קעסטלעך: איינס פאַר דער טאַנטע, איינס פאַר סעלמען און איינס פאַר מיר. וואָס איז דאָ פאַראַן צו וויינען? סעלמאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף די זאָקן און האָט אַ זאָג געטאָן: — „טענקס, פּאַ!" — די טאַנטע האָט זיך געכאַפּט ביים קאָפּ, וואָס דער פעטער האָט אויסגעגעבן אַזויפיל געלט אויף זאָקן. — אַ זאָקן־יאַריד, — האָט די טאַנטע געזאָגט, — דריי קעסטלעך זאָקן . . . אַ נס וואָס עס איז דאָרט ניט געווען קיין סעיל אויף ווייבער . . . אַבעטשע (איך קען זיך וועטן), דו וואָלסט אַראָפּגעבראַכט אַ האַלבע טוץ אידענעס אין שטוב אַריין . . . —

און אַז דער אָנקל האָט מיר דערלאַנגט מיין קעסטל זאַכן און איך האָב אים געוואָלט זאָגן אַ דאַנק, האָבן זיך טרערן אַ שפּאַר געטאָן אין האַלדז אַריין און איך האָב אָנגעהויבן וויינען.

— ווען איך ווייס אַז דו דאַרפסט די זאַכן באַוויינען, — האָט דער פעטער אַ לאַך געטאָן, — וואָלט איך דיר שוין געקויפט צוויי „באַקסלעך" מיטאַמאָל, וואָלט כאָטש געווען כדאי די טירחה . . .

די טאַנטע האָט אָנגעהויבן לאַכן, און איך האָב אויך וויינענדיק אַ לאַך געטאָן, און ס'איז אַרויסגעקומען ניט געוויינט און ניט געלאַכט, פּשוט אַ חרפּה. אין אָוונט איז געקומען „רעד" און די טאַנטע האָט אים דערציילט, אַז איך האָב שוין אַ „דזשאַב", קלייבן די „פּיסעס" אין רובינס פעקטאָרי, נאָר סע פעלט מיר ענגליש. דער „רעד" האָט גלייך אָנגעהויבן לערנען מיט מיר דעם ענגליש, וואָס איך געברויך פאַר מיין דזשאַב. „קאַם אָוועק היר", — „קום היר", — האָט ער גלייך פאַרטייטשט אויף זיין אידיש. — „דאָנ'ט בי לעיזי" — זיי ניט אַ לייזי (פויל), — האָט דער „רעד" מיט מיר ווייטער געקנעלט, — „טעיק איט איזי" — נעם דאָס איזי (גרינג), — האָט „רעד" געטייטשט אויף אידיש. אינמיטן דער „לעקציע" איז געקומען עדי. זיי האָבןביידע מיך אָנגעהויבן לערנען „ספּעלן" (אויסלייגן). בין איך געזעסן אינמיטן מיט אַ שטיקל פּאַפּיר און מיט אַ בלייפעדער אין האַנט, און ביידע רביים מיינע פון ביידע זייטן. — אַ גאַנצער חדר, — האָט די טאַנטע געשפּאַסט, נאָר סעלמאַ איז געווען אָנגעבלאָזן, — „דאַטס פּו־ליש" (דאָס איז נאַריש), — האָט זי געזאָגט. איך ווייס שוין, אַז סעלמאַ זאָגט: „דאַטס פּוליש", איז אַ סימן, אַז זי איז אין כעס, נאָר וואָס האָב איך געקענט טאָן, אַז זיי האָבן מיך פאַרט גע־וואָלט לערנען „ספּעלינג"? גאָט צו דאַנקען, וואָס אינמיטן דע־רינען איז געקומען מענדל פאַרשקאַרט און אָנגעקומען איז ער מיט אַזאַ אימפּעט, מיט אַ האַסטיקייט: ער האָט פאַר מיר אַ „דזשאַב"!

— אַ „דזשאַב"! — אַלע האָבן זיך צו אים אַ שאָט געטאָן. — יע, אַ דזשאַב, דערוויל אויף איין נאַכט. דער לאַנדרימאַן האָט זיך פאַרקילט די „בעק" (פּלייצע) און ליגט אין בעט. די לאַנדרינישט־קע דאַרף מאָרגן אָפּשיקן וועש צו די „קאַסטאַמערס" (קונים) און מען דאַרף בינדן די פּעקלעך. קום! גרינע, איך וועל דיך צו־

פירן צו דער לאָנדריניטשקע, וועסט פאַרדינען אַ דאלאר מיט אַ האַלבן. אין אַמעריקע, קוים מען פאַרדינט דעם ערשטן דאָלער, איז מען שוין אַ היגער, מען איז שוין אַ סיטיזן (בירגער). — איך האָב אַרויפגעכאַפּט דעם מאַנטל און בין אַוועק מיט מענדל פּושקאַרט צו דער לאָנדריניטשקע פאַרדינען דעם ערשטן דאלער אין אַמעריקע און ווערן אַ סיטיזן. — אָט איז זי די גרינע, — האָט מיך מענדל פּושקאַרט פאָרגעשטעלט גלייך ביי דער טיר און אַליין איז ער אַוועק צוריק שפּילן מיט דער טאַנטע און מיט דער מיסיס שאָר אַ פּינאָקל.

די לאָנדריניטשקע האָט מיר געוויזן ווי צו מאַכן די פּעקלעך און ווי צו פאַרשרייבן. — צייל אויס די שוירטס (העמדער) און שטעל אַ „פיגור" (אַ ציפער), צייל אויס די טאָולס (האַנטעכער) און שטעל אַ „פיגור". — איבער דער נאַכט האָב איך זיך אויסגע־לערנט, אַז שוירטס — הייסט העמדער, טאָולס — הייסט האַנטע־כער, און שיטס הייסט ליילעכער. די לאָנדריניטשקע האָט גע־פּרעסט און איך האָב געבונדן די פּעקלעך און געשטעלט די „פי־גורס". פון אָנהויב אָוונט האָט די לאָנדריניטשקע געשוויגן. זי האָט מיר שוויגנדיקערהייט געוויזן, ווי מען שטעלט אַריין די ברעטלאַך אין אַ העמד, עס זאָל זיין שטייף, עס זאָלן ניט ווערן קיין קנייטשן. — מאַך ניט קיין קנייטשן, — האָט זי געזאָגט, — אַ קנייטש איז ביי זיי ערגער ווי אַלץ. אַ קנייטש איז דער „בלעק האָרס" אין די לאָנדרי ביזנעס. — אין אַ פּאָר שעה אַרום, ווען עס איז שוין געווען אינמיטן נאַכט האָט זיך די לאָנדריניטשקע צערעדט. אינדערהיים האָט זי זיך געלערנט פאַר אַ דענטיסטקע. זי האָט שוין „פּראַקטיקירט", זי איז געווען אַ סטודענטקע אין שימאַנאָווסקעס זובאָוראַטשעבנע שקאָלע אין וואַרשע, און דאָ איז זי געוואָרן אַ לאָנדרילײדי (אַ באַלעבאָסטע פון אַ וועשעריי), מען פּרעסט אונטערוועש און אַזוי פּטר'ט מען אַוועק אַ לעבן . . . די לאָנדריניטשקע האָט פאַרענדיקט איר מעשה, וואָס ציט זיך פון פאַר דרייסיק יאָרן אָן . . . זי האָט שטיל פאַר זיך געזונגען אַ רוסיש לידל: „וואָט מטשיטסיאַ טראָיקאַ אודאַלאַיאַ" . . . דאָס לידל האָב איך שוין אַמאָל געהערט און אפילו געוואוסט דעם ניגון. דער פּעטער זיידל אין לובלין, אַז ער פלעגט אונדז אַמאָל פירן „קוליק"

מיט זיין שליטעלע, פלעגט ער זינגען דאָס זעלביקע ליד. און איצט זיצנדיק באַנאַכט מיט דער לאַנדריניטשקע האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך הער ביידן זינגען: אויף דעם פעטער זיידל אין לובלין. געקומען אַהיים בין איך פאַרטאָג. די טאַנטע האָט מיר געעפנט די טיר: — נו, ביסט שוין געוואָרן אַ סיטיזן? — האָט זי מיך אַ פרעג געטאָן. איך האָב איר געוויזן די דריי זילבערנע האַלבע דאָלאַר, וואָס די לאַנדריניטשקע האָט מיר געגעבן. — איין האַלבן דאָלאַר באַהאַלט, — האָט מיר די טאַנטע געזאָגט, — מען האַלט, אַז די ערשטע פאַרדינטע זילבערנע מטבע איז מזלדיק. — אַז איך האָב זיך געלייגט שלאָפן האָב איך זיך דערמאָנט פון מענדל פושקאַרט. ער איז גאָרניט קיין שלעכטער מענטש, און ער איז געווען גערעכט, איך האָב זיך טאַקע געפילט פאַר אַ „סיטיזן" היינט אין דעם פאַרטאָג, ווען איך האָב פאַרדינט דעם ערשטן דאָלער אין אַמעריקע.

די לאַנדריניטשקע

7טער מערץ.

באַנאַכט איז עפּעס אַנדערש און באַטאָג איז ווידער עפּעס אַנדערש, ווי מענטשן זאָגן — ס'איז אַ חילוק ווי צווישן טאָג און נאַכט. באַטאָג איז די לאַנדריניטשקע גאָר אַן אַנדער מענטש, ווי באַנאַכט. באַטאָג קאָמאַנדעוועט זי. זי שטייט אין דער לאַנדרי און קאָמאַנדעוועט: זי שיקט די „באָיעס" (אינגלעך) נאָך די פעקלעך וועש, זי שיקט זיי מיט פאַרטיקע פעקלעך פאַנאַנדערטראָגן, זי נעמט געלט און גיט רעשטע, זי פּרעסט און פּרעסנדיק שרייט זי אויף דער שוואַרצער, אַז זי זאָל די צייט ניט פּטר'ן, זי גיט אַלע ווײַלע אַ קוק צו מיר אויך, צי איך שטעל ריכטיק די „פיגורס" (ציפערן), בקיצור, אַ „גענעראַל". זי האָט, זעט אויס, אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז זי האָט מיר דערציילט באַנאַכט, ווי זי איז געווען אַ „דענטיסט" און האָט „פּראַקטיקירט" ביי שימאַנאָווסקען אין דער זובאָוואָטשעבנע שקאָלע, זי האָט פאַרגעסן „וואָט מטשיטסיאַ טראַיקאַ אודאַלאַיאַ". ביינאַכט איז געווען אַן אַנדער לאַנדריניטשקע און בייטאָג איז פון איר קיין זכר ניט געבליבן. פאַרנאַכט האָט זי מיר געגעבן אַ דאָלער און אַ זאָג געטאָן: — קומט אַרויף צו מיר

„אַפּסטעז" (אינדערהויך) טרינקען אַ קאַפּ קאַפּע (אַ טעפּעלע קאַ־ווע). — די לאַנדריניטשקע וואוינט אין זעלביקן הויז, וואו די וועשעריי געפינט זיך, מיט איין שטאָק העכער. אַרויפגעקומענדיק „אַפּסטעז", אָנגעצונדן די עלעקטרי, איז די לאַנדריניטשקע ווי־דער געוואָרן אַ „באַנאַכטיקע". זי האָט מיר געוויזן, אַז לעוו טאָלסטאָי הענגט ביי איר אויפן וואַנט, איינגערעמט אין אַ זיל־בערנע ראַם, און איבערן בילד אַ גרינע צווייג.

— דער גרעסטער מענטש אויף דער וועלט, — האָט די לאַנ־דריניטשקע געזאָגט.

— זי האָט אָן עפּן געטאָן אַ סך שופלאָדן איינעם נאָכן אַנדערן, לסוף אַרויסגענומען אַ ברוינעם פּאָרטפּעל מיט פאָטאָגראַפיעס. די לאַנדריניטשקע האָט אַרויסגענומען איין פאָטאָגראַפיע, אַ גרופּע מיידלעך און יונגע לייט.

— אָט דאָס בין איך, — האָט די לאַנדריניטשקע געוויזן אויף איין מיידל, — און דער־אָ, — די לאַנדריניטשקע האָט גע־וויזן אויף אַ יונגנמאַן מיט אַ באָרד, — דער האָט פּערזענלעך גערעדט מיט לעוו טאָלסטאָיען.

זי האָט די פאָטאָגראַפיע צוריק אַריינגעלייגט אין דעם פּאָרט־פּעל, דעם פּאָרטפּעל אין אַ שופלאָד, זי האָט פאַרמאַכט אַלע שופ־לאָדן און האָט די קאָמאָד צוגעדעקט מיט אַ סערוועט און אַוועק־געשטעלט אויפן קאָמאָד די באַזעגלטע מעיפּלאָוער. דער לאַנדרי־מען איז געשלאָפן. מיר האָבן אויסגעטרונקען צו טעפּעלעך קאַפּע, איך האָב געגעסן אַ „סענדוויטש", וואָס די לאַנדריניטשקע האָט מיר פאַרגעלייגט. עסן אַ „סענדוויטש" איז פאַר מיר ניט פון די גרינגע זאַכן. ווי נאָר איך פּרוּוו אים צוטראָגן צום מויל, אַזוי פאַלט באַלד אַרויס דער קעז, אָדער די וואורשט, וואָס עס ליגט דאָרטן. ביי די אַמעריקאַנער איז אַ „סענדוויטש" איין גאַנצע זאַך, ביי מיר איז עס דריי זאַכן און יעדעס האַלט זיך באַזונדער. ווען מיר האָבן געגעסן די סענדוויטשעס האָט מיר די לאַנדריניטשקע געזאָגט: — מיסטער פּושקאַרט האָט מיר געזאָגט, אַז איר האָט אינדערהיים געענדיקט גימנאַזיע און דערפאַר האָב איך אייך גע־וויזן די אַלע זאַכן . . . — איך האָב זיך געשעמט זאָגן דער טאַנטע, אַז איך האָב געגעסן ביי דער לאַנדריניטשקע אַ סענדוויטש.

פאַרוואָס איך האָב זיך געשעמט, ווייס איך אַליין ניט, נאָר איך האָב איר ניט געזאָגט. עפּעס האָט זיך מיר געדאכט, אַז עס איז ניט שיין פאַר מיר צו עסן ברויט פון אַ סך אויוונס. אינדערהיים האָב איך געטראָפן מענדל פּושקאַרט און צום ערשטן מאָל פאַר מיין זיין, אויך די פּושקאַרטע. עדי איז געווען און „רעד". מענדל פּושקאַרט האָט מיך אַ פרעג געטאָן: — נו, ווי גייט דיין נייער „דזשאָב"? ביסט שוין געוואָרן ראָקפעלער? די צרה איז, — האָט ער צוגעגעבן, — וואָס דער „בעק" (פּליִיצע) ביי דעם לאָנדרימען וועט דאָך איבערגיין, און דו וועסט מוזן וואַרטן אויף מיסטער רו־בינס „פעקטאָרי" מיט די „פּיסעס". — „רעד" איז געקומען מיך לערנען ענגליש. ער האָט אפילו געבראַכט אַ בוך מיט ביל־דער, אונטער יעדן בילד אונטערגעשריבן ווי די זאַך הייסט אויף ענגליש, נאָר אַנשטאָט מיך לערנען האָבן זיי גאָר אָנגעהויבן ריידן צווישן זיך, „רעד", עדי און סעלמאַ, זיי האָבן זיך אָנגע־הויבן קריגן, ווער איז דער גרעסטער סטאַר אין אַמעריקע. סעל־מאַ האָט געזאָגט, קלאַרק געיבל, „רעד" האָט געזאָגט, עדי קענ־טאָר, און עדי האָט געזאָגט — ער גלויבט אין גלען מילער דעם „דזשיריבאָג". איך האָב געהערט ווי זיי האָבן עטלעכע מאָל דער־מאָנט „דזשיריבאָג", און איך טראַכט, אַז מיסיס שאָר איז טאָקע גערעכט, און עדי מוז טאָקע זיין אַ „דזשיריבאָג" און עס איז אַ רחמנות אויף סעלמאַן. וואָס זיי האָבן אַלץ גערעדט האָב איך כמעט גאָרניט פאַרשטאַנען. איך האָב בלויז געזען, אַז אַלע זיינען רויט, אַלע זיינען בייז, אַלע ברענען ווי פייער. מיר האָט זיך געדאכט, אַז זיי קריגן זיך גאָר וועגן אַנדערע זאַכן, וואָס ליגן זיי טיפער אין האַרצן, ווי עדי קענטאָר און גלען מילער. ווער ווייס? און אפשר ליגט זיי טאָקע גלען מילער אַזוי טיף אין דער נשמה? וואָס קען מען וויסן, אַז זיי ריידן ענגליש? אַ נס, וואָס די עלטע־רע ריידן כאָטש אַביסל אידיש און איך קען זיי פאַרשטיין. מענדל פּושקאַרטס פרוי האָט דערציילט דער טאַנטע וועגן אירע דאָקטוי־רים. איך האָב באַמערקט, אַז דאָ רעדט מען אַ סך וועגן „דייעט" (דיעטעס). אויב אַ מענטש וויל זיין געזונט — האָט געזאָגט מענדל פּושקאַרטס פרוי — מוז ער האָבן זיין „דייעט", פּונקט, ווי יעדער מענטש מוז האָבן זיין קלייד און זיינע שיך — אַזוי מוז ער האָבן

זיין „דייעט". מענדל פושקאַרט, וואָס האָט דערוויל אויסגעמייס־טרעוועט פאַר זיך אַ גלעזל טיי, האָט איבערגעשלאָגן זיין ווייב: אַז איך בין הונגעריק, עס איך אויף מיין „דייעט" און איר „דייעט" און עס האָט נאָך מיר קיינמאָל ניט פאַרשאַדט . . . — אינמיטן די קריגערייען האָט „רעד" אַ זאָג געטאָן צו מיר: — „קאַם אָן איך וועל דיך טיטשן (לערנען) ענגליש". — ער האָט עס געזאָגט אַזוי, אַז עס איז קלאָר געווען, אַז צוליב דעם איז ער געקומען. מיר איז געוואָרן גרינג אויפן האַרצן, איך האָב דערפילט, אַז איך האָב אַ גוטן פריינט אין אַמעריקע — דעם „רעד".

דער פעטער דערציילט מעשות

8טער מערץ.

מוחל דעם עפל און מוחל דעם וואָרעם אין אים, — אַזוי פלעגט זאָגן די מאַמע עה"ש און אַזוי קומט עס אויס מיט מענדל פושקאַרט. אַלע פרייטיק צו נאַכט כאַפּט ער זיך אַריין צו אונדז שפּילן אין פינאָקל, דערציילן זיינע מעשות און שיקן מיך נאָך טיי, נאָר היינט איז ער געווען אַזוי צעשמעלקעט, אַז איך האָב נאָך אים קיינמאָל אַזוי ניט געזען. מיך האָט ער גערופן „גרינינקע", „גרינע" איז שוין, זעט אויס, וויניק. „נאָך טיי", האָט ער צו מיר צוגעוואונקען געוויס אַמאָל אַכט. דאָס לעצטע גלאָז טיי האָט ער שוין ניט געקענט אויסטרינקען און האָט עס איבערגעלאָזן קאַלט אויפן טיש. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז ער אַזוי בגילופין, ווייל ער האָט מיך געפירט אויפן דזשאַב צו דער לאָנדריניטשקע, דער־נאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אויפגעטאָן אַ גרעסערע זאַך: ער האָט געבראַכט די מיס פאַלעי צו אונדז אין שטוב אַריין זיך אינשורן ביים אָנקל. די מיס פאַלעי האָט אויך געשפּילט אַ פינאָקל. דער אָנקל האָט מיט איר געשפּילט זייער פאַרזיכטיק און געלאַסן, מענדל פושקאַרט האָט אים פון פריער אָנגעוואונקען, אַז זי איז אַ „קאַסטאָמער". איך האָב היינט צום ערשטן מאָל גע־הערט, ווי דער אָנקל קען שיין דערציילן מעשות. ער האָט דערציילט אַ סך מעשות דער מיס פאַלעי, טאַקע וועגן אינשורענס, און אינשורענס אַגענטן. דער אָנקל האָט אַרויסגענומען פון זיין

פּאָרטפעל אָן אַ שיעור בויגנס, צעטלען, געדרוקטע און געשריבענע, ביכעלעך מיט פאַרשידענע חשבונות: — אַט לאָמיר אַ קוק טאָן, אין דער גמרא'לע, — און ער האָט געבראַכט דאָס ביכל, וואו עס שטייען לאַנגע רייען מיט רעכענונגען, וויפל מען דאַרף אויס־צאָלן אין פאַל פון אַן „עקצידענט", חלילה.

— אין דער גמרא'לע געפינען מיר, אַז צאָלן דאַרף מען סך הכל 36 טאָלער אַ יאָר, דערפאַר אין פאַל פון אַן „עקצידענט" חלילה, קריגט מען 1000 טאָלער „אימידיעיטלי" (תיכף) און דערנאָך 40 טאָלער אַ חודש ביז מען ווערט געזונט. אין דעם מחזור'ל שטייט נאָך עפּעס, — און דער אָנקל האָט געזאָגט, וואָס עס שטייט אין דעם מחזור'ל. די מיס פאלעי איז אַ „נוירס" (קראַנקנשוועסטער) אין אַ שפּיטאָל, זי האָט פאַרבראַכט אַ יאָר אין ארץ ישראל און האָט זייער הנאה געהאַט פון דעם אָנקלס גמרא'לעך מיט די מחזורים'לעך. דער אָנקל האָט אויסגעפרעגט די מיס פאלעי וועגן דעם כתל מערבי, און וועגן דעם הר הכרמל, און האָט גע־זאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט זיך אָביסל באַפרייען פון די „ביזנעס" וועט ער אַליין אויך אַרויספאָרן אויף אַ יאָר צייט קיין ארץ ישראל.

— יעדער מענטש, — האָט דער אָנקל געזאָגט, — מוז זיין כאָטש איין יאָר אין ארץ ישראל. — דער אָנקל האָט דערציילט דער מיס פאלעי ווי וויכטיק עס איז צו האָבן אַן אינשורענס, ניט כדי עס זאָל חלילה טרעפן אַן „עקצידענט", נאָר פונקט פאַר־קערט, עס זאָל ניט טרעפן, און די בעסטע גאַראַנטיע איז דאָס גוטע מזל פון דער רייכער אינשורענס קאָמפּאַני. דער אָנקל האָט אויך דערציילט אַ מעשה פון איינעם זיינעם אַ קליענט, מיסטער מעלאַ־מעד, וואָס איז געווען רייך ווי קורח. ער האָט געהאַט הייזער און אַ פאַרם, און אַ האָטעל און אַנדערע ביזנעס און האָט זיך ניט געוואָלט אינשורן. אויף וואָס דאַרף ער, זאָגט ער, ער איז אַזוי אויך אינשורט. האָט דער מיסטער מעלאַמעד געהאַט אויסער אַלע פאַרמעגנס אַן אַלטע טאַנטע. און די אַלטע טאַנטע האָט געהאַט אַ טבע אַ צי טאָן מיט דער נאָז, ווען זי האָט גערעדט, געזאָגט אַ פּאָר ווערטער און אַ צי מיט דער נאָז. געזאָגט נאָך אַ פּאָר ווער־טער און ווידער אַ צי מיט דער נאָז. מיסטער מעלאַמעד האָט

ליב געהאַט די טאַנטע ווי אַן אייגענע מאַמע, נאָר ער האָט ניט געקענט פאַרליידן, ווי זי ציט מיט דער נאָז. אַלצדינג וואָלט ער איר נאָכגעגעבן, אַבי זי זאָל אויפהערן רעדן און אויפהערן ציען מיט דער נאָז. איז איינמאָל קומט צו דעם מיסטער מעלאַמעד די טאַנטע און זאָגט צו אים ניט מער און ניט ווייניקער: ער זאָל זיך גלייך גיין אינשורן, כאָטש אויף צען טויזנט דאלער, ובכן זי האָט געזען א חלום ווי אַלע זיינע הייזער זיינען צעגאַנגען פונקט ווי זיי זאָלן זיין פון שניי חס וחלילה. ניט געברענט אויפן פייער, נאָר פשוט צעגאַנגען ווי שניי. אַפּריער צעגייט דער דאַך, און דערנאָך די טירן מיט די פענצטער און דערנאָך די ווענט . . . און אפילו די שוועלן. די טאַנטע האָט עס אַלץ דערציילט און די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו ציען מיט דער נאָז. און וואָס מער די טאַנטע איז אַריין אין ברען פון דערציילן די מעשה, איז אַלץ דאָס שמאַרעניש מיט דער נאָז געוואָרן אָפטער און שטאַרקער. מיסטער מעלאַמעד האָט מער ניט געקענט אויסהאַלטן, און האָט געשיקט נאָך אַן אינשורענס אַגענט, נאָכן אַנקל טאַקע, הייסט עס, און האָט געהייסן שרייבן אַן אינשורענס, ווי די טאַנטע זיינע האָט געוואָלט, אויף צען טויזנט דאָלער. מאַכט זיך אַ מעשה און ביי דעם מיסטער מעלאַמעד ברענט אָפּ אַ הויז. רייך איז ער נאָך סייווי געווען געוועזן. ווילצלט ער זיך מיט דער טאַנטע: איר האָט געזאָגט, אַז די הייזער וועלן צעגיין, דער סוף ברענען זיי גאָר . . .

— איך ווינטש דיר חלילה ניט קיין שלעכטס, האָט די טאַנטע געזאָגט, נאָר זיי וועלן נאָך צעגיין אויך . . . איך ווינטש דיר ניט חלילה קיין שום בייז . . . — דער סוף איז געווען, אַז זיי זיינען טאַקע צעגאַנגען . . . עס איז געקומען דער קראַך, דער האָטעל האָט באַנקראָטירט, די הייזער האָבן צוגענומען די שוואַרצ־יאָרן, די מאָרטגעיטשיערס, און מיין מיסטער מעלאַמעד איז גע־בליבן ביי די צען טויזנט דאָלער, ניט פאַר קיין אָרימאַן געדאַכט, און יעדער מענטש מוז זיך אינשורן טאַקע אַז קיין „עקצידענט" זאָל ניט פּאַסירן . . . — האָט דער אַנקל פאַרענדיקט די געשיכטע קעגן דער לאָגיק. איך האָב געמיינט, אַז נאָר ווען דער אַנקל שפּילט אַ פּינאָקל ווערט ער אַ לעבעדיקער, איצט האָב איך געזען ווי שיין ער האָט דערציילט די מעשות דער מיס פאַלעי. די מיס

פאַלעי האָט אמת הנאה געהאַט. זי האָט געלאַכט פון די גמרא'לעך מיט די מחזורים'לעך מיט די קליענטן, און זי האָט געבעטן, אַז אין אַ דריי טעג אַרום זאָל ער אַריינקומען צו איר שרייבן אַן אינ־שורענס. איצט קען זי ניט, זי קען ניט פּאַר אַלעמען אויסזאָגן ווי אַלט זי איז . . . אַלע האָבן געלאַכט, מענדל פּושקאַרט האָט איר צוגעזאָגט, אַז אַזאַ אינשורענס אַגענט ווער זי ניט קריגן. אין די קאַרטן האָט מיס פאַלעי געוואונען זיבעציק סענט, מענדל פּושקאַרט האָט אויסגעטרונקען זיבן גלאָז טיי און די אַכטע האָט ער איבערגעלאָזן אַ קאַלטע שטיין אויפן טיש. איך האָב געזען און געהערט ווי דער אָנקל קען שיין דערציילן מעשות. אַ שאָד מערניט, וואָס ווען ער קומט אַהיים נעמט ער זיך אַ „וואַקיישן" אויף שווייגן. ווען איך בין געגאַנגען שלאָפן האָב איך צו מיין גרעסטער פאַר־וואונדערונג געפונען אַ צעטעלע ביי מיר אונטערן קישן: „אַי לאַיק יו מאַר דען עניוואַן. ע." עס האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין האַרצן, וואָס דער עדי וויל פון מיר פאַרשטיי איך ניט. ער איז דאָך אַוועק מיט סעלמאַן אין די מואווים, איז וואָס וויל ער נאָך פון מיר? זעט אויס ער וויל איך זאָל מוזן אַנטלויפן פון שטוב און לויפן גלייך קיין לובלין, ווייל קיין אַנדער אָרט האָב איך דערווייל ניט.

אַ בריוו פון לייזערן

9־טער מערץ.

— איין שמחה מאַכט זיס אַלע צרות, — פלעגט זאָגן די מאַמע עה"ש. היינט באַקומען אַ בריוו פון לייזערן. לייזער איז אין ארץ ישראל! לייזער לעבט! און עס איז אַזוי מאָדנע אַרויסגעקומען. איך בין גראַד אַראָפּ אַ קוק טאָן צי בריוו זיינען דאָ, און דער בריווטרעגער איז אָנגעקומען. איך האָב אים גע־זאָגט מיין נאָמען: זילבערג, און ער האָט מיר גלייך דערלאַנגט אַ בריוו, אַזוי ווי ער זאָל אים האַלטן אָנגעגרייט פאַר מיר. איך בין געוועזן אַזוי איבעראַשט פון דעם בריוו, אַז איך האָב ניט גע־וואָלט אַרויפגיין אין שטוב אים לייענען, איך בין אַרויס אויף דער גאַס און געעפנט דעם בריוו. „גאָלדענע רבקה'לע", אַזוי שרייבט מיר לייזער. לייזער פלעגט מיך רופן אַזוי אַמאָל . . . ער איז אין ארץ ישראל, לייזער. ער איז געקומען מיט אַ גריכישער שיף.

ווי קומט לייזער צו אַ גריכישער שיף? ווי אַזוי איז ער אַוועק פון לובלין? ווער קען וויסן? „נסים", שרייבט לייזער, „נסים זיינען מיט מיר געשען . . . " ער שרייבט, אַז ער וועט מיך אויך אַריבערנעמען קיין ארץ ישראל. „צוליב דעם בין איך געפאָרן", שרייבט ער. איך האָב אַליין ניט באַמערקט, ווי לייענענדיק דעם בריוו האָב איך זיך פאַרדרייט אויף אַן אַנדער גאַס, זיך אומגעקערט צוריק. דער בריוו און אפילו דער בלויער קאָנווערט זיינען געווען אַזאַ וואונדער אין מיינע אויגן. ווען איך האָב זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן וואו איך בין, איז אומגעריכט אָנגעקומען די מיסיס שאָר: „האַלאָ," האָט זי אַ זאָג געטאָן, „וואו בלאָנדזשעסטו?" אַלץ זעט זי די מיסיס שאָר, זי האָט דערקאָנט, אַז איך בלאָנדזשע, נאָך גוט וואָס זי האָט דעם בריוו ניט באַמערקט. איך האָב אים שוין געהאַלטן אויפגעלייגט אין האַנט. איך בין אַוועק מיט דער מיסיס שאָר צו אונדזער הויז.

— וויסט, רבקה'לע, דער „רעד" האָט עפּעס אָנגעהויבן אַריינקומען צו אייך זייער אָפט? ער פלעגט פריער ניט קומען, — האָט די מיסיס שאָר געזאָגט.

מיר איז געווען איצט גרינג אויפן הארצן. מיט לייזערס בריוו אין טאַש האָב איך שוין אפילו געקענט שפּאסן.

— דאָס איז צוליב אייער ליליא סאַמעטענער בלום, וואָס איר האָט מיר געגעבן, ווען איך בין געגאַנגען צו דער חתונה . . . — האָב איך אַ זאָג געטאָן צו דער מיסיס שאָר. — עס איז, זעט אויס, טאַקע אַ מזלדיקע בלום.

— ניין, איך מיין, אַז דאָס איז צוליב דיינע צעפּ, די „באַיעס" זיינען שוין דערעסן געוואָרן די געסטריזשעטע מיידלעך, — האָט די מיסיס שאָר, ווי געווינלעך, אַ זשמורע געטאָן מיט אַן אויג.

אַ גאַנצן טאָג בין איך געווען עפּעס אַזוי ווי אין אַ היכער־פלעט. איך האָב אַ גאַנצן טאָג געפילט לייזערס בריוו אין טאַש. לייזער לעבט און לייזער איז ניט אין לובלין. צו וואָס טויג איצט דאָרט דער סאָסנאָווער וואַלד, וואו מיר פלעגן גיין שפּאַצירן? איצט איז שוין דער וואַלד גאָר ניט מער. לייזער איז אין ארץ ישראל. ווי זעט אויס ארץ ישראל? ער שרייבט, ער איז אין אַ בית פּרטי. איך בין אין ניו־יאָרק ביי דער טאַנטע, די מאַמע

עה"ש איז שוין אינגאַנצן ניטאָ. דער טאַטע איז אין לובלין. פון ברודער מיכל ווייס איך ניט וואו ער איז. איך ווייס בלויז, אַז ער לעבט. „צעזייט און צעשפרייט", פלעגט זאָגן די מאַמע עה"ש. פון קאָפּ איז מיר ניט אַרויס די „גריכישע שיף". ווי זעט עס אויס אַ גריכישע שיף? אַ סך זאַכן האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום מיר און איך ווייס ניט ווי זיי זעען אויס. דער טאַנטע האָב איך וועגן דעם בריוו ניט דערציילט, כאָטש איך וואָלט זייער וועלן עמיצן דערציילן וועגן דעם בריוו. נאָר מיר דאַכט זיך — גלייכער די טאַנטע זאָל ניט וויסן. דעם „רעד" וועל איך אויך ניט דערציילן. וואָס ווייס דער „רעד" פון לייזערן? איך וועל גיין זען מיין לערער שיינפעלדן. איך וועל אים דערציילן פון לייזערס בריוו. שיינפעלד קען לייזערן. לייזער איז געווען זיינער אַ שילער. שיינפעלד האָט גערעדט צו מיר, ווי צו אַ שוועסטער. ער האָט מיר געזאָגט, אַז זיינע נעגל זיינען שוואַרץ געוואָרן פון דעם זאַלץ, וואָס מען וואַשט מיט דעם די אַלטע לעפל אין דער „פעקטאָרי", וואו ער אַרבעט. מאָנטיק, נאָך דער אַרבעט וועל איך אַרויפגיין „אַפּסטעז" ביי דער לאַנדרינישטשקע און וועל ענטפערן לייזערן אויפן בריוו. ער איז אַזוי ווייט, לייזער. און לובלין איז ווייט. אַלץ איז ווייט, ווייט, ווייט.

זכות אָבות זיינען מיר בייגעשטאַנען

10־טער מערץ.

זינט דער „רעד" האָט אָנגעהויבן אַריינקומען צו אונדז האָט שוין אַ צוויי מאָל אָפּגערופן רוט. רוט האָב איך געזען אויף דער חתונה. זי איז סעלמאַס אַ חברטע. אַ הויכע. זי איז אַ „מאָדל". די טאַנטע האָט מיר געזאָגט, אַז כדי אָנקומען פאַר אַ „מאָדל" דאַרף מען זיין אַ שיינע. פון אַזאַ פרנסה הער איך גאָר צום ערשטן מאָל, צום ערשטן מאָל אויף מיין גאַנץ לעבן. אין לובלין איז מסתם קיין איין מיידעל קיין „מאָדל" ניט געווען. אַ מאָדנע אַרבעט: אַ גאַנצן טאָג גיין אָנגעטאָן פרעמדע נייע קליידער, מען זאָל קוקן אויף זיי. אויף די קליידער הייסט עס זאָל מען קוקן, ניט אויפן מענטשן . . . אַזאַן אַרבעט איז צען מאָל ערגער, ווי בינדן פעקלעך וועש ביי דער לאַנדרינישטשקע.

רוט האָט היינט אויך אָפּגערופן. גערעדט מיט סעלמאַן. עדי האָט אָפּגערופן. מאַרווינס חבר, אייב, האָט אָפּגערופן, עס איז היינט געווען אַ גאַנצן טאָג אַ רופעניש אויפן טעלעפאָן. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז גלען מילער, וואָס עדי האָלט אים פאַרן גרעסטן „סטאַר" אין אַמעריקע איז אַראָפּגעקומען מיט זיין „בענד". זיי וועלן היינט געבן אַ קאָנצערט. סעלמאַ גייט, עדי גייט, רוט גייט, מאַרווין גייט, אייב גייט. דער אָנקל האָט אַ זאָג געטאָן: מען גייט צום רבין. מיר האָט סעלמאַ גאָרניט געזאָגט וועגן דעם „בענד". וואָס האָלט זי זיך אַזוי גרויס סעלמאַ אַנטקעגן מיר? ווען איך וואָלט געבאָרן געוואָרן אין ניו יאָרק וואָלט איך אויך געקענט ריידן ענגליש. און ווען זי וואָלט געבאָרן געוואָרן אין לובלין וואָלט זי קיין ענגליש אויך ניט געקענט. און וואָס איז דאָס אין דער אמתן פאַר אַן עוולה, אַז מען ווערט געבאָרן אין לובלין? עס איז נאָך גוט געווען, וואָס איך האָב געוואוסט, אַז ביי מיר אין טאַש ליגט לייזערס בריוו. און לייזער איז אויך געבאָרן געוואָרן אין לובלין.

סעלמאַ איז שוין היינט ווידער געשטאַנען ביים שפּיגל. זי האָט געמאַכט די האָר אַזוי ווי דעמאָלט צו דער חתונה. דריי שטאָק גרייזלעך, איין שטאָק אויפן אַנדערן און אויפן דריטן שטאָק אַ רויז. איך ווייס ניט פאַרוואָס איך האָב דערפילט, אַז מען פאַרשעמט מיך. אַלע גייען צום „בענד" און איך? אַזוי ווי איך זאָל גאָר אין שטוב ניט זיין. אַזוי ווי איך זאָל גאָר אויף דער וועלט ניט זיין. פאַרנאַכט האָט ווידער אַ פּאָר מאָל געקלונגען דער טעלעפאָן. מען האָט גערעדט וועגן „בענד". עדי איז געקומען. ער האָט זיך אינגאַנצן ניט ווייסנדיק געמאַכט וועגן דעם צעטעלע, וואָס ער האָט מיר איבערגעלאָזן אונטערן קישן. ער האָט זיך אַ דריי געטאָן איבערן שטוב. ער האָט געזען, אַז סעלמאַ איז אָנגעטאָן און איך ניט. איך האָב געזען, אַז ער האָט עס באַמערקט. ער האָט מיר געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר סעלמאַ האָט געהאַלטן אין איין ריידן צו אים. כדי זיך מאַכן אינגאַנצן ניט ווייסנדיק, האָב איך אָנגעהויבן צו איבערשרייבן די ענגלישע ווערטער פון דעם ביכל מיט בילדער, וואָס „רעד" האָט מיר געבראַכט. איך האָב זיך געזעצט מיטן פּלייצע צום צימער און איך האָב זיך

געטראַכט: איך האָב אייך אין „קאָטוך", גייט אייך צום „בענד". אין לובלין ווערן אויך געבאָרן פיינע מענטשן, כאָטש איר שעמט זיך גיין מיט מיר צו אייער „בענד" . . .

פלוצלינג האָט דאָס האַרץ ביי מיר אַזוי אָנגעהויבן זעצן, אַז איך האָב אויפגעהערט צו זען די ענגלישע ווערטער, וואָס איך האָב איבערגעשריבן. איך האָב דערהערט „רעדס" שטים: האלאָ רבקה, האָט ער אַ רוף געטאָן, און האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן צו מיר אויף ענגליש. איך האָב ניט פאַרשטאַנען. ער האָט מיר אַ וויז געטאָן צוויי בילעטן: פּאָר יו ענד מי. קוויק, קוויק, (פאַר דיר און פאַר מיר, שנעל). קוויק ווייס איך שוין וואָס דאָס הייסט. איך האָב אין דער רגע אַ טראַכט געטאָן אַזאַ נאַרישקייט, וואָס קיין גרעסערע קען גאָר אויף דער וועלט ניט זיין. „זכות אבות זיינען מיר בייגעשטאַנען" האָב איך אַ טראַכט געטאָן, „וואָס דער „רעד" איז געקומען מיט די בילעטן. נישט געלאָזט מיך פאַרשעמען אַנטקעגן סעלמאַן און אַנטקעגן אַלעמען". איך גיי צום „בענד", איך גיי צום „בענד", האָב איך די גאַנצע צייט געטראַכט, גייענדיק. איך ווייס אַליין ניט פאַרוואָס דאָס האָט מיר אַזוי הנאה געטאָן.

דער „קאָנצערט" איז מיר ניט געפעלן. אַזאַ טראַסקעריי, ווי שדים זאָלן טאַנצן, נישט מער עס האָט מיר הנאה געטאָן, וואָס איך האָב אויסגעפירט. נאָכן קאָנצערט איז צו אונז צוגעגאַנגען רוט. „רעד" האָט אונז באַקענט: „האַו דו יו דו" (וואָס מאַכט איר), האָט רוט אויסגעזונגען, דער לעצטער „דו" איז ביי איר אַרויסגעקומען מיט אַ קוויטש, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי בייזערט זיך. דאָס „האַו דו יו דו" קען מען, זעט אויס, זאָגן ווי מען וויל. אַז עדי גיט מיר אַ זאָג „האַו דו יו דו", גיט ער עס אַ כאַפּ אָפּ, עס דאַכט זיך, אַז ער וויל מיר נאָך עפּעס זאָגן און ער פאַר־האַקט זיך. אויף דער ראַדיאָ האָב איך געהערט, ווי איינער זאָגט „האַו דו יו דו" לייגט ער אַריין דאָס גאַנצע האַרץ אין דעם ערשטן „דו" און עס קומט ביי אים אויס: „האַו דו־ו־ו יו דו"... „רעד" זאָגט מיר פשוט: וואָס מאַכסטו? ער רעדט צו מיר אידיש, ניט קיין אידיש אינגאַנצן, נאָר אידישלעך . . . ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט אַמאָל געלערנט אין אַ תלמוד תורה, און ער האָט טאַקע ניט געלאָזט זיך בעטן און האָט פאַר מיר אויס־

געלייגט וואָס ער קען: דוד המלך, שלמה דהי חכם און יוסף הצדיק. בעסער פון אַלץ האָט ער געדענקט וועגן שלמה דהי חכם, און ער האָט מיר איבערדערציילט די מעשה מיט „די צוויי ווימען און די קיד״ (צוויי פרויען און אַ קינד). געוויס קען לייזער מער פון אים . . . „איך גלייך די אידישע סטאָריס״ — האָט מיר „רעד״ געזאָגט, — איך גלויב אים, כאָטש אין דער היים פלעגט מען זאָגן, אַז אַ געלער איז אַ רמאי, אָבער אַז איך זע „רעדן״ דאַכט זיך מיר, אַז עס איז ניט אַזוי, און ער איז ניט קיין אַפּנאַרער. אַז ער האָט היינט געבראַכט די „טיקעטס״ צום קאָנצערט האָט זיך מיר אים געוואָלט אַ קוש טאָן, נאָר מער וואָלט מיר ניט געפעלט . . . ווען לייזער זאָל וויסן, וואָס איך שרייב איצט? ער וואָלט געוויס געטראַכט, אַז איך בין אַן אויסוואורף.

בעת׳ן קאָנצערט, ווען עס איז געוואָרן פינצטער אין זאַל האָט מיך „רעד״ אַ קוש געטאָן. דאַכט זיך, אַז די מיסיס שאָר איז געווען גערעכט, אַז די „באָיעס״ געפעלן מיינע צעפּ, ווייל „רעד״ האָט מיך טאַקע אַ קוש געטאָן פריער אין האַלדז און דערנאָך אין די האָר. איך מיין, אַז קיינער האָט עס ניט געזען. מער פעלט מיר ניט . . . איך האָב געמיינט, אַז מען קען שטענדיק זאָגן דעם אמת, זע איך אַז נישט: לייזערן וועל איך ניט שרייבן וועגן „רעד״ן, איך קען דאָס ניט, און „רעד״ן וועל איך ניט דערציילן וועגן לייזערס בריוו. זעט אויס, אַז דאָס האָב איך זיך אויס־געלערנט פון דער אַקטריסע, זי טוט טאַקע אַזוי.

ווען סעלמאַ האָט פאַרן שלאָפן מיך אַ פרעג געטאָן: „ווי גלייכסטו דעם קאָנצערט?״ „מיר איז דאָס זייער געפעלן, איך וועל שוין שטענדיק גיין״ -- האָב איך איר אָפּגעצאַצקעט מיין ענטפער, כאָטש פון דער „טראַסקעריי״ האָט מיר אַזש ווי געטאָן דער קאָפּ, נאָר זאָל סעלמאַ ניט מיינען, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן בלויז פאַר איר.

אונטער דער „מעיפלאַוער״

11טער מערץ.

דער לאַנדרימאַן איז נאָך קראַנק. ער איז אַריבערגעפאָרן צו זיין שוועסטער צוויי בלאָק ווייטער פון דער וועשעריי, די

שוועסטער זאָל אויף אים אַכטונג געבן, ווייל די לאַנדריניטשקע איז פאַרנומען. מענדל פושקאַרט זאָגט, אז אויף מיין מזל איז געקומען זיין שלימזל. די לאַנדריניטשקע גיט מיר אַלע טאָג אַ דאָלער און זי רופט מיך אַרויף „אַפּסטעס" אויף אַ „קאָפּ קאַפּע" און אַ סענדוויטש. זעט אויס, אַז דאָס רעכנט זי צו צו מיין געהאַלט, צו די „ווידזשעס", ווייל זי דערלאַנגט עס מיר, ניט ווי מען דערלאַנגט אַ גאַסט, נאָר ווי אַ פּאַרדינטע זאַך. איך האָב אויפגעהערט צו עסן אָוונט־ברוט אינדערהיים. איך ענטפער דער טאַנטע: „אַ דאַנק, איך האָב שוין געגעסן" און דאָס איז מיר אַנגענעם. אויסער דעם „קאָפּ קאַפּע" און דעם סענדוויטש ווייזט מיר די לאַנדריניטשקע פאָטאָגראַפיעס. די שופלאָדן פון דער קאָמאָדע, וואו עס שטייט די „מעיפּלאַוער" זיינען זעט אויס אָנגעפּיקעוועט מיט פאָטאָגראַפיעס. אַז זי דאַרף מיר עפּעס ווייזן עפנט זי איין שופלאָד, און אַ צווייטן און אַ דריטן, זי גיט אַ צעעפן אַלע שופלאָדן, די קאָמאָדע בלייבט שטיין מיט אָפענע פליגל, און די לאַנדריניטשקע געפינט די פאָטאָגראַפיע, וואָס זי האָט געזוכט. היינט האָט זי אַרויסגענומען אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ יונגמאַן, ער איז פאָטאָגראַפירט אין אַ סטודענטישער היטל מיט אַ קאָקאַרדע פון פאַרנט, מיט קנעפּלעך אויף דער מאַרינאַרקע.

— דאָס איז אַבראַשאַ, האָט זי אַ זאָג געטאָן, אַבראַשאַ. זי איז מיט אים אַרומגעגאַנגען אַכט יאָר. זי איז געווען אין דער זובאָוראַבעטשעבנע שקאָלע און ער אין דער טעכנישער שול. ער האָט געקענט גוט זינגען. אַז ער פלעגט אָנהויבן זינגען „וואָט מטשיסטאָ טראַיקאָ אודאַלאַיאַ", פלעגט ווערן שוואַרץ אונטער די פענצטער, אַלע פלעגן זיך אָפּשטעלן, עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע לעבן וועט אַזוי זיין, און ווער איז געווען גלייך צו באַשקע ליכט?

„איינמאָל בין איך מיט אַבראַשען געקומען אין וולאַדעווע, אַהיים, זומער . . . ווען ער האָט אָנגעהויבן זינגען ביי אונדז אין הויז — האָט די גאַנצע גאַס צעעפנט די פענצטער: — באַשקע ליכט'ס חתן זינגט, דער סטודענט, דער טעכניקער. די מאַמע מיינע, זי לעבט שוין ניט, האָט זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל אויפהערן זינגען, מענטשן וועלן זי נעמען אויף די ציין . . . עס

איז איר צו־גוט. אין אַ יאָר אַרום איז אַבראַשאַ קראַנק געוואָרן אויף די לונגען. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אָטוואָצק. אין איין יאָר האָט מען אים ניט געקענט דערקענען, דאַר געוואָרן, האָט געהוסט. די מאַמע מיינע האָט מורא געהאַט איך זאָל זיך ניט אָנשטעקן. זי האָט מיך „אַרויסגעכאַפּט פון פייער" און אַוועקגע־שיקט צו איר שוועסטער קיין אַמעריקע. אַבראַשאַ האָט מיר קיין איין בריוו ניט אָנגעשריבן. איך האָב אים אפשר הונדערט בריוו געשיקט, ער האָט מיר אויף קיין איינעם ניט געענטפערט. איך האָב געהערט, אַז ער האָט נאָך געלעבט עטלעכע יאָר און האָט נאָך אפילו צוגעהאָלפן זיין ברודער אין אַפּטייק. מיין מוטער האָט געמיינט, אַז פאַר מיר זאָל זיין בעסער, נאָר איך האָב דאָס גאַנצע לעבן חרטה, וואָס איך בין אַוועקגעפאָרן. ניט שטענדיק דאַרף מען פאָלגן עלטערן . . . דאָ האָב איך חתונה געהאַט, האָב אַ פיין הויז, אַ פיינע טאָכטער, אַ גוטן מאַן זאָל ער מיר נאָר געזונט ווערן, נאָר באַשקע ליכט איז ניטאָ. עס לעבט בוירדי שליווקע, און איך זאָג איך, אַז באַשקע ליכטס איין טאָג איז מער ווערט ווי בוירדי שליווקעס אַלע יאָרען" . . . דאָס האָט די לאַנדריניטשקע געזאָגט, ווען זי האָט שוין אַלע פליגלען פון דער קאַמאָדע צוגעמאַכט און האָט שוין אַוועקגעשטעלט אינדערהויך די צעזעגלטע מעיפלאַוער. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אונטער דער מעיפלאַוער ליגן באַהאַלטן אַ סך אומעטיקע מעשות. ווען זי האָט עס מיר דערציילט האָב איך געטראַכט פון זיך און פון לייזערן. זאָל כאָטש די מעשה פון באַשקע ליכט ניט זיין פאַר מיר קיין שלעכטער אָנזאָג. ווער ווייס? אָט זאָגט מען מיר אויך, אַז איך זאָל בייטן מיין נאָמען אויף רוט. „רוט" איז אַ ריכטיקער נאָמען, זאָגן זיי. אפשר וועט רבקה זילבערג אויך ניט ווערן, און עס וועט ווערן „רוט?" — „רוט" — ווי נאָך? מיר האָט זיך דערמאָנט דעם „רעדס" פאַמיליע — לעוויט . . . „רוט לעוויט?" און מיר האָט שטאַרק אָנגעהויבן קלאַפּן אין האַרצן, שלאָגן, שלאָגן . . . און לייזער וועט מיר אויף קיין בריוו ניט ענטפערן? איך האָב אַ קוק געטאָן צו לייזערס בריוו ליגט אין טאַש? דערזען דעם בלויעם קאָנווערט און זיך באַרואיקט.

דער „רעד" איז היינט אויך געקומען. ער האָט זיך גענומען

מיך לערנען „ספעלינג" און אין עטלעכע מינוט אַרום האָט רוט אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן. זי האָט גערעדט מיט סעלמאַן. דער „רעד" האָט אַ זאָג געטאָן: „גריטינגס" און האָט ווידער מיר געוויזן ווי מען שרייבט — „פאָטהער" (פאָטער). די טאַנטע האָט געשפּאָסט: אַ מלמד געוואָרן . . . נאָר איך זע, אַז דער „רעד" האָט זיך פאַרלייגט מיך אויסצולערנען ענגליש און איך טראַכט, אַז לייזער וואָלט אויך אַזוי געטאָן . . . איך זע איין אַז דאָס וואָס מען זאָגט אינדערהיים, אַז אַ גלעלער איז אַ רמאי איז ניט ריכטיק. עס קען ניט זיין, אַז „רעד" זאָל מיך וועלן אָפּנאַרן. ער איז דאָך ניט קיין „דזשיריבאָג" און אפשר?

דריי מזל טובס

12־טער מערץ.

היינט איז אַ טאָג פון סאַמע מזל־טוב'ס. ערשטנס האָט די מיסיס ראַבקין באַשלאָסן צו אינשורן אירע קינדער. פאַרן מיטינג אין דער טאַנטעס „ליידיס סאָסייעטי" האָט די מיסיס ראַבקין אָפּגערופן די טאַנטע אָן אַ זייט און האָט זיך מיט איר באַראַטן: — איך קען ניט „דעסיידן" (באַשליסן), האָט זי געזאָגט, צי זאָל איך „אינשורן" (פאַרזיכערן) די קינדער צי ניט? די טאַנטע דערציילט די מעשה און דאָס גאַנצע פּנים לויכט ביי איר פון געלעכטער: „איך האָב אויך ביי מיין מאַמען קיין שטרוי ניט געקייט — זאָג איך צו מיסיס ראַבקין, — לאָזט עס איבער, מיסיס ראַבקין, נאָכן מיטינג וועט זיין מער צייט" . . . און איך האָב זי באַמינירט פאַר וויס פּרעזידענטין . . . איך האָב געזאָגט צו די פרויען, אַז מיסיס ראַבקין איז שוין צוועלף יאָר אַ מעמבער (מיטגליד) אין דער סאָסייעטי און עס איז ניט מער ווי רעכט, זי זאָל זיין ביי אונדז וויס־פּרעזידענטין. אייניקע האָבן אפילו ניט געוואָלט ליידן, אָבער די פרויען האָבן זיך אָנגעכאַפּט, עס איז שוין געווען שפּעט, אַבי מען גייט אַהיים, און מען האָט זי געמאַכט פאַר וויס פּרעזידענטין. די מיסיס ראַבקין איז אַזוי צעשמאָלצן געוואָרן, אַז זי איז צו מיר צוגעגאַנגען און האָט געזאָגט: „אַי נעווער ניו יו'ר סאָטש אַ נייס וואומען (איך האָב גאָר קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז איר זיינט אַזאַ פיינע פרוי)" . . . דער אָנקל האָט געשמייכלט: גם

אתם, האָסטו איר באַדאַרפט זאָגן... און די טאַנטע פאַרענדיקט די מעשה: בקיצור זי האָט „דעסיידעט" צו אינשורן די קינדער.

דער אָנקל, אַז ער הויבט אָן שמייכלען ווייס איך קיינמאָל ניט צי ער שפּאַסט, צי ער רעדט ערנסט. לאַכן לאַכט ער ניט, נאָר ער שמייכלט. אַזוי איז היינט טאַקע געווען נאָך אַמאָל אויך, ווען מאַרווין איז אַראָפּגעקומען מיט אַ שמחה: מען האָט אים באַשטימט פאַר דעם פירער פון די „געימס" (שפּילן) אין זיין קלוב „העפּי אַוור" און ער וועט קריגן דערפאַר פינף דאָלאַר אַ וואָך. דער אָנקל האָט אויך געשמייכלט און האָט אַ זאָג געטאָן:

— איידע, אונדזער קדיש האָבן מיר שוין באַזאָרגט . . .

די טאַנטע האָט זיך אַ בייזער געטאָן: נו, טאַקע, פאַרוואָס ניט? אין אַמעריקע איז אַלץ אַ ביזנעס . . . מאַרווין האָט פאַר גרויס פרייד אָפּגעגעסן פריער פון אַלעמען אָוונט ברויט און איז אַוועק אין די מואוויס זען „געימס". ער קען ניט זיצן אין שטוב „ליידיק".

דער דריטער מזל טוב איז וואָס דער לאַנדרימאַן איז שוין געזונט געוואָרן. ער וועט שוין אַליין בינדן די פּעקלעך און שטעלן די „פיגורס". איך וועל מוזן גיין צו מיסטער רובין זען, ווען דאָס מיידל, וואָס קלייבט די „פּיסעס" (שטיקלעך) אין זיין פעקטאָרי וועט חתונה האָבן. — „לאָז דאָס ניט אָפּ האָט מיך געראָטן די מיסיס שאָר, גיי אַריין צו דעם מיסטער רובין, ווייל דאָס מיידל, אַז זי האָט אַ „דזשאָב" קען אַמאָל אינגאַנצן ניט וועלן חתונה האָבן" . . . דאָס האָט שוין די מיסיס שאָר געזאָגט מיט אַ זשמורע פון אויג. די מיסיס שאָר איז גערעכט, מאָרגן וועל איך אַריינגיין צו מיסטער רובין. די לאַנדריניטשקע האָט, געזעגענענדיק זיך מיט מיר, געזאָגט: גלויב מיר, ביסט ביי מיר ווי אַ שוועסטער, נאָר גאָט צו דאַנקען, וואָס מיין מאַן איז שוין געזונט געוואָרן. און זי האָט מיר אָן עצה געגעבן אַריינגיין אין דעם „קאָונסל אָוו דזשואיש טשאַריטי ווימען", זיי פאַרנעמען זיך איצט אַ סך מיט די פּליכט־לינגע און זי איז „שור" (זיכער), אַז איך וועל דורך זיי קריגן אַרבעט. די לאַנדריניטשקע האָט מיר געגעבן זייער אַדרעס און האָט מיר צוגעגעבן מוט: — אַז מען זוכט געפינט מען. די לעצטע צייט צוליב מיין אַרבעט אין דער וועשעריי האָב איך

פאַרזען די שול. מאָרגן וועל איך צוריק אָנהויבן גיין לערנען, איך וועל צוריק זען די גוטע מיס שוואַרץ, וואָס גיט אַלע ווײַלע אַ בליק אויף מײַן שרײַבן, און וואַרפט אַ פרײַנדלעכן בליק אויף אין מײַן האַרץ: יו'ר יאָנג! (ביסט יונג!) און אַגב וועל איך זיך אַביסל אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דעם „רעד". ער איז מיך הײַנט געקומען אָפּנעמען פון דער אַרבעט. ווען איך בין אַרויס פון דער לאָנדרי, זע איך „רעד" שטייט. ער איז געשטאַנען און האָט געוואַרט אויף מיר. איך האָב געזען, אַז ער וויל מיר עפּעס זאָגן, נאָר ער לייגט עס אָפּ אויף שפּעטער. ווען מיר זײַנען שוין געווען נאָנט פון הויז, האָט ער צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— קום לאָמיר „נעמען אַ וואָק" (גיין שפּאַצירן), איך וועל דיר ווײַזן דעם איסט ריווער, און אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן:

רבקה, דו זאָגסט אַמאָל אַ „ליג"?

— אַ ליגן?

— יע, אַ ליגן, מײַן איך . . . דו זאָגסט אַמאָל?

— פאַרוואָס ניט? האָב איך גאָר פלוצלינג אויסגעשאָסן און אָנגעהויבן לאַכן . . . „רעד" האָט אויך אָנגעהויבן לאַכן און איך האָב געזען, אַז ער פרעגט מיך שוין ניט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט פרעגן. איך האָב צען חרטות געהאַט, וואָס איך האָב אים אַזוי אָפּגעענטפערט, נאָר וואָס האָב איך שוין געקענט טאָן? און אפשר איז גלײַכער ער זאָל מיך ניט פרעגן . . . אפשר ווייסט ער עפּעס וועגן לייזערן . . . אַרום איסט ריווער האָבן געברענט אַ סך פײַערן. עס איז געווען זייער ליכטיק. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין אין לובלין און עס איז ליכטיק געוואָרן דער סאָסנאָווער וואַלד. אין דערהיים האָבן מיר געטראָפן עדין און אַביסל שפּעטער האָט זיך גאָר פלוצלינג אַרײַנגעשטעלט רוט. זי איז געקומען אויסגעפּוצט אין אַ בלויעם זשאַקעטעלע מיט אַכט זילבערנע קנעפּ. די מיסיס שאָר איז גראָד אַרײַנגעקומען און האָט אַ זאָג געטאָן צו דער טאַנטע, און דערבײַ אַ פינטל געטאָן מיטן אויג אויף רוט'ן:

— „די „גרינע" האָט עס אַ רודער געטאָן די מוידן" . . .

נאָר זי האָט זיך פאַרכאַפּט, זי האָט זיך, זעט אויס, דערמאָנט אָן

סעלמאַן. רוט האָט נאָכאַנאַנד געשמייכלט צו דער טאַנטע, צו סעלמאַן, צו עדין, צו „רעד"ן און אַפילו צו מיר. צו מיר זיינען אירע שמייכלען געווען קורצע, אָפּגעריסענע. וואָס זיינען זיי אַלע אין כעס אויף מיר פאַרשטיי איך ניט? סעלמאַ „היט" עדין, און רוט בלאָזט זיך פאַר „רעד"ן, די מיסיס שאַר האָט מיר געזאָגט: רוט איז „קרייזי" פאַר אים. איך ווייס שוין גאַר גוט, וואָס „קרייזי" איז. אין לובלין וואָלט מען געזאָגט, אַז איך בין „קרייזי" פאַר לייזערן און לייזער איז „קרייזי" פאַר מיר, נאָר אין לובלין קען מען קיין ענגליש ניט רײדן.

אין לובלין זאָגט מען „אַרומגיין". רבקה גייט אַרום מיט לייזערן, האָט מען געזאָגט אין לובלין, זי וועט דערגיין צו דער חופּה. און וואו דערגייט מען, אַז מען איז „קרייזי"? דאָס ווייס איך נאָך ניט. דאָס וועל איך פרעגן ביי „רעד"ן. זעט אויס, אַז „רעד" האָט זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון רוטן און ער איז אַוועק זייער פרי. „א'ם ביזי" (איך בין פאַרנומען), האָט ער געזאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען. און אפשר האָט ער שוין גלאַט געוואָלט אַוועקגיין? און אפשר האָט אים פאַרדראָסן, וואָס איך האָב זיך פאַנאַנדערגעלאַכט? דער אומגליק איז, וואָס איך האָב געזען די אַקטריסע אין די מואוויס און איך האָב זיך אויסגעלערנט אירע שפּיצלעך . . . איך וואָלט עס פריער אין לובלין קיינמאָל ניט געטאָן. עס וואָלט געווען זייער גוט, ווען איך וואָלט עס אַלץ געקענט דערציילן לייזערן און הערן, וואָס ער וואָלט מיר געזאָגט אויף דעם.

מיסטער רובין זוכט אַ „שונא"

13־טער מערץ.

עס איז טאַקע זייער גוט, וואָס איך האָב פאַרדינט עטלעכע דאָלער אין דער וועשעריי, האָב איך זיך היינט געקויפט אַ פּאָר נייע שיך. מיינע שיך, וואָס דער ברודער האָט מיר געקויפט אין אַנטווערפּן, זיינען שוין זייער אָפּגעטראָגן, אויסער דעם זיינען זיי מיט לאַנגלעכע שפּיצן און זיי זיינען דאָ ניט „סטייליש" (מאָדיש). די נייע וואָס איך האָב געקויפט זיינען מיט אויסגעשניטענע לעכעלעך און זיי זיינען זייער שיין אויפן פוס.

אויף אַ יונגן פּוס איז אַלץ שיין, האָט געזאָגט די מיסיס שאָר, אַלץ איז שיין און אַלץ איז גוט. די שווערסטע זאַך איז טאַקע צו קריגן די „יונגע פּיס". מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די מיסיס שאָר איז אומעטיקלעך געווען, ווען זי האָט עס געזאָגט, ווייל זי האָט אַפילו מיטן אויג ניט אַ זשמורע געטאָן, ווי זי טוט עס געוויינלעך. ווען איך האָב געבראַכט אַהיים די שיך האָט סעלמאַ אויף זיי אַ קוק געטאָן און האָט אַ מורמל געטאָן זיי זיינען „טשיפּ" (ביליק).

סעלמאַ האָט עס ניט באַדאַרפט זאָגן, ווייל זי ווייס דאָך, אַז איך האָב ניט קיין געלט. די טאַנטע האָט זיך אַ בייזער געטאָן אויף איר: „טשיפּ־שמיפּ, וואָס דען, ווי דיינע משוגעת'ן? אַ שוך איז אַ שוך, אַבי ער איז גאַנץ". איך האָב אָנגעטאָן אַ פּאָר נייע זאָקן, וואָס דער אָנקל האָט מיר געבראַכט, און די נייע שיך און איך בין אַוועק צום מיסטער רובין פרעגן, צי דאָס מיידל, וואָס קלייבט די „פּיסעס" ביי אים אין „פעקטאָרי" קלייבט זיך שוין חתונה האָבן.

דער מיסטער רובין איז היינט געווען עפּעס גאָר אַן אַנדער מיסטער רובין. איך האָב צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געהערט אַ מענטשן ריידן ווי ער האָט היינט גערעדט צו דעם יונגן מאַן, וואָס איז געווען ביי זיי אין הויז. ווען איך בין געקומען האָט דער מיסטער רובין אַ זאָג געטאָן צו מיר: „האַלאָ" און האָט ווידער געשריען, טאַקע פּשוט כמעט געשריען צום יונגן מאַן: „נו, איר ווילט דאָך ראַטעווען די וועלט? זעט, וואָס איר האָט אויפגעטאָן? מלחמות האָט איר געבראַכט, צרות, מען טרייבט יידן . . . אַלץ אייער אַרבעט . . . ווער בעט אייך ראַטעווען די וועלט? וועמעס דאגה איז דאָס?" דער יונגערמאַן, וואָס האָט געבראַכט אויף דער וועלט די מלחמות מיט די צרות האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר מיסטער רובין האָט אים ניט געלאָזט: „וואַרפט אייך אַרויס פון קאָפּ די נאַרישקייטן, האָט ער זיך געבייזערט, וואַרפט אייך אַרויס פון קאָפּ די ראַטונקעס פון דער וועלט . . . אין כל חדש תחת השמש — די וועלט איז אַן אייביקע זאַך. און איר מיט אייערע געשיכטעס, אָרעם־רייך שמייך־גלייך, האָט דערפירט צו אַלע אומגליקן, ביז דער ימח שמו איז געקומען".

דער יונגערמאַן, אַ דינינקער און אַ קליינער, מיט דאַרע הענט,

האָט געוואָלט אַרייַנכאַפּן זאָגן אַ וואָרט: „איך האָב געבראַכט די מלחמה? — האָט ער זיך פאַרענטפערט — וואָס רעדט איר מיסטער רובין? מיר ווילן בלויז דעם מענטשן בעסער מאַכן”... מיסטער רובין איז אַזש אונטערגעשפּרונגען: — אָט, אָט, אָטאָ, דאָס איז די גאַנצע צרה . . . דערציילט ניט קיין מעשות... ווער בעט אייך אַ נייע וועלט? ווער עס האָט שכל מאַכט אַ לעבן אַזוי אויך, און ווער עס איז אַ שוטה לויפט נאָך נאַכן וואָגן, און די רעדער קלאַפּן אים איבער די פיס . . .

דער יונגערמאַן האָט זיך אַ ריס געטאָן, נאָר עס האָט אים גאָרניט געהאָלפן, ער האָט בלויז באַוויזן אויסשרייען: „ווער האָט איך געזאָגט?” . . . דער גליק איז געווען, וואָס די מיסיס רובין איז אַרייַנגעקומען פון קיך מיט אַ טעלער לאַטקעס און מיסטער רובין האָט אויפגעלויכטן. ער האָט אַ נעם געטאָן אַ גאָפּל און האָט זיך צוגעזעצט צום טעלער. דער יונגערמאַן האָט כמעט ניט געגעסן. זעט אויס, אַז ער האָט נאָך געהאַט אַ סך זאַכן צו ענטפערן, און די ניט אַרויסגעבראַכטע ענטפערס האָבן ביי אים צוגענומען דעם אַפּעטיט. עסנדיק די לאַטקעס, האָט מיסטער רובין מיר געזאָגט, אַז דאָס מיידל וואָס קלייבט די „פּיסעס” אין דער פאַבריק וועט אינגיכן חתונה האָבן. „איר פאַרשטייט דאָך, האָט ער מיר געזאָגט, אַרויסטרייבן קען איך זי ניט, אָבער זי קלייבט זיך חתונה האָבן” . . . כ׳האָב אפילו זייער געוואָלט אים איבערפרעגן, וואָס הייסט „אינגיכן”, אָבער כ׳האָב קיין מוט ניט געהאַט. מיסטער רובין און דער יונגערמאַן, וואָס ברייַנגט די מלחמות אויף דער וועלט, זיינען נאָכן אָפּעסן די לאַטקעס אַוועקגעגאַנגען, און איך בין נאָך געבליבן אַ ווייַלע מיט דער מיסיס רובין.

— אַז אויף מיין הערין קומט אָן אַ משוגענער טאָג, איז אים ניט קיין נפקא מינה מיט וועמען ער קריגט זיך . . . פּשוט, ער זוכט אַ „שונא”, און אַבי ער כאַפּט עמיצן קריגט ער זיך מיט אים. אַז קיינער איז ניטאָ איז רעכט זיך קריגן מיט מיר אויך... ווען ניט איך, זאָגט ער, מיט מיינע עצות, וואָלט ער געווען ראַקעפעלער, נאָר איך לאָז אים ניט ווערן רייך . . . די מיסיס רובין האָט אָנגעהויבן לאַכן . . . — ווייסט איר וואָס איך טו דעמאָלט? איך באַק לאַטקעס! מיין הערי האָט זייער ליב לאַטקעס. ווי שטאַרק

ער זאָל זיך ניט כעס'ן, אַז איך ברענג אַריין די לאַטקעס בעט ער זיך איבער מיטן „שונא". איך ווייס טאַקע ניט ווי וואָלט מען געקענט לעבן, ווען אויף דער וועלט וואָלטן קיין לאַטקעס ניט געווען? . . . אָט דער יונגער מאַן איז מיסטער רובינס אַ „נעפיו" (פּלימעניק), זיין ברודערס אַ זון. האָט ער זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, אַז ער איז אַן אַרטיסט (אַ קינסטלער) . . . ער קלעפּט מענטשן . . . הענט, פיס קלעפּט ער, קיין לעבן מאַכט ער ניט . . . איז ער גראָד היינט אָנגעקומען, און הערי האָט זיך געכאַפּט מיט אים קריגן. אָבער אין דער אמת'ן איז הערי אַ גוטער מענטש, האָט אַ אידיש האַרץ, נאָר יעדערער האָט זיינע פאַר־דרייענישען . . . .

איך האָב אויסגעהערט די מיסיס רובין און געטראַכט, אַז דאָס ערגסטע איז, וואָס דאָס מיידל פון די „פּיסעס" קלייבט זיך אַביסל צו לאַנג צו דער חתונה . . . „רעד" איז היינט ניט געווען. עס האָט מיר זייער באַנג געטאָן, וואָס איך האָב פון אים געלאַכט. אפשר האָט ער זיך אויף מיר באַליידיקט? איך האָב אַ גאַנצן אָוונט גאָרניט געקענט טאָן . . . וואָס מיט מיר איז געוואָרן ווייס איך ניט . . . „רעד" איז דאָך ניט לייזער, וואָס איך דאַרף וועגן אים איבערטראַכטן.

וואָס האָסטו געהערט ביי דער מיסיס רובין? האָט מיך די טאַנטע אַ פרעג געטאָן.

זעט אויס, אַז די טאַנטע האָט געוואָלט וויסן וועגן מיין „דזשאָב", נאָר זי האָט ניט געוואָלט וועגן דעם פרעגן גלייך, און האָט געפרעגט „וואָס הערט זיך".

— מיסטער רובין האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס מיידל קלייבט זיך אינגיכן חתונה האָבן, וועל איך האָבן דעם „דזשאָב" . . . האָב איך געענטפערט דער טאַנטע. זעט אויס, אַז טאַקע דאָס האָט די טאַנטע געוואָלט וויסן, ווייל מער האָט זי מיך שוין גאָרניט געפרעגט. איך האָב געזאָגט דער טאַנטע, אַז די לאַנדריניטשקע האָט מיך געראַטן אַריין צו דעם „קאָונסיל אָוו דזשואיש טשאַריטי וומען" און זי האָט מיר געזאָגט, אַז זיי לייגן דאָס לעבן פאַר די פליכטלינגע. סעלמאַ האָט אַריינגעשטעלט אַ וואָרט: יעס, זיי טוען אַ „לאָט אָוו טינגס" (אַ סך זאַכן). עדי איז היינט געווען

זייער אומעטיק. ער האָט כמעט גאָרניט גערעדט. איך האָב באַמערקט, ווי ער און סעלמאַ האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט שטעכווערטלעך. איך האָב ניט פאַרשטאַנען וועגן וואָס זיי ריידן, נאָר לויט עדיס טאָן, און פון סעלמאַס פּנים האָב איך געזען, אַז עפּעס קנעפּלט זיך ניט ביי זיי. אָבי איך בין ניט שולדיק אין דעם. מער פעלט מיר ניט צו אַלע מיינע צרות.

אַביסל שרעק

14־טער מערץ.

באַשערט מיר היינט געווען צו האָבן אַביסל שרעק. אָבי עס האָט זיך אויסגעלאָזן צו גוטן. דער עלעווייטער, וואָס פירט אַרויף צו דעם „קאָונסיל אָוו דזשואיש טשאַריטי ווימען" פליט אַזוי שנעל, אַז מיר האָט אַ קיל געטאָן אין האַרצן, ווען ער האָט זיך אַ הויב געטאָן. אין גיהנום, חלילה, מוז מען אויך מסתּם אַזוי שנעל פליען. און אַז איך בין געקומען אינדערהויך האָב איך דערזען, אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות: אויף אַלע ווענט הענגען דייטשישע און ענגלישע אויפשריפטען און אַלע ריידן דייטש, און ענגליש. זעט אויס, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז איך האָב פאַרפּלאָנטערט דעם אַדרעס . . . איך בין גאָר פאַרקראָכן ערגעץ אין אַ דייטשישער געזעלשאַפט, ווער ווייס וואוהין. הינטער מיר אין דער ריי איז געשטאַנען אַ פרוי מיט זייער העלע אויגן, ניט קיין אידישע אויגן, און אַז איך האָב זי אַ פרעג געטאָן, ווי עס הייסט די געזעלשאַפט, האָט זי מיר געענטפערט: „איהך פאַרשטעהע זי ניהכט". אָט האָסטו זיך, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, זי רעדט מיט אַזויפיל „הייען" און „כאַפן", אַז עס קען ניט זיין זי זאָל שטאַמען פון אידן. איך האָב זיך שוין געוואָלט אַרויסרוקן און גיין זוכן מיין אמת'ן אַדרעס. דערווייל צו מיין גליק איז דורכגעגאַנגען אַ דינינקע מיידל, מיט צוויי בלאָנדע הערנערלעך אויפן שטערן, און ביי איר אויפן האַלדז איז געהאַנגען אַ זילבערנער מגן דוד און אין מגן דוד האָט זיך געהוידעט אַ „ציון" מיט אַ בריליאַנטעלע. איך האָב זיך דערפרייט און זיך אַ לאָז געטאָן צום מיידל: זייט אַזוי גוט און זאָגט מיר, וואו קען איך זיך דערוויסן וועגן אַרבעט?

דאָס מיידל מיטן מגן דוד האָט אויף מיר בלויז איין קוק געטאָן און האָט מיר געזאָגט: „אין טהי ליין פליז", איך האָב זיך גע־שטעלט וואַרטן אין דער ריי. און צו מיין מזל, אַז איך בין צו צום טישל און אָנגעהויבן ריידן אידיש, האָט דאָס מיידל זייער זיס אַ שמייכל געטאָן, האָט אויפגעלייגט די ליפּן ווי אַ דודעטשקע און האָט מיר געזאָגט: „סאָרי, אַי דאָן אַנדערסטענד יו" (איך פאַרשטיי ניט), וואָס טוט מען? איך האָב איר געזאָגט, אַז איך וויל ריידן מיט עמיצן אידיש, איך קען ניט קיין ענגליש . . . דאָס מיידל האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן צו איר שכנטע ביים צווייטן טישל, יענע האָט אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען, זיי האָבן זיך ביידע איבער־געקוקט און זי האָט מיר דערלאַנגט אַ צעטעלע מיטן נאָמען „אייכענבוים", און איך בין אַוועק זוכן די מיס אייכענבוים; מיס אייכענבוים האָט צו מיר אויך געשמייכלט און האָט מיך אָפּגע־שיקט צו מיס ראַבינאָוויטש, די מיס ראַבינאָוויטש האָט אויך גע־שמייכלט און האָט מיך אָפּגעשיקט צו מיס קאַשער, און מיס קאַשער האָט איבערגעלייענט אַלע נעמען וואָס זיינען געווען אָנגעשריבן ביי מיר אויפן צעטעלע, איך האָב געזען, אַז זי וויל אָנהויבן לאַכן, נאָר זי האָט זיך בלויז באַנוגנט מיט אַ שמייכל. זי האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן „ווייט אַ מינוט" (וואַרט אַ ווילע) . . . און זי איז אַוועק זוכן איינע וואָס רעדט אידיש. זי האָט מיר געבראַכט אַ געדרוקטע קאַרטל מיטן נאָמען: מיסיס מאַיאָפּעס. די מיסיס מאַיאָפּעס האָט מיך אויסגעפרעגט און פאַרשריבן, ווי מיין טאַטע הייסט, און ווי מיין מאַמע עה"ש האָט געהייסן, און וויפיל ברידער איך האָב און ווער זיינען מיינע קרובים אין ניו־יאָרק. זי האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצן צעטל און דערנאָך מיך געפרעגט מיין „פּראָפעשן" (פאַך). איך האָב איר ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. אין לובלין האָב איך זיך געלערנט אין אַ מיטל שול . . . און דאָ? איך האָב אַ טראַכט געטאָן און איר געזאָגט, אַז איך האָב געאַרבעט אין אַ וועשעריי אַ וואָך צייט. די מיסיס מאַיאָפּעס האָט זיך אָנגעכאַפּט, זי האָט זיך כמעט דערפרייט און האָט אָנגעשריבן: פּראָפעשאָן — לאָונדרי וואָירקער . . . זי האָט מיך אַזוי אַרום געקרוינט מיט אַ „פּראָ־פעשן", אונטערגעשטראָכן מיט אַ רויטן בלייפעדער מיין אַדרעס און האָט מיר געזאָגט, אַז זיי וועלן מיר „מיילן אַ לעטער" (שיקן

אַ בריוו). ווען איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט פון דער „אידישער״ דאַמע האָב איך זיך זייער דערפרייט, איך האָב געטראָפן מיין לערער שיינפעלדן. — רבקה, איר זיינט אויך דאָ? האָט ער מיך אַ רוף געטאָן — זיי האָבן אייך אויך געזאָגט, אַז זיי וועלן אייך „מיילן אַ לעטער?״ . . . ער האָט אַ לאַך געטאָן. און איך האָב דערזען, אַז דאָס פּנים איז ביי אים דאַר. — איך האָב שוין אויסגעוואַשן אַלע לעפל, האָט ער אַ זאָג געטאָן, און איצט איז ווייניק אַרבעט אין אונדזער „פּעקטאָרי״ . . . עס איז ערגער ווי שלעכט, האָט ער צוגעגעבן . . . און מיין פרוי בעט איך זאָל זי אַריבערנעמען . . . איך בין געווען שוין אין אַלע געזעלשאַפטן... זיי שפּילן גוט אויף די שרייב־מאַשינקעס, האָט ער אַ זאָג געטאָן און האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. איך האָב אים געוואָלט דערציילן וועגן לייזערס בריוו, נאָר איך האָב געזען, אַז ער איז צופיל פאַרזאָרגט און אים ניט געוואָלט טומלען דעם קאָפּ מיט לייזערן און מיט זיין בריוו . . .

— וואָס זאָגט איך אונזער לאַנדסמאַן, מיסטער שאַמוט? — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן.

— אָ, איך האָב אייך גאָר פאַרגעסן דערציילן, מיסטער שאַמוט האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט אייך געגעבן אַ „דזשאָב״ און האָט מיר אגב דערציילט, אַז איר האָט געהאַט זייער אַ שיינע מאַמע . . . איך האָב געענטפערט, אַז דעם „דזשאָב״ וועל איך האָבן ווען אַ שיקסל וועט חתונה האָבן ביי מיסטער רובינען אין פּעקטאָרי, און מיין מאַמע איז שוין אויף דער אמתער וועלט, די שיינע מאַמע מיינע . . . איך האָב גענומען ביי שיינפעלדן זיין אַדרעס און בין אַראָפּ אין דער סאַבוועי. איך האָב געטראָפן אין סאַבוועי עדין. ער האָט זיך מיט מיר זייער דערפרייט.

— רבקה, האָט ער צו מיר גערעדט מיט אַ גויאישן לשון אַזוי ווי פאַן סטעפּאַנאָווסקי, רבקה, אַי לאַיק יו מאַר, דען יור קאַזין... ער האָט ניט אויסגערעדט סעלמאַס נאָמען, נאָר איך האָב געוואוסט וועגן וועמען ער רעדט. „טו בעד״ (אַ שאַד), האָט ער געזאָגט, וואָס דו ביסט געקומען אַזוי שפּעט. עדי האָט מיך געבעטן אַריין מיט אים אין אַ מואווי, נאָר כ׳האָב זיך דערמאָנט וועגן סעלמאַס אַנגעבלאָזענעם גוידער, וועגן דער טאַנטע און וועגן דעם אַנקל, ווי

ער שוויגט און שמייכלט, ווען עפּעס געפעלט אים ניט, און כ'האָב געזאָגט צו עדין: — עדי, האָק ניט קיין טשאַיניק . . . „האָק ניט קיין טשאַיניק" איז טאַקע עדיס אַ ווערטל. דאָס קען ער זאָגן אויף אידיש ניט ווי פאַן סטעפּאַנאָווסקי, נאָר ווי אַלע אידן אין לובלין און אין ניו יאָרק. עדי האָט אָנגעהויבן לאַכן. ער האָט מיך אַרומגענומען ביים האַלדז און האָט אַ זאָג געטאָן: „יו'ר אַ גוד גערל, רבקה" (ביסט אַ וואויל מיידל). „אַי לאַיק יו סאָ מאַטש" (איך האָב דיך אַזוי ליב). זעט אויס, אַז עדי האָט ניט געוואָלט אַריין מיט מיר צוזאַמען אין שטוב. ער איז אַוועקגעפאָרן מיט אַין סטאַנציע ווייטער, ער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף דאָרט עפּעס. „אַ'ל סי יו לייטער" (איך וועל דיר זען שפּעטער), האָט ער געזאָגט און האָט אַ הויב געטאָן צו מיר די האַנט דורכן פענצטער פון דער באַן. די האַנט האָט ער ניט אַראָפּגעלאָזט ביז איך בין דורכגעגאַנגען. ווען סעלמאַ זאָל דאָס וויסן? ווען די טאַנטע זאָל דאָס וויסן? ווען דער אָנקל זאָל דאָס וויסן? און ווען לייזער זאָל דאָס וויסן? און „רעד"? „רעד"ן וואָלט עס געאַרט צי ניין? דאָס וואָלט איך געוואָלט וויסן . . .

„רעד", רוט און איך

15־טער מערץ.

רוט האָט אָנגעהויבן קומען כמעט אַלע אָונט. זי קומט אַריין, שמייכלט, דרייט זיך אַרום און טאַנצט מיט מאַרווינען. דערפאַר האָט „רעד" אויפגעהערט קומען. ער איז שוין אַ פּאָר טעג ניט געווען. די מיסיס שאָר רופט רוטן — די „כלה". די „כלה" איז שוין דאָ, זאָגט די מיסיס שאָר, ווען זי זעט רוטן אַריינקומען. ביי רוטן פלאַמען די באַקן און די אויגן זיינען ביי איר אָנגעצונדן מיט גרויע פייערן. „דאַכט זיך, אַ גאַנץ שיינע מויד, נאָר די „באַיעס" קלעפּן זיך ניט צו איר" — אַזוי רעדט וועגן איר די מיסיס שאָר. פון דער מיסיס שאָרס רייד זע איך, אַז זי איז מיר אַן אמתר גוטער פריינט, און דער עיקר, זי וויל, אַז איך זאָל זיך אויסזוכן אַ „באָי". זי האַלט מיר אין איין דערמאָנען, אַז איך בין שוין צוואַנציק יאָר אַלט. „און ווי מען כאַפּט זיך אַריבער די צוואַנציק, זאָגט זי, זעט מען זיך אַפילו ניט אַרום, ווי מען ווערט אַן אַלטע מויד".

ווער ווייס אפשר איז די מיסיס שאָר געגרעכט? נאָר היינט איז „רעד" געקומען, אָבער ניט אין אָוונט, נאָר בייטאָג. ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אָן אַ מאַנטל, בלויז מיט אַ וואַרימען סוועדער. מיר געפעלט, וואָס „רעד" מאַכט ניט קיין סוד דערפון, אַז ער קומט צו מיר. אַז „רעד" איז אַריין, האָט מיר אָנגעהויבן קלאַפּן אין האַרצן. „רעד" האָט גייענדיק איבערן צימער מיטגענומען אַ בענקל און האָט זיך געזעצט לעבן מיר. — רבקה, האָט „רעד" אַ זאָג געטאָן, דו גייסט אפשר היינט אין סקול (שול)?

— יע איך קלייב זיך טאָקע, איך האָב לעצטנס אַ סך דורכ־געלאָזן.

— גוט רבקה, איך וועל קומען צו דיר אין „סקול".

„רעד האָט עס אַלץ אָפּגערעדט אַזוי גיך, אַז די טאַנטע האָט נאָך אַפילו ניט באַוויזן צוקומען צו אונדז, און אַז זי איז צוגע־גאַנגען האָט „רעד" געזאָגט:

— איך בין דאָ געווען אין „נעיבאָרהוד" (אין דער געגנט), בין איך אַריין זאָגן „האַלאָ".

„רעד" איז נאָך געשטאַנען אַ ווײַלע, עפּעס געשמועסט מיט דער טאַנטע אויף ענגליש און איז אַוועק. זיין שטול איז געבליבן שטיין לעבן מיר, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז נאָך אַלץ אין צימער. פאַרנאַכט בין איך אַוועק אין סקול. אויף די שטיגן האָב איך געטראָפן רוט. זי האָט געטראָגן אַ קליין רויט היטעלע מיט אַ הויכן פעדער.

— וואו גייסטו? האָט מיך רוט אַ פרעג געטאָן.

— זוכן אַ דזשאַב, האָב איך איר געענטפערט און זיך געכאַפּט, אַז איך זאָג ווידער אַ ליגן. מאָדנע, ווי די ליגנס האָבן זיך צו מיר צוגעקלעפּט. איך קען דאָס גאָרניט פאַרשטיין. פאַרוואָס האָב איך רוטן ניט געזאָגט דעם אמת? צו וואָס האָב איך זי אָפּגע־נאַרט? נאָר מיר דאַכט זיך, אַז עס איז גלייכער, אַז רוט זאָל ניט וויסן, וואוהין איך גיי. אין סקול האָט אויף מיר געוואַרט „רעד". ער האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל מיט אים גיין „נעמען אַ וואָק".

— איך וויל דיר פרעגן „סאַמטינג" (עפּעס) — האָט „רעד" צו מיר געזאָגט. איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז „רעד" וויל מיך פרעגן די זעלבע זאַך, וואָס ער האָט מיך דעמאָלט ניט

געפרעגט, ווייל איך האָב אָנגעהויבן לאַכן. מיר זיינען אַוועק צום איסט ריווער. שיפן זיינען געשוואומען באַלויכטענע און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז הייזער שווימען אַרום מיט ליכטיקע פענצטער. אין די הייזער וואוינען גליקלעכע מענטשן. זיי גייען קיינמאָל ניט אַראָפּ פון שיף. און איך מיט „רעד"ן ווען אויך באַלד צוגיין צו אַזאַ ליכטיק הויז. מיר איז געווען גרינג אויפן האַרצן, גוט און גרינג צו גיין שפּאַצירן מיט „רעד"ן, „נעמען אַ וואָק". איך האָב אַ טראַכט געטאָן פון לייזערן. לייזער וואָלט עס געוואוסט, וואָלט אים פאַרדראָסן . . .

— זאָג, רבקה, „דהי טרו" (דעם אמת) האָסטו געמאַכט אַ „דעיט" (באַגעגעניש) מיט עדין?

— נאַרישקייטן, האָב איך געזאָגט, עדי איז דאָך סעלמאַס חתן, און אויסער דעם איז עדי אַ „דזשיריבאַג".

„רעד" האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. ער האָט געלאַכט הויך און האָט אַ פּאָר מאָל איבערגע'חזר'ט — עדי איז אַ „דזשירי־באַג" . . . זעט אויס, אַז דאָס האָט אים אויסגעזען זייער לעכער־לעך, ווייל ער האָט דערנאָך צוגעגעבן: „סאָ פאַני". שפּעטער האָט „רעד" צו מיר געזאָגט:

— „יו נאָו" (ווייסט), רבקה, עדי האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט מיט אים געמאַכט אַ „דעיט" אין דער סאָבוויי און ער האָט דיך אַ קוש געטאָן . . .

מיר האָט זייער פאַרדראָסן, וואָס „רעד" האָט גערעדט מיט עדין וועגן מיר און פאַרדראָסן האָט מיר גאָר אויף „רעד"ן, מער ווי אויף עדין.

— נו, און וואָס האָסטו אים געזאָגט?

„אַי טאָלד הים" (איך האָב אים געזאָגט), דאָס איז אַ ליגן.

מיר איז זייער אומעטיק געוואָרן. איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז לייזער וואָלט מיך קיינמאָל ניט געפרעגט וועגן אַזעלכע זאַכן, ער וואָלט מיך קיינמאָל ניט גענומען אויף אַזאַ נאַרישן פאַרהער... פאַר פאַרדראָס האָט זיך מיר געוואָלט וויינען. איך האָב זייער חרטה געהאַט, וואָס איך בין געגאַנגען צום איסט ריווער, און ניט געבליבן בעסער אין „סקול" לערנען. גלייכער וואָלט געווען איך זאָל ניט גיין . . . האָב איך געטראַכט. „רעד" האָט, זעט אויס, באַמערקט,

אַז מיר איז אומעטיק געוואָרן. ער האָט זיך געפּרואווט פאַר־ענטפערן:

— „אַי נאָו, דאַטס א לאַי, אַי נאָו" (איך ווייס, אַז דאָס איז א ליגן, איך ווייס), נאָר איך האָב דיך געוואָלט פרעגן . . .

צי זאָל איך זאָגן „רעד"ן צי ניט זאָגן, אַז מיר פאַרדריסט אינגאַנצן דער היינטיקער שפּאַציר? אַז לייזער וואָלט מיך קיינ־מאָל ניט געפרעגט אַזוי . . . זאָל איך אים זאָגן, צי ניין? יע, צי ניין?

„רעד" האָט געזען, אַז איך וויל אים עפּעס זאָגן און איך שוויג.

— רבקה, „וואָט עבאַוט דו יו טינק?" (וועגן וואָס טראַכסטו)?

— „רעד" איך וויל דיך עפּעס בעטן, האָב איך אים געענט־פערט, איך וויל דיך עפּעס בעטן . . .

— וואָס, רבקה?

— דו זאָלסט מיך קיינמאָל ניט פרעגן אַזעלכע זאַכן . . .

— וואואַי (פאַרוואָס), רבקהלע?

—איך ווייס ניט „וואואַי", נאָר דו זאָלסט מיך ניט פרעגן...

— און „איף" (אויב) איך וועל וועלן פרעגן?

— זאָלסטו מיך אויך ניט פרעגן.

— און „איף" איך וועל ווילן וויסן? . . .

— זאָלסטו מיך אויך ניט פרעגן . . . און „איף" אַפילו דו וועסט חלשן, זאָלסטו מיך אויך ניט פרעגן, און „איף" אַפילו דו וועסט טאַנצן ווי א „דזשיריבאַג", זאָלסטו מיך אויך ניט פרעגן . . . „רעד" האָט זיך צעלאַכט און איך אויך. דער פאַרדראָס איז ביי מיר אַריבער, נאָר עפּעס איז ביי מיר פאַרט געבליבן אין האַרצן, אַז לייזער וואָלט אַזוי ניט געטאָן . . . „רעד" האָט ניט געוואָלט אַריין אין הויז. איך בין אַרויף אַליין. אויף די שטיגן האָב איך געטראָפן רוטן און עדין.

— האָסט געקראָגן א „דזשאָב"? האָט מיך רוט א פרעג געטאָן און האָט געשמייכלט.

— איך האָב ניט געזוכט קיין „דזשאָב", האָב איך איר

גענטפערט און אויך געשמייכלט. זאָל זי כאַטש איינמאָל הערן דעם אמת . . . צו וואָס זאָל איך איר איצט ליגן זאָגן?

— גוד נאַיט! — האָט רוט אויסגעזונגען און אַלץ געשמייכלט. זעט אויס, אַז שמייכלען איז דאָ אַ מנהג, און מען דאַרף שמייכלען ווען מען וויל און ווען מען וויל ניט. איך וועל זיך אויך דאַרפן דערצו צוגעוואוינען.

עדין האָב איך גאָרניט געזאָגט, נאָר איך ווייס, אַז ער האָט דערפילט, אַז איך האָב אַ האַרץ אויף אים.

— גוד נאַיט, רבקה! — האָט עדי געזאָגט און האָט אויף מיר קיין קוק ניט געטאָן.

גוד נאַיט . . .

איך טראַכט, אַט בין איך געקומען אַהער. איך האָב ניט קיין היים, איך האָב ניט קיין אַרבעט, איך קען ניט די שפּראַך, איך האָב ניט קיין סענט געלט... וואָס זשע זיינען אויף מיר אַלע אַנגעברוגזט? אי סעלמאַ, אי די טאַנטע, אי עדי, אי רוט . . . די מיסיס שאָר זאָגט, אַז אַלץ צוליב מיינע צעפּ... אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי ניו יאָרק איז זיי ענג צוליב מיינע צוויי צעפּ. אַ מאָדנע שטאָט ניו־יאָרק, אַ מאָדנע שטאָט . . .

מיסיס קאָשעס

17־טער מערץ.

אַזעלכע טעג, ווי דער היינטיקער מעגן זיך מער ניט אומ־קערן! פון אַ סך אַזעלכע טעג קען מען פאַרן יונגערהייט צום רבונו של עולם. דער טאַטע שרייבט, אַז ער וואוינט ביי קראַ־סוליען, און קראַסוליע איז שוין ניטאָ. דעם בריוו האָב איך באַקומען איינדערפרי, איך האָב אים איבערגעלייענט איינדערהויך פאַר דער טאַנטע און פאַרן אָנקל.

— נו, גאָט צו דאַנקען, אַבי זיי האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ! האָט געזאָגט די טאַנטע. די טאַנטע האָט געמיינט, אַז קראַסוליע איז אַ נאָמען. ווען איך האָב זיי אָבער געזאָגט, אַז קראַסוליע הייסט אונדזער קו, און אַז דער טאַטע מיטן ברודער וואַלגערן זיך אין שטאַל ביי קראַסוליען, האָט שוין די טאַנטע מער ניט געדאַנקט גאָט. די טאַנטע האָט אפילו אויפגעהערט זיפן די מאַן, וואָס זי

גרייט אויף פורים, און דער אָנקל האָט אַ זיפץ געטאָן: ערגער ווי ביי פרעהן אין מצרים . . . האָט ער געזאָגט, מענטשן זאָלן זיך וואַלגערן אין אַ שטאַל . . . ווינטער.

איך האָב זיך גוט אויסגעווינט, דער בריוו איז אַרויס יאַנואַר, אין די פרעסט. ווי לעבן זיי דאָרטן? און וואָס איז מיט אונדזער שטוב? אָפּגעברענט? אָדער די דייטשן האָבן צוגע־נומען ווער ווייסט? אַלע האָר אין קאָפּ האָבן מיר געשטאָכן און איך האָב געטראַכט, אַז ווען איך זאָל קענען איצט אַוועקגיין צופוס אַהיים, וואָלט איך אַוועק... נאָר ווי לאַנג קען אַ מענטש ווײנען? און איך אַליין? איך מוז אויך אַ זוך טאָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. און אַלע דעכער פון ניו־יאָרק האָבן זיך מיר אויף אַ ווײלע אויסגעוויזן אָפּענע, און דורך אַלע קומט אַריין דער דרויסן און דורך אַלע קומט אַריין די שלעכטע בשורה וואָס יאָגט נאָך דעם עלנטן. נאָר ווי לאַנג קען איך וויינען? איך האָב אָנגעטאָן די נייע זאָקן און די נייע שיך און בין אַוועק אין גאַס. ערשטנס, צעטרייבן די מרה שחורה, און צווייטנס, ווער ווייס וואָס צו טאָן צווייטנס? אפשר וועט עפּעס זיין אַ צווייטנס אויך. כ'האָב זיך געלאָזט גיין צו מיין לערער שיינפעלדן, טאָמער וועט ער מיר עפּעס געבן אַן עצה, וואָס צו טאָן מיט זיך, און ווי צו העלפן דעם טאַטן. פון שיינפעלדן האָב איך גערעכנט גיין צו מיסטער שאַמוט, אפשר וועט ער פאַר מיר עפּעס קענען טאָן. וואָס איז די פעולה פון זיצן אין שטוב? און ווי לאַנג אין דער אמתן קען מען זיצן ביי דער טאַנטע? עס איז היינט, צום גליק, געווען אַזאַ שיינער וועטער, כמעט פרילינג. ווי שלעכט עס זאָל ניט זיין אויפן האַרצן ווערט פאַרט גרינגער, אַז די זון גיט אַ וואַרים די באַקן. אין גאַס איז מיר טאַקע פריילעכער געוואָרן. אַגב זע איך דאָך, עס לעבן אַזויפיל מענטשן, איך האָב דאָך אויך הענט און פיס און אויגן, מסתם וועל איך אויך לעבן. איך האָב אַליין ניט באַמערקט, ווי איך בין אַוועקגעגאַנגען מיט דער גרענד סטריט ביז בראָדוועי. איך האָב ניט באַמערקט ווי איך בין שטיין געבליבן ביי אַ שויי־פענצטער. עס רעדט זיך אַזוי אַ שויפענצטער! אין דער אמתן איז עס געווען אַ פשוט פענצטער, און פון אינעווייניק זיינען געווען אויסגעלייגט געהאַפטענע טישטעכלעך, האַנטעכער, נאַזטיכלעך,

קראַגעלעך. אין פענצטער איז געשטאַנען אַ שילד „הענד מעיד" (האַנט אַרבעט). איך האָב אַ טראַכט געטאָן: אפשר? אפשר זאָל איך אַהער אַריין? איך קען גוט אויסנייען. די מאַמע עה"ש האָט געקענט האַנט אַרבעט, און איך האָב דאָס פון איר איבער־גענומען. אפשר וועל איך דאָ קריגן אַרבעט? פאַרוואָס ניט? מיט וואָס איז דאָס ערגער ווי אַ וועשעריי? אָדער ווי שייערן אַלטע לעפל, ווי מיין לערער שיינפעלד טוט? אָדער ווי קלייבן „פיסעס" ביי מיסטער רובינען אין פאַבריק? אויפן טיר איז געווען אַ שילדל מיט אַ נאָמען: בעטיע קאַשעס. קאַשעס איז געוויס אַ אידישער נאָמען. בעטיע איז אַ נאָמען פון אַ פרוי. איך וועל אַריין. האָב איך געטראַכט. איך וועל אַריין און איך וועל פּרואוון. איך האָב אָן עפן געטאָן די טיר, האָט זיך די טיר פאַנאַנדערגעקלונגען, ווי אַ באַטאַליאָן גנבים זאָל מען דאַרפן כאַפּן. פון אַ טיר מיט דריי טרעפּעלעך, וואָס פירן ערגעץ אַרויף, איז אַרויס אַן אַלטע פרוי, אַ גרויע, זי איז געגאַנגען אָנגעשפּאַרט אַביסל אויף אַ שטעקן. מסתם ווייל אין צימער איז געווען טונקל האָב איך אַ טראַכט געטאָן וועגן דער אַלטער: „מכשפה" און איך האָב זיך אַליין דערשראָקן, וואָס איך טראַכט אַזעלכע ווילדע זאַכן וועגן דער אַלטער פרוי.

— האַו דו יו דו! האָט די אַלטע געזאָגט, האָט מיך אָנגע־קוקט און געשמייכלט. און איך האָב דערזען, אַז זי איז גאָרניט קיין מכשפה. זי האָט קלוגע אידישע אויגן. זייער אידישע. זי איז זייער געלאַסן. זי איילט ניט, זי שטייט און וואַרט ביז מען וועט איר זאָגן וואָס מען דאַרף.

— איך וויל זען מיסיס קאַשעס, האָב איך געזאָגט, ווייל איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן.

— אויף וואָס דאַרפסטו די מיסיס קאַשעס? האָט מיך די אַלטע איבערגעפרעגט און זי איז ווייטער געשטאַנען זייער געלאַסן און האָט געוואַרט, וואָס איך וועל איר ענטפערן.

— וואָס זאָל איך איר זאָגן? האָב איך געטראַכט . . .

— איך בין די מיסיס קאַשעס, האָט זי דערווייל געזאָגט.

— איך קען די אַרבעט, האָב איך איר געוויזן אויף די האַנטעכלעך מיט די קעלנערלעך, מיט די קישן דעקלעך, וואָס זיינען געלעגן אויפן פענצטער.

— איך קען אויסנייען, איך בין אַ „פּליכטלינג", איך זוך אַרבעט . . . ווען איך האָב שוין די אַלע רייד אָפּגעזאָגט פּאַראַמאָל, בין איך שטיין געבליבן און געוואַרט. די מיסיס קאַשעס האָט צוגעהונקען צו דער וואַנט. איך האָב איצט דערזען, אַז זי הינקט טאַקע, ניט בלויז זי שפּאַרט זיך אָן אויפן שטעקל, ווי מיר האָט זיך פריער געדאַכט. זי האָט מיר צוגעשאַרט אַ בענקל און זי האָט זיך אַליין אויך געזעצט.

— וואָס קענסטו? — האָט זי מיך געפרעגט — ווייסע אַר־בעט, צי מיט „קאָלאָרס"?

— איך קען בײדע, — האָב איך געזאָגט, — איך קען גוט אויסנייען.

איך האָב אַרויסגענומען פון מיין טעשעלע אַ נאָז טיכעלע, וואָס איך האָב געבראַכט פון לובלין. אויפן נאָז טיכעלע איז געווען אויסגעהאָפטן מיין נאָמען, אונטערן נאָמען אַ צווייגעלע מיט בלעטלעך און איבערן נאָמען אַ קרוין.

— דאָס איז מיין אַרבעט, — האָב איך געוויזן דער מיסיס קאַשעס.

— דאָס איז „יוראָפּשע" אַרבעט, — האָט זי געזאָגט, — דאָס טויג ניט פאַר אַמעריקע, דאָ אַרבעט מען שנעל, דאָ איז „האַרי אַפּ" . . .

נאָר דאָס נאָז טיכעלע האָט די מיסיס קאַשעס ניט אַרויס־געלאָזן פון האַנט. איך האָב געזען אין דעם גלאַנץ פון אירע אויגן, אַז די אַרבעט געפעלט איר, כאָטש גערעדט האָט זי אַנדערש. — דאָס איז ניט פאַר הי, דאָס איז גוט געווען פאַר דער אַלטער היים . . .

די אַלטע איז אַוועקגעהונקען מיטן שטעקן, זי איז אַרויף אויף די טרעפּלעך און האָט פאַרמאַכט די טיר. איך בין געבליבן אַליין.

— אָט האָסטו זיך . . . — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, — נאָך וואָס איז זי געגאַנגען? און וואָס זאָל איך דאָ טאָן?

אין עטלעכע מינוט אַרום איז די אַלטע צוריקגעקומען מיט אַ סערוועט, אויפן סערוועט זיינען געווען אויסגעצייכנט מאָן־בלומען.

—אָט דאָס קענסטו מאַכן?

זי האָט מיר דערלאַנגט אַ שאַכטל מיט גלאַנציקע זיידענע פאָדים, מיט נאָדלען, מיט פינגערהוטן. איך האָב אויסגענייט אַ מאָן־בלום, אַ צווייטע, איך האָב אויסגענייט מיט דיניבקע שטעך דעם שטענגעלע. די אַלטע האָט דורכגעפּירט מיט די פינגער איבערן געהעפּט.

— קום מאָרגן אינדערפרי און ברענג מיט 5 דאָלער אַ „דעפּאָזיט" (אַ משכן).

— צו וואָס?

— טאָמער מען „ספּוילט" (מאַכט קאַליע) . . .

זאָל איך מאָרגן גיין צו דער אַרבעט? אָדער ניט? איך ווייס ניט . . . איך ווייס ניט וואָס איך זאָל טאָן מיט זיך. ווען איך בין געקומען אַהיים, האָב איך געטראָפן די טאַנטע מאַרינירן הערינג. איבערן גאַנצן שטוב האָט זיך געטראָגן דער ריח פון עסיק מיט נעגעלעך. עס האָט געשמעקט מיט ערב פּורים. אין דער היים פלעגט די מאַמע עה"ש גרייטן אַ סעודה פאַר 12 מענטשן. פאַר אונדזער משפחה, פאַרן פעטער זיידל מיט דער מומען, מיט ביילטשען, מיט נחומטשען, און פאַר אורחים, אורחים פלעגן זיין איינער אָדער צוויי. און די גראָגערס פלעגן אַזוי פריילעך באַגראָבן המנען. איז מיר היינט נאָך אומעטיקער געוואָרן. וואָס אין איין יאָר קען מיט אַ מענטשן ווערן . . . היינט, פאַר פּורים, בין איך גאָר געגאַנגען צו דער מיסיס קאָשעס. דער טאַטע וואוינט ביי „קראסוליען" אין שטאָל. ער בעט אין בריוו מען זאָל אים שיקן וואַרעמע זאַכן. איך וועל גיין צו מיסטער שאַמוט, אפשר קען מען עפּעס טאָן. און איך פּיל זיך — כאָטש גיי צופוס קיין לובלין . . .

און אויף „רעד"ן האָט מיך היינט אויך גוט פאַרדראָסן. ער איז געקומען, האָב איך אים דערציילט וועגן דעם בריוו פון טאַטן.

— יו אַר היר (דו ביסט דאָ) — האָט ער מיר געענט־פערט. איך האָב געזען אויף זיין פּנים, אַז אים אַרט גאָרניט. „רעד" האָט באַמערקט, אַז מיך האָט עס פאַרדראָסן, האָט ער צוגעגעבן:

— וואָס קענסטו העלפן?

איך ווייס ניט צי די אַמעריקאַנער האָבן טאַקע ניט קיין הארץ, צי זיי מאַכן זיך, אַז זיי האָבן ניט? איך ווייס ניט... גיכער פון אַלץ מאַכן זיי זיך. אַ סימן די לאַנדריניטשקע וואָס קוקט ביינאַכט אויף די פאָטאָגראַפיעס...

אַ „דזשאָב"

19טער מערץ.

יענע נאַכט האָט זיך מיר געחלומט דער טאַטע. ער איז געלעגן ביי קראָסוליען אין שטאָל, אויף דער ערד, מיטן רוקן צוגעטוליעט צו דער וואַנט און איך האָב געזען, אַז ס'איז אים זייער קאַלט, די הענט האָט ער געהאַלטן אַריינגעשטופּט אונטער אַ בערגל שטרוי. עס האָט מיר אַ קלעם געטאָן אין האַרצן און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. נאָך אַ שלעכטן חלום קומט אַ גוטער טאָג, פלעגט זאָגן די מאַמע עה"ש, נאָר דאָס מאָל האָט דער מאַמעס ווערטל אַביסל פאַרבלאָנדזשעט און נאָך אַ שלעכטער נאַכט איז דער טאָג אויך ניט געקומען קיין גוטער. אויסער דער מיסיס קאָשעס, האָט זיך נאָך אַריינגערוקט היינט עדי מיט זיינע צעטעלעך. איז מילא די מיסיס קאָשעס — פון איר מוז איך דאָך אויסשטיין, ס'איז דאָך, אַזוי צו זאָגן, אַ „דזשאָב", אָבער וואָס וויל עדי פון מיר? אסור אויב איך ווייס...

צו דער מיסיס קאָשעס בין איך היינט געקומען אינדערפרי, אָן די פינף דאָלער. וואו זאָל איך נעמען פינף דאָלער? און אַזוי ווי די מיסיס קאָשעס איילט זיך ניט, האָט זי געבראַכט דעם סערוועט, זי האָט באַטראַכט נאָכאַמאָל די מאָן־בלומען, וואָס איך האָב נעכטן אויסגענייט, זי האָט נאָכאַמאָל גענומען ביי מיר דאָס נאָזטיכעלע מיט מיין נאָמען, מיטן צווייגל און מיט דער קרוין, און נאָכדעם ווי זי האָט עס אַלץ באַטראַכט האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— אָלרייט, דו קענסט מיר געבן די פינף דאָלער...

אָט האָסטו דיר אַ „דזשאָב", האָב איך אַ טראַכט געטאָן.

— איך האָב ניט קיין פינף דאָלער... — האָב איך אַ זאָג געטאָן דער אַלטער, — איך וועל ניט „ספּוילן" דעם סערוועט,

האָט קיין מורא ניט, איך האָב שוין אויף מיין לעבן אויסגעניית אפשר פינף הונדערט סערוועטן . . . ערשט נאָכדעם, ווי איך האָב „ארויסגעשאָסן" פינף הונדערט סערוועטן — האָב איך זיך אַליין דערשראָקן . . . אויף אַזאַ ליגן האָב איך זיך ניט געריכט. איך האָב אינדערהיים אויסגעניית פאַר אַלעמען באַזטיכלעך, קישנס, פאַר ביילטשעך, דעם פעטער זיידלס, דאָס חופה־קלייד, ווען זי איז געוואָרן אַ כלה, קען איך טאַקע אויסנייען, אָבער פינף הונדערט סערוועטן... מילא, די אַלטע, אַזוי ווי זי טוט אַלץ זייער פאַ־מעלעך, האָט נאָך, זעט אויס, געטראַכט, צי זי זאָל מיר געבן דעם סערוועט אויסנייען, צי ניין.

— דאָ ביי מיר נייט מען ניט, — האָט געזאָגט די אַלטע, — מען נעמט אַרויס אַהיים, און אויב דו וועסט אפילו ניט „ספוילן"...

איך בין געשטאַנען און געטראַכט, אַז ביי דער לאַנדריניטשקע האָב איך געהאַט אַ גוטן „דזשאַב"... דערווייל האָט די מיסיס קאָשעס זעט אויס באַטראַכט, וואָס צו טאָן מיט מיר. זי האָט מיר געוויזן אויף אַ בענקל, און זי האָט געבראַכט דאָס שאַכטל מיט די גראָבע זיידענע פאָדים. די מיסיס קאָשעס איז געזעסן ביז איך האָב אויסגענייט נאָך אַ מאָן־בלום. דערנאָך איז זי אַרויף אויף די טרעפּלעך און האָט פאַרמאַכט די טיר. אין שטוב איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַזש ניט אָנגענעם. וואָס טוט זי דאָרט, די מיסיס קאָשעס? זי שלאָפט? אָדער זי נייט? מען הערט ניט קיין שאָרך פון יענער זייט טיר. בלויז דער סערוועט ביי מיר אויף די קני, און דאָס שאַכטל זייד, זיינען געווען אַ סימן, אַז אין שטוב איז געווען די אַלטע. מיר איז געוואָרן פראָסט אומ־היימלעך. ווען דער צימער וואָלט געווען אויף אַ העכערן שטאָק, וואָלט איך געוויס איבערגעלאָזן דעם סערוועט מיטן „דזשאַב", און איך וואָלט אַוועקגעגאַנגען, פשוט אַנטלאָפן. נאָר איך בין געזעסן ביים פענצטער, אַ צען טריט פון טיר, הינטערן פענצטער זיינען פאַרבייגעגאַנגען מענטשן, די גרענד סטריט איז געווען טומלדיק, וואָס איז דאָ פאַראַן זיך צו שרעקן? פונדעסטוועגן בין איך גלאַט אַזוי צוגעגאַנגען צו דער טיר און געפּרואווט, צי זי עפנט זיך . . . יע, זי עפנט זיך. איך האָב זיך גענומען אויסנייען די „פלאַוערס", אָבער דערפאַר, זעט אויס, וואָס איך האָב גע־

פרואווט אָן עפן טאָן די טיר, איז די מיסיס קאָשעס געוואָרן אומרואיק. זי איז פּאַמעלעך אַראָפּ פון די דריי טרעפּלעך, און אַ קוק געטאָן אויפן סערוועט, זי איז צוריק אַוועק אויף די טרעפּלעך, און אין שטוב איז ווידער געוואָרן די פריערדיקע שטילקייט. פּלוצלינג האָב איך דערהערט, אַז ביי דער אַלטער אין צימער קלינגט אַ טעלעפאָן. דאָס איז פאַר מיר געווען אַזאַ איבערראַשונג, אַזוי ווי איך זאָל דערזען, אַז די מיסיס קאָשעס איז יונג געוואָרן, און האָט געקראָגן שוואַרצע האָר. אויב זי האָט אַ טעלעפאָן, רעדט זיך דאָך דאָרט אויך צו עמיצן. מסתם קומען דאָך אַהער מענטשן אויך. און מסתם גייט דאָך מיסיס קאָשעס אַרויס אין גאַס אויך... עס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש.

פאַרנאַכט האָט מיר די מיסיס קאָשעס געגעבן אַ קוואָדער. — מער האָב איך ניט איצט, — האָט זי אַ זאָג געטאָן, — מאָרגן, אם ירצה השם, וועל איך דיר געבן נאָך אַ האַלבן דאָלער... דערווייל וועט זיין גענוג פאַר דיר... — איך האָב זיך דערמאָנט, ווי זי האָט מיר נעכטן געזאָגט, אַז דאָ אין אַמעריקע איז „האַרי אַפּ" (אויף שנעל), און קוקנדיק אויף איר האָט זיך מיר פאַרוואָלט לאַכן. אַז איך בין אַרויס פון דער מיסיס קאָשעס, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די אַלטע איז אַזוי געלאָסן דערפאַר, ווייל זי געדעקנט ניט, אַז די טעג גייען איבער. די איינציקע זאַך איז דער טע־לעפאָן . . . עפּעס אַזוי ווי אַן איבעריקער אין דעם הויז. איך בין ניט געגאַנגען אַהיים צו אונדז, נאָר צו דער מיסיס שאָר. איך האָב מורא געהאַט, טאָמער איז רוט שוין געקומען און איך האָב ניט געוואָלט, זי זאָל זיך דערוויסן וועגן מיין „דזשאַב", בין איך אַריין צו מיסיס שאָר. עס האָט זיך מיר געוואָלט ווייזן איר דעם קוואָדער, דערציילן וועגן דער מיסיס קאָשעס, און זיך אַן עצה האַלטן, צי זאָל איך מאָרגן גיין צו דער אַרבעט.

— אַ קוואָדער האָט זי דיר געגעבן נאָך אַ טאָג אַרבעט? — האָט זיך די מיסיס שאָר אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ באַק, — הערסט, רבקה׳לע, איך האָב מורא, אַז אָדער דיין אַלטיטשקע איז חלילה אַ משוגענע, אָדער דאָס איז „פּעני די רביצין". אַזוי האָט מען דאָ, אויף גרענד סטריט, גערופן פּענין. זי האָט טאַקע אויך געהאַט אַ שאָפּ פון אויסנייען „עמבראָידערי", און פרייטיק, אַז זי פלעגט

דאַרפֿן אויסצאָלן די מיידלעך די „פּעידי“, פלעגן זיין אַזעלכע קריגערייען, אַז די שכנות פלעגן זיך פאַרשטאָפן די אויערן. דער סוף איז געווען, אַז די שכנות טאַקע האָבן זי „אויסגעוויזן“, זיי ווילן ניט הערן די געשרייען, עס איז זיי געווען אַ רחמנות אויף די מיידלעך. עס קען זיין, אַז דו ביסט אַריינגעפאַלן צו „פּעני דער רבצין“, באַצאָלן וועט זי דיר, נאָר ביז דו וועסט פון איר דער־זען אַ סענט, קענסטו גיכער אַ כלה ווערן.

פון דער מיסיס שאָר בין איך אַריין אין שטוב. איך האָב זייער געוואָלט, עס זאָל קומען „רעד“ און ער זאָל מיך רופן גיין צום איסט ריווער. איך האָב זייער געוואָלט אַרויסטרייבן די שטיל־קייט, וואָס האָט זיך אין מיר „אַריינגעכאַפּט“ ביי דער מיסיס קאָשעס אין שטוב אַזוי ווי חלילה אַ שטילער „דיבוק“. האָט זיך מיר געדאַכט. נאָר „רעד“ן האָב איך ניט געטראָפן, געווען איז עדי. עדי האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן שטוב. איך האָב דער־ציילט דער טאַנטע וועגן דער מציאה ביי דער מיסיס קאָשעס. עדי איז אויך צוגעקומען הערן, און ווען די טאַנטע איז אַוועק ענטפערן דעם טעלעפאָן, האָט מיר עדי געגעבן אין האַנט אַריין אַ צעטעלע און ער איז ניט געוואָרן. אַוועק ריידן מיט סעלמאַן — אַט האָסטו זיך! האָב איך אַ טראַכט געטאָן, טאָמער איז מיר וויניק די מיסיס קאָשעס . . . וואָס וויל עדי? ווידער שוין אַוועקגעטראָגן אַ פּליאַטקעלע צו „רעד“ן? איך האָב דאָס צע־טעלע ניט איבערגעלייענט. איך האָב עס אַריינגעלייגט אין טאַש, און זיך גענומען איבערשרייבן די ענגלישע ווערטער, וואָס די מיסיס שוואַרץ האָט אונדז געהייסן. עדי איז צו מיר צוגעגאַנגען.
— ווי איז דיין ענגליש? — האָט ער מיך געפרעגט, אַז אַלע זאָלן הערן, און האָט אויף מיר געקוקט און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

— אָלרייט, — האָב איך געזאָגט און אפילו ניט קיין קוק געטאָן אויף אים. איך בין געזעסן און געשריבן, און געהערט ווי עדי שפּאַצירט איבערן שטוב. סעלמאַ קוקט די בילדער פון איר „מעגעזין“ און רעדט עפּעס צו עדין. עדי ענטפערט איר און שפּאַ־צירט איבערן שטוב. ער גיט אַלע מאָל אַ שפּאַציר נאָענט צו מיר.

— מעגסט שוין שפּאַצירן פון היינט ביז איבער אַ יאָר וועל איך דיין צעטעלע איצט ניט איבערלייענען, מאָרגן . . . האָב איך געטראַכט. עדי איז אַוועק. ער האָט מיר פון צווייטן צימער אַ זאָג געטאָן: — גוד נאַיט, רבקה.

— גוד נאַיט, — האָב איך אים געענטפערט. נאָך די צוטשעפּעניש פעלט מיר: עדי מיט די צעטעלעך. שלאָפן ווילט זיך מיר ניט. איך האָב מורא, עס וועט זיך מיר ווידער חלומען ווי דער טאַטע פרירט.

די „אַמאָליקע" און די „איצטיקע"

21טער מערץ.

די מיסיס קאָשעס האָט מיר היינט טאַקע אָפּגעגעבן דעם האַלבן דאָלער, וואָס זי האָט מיר געקומט פון נעכטן. און נאָך ווי אָפּגעגעבן! זי האָט מיר דערלאַנגט פינף באַזונדערע דאַימס, אויסגעלייגט אויפן טיש איינס לעבן אַנדערן, מיר זאָלן קיין טעות ניט מאַכן אין חשבון. זעט אויס, אַז מיסיס קאָשעס איז טאַקע ניט „פּעני די רביצין", ווייל זי האָט זיך מיט מיר ניט געקריגט, מען קען זאָגן פאַרקערט, זי איז צו מיר געווען פריינטלעך, זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז אויך אַמאָל געווען אַזוי יונג ווי איך... נאָר אַ מענטש מוז אַלט ווערן. קוקנדיק אויף דער מיסיס קאָשעס מיטן שטעקן, איז דאָס פאַר מיר קיין שטאַרקע שמחה ניט געווען, נאָר וואָס האָב איך איר געזאָלט זאָגן? אַז ס'איז אַ ליגן? דערפאַר, וואָס זי האָט מיר אָפּגעגעבן דעם נעכטיקן האַלבן דאָלער, האָט זי מיר שוין פאַר היינט ניט באַצאָלט.

— איך וועל דיר מאָרגן באַצאָלן — האָט זי מיר געזאָגט מיטן זעלביקן נוסח ווי אייערנעכטן — אויף היינט וועט זיין גענוג פאַר דיר.

צו מיין גרויס וואונדער איז מיסיס קאָשעס ניט אַוועק מיט די דריי טרעפּלעך אַרויף אין איר צימער, נאָר זי האָט גאָר אַוועקגעלייגט דעם שטעקן אויפן טיש און האָט מיך אַ פרעג געטאָן:

— פון וואַנען קומסטו?

— פון לובלין, — האָב איך איר געענטפערט.

— נו, וואָס איז דאָרט מלחמה, האַ?

— יע, דאָרט איז ניט גוט.

— גוט איז אין גן עדן, — האָט מיסיס קאַשעס געזאָגט גלייכגילטיק, — נו, און ווי געפעלט דיר דאָ?

—אַ שיינע שטאָט ניו־יאָרק, געוויס.

— וואָס איז אַ שיינע שטאָט? עס רוישט אין קאָפּ, מען קאָן חלילה געררירט ווערן, דאָט'סאָל (דאָס גאַר).

— און ביי וועמען ביסטו דאָ?

— ביי מיינע קרובים, ביי מיין מוטערס עה"ש שוועסטער.

— וואָס זיינען איצט קרובים? אַמאָל איז אַ טאַנטע געווען אַ טאַנטע . . . איך האָב אַלע מיינע שוועסטערן־קינדער אַריבערגע־בראַכט קיין אַמעריקע. נו, זעט מען זיי איצט אָן, נאַר, אַז זיי דאַרפן עפּעס — קומען זיי, דעמאָלט דערמאָנט מען זיך אָן מיר. דאָט'ס אָל. ווען קומען זיי?

— טאַנטע, אפשר האָט איר אַ „טעיבל־קלאָט" (אַ סערוועט)?

— טאַנטע, אפשר האָט איר אַ קאָווער (צודעק) פאַר אַ קי־שעלע?

— טאַנטע אפשר האָט איר אַ זילבערן לייכטערל?

— נו, און דו מיינסט, איך גיב ניט? איך גיב, און דאָט'ס אָל. איז דאָס אַלץ גוט, וואָס איך בין נאָך אָן אַמאַליקע טאַנטע, די איצטיקע גיבן גאָרניט! נאַר „האָו־דו־יו־דו" און „האָו־דו־יו־דו" און דאָט'ס־אָל. אַנדערע יאָרן און אַנדערע קרובים.

— נו, דו עסט ביי זיי אויך? — האָט מיך מיסיס קאַשעס ווייטער געפרעגט.

— געוויס עס איך ביי זיי.

— טאָקע אַ גוטסקייט . . . מען טרעפט נאָך אַזעלכע מענטשן? איך טרעף זיי ניט . . . — די מיסיס קאַשעס האָט אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען, ווי איינער זאָגט, „איך גלויב ניט אין אַזעלכע זאַכן, אפילו אַז דו זאָגסט מיר, אַז יאָ". די מיסיס קאַשעס האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן און האָט געזאָגט:

— איצט איז יעדערער פאַר זיך, און דאָט'ס אָל. — זי איז אַוועק צו די דריי טרעפּלעך וואָס פירן אַרויף צו איר צימער. איך

בין אַרויס פון דער מיסיס קאָשעס און דערזען, אַז די גרענד סטריט רוישט — האָב איך זיך זייער דערפרייט.

די מיסיס שאָר האָט זיך אַריינגעכאַפּט פרעגן ביי מיר, צי איז דאָס טאַקע „פּעני די רביצין", וואו איך ארבעט.

— ניין, — האָב איך איר געזאָגט, — דאָס איז ניט „פּעני די רביצין", דאָס איז גאָר די מיסיס קאָשעס, זי הינקט אויף אַ פוס.

— און דעם האַלבן דאָלער האָט זי דיר אָפּגעגעבן?

— אָפּגעגעבן פאַר נעכטן, אָבער ניט באַצאָלט פאַר היינט . . .

— מיר דאַכט זיך פאַרט, ס'איז „פּעני די רביצין", — האָט געזאָגט די מיסיס שאָר, — מען דאַרף זיך אָקאָרשט דערוויסן, צי זי האָט ניט צעבראָכן אַ פוס, — און מיסיס שאָר האָט אַ זשמורע געטאָן אַן אויג, ווי איר שטייגער איז.

היינט אין אָוונט איז געקומען רוט. זי האָט, זעט אויס, גע־וואָרט, אַז „רעד" זאָל קומען. „רעד" איז געקומען שפּעטער. רוט איז צוגעקומען צו אים. זי האָט געקראָגן צוויי „קאָמפּלימענטאַרי" בילעטן, „טיקעטס" אין אַ מואווי, זען גרעטא גאַרבאָ.

— קאָם אָן, — האָט זי געבעטן „רעד"ן, — קאָם אָן, „רעד"!

— קאָם אָן! האָט „רעד" אַ זאָג געטאָן און זיך אויפגע־הויבן. רוט איז געוואָרן ליכטיק. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען רוטן אַזוי שייך, ווי אין יענער רגע. זי האָט אַ שוועב גע־טאָן צו סעלמאַן אַזוי גרינג, ווי אַ פייגעלע.

גוד באַי, סעלמאַ, — האָט זי געזאָגט און האָט זי אַ קוש געטאָן.

עפּעס מאָדנע זאַכן טרעפן ביי מענטשן: אַז „רעד" האָט זיך אַ הויב געטאָן אויף גיין אין די מואווים, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער צימער, וואו מיר זיצן, איז געוואָרן זייער גרויס, און איך זיץ אין אַ ווייטן, ווייטן ווינקל פון צימער. מיר האָט עס ניט באַנג געטאָן, נאָר אַ ווייטקייט האָב איך דערפילט צווישן זיך און אַלעמען אין שטוב, אָבער אַזאַ ווייטקייט, אפשר ווי קיין לובלין. איך האָב דערהערט ווי „רעד" גייט צו מיר.

— קאָם אָן, רבקה, מיר וועלן זען גרעטא גאַרבאָ.

אַז „רעד" איז צוגעגאַנגען האָב איך דערפילט, אַז עס האָט

מיך אַ קלעם געטאָן אין האַרצן. וואָס איז געוואָרן מיט מיר? ניט שוין זשע דאַרף איך טראַכטן פון „רעד"ן? אָדער עס דאַרף מיך אַרן צי „רעד" גייט אין די מואַוויס מיט רוטן, צי ניין? איך האָב זיך גע'ישוב'ט צי זאָל איך מיטגיין, צי ניט. די טאַנטע האָט צו מיר אַ וואונק געטאָן:

— גיי, רבקה, וועסט זען גרעטא גאַרבאָ. זי שפּילט „וואַנ־דערפאַל". — „רעד" האָט גאָרניט געוואָרט אויף מיין ענטפער, ער האָט מיר שוין געבראַכט מיין מאַנטל.

— אַי העוו טו טיקעטס (איך האָב צוויי בילעטן)... — האָט רוט אַ מורמל געטאָן. „רעד" האָט איר עפּעס געענטפערט אויף ענגליש. זעט אויס, אַז ער האָט איר געזאָגט, אַז מען וועט קריגן אַ דריטן. רוט איז עפּעס אַזוי ווי הייזעריק געוואָרן. דער קול האָט ביי איר אויפגעהערט צו קלינגען. זי איז אַראָפּ פון די שטיגן די ערשטע. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט צו שמאָלע אַקסלען. איך ווייס ניט, אפשר האָב איך ניט באַדאַרפט גיין? און אפשר האָט רוט ניט באַדאַרפט קומען צו אונדז אין שטוב מיט בילעטן רופן „רעד"ן? אָבער איך בין געגאַנגען... אפשר איז גלייכער אַזוי...

גרעטא גאַרבאָ איז מיר ניט געפעלן. זי איז צופיל בעל גאווה. ווען איך זאָל זי טרעפן וואָלט איך זי ניט ליב געהאַט. זי דופעט צופיל אויף איר שיינקייט. איך קען פונדעסטוועגן ניט פאַר־שטיין רוטן. אין לובלין וואָלט אַ מיידל ניט געטראָגן קיין בילעטן צו אַ בחור, און נאָך דערצו אין אַ פרעמד הויז. וואָס פאַראַ מאָדנע שטאָט ניו־יאָרק איז. אַ מאָדנע שטאָט און מאָדנע מיידלעך.

דער באַל

22טער מערץ.

גאַנץ ניו־יאָרק האָט היינט אָפּגערופן צו אונדז אויפן טע־לעפאָן צוליבן פורים באַל. די טאַנטע איז פאַרזיצערין פון דער „טעיבל קאָמיטע", האָט דער טעלעפאָן ניט אויפגעהערט צו קלינ־גען. די מיסיס ראַבקין, די נייע ווייס פרעזידענטין, האָט אָפּגערופן, אַז זי האָט אַ „קעיק", „שוין איינמאָל אַ קעיק". און וואָס דאָס איז פאַראַ „שוין איינמאָל אַ קעיק" האָט זי ניט געוואָלט זאָגן.

— דאָס דאַרף מען זען, — האָט זי געזאָגט.

מיסיס ערליך האָט געקלונגען, אַז זי קומט צום באַל מיט פּופּציק האָמענטאַשן און מיט אַ מאָן־קוכן. מיסיס ערליך האָט איבערגעגעבן, אַז מיסיס רובין האָט געקראָגן הונדערט פלעש־לעך קאָקאַ־קאָלאַ. מיסיס סאָנשיין האָט אָפּגערופן, אַז זי האָט צוועלף פלעשער קאַרמעל ווײַן, און מיסיס ראָטשטײַן, אַז זי האָט הונדערט פּופּציק גראַגערס. עס האָבן נאָך געררופן די וויס־פּרע־זידענטין, מיסיס שאַפּיראָ, די טרעזשורערין און ווער ניט? דער טעלעפאָן האָט געאַרבעט, ווי אַ לעבעדיקער מענטש, ניט ווי אַ טעלעפאָן. און צום סוף האָט אָפּגערופן די פּרעזידענטין אַליין, מיסיס טקאַטש, און האָט אָנגעזאָגט, אַז דער וויס פּרעזידענט פון דער קאָמיטע „הילף פאַר די פּליכטלינגע", מיסטער שאמוט אַליין, וועט קומען באַגריסן די פאַרזאַמלטע.

— דײַן מיסטער שאַמוט וועט קומען צום באַל, — האָט מיר די טאַנטע אָנגעזאָגט אַ בשורה, און זי האָט באַלד אָנגעטאָן דעם מאַנטל אויף גיין אין האָל צוגרייטן די טישן. סעלמא איז מיט־געגאַנגען אויף מאַכן די „דעקאָריישאָנס" און צוגרייטן דעם „טעיבל אָוו דהי יוטס" (טיש פאַר דער יוגנט).

— קום אויך, רבקה, וועסט העלפן, ס'איז דאָך פאַר לובלין.

אין האָל האָבן מיר געטראָפן עטלעכע פרויען, אַלע אָנגע־טאָן אין פאַרטעכלעך, בלויע, ראָזע, גרינע. די מיסיס ראַבקין האָט זיך פאַרוויקלט דעם קאָפּ מיט אַ טיכל און האָט געקאָמאַנדע־וועט, ווי אַן אמתע וויס פּרעזידענטין. אין האָל האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז רבי פינקל וועט אויך קומען, און אפשר נאָך עמיצער... דאָס האָט מען דערווייל געהאַלטן בסוד. שפּעטער האָט אין האָל אָפּגערופן די מיסיס טקאַטש און האָט געזאָגט „שור" אַז מיסטער עדלשטיין, דער לובלינער לאַנדסמאַן, דער גביר, וואָס וואוינט אין לאָנג איילאַנד, וועט זײַן צום באַל. ער וועט קומען שפּעטער, אָבער „שור". פאַר מיסטער עדלשטיין, פאַרן רבי פינקל און פאַרן וויס פּרעזידענט, מיסטער שאמוט, האָט מען געגרייט אַ „ספּעשל" טיש, און אויף יענעם טיש האָט מען אַוועק־געשטעלט מיסיס ראַבקינס „שוין איינמאָל אַ קעיק" און צווײ פלעשער כרמל ווײַן. פון בײדע זײַטן פון דעם „שוין איינמאָל

אַ קעיק״ האָט סעלמאַ אָרייַנגעשטעלט צווי יעדלאָווע צווייגעלעך און אויף יעדן צווייגל אויפגעהאַנגען אַ גראַגער, איין גראַגער איז געווען אַ גרי'נער און דער צווייטער אַ רויטער. די פירמע „ווייַנ־טראָפּ״ האָט אַרייַנגעשיקט אַ קאַסטן גרעיפּ פרוט. און דער דזשע־ניטער האָט אַרייַנגעבראַכט אויפן פּלייצע אַ קויש מיט „האָט דאָגס״ (וואורשטלעך), און אויפן דיל איז געלעגן אַ באַרג מיט גרינע צווייגן. מען האָט געשפרייט די סערוועטן און אויסגעלייגט גרינע צווייגלעך. די טעלער מיט די טעלערלעך, מיט די גאָפּל, מיט די מעסער האָבן אויסגעזען, ווי געוויקסן, וואָס קוקן אַרויס פון צווישן גרינס. פאַרנאַכט זייַנען די פּרויען אַוועק זיך „דרעסן״. סעלמא איז גייענדיק אַרייַן אין ביוטי־פּאַרלאָר. אינדערהיים האָבן מיר געטראָפן דעם אָנקל און עדין.

— וואו איז סעלמא? — האָט עדי אַ פרעג געטאָן.

— מסתם זיך אַרייַנגעכאַפּט אין בית־מדרש, — האָט דער אָנקל געזאָגט און אַ שמייכל געטאָן.

דער אָנקל רופט דעם „ביוטי פּאַרלאָר״ בית־מדרש. עדי האָט אַ זאָג געטאָן: — אַ, יע, — און האָט אויך אַ לאַך געטאָן. עפּעס מאָדנע האָט מיר אויסגעזען זייַן לאַכן און דאַכט זיך, אַז דער טאַנטע איז אויך זייַן לאַך ניט געפעלן געוואָרן, ווייל זי האָט זיך דאָ אַ בייזער געטאָן אויפן פּעטער:

— נו, און דו גייסט אין בית־מדרש? וואָס שיקסטו עפּעס סעלמאַן?

— ווער שיקט? — האָט זיך דער אָנקל פאַרענטפערט...

— און אַז איך וועל שיקן, וועט מען פאָלגן?

די טאַנטע איז גאָר בייז געוואָרן: — דאַכט זיך, אַז דיר האָט זיך פאַרגלוסט ווערן אַ רב? — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן.

דער טעלעפאָן האָט אַ קלונג געטאָן. ס'איז געווען „רעד״.

— „רעד״ רופט, — האָט די טאַנטע געזאָגט, — ער וועט אויך קומען צום באַל. — עדי האָט זיך אָפּגעקערט צום שפּיגל און מיר האָט זיך געדאַכט דורכן שפּיגל, אַז ער איז בלייך געוואָרן. און אפשר האָט עס אים דער שפּיגל אַזוי בלייך געמאַכט און מיר האָט זיך עס געדאַכט. סעלמא איז געקומען פון ביוטי־פּאַרלאָר,

פאַרקעמט מיט זיבן לאָקן אַרום האַלדז. און דאָס איז געווען שע־נער, ווי די דריי שטאָק קרייזלעך מיט אַ רויז אינדערהויך.

— איז איט נייס ? — האָט זיך סעלמאַ אַ דריי געטאָן אַנט־קעגן עדין. מיר איז געווען אַ רחמנות אויף סעלמאַן אין דער רגע. עדי האָט קוים אַנגערירט איינעם פון די לאָקן און האָט איר גע־ענטפערט : — ווערי נייס (זייער שיין)... — אָבער מיט אַזאַ קול, ווי ער וואָלט געטראַכט פון עפּעס אַנדערש.

די מיסיס שאַר האָט מיר געבראַכט די ליליאַ סאַמעטענע בלום. זי איז ווירקלעך אַ גוטע, די מיסיס שאַר.

— איך וועל דיך ניט לאָזן גיין אָן דער בלום, — האָט זי געזאָגט, — דאָס מזל וועט זיך פון דיר חלילה אָפּטאָן...

— וואָס פאַראַ מזל ?

— וואָס דו געפעלסט די „באָיעס", — האָט די מיסיס שאַר אַ זשמורע געטאָן מיט אַן אויג און האָט אַליין מיר צוגעשפּיליעט די ליליאַ־בלום צו די האָר.

אויפן באַל איז געקומען „רעד". ער איז היינט געווען אַ מאָד־נער „רעד".

— רבקה, איך דאַרף דיך עפּעס פרעגן ! "ריעלי" (ווירקלעך) איך דאַרף דיך פרעגן...

— שוין ווייטער עפּעס פרעגן ? — האָב איך אַ לאַך געטאָן.

— לאַך ניט, רבקה, איך וויל דיך עפּעס פרעגן...

— נאָכן „באַל", — האָב איך אַ זאָג געטאָן „רעד"ן.

— נייַן, פאַרן באַל...

איך האָב געמאַכט אַ קניפּל אויף מיין באַזטיכל און געוואָרפן גורל. „רעד" האָט אַרויסגעצויגן דעם גלאַטן ראָג, ביי מיר אין האַנט איז געבליבן דאָס קניפּל.

— יור'ס לאַקי, — האָט „רעד" אַ זאָג געטאָן.

— וואָס הייסט „לאַקי" ?

— „לאַקי" מיינט ,אַז מען נעמט דאָס קניפּל... — האָט „רעד" געזאָגט.

עס איז אָנגעקומען מיסטער שאַמוט. דער גאַנצער עולם האָט אָנגעהויבן פּאַטשן בראַוואָ, ווען מיסטער שאַמוט איז דורכגעגאַנגען צום „ספּעשל" טיש. געפירט האָט אים מיסיס טקאַטש אַליין און

האָט אַליין אים צוגערוקט דעם שטול. מיסטער שאַמוט האָט גע־שמייכלט. איך האָב איצט געזען קלאָר ווי דער טאָג, אַז ער איז געראָטן אין אונדזער לובלינער חזנטע, און האָט באמת אַ ווײַ־בעריש פּנים. באַלד איז אויך אָנגעקומען רבי פינקל, ער האָט זיך געזעצט אינמיטן, פון דער רעכטער זייט איז געזעסן מיסטער שאַמוט און פון דער לינקער זייט איז געשטאַנען אַ ליידיקער שטול, וואָס האָט געוואַרט אויף מיסטער עדלשטיין, דעם גביר פון לאָנג איילאַנד. רבי פינקל איז געזעסן און ניט גערירט מיט קיין גליד, גלייך ווי דער גאַנצער עולם אין זאַל איז אים געקומען פרעגן אַן עצה, און ער זיצט און באַטראַכט, וואָס זיי צו עצהנען...

„רעד" האָט מיך אַ רוף געטאָן טאַנצן.

— דו ווייסט דאָך, איך טאָר ניט; די מאַמע ע"הש...

—אָ, יע — האָט „רעד" געזאָגט און גענומען סעלמאַן.

ווען סעלמא האָט געטאַנצט מיט „רעד"ן, איז עדי צו מיר צו־געגאַנגען.

— דו ווייסט, רבקה, רוט איז „ענגרי" (בייז) אויף דיר...

— פאַרוואָס ?

— זי זאָגט, אַז „רעד" איז אַ „לאופער" (אַן אַרומלויפער)...

— אַ וואָס ?

— אַ באָם.

— וואָס ?

— וועל ,אַ „לאופער".

איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט מיר געזאָגט וועגן „רעד'ן", איך האָב אָבער געוואוסט, אַז קיין גוטס רעדט ער אויף אים ניט.

— רוט גייט שוין מיט „רעד"ן דריי יאָר מיט פיר מאַנאַטן...

—מיט פיר מאַנאַטן ?...

איך האָב דערפילט אַ כעס. מיר האָט זיך געוואָלט עדין אויסזידלען, און איך האָב אים אַ פרעג געטאָן :

— און ווי לאַנג גייסטו שוין מיט סעלמאַן ? מיט מיין קוזינע סעלמא ?

— דו ביסט אַ שלעכטע, רבקה, אַ שלעכטע...

די טאַנטע איז צוגעקומען צו אונדז. די טאַנטע קומט שטענ־דיק צו, ווען איך רייד מיט עדין.

— עדי, — האָט די טאַנטע געבעטן, — פליז (זיי אַזוי גוט), ברענג מיר אַ טרונק, מיר איז הייס. — עדי איז אַוועק.

אין זאַל איז דערווייל אַריין מיסטער עדלשטיין און פונקט, ווי אַ גרויסער פּראָסט זאַל אַריין, איז אין צימער אַלץ מיט אַמאָל פאַרפראָרן געוואָרן. די טענצער האָבן אויפגעהערט טאַנצן. די ריידער האָבן אויפגעהערט ריידן, און דער עולם האָט זיך אַזוי פאַרלאָרן, אַז מען האָט פאַרגעסן פּאַטשן בראַוואָ. ערשט, אַז מיס־טער עדלשטיין האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ליידיקן שטול לעבן רבי פינקל, האָט דער עולם זיך אַזוי ווי אויפגעכאַפּט און האָט אָפּגעפּייערט אַזאַ פּאַטשעריי, וואָס איך האָב נאָך אויף מיין לעבן ניט געהערט. לעבן מיר איז אין גרויס איילעניש דורכגעגאַנגען די מיסיס ראַבקין, זי האָט געטראָגן אַ טעצעלע און אויפן טעצעלע אַ פלעשל קאָקאַ־קאָלאַ. זי האָט עס געטראָגן פאַר מיסטער עדלשטיין און האָט געוואָלט דאָס אים אַליין דערלאַנגען. נאָר ס׳איז איר ניט באַשערט געווען. זי האָט זיך ספּאָטיקעט אָן אַ שטול, דאָס בלויע טעצעלע איז אַרויסגעפאַלן פון אירע הענט, האָט זיך דריי מאָל איבערגעדרייט און איז געבליבן שטיין בשלום אויף דער ערד, און דאָס פלעשל קאָקאַ־קאָלאַ, האָט זיך געלייגט אויפן בייכל און האָט זיך אַוועקגעקאָטשעט אַזש צום טיש, גלייך צו מיסטער עדלשטיין. דער עולם האָט געפּאַטשט.

— גוט נו... — האָט מיסיס ראַבקין אַ זאָג געטאָן.

די פּרעזידענטין אַליין, מיסיס טקאַטש, האָט אויפגעהויבן דאָס פלעשל קאָקאַ־קאָלאַ און עס דערלאַנגט מיסטער עדלשטיינען. נאָר די גרעסטע איבערראַשונג איז פאָרט געבליבן מיסטער עדלשטיין אַליין. אויף דעם זעלבן בלויען טעצל, וואָס מען האָט אים דער־לאַנגט די קאָקאַ־קאָלאַ ,האָט מיסטער עדלשטיין אַוועקגעלייגט אַ גאַנצן הונדערטער. דער עולם האָט ווידער געפּאַטשט בראַוואָ, און אפילו רבי פינקל האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט און האָט אַ קוק געטאָן אויפן הונדערטער.

כאָטש מיסטער שאַמוט איז ניט געווען דער פאָרזיצער, אָבער ער האָט זיך געפילט היימיש, ווי אַן אמתער לאַנדסמאַן. ער האָט

אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ מעסער אין אַ פלעשל און האָט אַ זאָג געטאָן:

מיר בעטן די לובלינער זיך זעצן און די ניט לובלינער בעטן מיר זיך אויפפירן, ווי אמתע לובלינער! זיינען די לובלינער געווען צופרידן, וואָס זיי זיינען לובלינער, און מען האָט געפּאָלגט און זיך געזעצט. רבי פינקל האָט געמאַכט הויך אַ המוציא און צעשניטן דעם המן־טאַש אויף צען פּענעצן. מיסטער שאמוט האָט אַ ווייז געטאָן אויפן צעשניטענעם המן־טאַש און געמאָלדן, אַז דאָס איז אַ „מזומנער הונדערטער", און ווער עס וויל פאַרזוכן אַ ריכטיק שטיקל המן־טאַש, מוז איצט אָנקומען צו אים, צו מיסטער שאמוט.

דעם ערשטן פּענעץ האָט געקויפט מיסטער רובין און האָט אַליין צוגעטראָגן צען דאָלאַר. דער עולם האָט אים באַלד אָפּגעפּאַטשט דעם פיינעם בראַוואָ. דעם צווייטן פּענעץ האָט געקויפט די פּרעזידענטין, מיסיס טקאַטש, דעם דריטן מיסיס ערליך, און מער זיינען קיין בעלנים ניט געווען. דעמאָלט האָט מיסטער שאמוט געהאַלטן אַ רעדע, אַ „ספּיטש".

„חשובע פאַרזאַמלטע, ליידיס און דזשענטלמען! אַלע פּורים פון אַלע יאָרן מעגן מיר יאָ עסן המן־טאַשן, און מיר מעגן ניט עסן, דאָס איז ניט קיינעמס עסק, אָבער דאָס יאָר, מיינע טייערע לובלינער לאַנדסלייט, מוזן מיר עסן המן־טאַשן, ווייל אין לובלין וויל מען אויך עסן"... און מיסטער שאמוט האָט אַ ווייז געטאָן מיט זיין גראָבן פינגער פון דער רעכטער האַנט אַהינטער זיין פּלייצע, און האָט צוגעגעבן: „און אַ המן איז שוין אויך איבער זיי נעבעך דאָ"...

אַ פרוי האָט אַ זיפץ געטאָן און דער „טעיבל אָוו יוטס" האָט באַלד געקויפט אַ פּענעץ המן־טאַש, סעלמא האָט צוגעטראָגן צען דאָלער. דער עולם האָט זיי אויך געפּאַטשט בראַוואָ. דערנאָך האָט מען אויסגעפּלעט „געראַפּלט" מיסיס ראַבקינס „שוין איינמאָל אַ קעיק", און דערנאָך האָט מען פאַרקויפט די גראַגערס, אַ דאַים אַ גראַגער. דערנאָך האָט מען פאַרקויפט אַ קאַראַהאַד און געמאַכט אַ „סעיל" (אַן אויספאַרקויף) אויף די ליידיס, יעדער מאַן האָט באַדאַרפט קויפן אַ ליידי פאַר אַ קוואָדער. מיסטער שאמוט האט

געקויפט די פרעזידענטין מיסיס טקאַטש. מיסטער רובין האָט געקויפט זיין אייגענע מיסיס. מיסטער עדלשטיין האָט אַ זוך געטאָן מיט די אויגן איבערן זאַל, און איך האָב געזען ווי ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער ליליאַ בלום אין מיינע האָר, און האָט עפּעס געזאָגט דעם מיסטער שאַמוט.

— אונדזער חשובער גאַסט, מיסטער עדלשטיין, גיט הונדערט קוואָדערס פאַר דער ליידי מיט דער ליליאַ בלום.

מיסטער שאַמוט האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן און האָט מיך דערקאַנט: — אָ, די „גרינע" לובלינערקע! האָט זי שוין פאַרדינט אַזויפיל קוואָדערס וויפיל אַלע ליידיס צוזאַמען.

מיסטער שאַמוט האָט מיך צוגערופן מיט די אויגן און האָט אַ זאָג געטאָן צו מיסטער רובין, וואָס איז געזעסן אין דער נאָענט:

— נו, וואָס האָט איר מיט איר געמאַכט מיט דער „גרינער"?

— צוגעזאָגט איז צוגעזאָגט, — האָט געענטפערט מיסטער רובין, — דאָס מיידל, וואָס קלייבט די „פּיסעס" ביי מיר אין פעקטאָרי קלייבט זיך חתונה האָבן...

— זעט, זי זאָל זיך ניט צו לאַנג קלייבן, — האָט מיסטער שאַמוט פאַרענדיקט, וואָס מיסטער רובין האָט געוואָלט אַרויס־ברענגען.

— צוגעזאָגט, איז צוגעזאָגט, — האָט זיך מיסטער רובין געהאַלטן ביי זיינס.

— נו, דאַנקען מיר אייך טאַקע, — האָט מיסטער שאַמוט אַ זאָג געטאָן און האָט זייער ערנסט דערלאַנגט די האַנט מיסטער רובינען, און זיי האָבן איינער דעם אַנדערן זייער האַרציק גע־דריקט די הענט און איינער פון דעם אַנדערן שטאַרק הנאה געהאַט.

ווען עס האָט זיך אויסגעשטעלט דער „קאַראַהאַד" און יעדע ליידי האָט באַדאַרפט גיין צו איר „קאַסטאָמער", האָב איך געזאָגט צו מיסטער עדלשטיין:

— איך טאָר ניט טאַנצן... מיין מאַמע עה"ש... ס'איז נאָך קיין יאָר ניטאָ ווי זי איז טויט.

מיסטער עדלשטיין האָט מיך אָנגעקוקט מיט גרויע זייער דורכזיכטיקע אויגן און איך ווייס ניט, צי ער האָט געלאַכט פון

מיר, צי ער האָט רחמנות געהאַט אויף מיר, נאָר אויסגעזען האָט עס, ווי בײדע זאַכן צוזאַמען

— וואו איז געשטאָרבן דײן מוטער?

— אין לובלין.

— ווי לאַנג ביסטו פון דאָרט ?

— אַכט מאָנאַטן.

— נו, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — אויב ניט טאַנצו, טאָ העלף מיר אויסציילן די קוואָדערס.

איך האָב אים געהאָלפן אויסציילן פינף און צוואָנציק דאָלער.

— רוף מיך אָפּ, ווען דו וועסט דאַרפן, — האָט מיר געזאָגט מיסטער עדלשטיין און האָט ווידער מיך אָנגעקוקט ווי פריער. גיכער ווי אַלץ האָבן זײנע אויגן געלאַכט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, דערלאַנגט די האַנט דעם רבי פינקל, מיסטער שאמוטן און מיר האָט ער געזאָגט :

— גוד ביי, מיי יאַנג לײדי.

מיסטער שאמוט האָט געמאָלדן, אַז דער באַל האָט אַרײנגעבראַכט דרײ הונדערט און פופציק דאָלער. דער עולם האָט פרײלעך געפּאַטשט.

וואָס זיי צעפּאַטשן בראַוואָ, איז דאָס גאָר אָן אַ שיעור. דער קאַראַהאָד איז געווען אַ פריילעכער. יעדערער האָט, זעט אויס, געוואָלט אויסטאַנצן דעם קוואָדער. ווען דער עולם האָט צוגעטופּעט מיט די פיס, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך זע מײן טאַטן ליגן ביי קראַסוליען אין שטאַל, מיטן רוקן צוגעטוליעט צו דער וואַנט. עס איז אים שטאַרק קאַלט און ער האַלט די הענט פאַררוקט אונטער אַ בערגל שטרוי. אָט אַזוי ווי איך האָב אים געזען אין חלום. מיר איז געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן און איך האָב זיך צוגעזעצט. „רעד" איז צו מיר צוגעגאַנגען :

— וואָט'ס די מעטער (וואָס איז געשען), רבקה ?

איך האָב ניט געוואָלט זאָגן וועגן דעם חלום און איך האָב אים געענטפערט :

— עס איז מיר קאַלט געוואָרן.

— ביסט „טײערד" (מיד) — האָט ער געזאָגט, און האָט מיר געבראַכט אַ טעפּעלע הייסע קאַפע.

— זאָג מיר, „רעד", וואָס הייסט עס אַ „באָם"? אַ „לאוי־פער?" — האָב איך אַ פרעג געטאָן „רעד"ן.

„רעד" האָט עפּעס אַ טראַכט געטאָן. איך האָב געזען, ווי ביי אים איז דורכגעלאָפן אַ שמייכל איבערן פּנים, און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— אַ „לאופער"? אָט עדי איז אַ „לאופער"... — איך האָב אָנגעהויבן לאַכן און „רעד" אויך, מיר האָבן זיך ביידע גוט פאַרשטאַנען.

איך מיין, עס קען ניט זיין, אַז „רעד" זאָל זיין אַ „באָם".

די „שיינע פּאַווע"

24טער מערץ.

איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען די אַלטע מיסיס קאַשעס אַזוי גוט געשטימט ווי היינט. מעגלעך, אַז דאָס איז צוליבן וועטער. עס איז טאַקע היינט געווען אַ זעלטענער וועטער. וואַרעם און זו־ניק און די גרענד סטריט האָט צעעפנט די פענצטער און אַלע ראַדיאָס האָבן אַ שפּיל געטאָן. עס איז געווען זייער מילד, אָט טאַקע ווי עס דאַרף זיין פּורים. און מעגלעך, אַז די אַלטיטשקע איז געווען צופרידן פון אירע „אייזעדזשענטקעס", זיי זיינען ביי איר געקומען נעמען היינט „וואַרע" (סחורה). פיר פרויען זיינען היינט ביי איר געווען און איך האָב זיך פון זיי דערוואוסט, אַז די מיסיס קאַשעס האָט מען אַמאָל גערופן „די גאָלדענע נאָדל". זי איז געווען די גרעסטע מייסטערקע אין ניו־יאָרק, איין „אייד־זשענטקע", מיט זייער גרויסע ברוינע אויגן, ווי זי זאָל צופיל וויינען מיט זיי און זיי זיינען דערפון צעצויגן געוואָרן, האָט אַ זאָג געטאָן:

— וואָס דו ביסט עפּעס אַן „עקסעפּשן" (אויסנאַם) ביי איר, וואָס דו אַרבעטסט דאָ? אַנדערע מיידלעך לאָזט זי אויפן אויג ניט אַרויף, זי קען ניט זען, ווי זיי באַגראָבן די אַרבעט. אַרבעטן זיי ביי זיך אינדערהיים און ברענגען די פאַרטיקע אַרבעט אַהער. פאַרדינען איז ביי איר ניט גרינג, זי טראַכט ניט, אַז מען דאַרף מאַכן אַ דאָלער, נאָר זי היט דער „פלאַוער" זאָל שיין אַרויסקו־

מען. . . ווער קען עס „עפאַרדן” (זיך דערלויבן)? זי — און די „איידזשענטקע” האָט אַ וויז געטאָן אויף די דריי טרעפּעלעך און געמיינט האָט זי די מיסיס קאָשעס — זי האָט אַמאָל אויסגעניית אַ פּאַווע . . . האָט מען עס גענומען אויף אַן עקסהיבישן (אויס־שטעלונג) און זי האָט געקראָגן אַ פּרייז עפּעס פון אַן „אַרט סאָסייעטי” און דערנאָך האָט זי געקראָגן אַ בריוו פון מעיאָר. ווי, וואָס עס האָט זיך דעמאָלט געטאָן...

שפּעטער איז געקומען נאָך אַן „איידזשענטקע”, אַ העל ווייַבעלע, אַ קיילעכדיקע, מיט זומער־שפּרינקעלעך, וואָס האָבן ביי איר געבליט אין מערץ, פּונקט ווי עס זאָל שוין זיין מיטן זומער.

— עמיצער איז דאָרט פאַראַן? — האָט זי ביי מיר געפרעגט, ווייזנדיק אויף די דריי טרעפּעלעך.

זי האָט זיך אַ ווילע צוגעקוקט צו מיין אויסנייען און דער־נאָך אָנגעהויבן דערציילן: — איך האָב ביי איר געאַרבעט ניין יאָר... איצט איז זי שוין גאָלד, אַמאָל פלעגט זי זיך בוקן צו דער נאָדל, ווי צו אַ געטש. . . בעסער זיין אַן „איידזשענטקע”. וויפיל איך קען נעם איך און מאַך אַ דאָלער . .

— זיסעלע — האָט מיסעס קאָשעס אַ רוף געטאָן דאָס ווייַבעלע מיט די זומער־שפּרינקעלעך.

מיר געפעלט זייער, וואָס דאָס ווייבעלע הייסט זיסעלע. דער נאָמען פּאַסט זיך צו איר אַזוי גוט, אַזוי ווי זי זאָל מיט אים געבאָרן ווערן.

די דריטע „איידזשענטקע” האָט זיך צוגעזעצט לעבן מיר און מיר געוויזן חסרונות.

— אָט דאָס טאָר ניט זיין... אָט אַזאַ קניפּל. אָט „זי” קען מאַכן אַרבעט, אַהאַ, — און זי האָט אַ וויז געטאָן אויף די דריי טרעפּעלעך, — נאָר זי האָט אַ ווינט אין קאָפּ, — און די „אייד־שזענטקע” האָט אַ וויז געטאָן מיט דער האַנט ביים שטערן.

די פערטע „איידזשענטקע” איז געווען אַ יונג מיידל, זי האָט עפּעס צו מיר גערעדט אויף ענגליש, איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס.

— יו'ר אַ רעפּודזשי? — האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און מער צו מיר ניט גערעדט.

ווען די „איידזשענטקעס" זיינען אַוועק איז די מיסיס קאַ־שעס אַראָפּ צו מיר פון די טרעפּלעך.

— זיי אַלע זיינען דורך מיר אַריין אין פּאַך, — האָט זי גע־זאָגט. — אָט די זיסעלע האָט אַ נאָדל ניט געקענט האַלטן, ווען זי איז צו מיר אָנגעקומען. שפּעטער האָט זי זיך אויסגעלערנט, גאַנץ גוט געאַרבעט. אָבער ביי זיי איז דער עיקר „האַרי אַפּ", אָפּגעאַרבעט אַ טאָג, אָפּגענומען דעם דאָלער און דאַטס'אָל. זיי האָבן געאַרבעט גוט, נאָר קיין געפיל ניט געהאַט. מיט איין און פערציק יאָר צוריק, ווען איך בין אַהער געקומען, איך בין נאָך דאָן אַזוי יונג געווען ווי דו איצט, האָב איך געמאַכט די שענסטע אַרבעט אין ניו־יאָרק. — די אַלטע איז אַוועק צו זיך אין צימער און זי האָט פון דאָרטן געבראַכט אַ בלויע, וואַלענע טוך. אויף דער טוך איז געווען אויסגענייט אַ גאָלדענע פּאַווע, מיט אַ צע־לאָזענעם עק, ווי אַ רעגנבויגן. די טוך האָט אַ גלאַנץ געטאָן פאַר די אויגן, דער פּאַוועס עק האָט זיך אַ מינע געטאָן מיט די סך קאָלירן, ווי אַ ווינט זאָל דורכלויפן. דאָס איז ווירקלעך געווען אַ זייער שיינע טוך און אַ זייער שיינע פּאַווע.

— אָט אַזוי שיין בין איך אַליין אויך געווען דעמאָלט, און די טוך וויל איך ניט פאַרקויפן, ווייל אין דער טוך בין איך גע־גאַנגען צו דער חופּה, און האָב אויסגעזען ווי אַ שיינע פּאַווע. צוויי הונדערט דאָלער האָט מען מיר געוואָלט געבן פאַר דער טוך. וואַרבורגס שנור האָט עס געוואָלט פאַר זיך קויפן. אָבער איך האָב ניט געוואָלט. פאַר מיר איז ווערט, אַז איך גיב אַמאָל אַ קוק אויף דעם. נו, שפּעטער איז דער מאַן געשטאָרבן. די אויגן זיינען קאַליע געוואָרן, אַ פוס צעבראָכן, די יאָרן זיינען אַוועק... מיט דער טוך ווילט זיך מיר ניט שיידן. — די אַלטע האָט אויפ־געלייגט די טוך. זי האָט עס אַריינגעלייגט אין אַ ווייסן ליילעך, אַרומגעשפּיליעט מיט זיכער־נאָדלען, קיין שטויב זאָל ניט צו־קומען.

איך בין אַרויס פון דער מיסיס קאַשעס. די גרענד סטריט איז שוין געווען אָנגעצונדן מיט רויטע, מיט געלע און בלויע פייערן, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פליט דאָרט אַרום די שיינע פּאַווע, זי גנבעט זיך אַרויס פון דער מיסיס קאַשעס שטילן צימער, זי

פליט איבער דער גרענד סטריט און ברענט, ווי אַ רעגנבויגן איבער דער לאַנגער נאַכט.

די מיסיס שאָר האָט זיך אַריינגעכאַפּט פרעגן ביי מיר, צי איז דאָס טאַקע „פּעני די רביצין" וואו איך אַרבעט.

— ניין, האָב איך איר געזאָגט, דאָס איז ניט „פּעני די רביצין" — דאָס איז גאָר די שיינע „פּאַווע", וואָס זי האָט זיך צעבראָכן אַ פוס, און דער מאַן איז ביי איר געשטאָרבן, און די אויגן זיינען ביי איר קאַליע געוואָרן, און זי איז אַלט געוואָרן.

— נו און דעם דאָלער האָט זי דיר באַצאָלט, די שיינע פּאַווע ?

איך האָב ניט געוואָלט באַריידן די מיסיס קאָשעס, אַז זי האָט מיר בלויז געגעבן אַ האַלבן דאָלער, און איך האָב געזאָגט:

— יע, זי האָט מיר אָפּגעגעבן . . .

מיסטער שאָר

25־טער מערץ.

עפּעס איז מיר גאָר ניט איינגעפאַלן טראַכטן, וואו איז מיסטער שאָר? אויב עס איז דאָ אַ מיסיס שאָר, דאַרף דאָך זיין אַ מיסטער שאָר אויך... נאָר היינט איז טאַקע געקומען צופאָרן מיסטער שאָר אויך. געקומען איז ער אַזש פון קאַליפאָרניע. ער פירט דאָרטן „האָלסייל ביזנעס" (הורטאָוונע געשעפטן) מיט פרוכט. מיסיס שאָר האָט אונדז אַלעמען פאַרבעטן צו זיך אויף פיש. לכבוד דעם גאַסט, האָט זי געזאָגט. מיסטער שאָר האָט אַרויפגעטראָגן אויפן טיש „משקה", מענדל פושקאַרט איז אויך אַריבערגעקומען און האָט פאַרזוכט פון אַלע פלעשלעך:

— מען דאַרף מאַכן אַן „אינספּעקשן", האָט ער געזאָגט, וואָס עס טויג, טויג, און וואָס עס טויג ניט, דאַרף מען אויסטרינקען.

די מיסיס שאָר האָט וועגן איר מאַן גערעדט בלשון „ער", און דווקא פאַר אים אין די אויגן און זייער גוטמוטיק:

— איך ווייס ניט פונוואַנען זיי דערוויסן זיך אַלע, אַז „ער" דאַרף קומען? דאַכט זיך, איך שיק זיי ניט קיין טעלעגראַמעס... און די מיסיס שאָר האָט געבראַכט אַ פולע האַנט מיט קאָנווערטן...

— אַז איך דערזע די „ענוועלאָפּס" אָנקומען, ווייס איך שוין, אַז „ער" פאָרט. און זי האָט אויסגערעכנט די „ענוועלאָפּס":

— אַ ביל פון קרן קיימת.

— אַ ביל פון „אַרבעטער רינג".

— אַ ביל פון „רבי יצחק אלחנן".

— אַ ביל פון די „אָלד ליידיס שעלטער סאָסייעטי".

— אַ ביל . . .

איך פרעג אים: וואו באַלאַנגסטו?

מיסטער שאָר האָט זי אָפּגעפּטר'ט בקיצור: — א דאגה וואו מען באַלאַנגט . . . די בילס דאַרף מען באַצאָלן . . . און דערנאָך האָט ער געמאַכט מיט דער מיסיס שאָר אַ חשבון:

— ארץ ישראל דאַרף מען? ביי וואָס וועט מען בלייבן אַן ארץ ישראל? . . .

מענדל פושקאַרט האָט צוגעגעבן: מיט ארץ־ישראל בין איך מיט אייך מסכים. ער זאָל דאָס נאָר ניט קאַליע מאַכן דער בן־נידה, דער דוטשע זייערער.

מיסטער שאָר האָט ווייטער געוויזן זיין חשבון פון די בילס:

— נו און דאָ קען מען דאָך אויך ניט גיין, עקסקיוז מי, אָן הויזן . . . די „באָיעס" דאַרפן דאָך עפּעס לערנען ביי רבי יצחק אלחנן . . . זיי זיינען אַזוי אויך געַנוג גוים.

מענדל פושקאַרט האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אַרויסגעוואָרפן דאָס געלט . . . זיי קענען דען לערנען?

אָבער מיסטער שאָר האָט זיך ניט אונטערגעגעבן:

— נו, וויפיל זיי קענען, קענען זיי . . . און אַז איך האָב פאַרגעסן דאַוונען? דער „איידזשענט" פון „אַרבעטער רינג" זאָגט ווייטער — די שולן . . . מען לייענט דאָרט שלום עליכמס ביכלעך . . . נו דו האָסט ניט ליב הערן שלום עליכמען?

— ארויסגעוואָרפן געלט, האָט ווייטער זיך אַ כאַפּ געטאָן מענדל פושקאַרט, זיי קענען דען לייענען? מיין שכנס אינגל, אַ „באָיטשיקל", ער בעקעט, און ער מעקעט און ער ספּאָטיקעט זיך, ניט דאָ געדאַכט, טאַקע ווי אַ בלינד פערד. . .

אָבער מיסטער שאָר האָט געוואוסט איין טענה:

— אַ דאגה, וואָס זיי טוען, טוען זיי, מען קען דאָך ניט

פאַראַמאָל אַלץ כאַפּן. איך אַליין לייען אויך ניט אַזוי אַי, אַי, אַי. פונדעסטוועגן לעב איך. אַמאָל, פאַרשטייט איר מיך, פלעגט מען קלייבן די מצוות, און איצטער וועט מען דאַרפן מיטנעמען די עטלעכע בילס אויף יענער וועלט, אַלץ בעסער ווי גאָרנישט. . .
און ער האָט זיך אַ בייזער געטאָן אויף דער מיסיס שאָר:

— הערסט, באַשע־גיטל, זאָלסט מיר די „רעסיטס" ניט פאַר־וואַרפן . . . און טאַקע אַריינלייגן אין „דראָ" (שופלאַד), מיר וועלן עס אם ירצה השם דאַרפן האָבן . . . איך וועל פאַר דיינטוועגן אויך עפּעס באַזאָרגן, בייזער זיך ניט . . . דער עולם האָט געלאַכט און דער אָנקל האָט אַ זאָג געטאָן:

— גוט, אויב זיי וועלן דאָרט קענען, אויף יענער וועלט, לייענען די ענגלישע רעסיטס.

— זיי ליגן שוין אין „דראָ", זיי ליגן שוין, האָט מיסיס שאָר אַ זשמורע געטאָן אָן אויג, ווי איר שטייגער איז, פאַר די אַלע בילס, אַרט מיך ניט . . . נאָר זאָג מיר וואָס ביסטו פאַר אַ מחותן מיט די „אָלד ליידיס"? (אַלטע פרויען).

— מיסטער שאָר האָט זיך צעשאָטן מיט אַ געלעכטער, ער האָט הנאה געהאַט פון לאַכן:

— אָט דאָס איז שוין צוליב דיר . . . פאַרדיינעטוועגן . . . האָט ער געלאַכט.

— „דענקס אַ לאָט" (אַ פיינעם דאַנק). — האָט געזאָגט די מיסיס שאָר, צו די „אָלד ליידיס" פאַקעוועט ער מיך גאָר . . .

טרינקען קאַווע איז מען אַריבער צו אונדז, ווייל די טאַנטע האָט באַדאַרפט „אַרויספטרן" די המן־טאַשן וואָס זיינען געבליבן פון באַל, און וואָס די קאָמיטע האָט זיך צעטיילט מיט זיי.

— איר מוזט מיר אויפעסן די המן־טאַשן האָט געזאָגט די טאַנטע, איך וועל אייך באַדיי מאַכן קאַווע צוליב דעם. עס זיינען אויך אָנגעקומען סעלמאַ און עדי. אַ סך גלייכער וואָלט געווען, ווען מיר זאָלן שוין בלייבן אַ גאַנצן אָוונט ביי דער מיסיס שאָר, און הערן ווי מיסטער שאָר קלייבט די רעסיטס פאַר יענער וועלט. עס וואָלט ניט געקומען אפשר צו דער קריגערייַ און עס וואָלט געווען מיט אַ צרה ווייניקער. מענדל פּושקאַרט האָט אין מיטן דערינען אַ זאָג געטאָן:

— אַ גוטע זאַך די המן־טאַשן, מיר זאָלען שוין דערלעבן עסן דעם ימח שמוניקס וואָנצעס . . . סעלמאַ האָט עפּעס געענטפערט אויף ענגליש און עדי האָט זיך אויך אָפּגערופן. איך האָב בלויז געהערט „יומען", „יומען", „יומאַניטי" . . . מען האָט עפּעס דערמאָנט דעם „בענד". איך האָב געזען, אַז סעלמאַ איז געוואָרן אויפגעבראַכט און ווייטער דערמאָנט „יומען" און „יומאַניטי". איך האָב ניט געוואוסט, אַז מען קריגט זיך צוליב מיר, נאָר עפּעס איז מיר געוואָרן זייער טרויעריק אויפ'ן האַרצן. שפּעטער האָט מיר די מיסיס שאָר געזאָגט:

— דו ווייסט, רבקה, עדי האָט אויפגעוואָרפן סעלמאַן, וואָס זי האָט דיך ניט געוואָלט מיטנעמען צום „בענד", ביז „רעד" איז געקומען און האָט דיך מיטגענומען. און ער האָט געזאָגט, אַז יעדער מענטש איז אַ שטיקל המן, און דערפאַר זיינען דאָ המנס אויף דער וועלט.

— אָט דאָס האָבן זיי זיך געקריגט?

— יע, אָט דאָס האָבן זיי זיך געקריגט . . .

און מיסיס שאָר האָט אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען:

— „עדי האָט אויך ניט קיין אַנדער אַרבעט, ווי זוכן דיין קריוודע, אַז דו דאַרפסט דאָ וואוינען. . . „אַ קנאַפּער חכם, דער עדי". מיר איז זייער שווער אויפן האַרצן . . . וואָס וויל פון מיר דער עדי? ער איז באמת, אַ צוגאָב צו מיינע צרות . . .

„רעד" קען טרעפן

27־טער מערץ.

ווען איך בין היינט געקומען פון דער אַרבעט האָב איך דער־זען ביי מיר אויפן בעט צוויי בריוו. איך האָב זיך דערפרייט נאָך איידער איך האָב געוואוסט פון וועמען די בריוו זיינען. בריוו זיינען פאַר מיר אַ סימן, אַז מענטשן געדענקען וועגן מיר, אַז איך בין ניט קיין אָפּגעריסן בלעטל, וואָס מעג אַפילו פאַרדאַרט ווערן, וועט זיך קיינער ניט אַרומקוקן. דעם בריוו מיטן בלויעם קאָנווערט האָב איך באַלד דערקאָנט, דאָס איז דאָך לייזערס אַ בריוו, זיין ערשטער בריוו איז אויך געווען אין אַ בלויעם קאָנווערט. דער

צווייטער בריוו איז געווען פון דעם „קאָונסיל אָוו דזשואיש טשאַריטי ווימען". עס האָט זיך מיר געוואָלט זען תיכףביידע בריוו, נאָר איך האָב פריער געעפנט דעם בריוו פון די „ווימען". זיי שרייבן אויף ענגליש. פון אַלץ, וואָס איך האָב איבערגעלייענט האָב איך פאַרשטאַנען נאָר איין וואָרט „לאָונדרי", און איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז עס איז וועגן אַרבעט. די טאַנטע האָט מיר דעם בריוו איבערגעלייענט און האָט געזאָגט: זיי שרייבן, דו זאָלסט צו זיי קומען, עפּעס האָבן זיי אַן אַרבעט אין אַ „לאָונדרי". איך האָב זיך דערמאָנט, אַז זיי האָבן מיר פאַרשריבן „לאָונדרי וואָירקער". פונדעסטוועגן וועל איך גיין זען. אפשר איז דאָס אַ בעסערע אַרבעט, ווי די אויסנייעריי, וואָס איך פאַרדין ביי דעם פינף און זיבעציק סענט אַ טאָג. אין לייזערס בריוו איז געלעגן אַ פאָטאָגראַפיע פון לייזערן און עטלעכע יונגע לייט, וואָס זיי זיינען צוזאַמען מיט אים געקומען אויף דער „גריכישער שיף" קיין א"י. לייזער איז געשטאַנען אינמיטן, אַן אַ היטל, איך האָב דערקאָנט זיין אָנצוג אין די קעסטעלעך, וואָס ער האָט געטראָגן אין לובלין, און ביי מיר זיינען אָנגעלאָפן טרערן אין די אויגן, ווען איך שעם זיך ניט פאַר דער טאַנטע וואָלט איך הויך געוויינט. נאָר איצט האָב איך אַראָפּגעשלונגען די טרערן, וואָס זיינען מיר געשטאַנען אין האַלדז און אויסגעווישט די אויגן. ווען איך האָב געהאַלטן אין לייענען לייזערס בריוו איז אָנגעקומען „רעד". דער גוטער יאָר האָט אים גראָד איצט אָנגעטראָגן, ניט געקענט קומען מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער . . . איין זאַך האָב איך זיך אויסגעלערנט אין אַמעריקע: צי גוט, צי שלעכט, די ערשטע זאַך דאַרף מען אַ שמייכל טאָן. און אפשר זיינען זיי גערעכט, די אַמעריקאַנער: אַז מען גיט אַ שמייכל זעט יענער, אַז די וועלט האָט זיך נאָך פון נעכטן ביז היינט ניט איבערגעקערט. מען שמייכלט נאָך. אַי וואָס, טאָמער איז פאַראַן אַביסל „טראָבל", ווי זיי זאָגן, נו וועט זיך „אויספּרעסן". מיר געפעלט זייער, וואָס זיי זאָגן „עס וועט זיך אויספּרעסן".

— דו האָסט אַ לעטער פונדערהיים? וואָס שרייבט מען דיר? האָט מיך „רעד" אַ פרעג געטאָן.

זאָל איך אים זאָגן וועגן לייזערן? און ווער לייזער איז?

אָדער זאָל איך אים זאָגן, אַז דער בריוו איז פונדערהיים? נאָר די טאַנטע האָט געוויס געזען, אַז דער בריוו איז פון א"י. וועט זי מיך האַלטן פאַר אַ ליגנערקע, אויב איך וועל זאָגן אַנדערש... מער פעלט מיר ניט. זעט אויס, אַז זאָגן אַ ליגן איז טאַקע אַ חרפה, ווייל מען שעמט זיך זייער, אַז מען כאַפּט . . .

— ניין, דאָס איז אַ בריוו פון אַ שכן, האָב איך געענטפערט „רעד"ן. איך האָב באַמערקט, אַז „רעד" קוקט אויף דער פאָטאָ־גראַפיע, וואָס איז געלעגן ביי מיר אויף די קני. איך האָב אים געוויזן די פאָטאָגראַפיע. „רעד" האָט באַטראַכט אַלע פנימער, וואָס זיינען געווען דאָרט און דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט:

— און ווער האָט דיר געשריבן דעם בריוו?

— טרעף! האָב איך אים אַ זאָג געטאָן, איך בין געווען צופרידן, וואָס די פאָטאָגראַפיע איז פון עטלעכע און ניט פון לייזערן אַליין. „רעד" האָט ווידער באַטראַכט די פאָטאָגראַפיע און איך האָב זיך דערפילט עפּעס מאָדנע, ווען ער האָט אָנגעוויזן אויף לייזערן:

— דער?

— פון וואַנען האָסטו געטראָפן?

„רעד" האָט אַ לאַך געטאָן און מיט אַ שפּאָס אָנגעוויזן אויפן האַרצן:

— פונדאַנען . . .

איך האָב שוין כמעט ניט דערלייענט דעם בריוו. איך האָב אים צוזאַמען מיט דער פאָטאָגראַפיע אַריינגעלייגט אין טאַש.

— וואָס שרייבט מען דיר? האָט די טאַנטע אַ פרעג געטאָן.

— מען שרייבט מיר, ווי זיי זיינען אַנטלאָפן מיט אַ „גרי־כישער שיף" קיין א"י.

— מען לויפט נעבעך, ווי פון פייער, האָט די טאַנטע געזאָגט, אַבי מען כאַפּט נאָר ערגעץ אַ שטיקל שיף . . . און זי האָט אַ זיפץ געטאָן.

איך האָב געזען, אַז „רעד" איז צעטראָגן, איך האָב געוואָלט זיין גוט צו אים, און האָב אים געבעטן, ער זאָל מיך לערנען אַביסל ענגליש.

— דו זעסט, איך קען אַפילו ניט איבערלייענען דעם בריוו

פון דעם „קאָונסיל אָוו דזשואיש טשאַריטי ווימען״ . . . „רעד״ האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

— טאָמאַראָו, האָט ער אַ זאָג געטאָן און געפרעגט ביי דער טאַנטע:

— וואו איז סעלמאַ?

אַוועק מיט עדין אין אַ „מואווי פיקטשור״.

— קאָם אָן, רבקה, מיר וועלן אויך גיין.

אין דער „מואווי פיקטשור״ האָבן זיך דעטעקטיווס געיאָגט נאָך אַ שווינדלער. מען האָט זיך געשאָסן, און מען איז געלאָפן איבער די דעכער און זיך געצויגן אויף שטריק. עס איז געווען אַן אימה צו קוקן. דער בעסטער דעטעקטיוו איז געווען אַ פרוי. און זי האָט עס טאַקע אויסגעפונען דעם שווינדלער. אינמיטן דער שפּיל האָט מיך „רעד״ גענומען ביי דער האַנט:

— רבקה, „יו לאַיק דיס באָי״ (דו האָסט ליב דעם בחור)?

— וואָס פאַר אַ „באָי״? האָב איך אַ פרעג געטאָן, און עס האָט מיך גענומען שטאַרק זעצן אין האַרצן.

— פון דער פיקטשור (בילד).

— איך האָב דיך געבעטן דו זאָלסט מיך גאָרניט פרעגן, האָב איך אים געזאָגט און דערלאַנגט אַ פּאָר פּעטשלעך איבער דער האַנט.

מיין גליק איז געווען, וואָס די שכנים, וואָס זיינען געזעסן אַרום אונדז האָבן אָנגעהויבן שטאַרק שיקען:

— ש . . . ש . . . מיר שטערן זיי זען די „פיקטשור״.

און כאָטש מיר איז שוין אויסגעקומען פאַר דער לעצטער צייט זאָגן אַ סך ליגנס, דער טאַנטע, דער מיסיס שאָר, דער מיסיס קאָשעס, רוטן און אַנדערע — פיל איך פונדעסטוועגן, אַז דעם גרעסטן ליגן האָב איך היינט געזאָגט „רעד״ן און עס טוט מיך באַנג . . .

אַלץ — עולם הזה

28טער מערץ.

זינט די מאָדנע קריגעריי צווישן סעלמאַן מיט עדין ליגט מיר עפּעס, ווי אַ שטיין אויפן האַרצן, כאָטש איך פיל זיך אינגאַנצן

ניט שולדיק אין דעם. וואָס קען דאָ זיין מיין שולד? פון עדין אַנטלויף איך. אַז עדי האָט מיך געבעטן גיין מיט אים אין די מואוויס בין איך ניט געגאַנגען. אויף עדיס צעטעלעך האָב איך ניט געענטפערט. אָבער דאָך ליגט מיר אַ שטיין אויפן האַרצן. און היינט האָב איך געזען, אַז עס איז ניט אומזיסט. גאַנץ פרי, ווען אַלע זיינען נאָך געשלאָפן, איז דער אָנקל אויפגעשטאַנען. איך האָב געהערט, ווי ער האָט זיך געדרייט איבערן שטוב, געשורשעט מיט בלעטלעך, זעט אויס אַריינגעקוקט עפּעס אין אַ ספר, דערנאָך זיך ווידער אומגעדרייט איבערן שטוב. איך האָב שוין סיי ווי ניט געוואָלט שלאָפן האָב איך אַרויסגענומען לייזערס בריוו און אים אָנגעהויבן איבערלייענען נאָכאַמאָל. לייזער שרייבט מיר, אַז איך זאָל ניט פאַרגעסן, אַז מיין וועג איז נאָך ניט געענדיקט. איך דאַרף נאָך פאָרן צו אים, קיין ארץ ישראל. ער איז אַביסל אין כעס אויף מיר אויך. ער שרייבט, אַז זיין האַרץ פילט, אַז איך בין דער־ווייטערט געוואָרן פון אים. ער האָט ניט פון מיר קיין בריוו, מעגלעך, שרייבט ער, אַז זיי קומען ניט אָן. „אָבער אַז דיינע בריוו זאָלן זיך אין ערגעץ וואַלגערן און אַפילו ניט דערגיין צו מיר, וואָלט איך דאָס געפילט". אַזוי שרייבט ער. איז ער טאַקע גערעכט? איך ווייס אַליין ניט . . . געוויס בין איך אפשר צופיל איבערגענומען מיט „רעד"ן . . . אָבער ווען איך וואָלט קענען היינט אַוועקפאָרן צו לייזערן, וואָלט איך געפאָרן. איך וואָלט געפאָרן צוריק צו מיין „היים", צו מיינע גוטע יאָרן, וואָס זיינען אַריבער אויף שטענדיק. דער אָנקל האָט געהערט, זעט אויס, אַז איך שלאָף ניט, ער האָט געהערט מסתם, ווי דאָס פּאַפּיר האָט גערוישט. איך האָב זיך פאַרוואונדערט, ווען דער אָנקל איז צוגעגאַנגען צום טיר און האָט אַריינגעבויגן דעם קאָפּ.

— דו שלאָפסט ניט, רבקה? פאַרוואָס שלאָפסטו ניט? עס איז דאָך נאָך אַזוי פרי?

— איך לייען אַ בריוו, איך קען ניט שלאָפן. דער אָנקל איז צוגעגאַנגען און האָט זיך געזעצט אויף אַ שטול לעבן מיין בעט. ער האָט געהאַט אַ מאָדנעם פּנים, אַ גוטן זייער, און זייער אַן אומעטיקן. איך האָב דערפילט, אַז איך האָב דעם פעטער זייער

ליב, און מיר האָט ווי געטאָן, וואָס ער איז אַזוי אומעטיק. דער אָנקל האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— רבקה, איך האַלט דיך פאַר אַ קלוג מיידל, אַ היימיש מיידל, און איך האָב דיך ליב אַזוי ווי מיין סעלמאַן, קיין אונטערשייד ניט, זאָלסט עס וויסן.

אַזוי האָט געזאָגט דער אָנקל און איז שטיל געוואָרן. נו. בין איך דאָך געשטראָפט פון גאָט מיט מיין ווייִנען, איז איידער וואָס און איידער ווען האָב איך שוין געהאַט פולע אויגן, און איך האָב געוואוסט, וואָס דער אָנקל וויל מיר זאָגן, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז דעם אָנקל איז ניט גוט.

— איז וויל איך מיט דיר איבעררײדן, נאָר זאָלסט ניט זאָגן דער טאַנטע, האָט דער אָנקל וויַיטער גערעדט: דו זעסט דאָך שוין אַביסל, וואָס אַמעריקע איז, דאָ איז שווער צו „מאַכן אַ לעבן", ווי קריעת ים סוף. גלויב מיר, רבקה, אַז איך הויב אָן גיין צו מיינע „קאַסטאָמער" און יעדערן מוז מען נאָכגעבן, איז ער פרום, מוז מען צובאָמקען, איז ער אַן אפיקורס, מוז מען אויך צובאָמקען, איז ער גלאַט אַ משוגענער, מוז מען אויך זאָגן „אָקעי". עס איז מיר שווער זאָג איך דיר, עבודת פרך. אָבער „אַ לעבן מוז מען מאַכן", פאַרשטשימעט מען די ציין און מען לעבט . . . איך טראַכט אָפט, אפשר וואָלט גלייבער געווען איך זאָל בלייבן א רב אין נאָוואָגרודעק, איידער דאָ ווערן אַן אינשורענס אַגענט אויף גרענד סטריט. איך רייד ניט וועגן איצט, איצט איז דאָך מלחמה, חורבן, גאָט צו דאַנקען, אַז מען איז דאָ, איך רייד סתם, ביז איצט . . . נאָר כאַפּן צוריק קען מען ניט. אַ מענטש קען זיך אַרויסכאַפּן פון אַ לייבן גרוב, פון אַ פייער, נאָר אַז ער קריכט אַריין אין אַ פרנסה, קען ער זיך ניט אַרויסכאַפּן. דאָס איז פאַרפאַלן, איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידן, איבערהויפט, אַז מען „מאַכט אַ לעבן", איז דאָך אָפגערעדט, שלעפּט מען . . . נאָר די גרעסטע דאגה איז איצט ביי מיר סעלמאַ. סעלמאַ דאַרף חתונה האָבן. קענסט דאָך די אַמעריקאַנער קינדער מיט די „ביוטי־פּאַרלערס", מיט די „בענדס" און אַלץ דאַרף ביי זיי „מעטשן" . . . מאַ, דאָס איז אַ שפּיל פאַרן טייוול. מיינסט איך בין אַזוי צופרידן פון עדין? אַ גוי, קען קיין וואָרט אידיש ניט ריידן. קען ניט דאַווענען. ווי מען קען

דורכלעבן מיט אַזאַ גוי אַ לעבן, ווייס איך ניט . . . נאָר איך וועל דאָך אַמעריקע ניט איבערמאַכן. און סעלמאַ איז דאָך אויך אַ היגע. ווי אַלע קינדער. און עדי ווייטער? האָט ער דערזען סעלמאַן, איז סעלמאַ. איצט, אַז דו ביסט געקומען, איז שוין ביי אים רעכט דו. אַ נפקא מינה ביי זיי? אַז דער עיקר איז עולם הזה . . . אַלץ עולם הזה . . . נו, וואָס קענסטו דערוואַרטן פון אַ מענטשן, וואָס אַלץ איז ביי אים עולם הזה? איך האָב געזען נעכטן, אָדער אייערנעכטן, ווי דער עדי האָט אַרויסגענומען אַ צעטעלע פון קעשענע, אַן אָנגעשריבן צעטעלע און האָט עס אַוועקגעלייגט ביי דיר אונטערן קישן. ער האָט עס אַזוי קונציק געמאכט, אַז קיינער האָט עס ניט באַמערקט. איך וואָלט עס אויך ניט באַמערקט, נאָר איך האָב געזען, ווי ער האָט זיך אַ דריי געטאָן לעבן דיין בעט, און דו ביסט דאָך ניט געווען. אַז ער איז אַוועק מיט סעלמאַן, בין איך אַריין אַהער, ווייסט, עפּעס האָט מיך געצויגן, פאַרשטייסט דאָך, סעלמאַ איז דאָך מיינס אַ קינד . . . האָב איך געפונען דאָס צעטעלע. מילא, וואָס ער שרייבט דאָרטן, עס איז פאַראַן זייער אַ סך וואָס צו לייענען . . . אַ גרויסער באַטרעף . . . ס'איז ניט גענוג אויף דיך גליקלעך צו מאַכן, ס'איז אָבער גענוג אויף סעלמאַן אומגליקלעך צו מאַכן.

— אָנקל, גלויבט מיר איך בין דאָ גאָרנישט . . .

— איך ווייס, דו דאַרפסט מיר גאָרנישט זאָגן . . . דו האָסט אַ גאָלדן האַרץ, דו ביסט ווי דיין זיידע רב מאָטיעלע, דער זעלבער שטאָף, ניט אַנדירן יענעם . . . איך ווייס דאָס . . . אָבער עדי, עדי איז ניט דו . . . ביי אים, כ'מיין ביי זיי אַלעמען, פאַר אַביסל עולם הזה גיט מען אָפּ דעם טאַטן מיט דער מאַמען, מיט סעלמאַן אויך. הערסט, רבקה, איך וויל דו זאָלסט עס וויסן, אַז דו ביסט דאָ אין שטוב, איז דאָס פאַר מיר אַ פרייד. אַ קינד, אַ גוט קינד אין שטוב. איז אָבער די מעשה־עדי . . . אַי עדי, עדי . . . אָבער וואָס זאָל מען טאָן? גלייכער וואָלט געווען ער זאָל דיך ניט זען . . . ביי דער חברה, איז אַלץ פון אויבן אויף, ביזן קנעפל . . . זעט ער דיך, וואָלט ער געוואָלט מיט דיר פאַרברייגגען, וועט ער דיך ניט זען? איז ניט . . . גלייכער אַזוי, רבקה . . .

— יאָ, אַנקעל, איר זיינט גערעכט, איך האָב דאָס שוין אַליין אויך געטראַכט.

— נו, זאָלסט ניט מיינען, אַז איך טרייב דיך, חלילה, פון שטוב. מיט געלט וועל איך דיר אַרויסהעלפן און אַביסל פאַר־דינסטו, גלייכער אַזוי . . .

— גוט, אַנקל, איך וועל זיך נעמען ערגעץ אַ צימער. . .

— נאָר איין זאַך בעט איך דיך: זאָלסט ניט מיינען, אַז מיר איז חלילה ענג מיט דיר . . . אָדער דער טאַנטע. ס'איז ניט די ענגשאַפט, ס'איז די דאגה — סעלמאַ. איך בין גרוי און אַלט פון דער דאגה.

די לעצטע עטלעכע ווערטער האָט דער אַנקל אַרויסגערעדט אין איין אָטעם און אויף זיין פּנים האָב איך געזען, אַז יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט, איז אמת.

די טאַנטע האָט אים דערווייל אַ רוף געטאָן:

— וואָס דרייסטו זיך דאָרט אַרום? עפּעס פאַרטאָג האָט ער אַנגעהויבן אויפשטיין. דער טאָג איז דיר קליין? און די טאַנטע איז אויך אַראָפּ פון בעט. דער אַנקל האָט צו מיר געגעבן אַ מאַך מיט די פינגער איבערן מויל און איז אַרויס. ווען איך בין אַראָפּ־געגאַנגען פון די שטיגן אויף גיין צו דער אַרבעט, האָט מיך דער אַנקל אַ רוף געטאָן צוריק. ער האָט צוגעמאַכט די טיר און איז אַראָפּ צו מיר אַ פּאָר טרעפּלעך. ער האָט מיר געגעבן פופצן דאָלער.

— נאַ, רבקה, נאָר איילן דאַרפסטו זיך ניט, ברענען, ברענט עס ניט, אויף דער מינוט, נאָר זוך פּאַמעלעך.

איך האָב גענומען די פופצן דאָלער, אָן אַ שווער האַרץ, ווי איך זאָל נעמען ביי מיין אייגענעם טאַטן.

הפקר

31־טער מערץ.

אין אַנטווערפּן, ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז די מאַמע ע"ה איז שוין ניטאָ, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך בין געוואָרן הפקר אויף דער וועלט, און וואָס עס זאָל מיט מיר ניט פּאַסירן וועט זיך פאַר מיר קיינער ניט אָננעמען. דאָנערשטיק אינדערפרי,

נאָכן שמועס פאַרטאָג מיטן אָנקל, האָט זיך מיר אויך געדאַכט דאָס זעלביקע. איך האָב זיך דערפילט הפקר אויף דער גרענד סטריט. פון אָנקלס הויז מוז איך אַוועקגיין, ווייל פּאַר סעלמאַן איז בעסער אַזוי. גייענדיק אינדערפרי צו דער אַרבעט צו מיסיס קאָשעס, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די גרענד סטריט יאָגט זיך נאָך מיר, זי לויפט מיך צעמאָלן . . . זי לויפט מיך אַראָפּקערן פון טראָטואַר, אַרויסיאָגן פון אָנקלס הויז, וואוהין? ווייס מען ניט. הפקר. וואָס עס וועט מיט מיר זיין, וועט זיין. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך וועל צוקומען צו דער מיסיס קאָשעס' הויז, וועט זי שטיין אויפן שוועל, און זי וועט מיר זאָגן: איך דאַרף דיך שוין ניט . . . אַנדערע וועלן שוין מאַכן די „פלאַוערס" אויפן סער־ וועט . . . אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט. מיין גליק איז גראָד, וואָס יענעם טאָג האָט מיך די מיסיס קאָשעס ניט אָפּגעלאָזט. אַלע ווײלע פלעגט זי אַראָפּגיין פון די טרעפּלעך און פלעגט אַ קוק טאָן אויף מיין אַרבעט. איך האָב געמאַכט אַ הערצל פאַר אַ קלייד. זעט אויס, אַ טייערע אַרבעט, און די מיסיס קאָשעס האָט שוין ווידער אָנגעע־ הויבן זיך „בוקן צו דער נאָדל", ווי די „אידזשענטקעס" האָבן מיר דערציילט. ווען איך האָב געזען, ווי די מיסיס קאָשעס גייט אַלע מאָל אַרויף און אַראָפּ די טרעפּלעך מיטן שטעקן, און זעט אויס, אַז עס איז גאָרניט אַזוי שווער, האָב איך געוואוסט, אַז עפּעס קלייבט זי זיך מיר זאָגן.

— וואָס וויל זי מיר זאָגן, די מיסיס קאָשעס?

און זעט אויס, אַז גאָר גאָלע שלעכטס איז אויף דער וועלט ניטאָ. און גראָד דעם טאָג, ווען עס איז מיר געווען זייער אָנגעע־ זאָלצן אויפ'ן האַרצן האָט זיך די מיסיס קאָשעס צוגעזעצט צו מיר און האָט געזאָגט:

— ווי איז דיין נאָמען?

איך האָב זיך פאַרוואונדערט, וואָס זי האָט ניט געוואוסט מיין נאָמען.

— רבקה, האָב איך איר געענטפערט.

— רבקה איז ניט קיין נאָמען דאָ, מען דאַרף דיך רופן „רעי", מיין „ניעס" הייסט אויך רעי, קומט טאָקע פון רבקה.

נאָכדעם, ווי די מיסיס קאָשעס האָט מיר שוין פּאַלאַדעט מיין נאָמען, עס זאָל טויגן „דאָ", האָט זי צו מיר געזאָגט:

— דו האָסט אַ געפיל, רעי, דו האָסט אַ געפיל צו דער נאָדל.

זי האָט אַרויסגענומען פון דעם קעסטעלע מיט די זיידענע פעדים אַ ביינערנע טייטל און האָט דורכגעפירט מיטן טייטל איבער די בלעטלעך, וואָס איך האָב אויסגענייט אויפן הערצל, און זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— אָט דאָס אָ, אָט דעם בויג אינם בלעטעלע קענען זיי ניט מאַכן. ביי דיר קומט עס אַרויס ריכטיק, מיט געפיל . . . דאָס געפעלט מיר, דאָס. זיי פאַרשטייען ניט וואָס הייסט אַ שטאָך, אַ שטאָך קען מאַכן דאָס גאַנצע בלעטעלע לעבעדיק, און אַ שטאָך קען עס מאַכן ווי האָלץ, האָמעטנע. זיי פאַרשטייען דאָס ניט. און וואָס איך האָב מיט זיי גערעדט: האָט מען מיך געהאַלטן פאַר אַ משוגענער, פאַר אַ מרשעת, אַזוי האָבן זיי מיך טאַקע גערופן . . . „זי", „זי" — האָבן זיי מיך גערופן, די מיידלעך . . . ביי דיר איז טאַקע פאַראַן דער פאַרשטאַנד . . . ווען איך וואָלט נאָך געהאַט מיינע אויגן, ווי אַמאָל, וואָלט איך דיר אויסגעלערנט אַרבעטן מיט קאָלירן. דאָס איז אַ באַזונדער קענטשאַפט. הערסט, רעי, און מיסיס קאָשעס האָט אַ טשמאָקע געטאָן מיט די ליפן, ווי איינער, וואָס האָט פון עפּעס שטאַרק הנאה:

— הערסט, רעי, אַז מען קען אַרבעטן מיט קאָלירן, קען מען אַלץ מאַכן. אַ הימל קען מען אויסנייען, אַ פויגל, אַ וואַלד. עס איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס מען זאָל ניט קענען מאַכן מיט קאָלירן. אַז מען קען זיי אויפשטעלן, זיינען זיי אַזוי ווי אַ פאַרפירעניש, סע נעמט אַזש ביים האַרצן. דו וואָלסט עס געקענט זיך אויס־לערנען, נאָר איך האָב שוין ניט די אויגן אויף דיך לערנען . . .

ווען די מיסיס קאָשעס האָט גערעדט, האָט זי געקוקט אויפן בלעטעלע און האָט הנאה געהאַט, און ביי מיר איז פאַמעלעך אַוועק די מורא פאַר גרענד סטריט, אַז איך בלייב אויף איר הפקר. די מיסיס קאָשעס איז געבליבן זיצן מיטן ביינערנעם טייטל אין האַנט, דאָס טייטל איז דאָ, און מען קען ניט לערנען . . . און איך האָב זיך דערמאָנט אָן אונדזער לובלינער מלמד, רב בעריש טאַרטאַקאָווער. איך בין איינמאָל געקומען צו אים אין חדר, די

מאַמע עה״ש האָט מיך געשיקט, איך זאָל אָוועקטראָגן פאַר מיין ברודער, פאַר מיכלען, אַ באַרנע.

— אַ רחמנות אויפן קינד, האָט די מאַמע געזאָגט, זאָל ער זיך דערקוויקן מיט אַ באַרנע. ווען איך בין געקומען מיט דער באַרנע צו רב בעריש טאַרטאַקאָווער אין חדר האָט דער ברודער גראָד „געזאָגט״, און איך בין געבליבן שטיין וואַרטן. דערווייל איז איבערן גאַס דורכגעגאַנגען די „סטראַזש אָגניאָווע״, פייער־לעשער, מיט מעשענע היטלען, זיי זיינען ניט געלאָפן אויף קיין שרפה, נאָר זיי זיינען געגאַנגען מיט אַ פּאַראַד. דער אָרקעסטער זייערער האָט געשפּילט און די טרומפּייטן האָבן אַזוי געבלאָזן זיי האָבן געריסן די ערד, און די מעשענע היטלען האָבן געפינקלט גלייך אין פענצטער אַריין. די אינגלעך האָבן אָנגעשטעלט די אויגן און די אויערן, מיין ברודער מיכל האָט אויפגעהערט צו „זאָגן״. פּלוצלינג האָט יאַנקעלע „שעלמע״, אַזוי האָט מען אים גערופן, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער חוצפּה׳ניק — אַ שפּרונג געטאָן און אויסגערופן:

— קומט, חברה, זען די סטראַזש! כאַדזטיע! און ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון טיש. אַלע צען אינגלעך זיינען אַוועק נאָך אים. אַ פּאָר זיינען געלאָפן פון אונטערן טיש, און אַ פּאָר זיינען געלאָפן פון אונטער דער באַנק. אַזוי ווי ציגן זיינען זיי געשפּרונגען, און דער רבי, רבי בעריש טאַרטאַקאָווער, איז געבליבן מיטן ביינערנעם טייטל אין האַנט:

— זע נאָר, זע נאָר, וואָלט כאָטש זיין אַ פייער!

און דער רבי האָט זיך אַ נעם געטאָן צו מיר:

— וואָס ווילסטו?

— אַ באַרנע פאַר מיכלען געבראַכט . . .

— טראָג צוריק, האָט זיך דער רבי אַ בייזער געטאָן, עס וועט זיין רעכט אָן אַ באַרנע. איך האָב געזען, אַז דער רבי איז גוט אין כעס און נאָך מער פאַרטרויערט; איך בין אַוועק צוריק מיט דער באַרנע, און ער איז געבליבן שטיין איינער אַליין, נאָר דאָס טייטל האָט ער פון האַנט ניט אַרויסגעלאָזט. אָט אַזוי איז מיסיס קאָשעס איצט אויך געזעסן מיטן ביינערנעם טייטל אין האַנט און

האָט געהאַט פּאַרדראָס אויף די מיידלעך, וואָס האָבן ניט קיין „געפיל" פאַרן שטאָך.

גיין אַהיים האָט זיך מיר ניט געוואָלט, אפשר זאָל איך בעטן דער מיסיס קאַשעס, אַז איך זאָל ביי איר נעכטיקן? נאָר איך האָב זיך דערמאָנט, וואָס די מיסיס קאַשעס האָט מיר געזאָגט וועגן די „היינטיקע" קרובים:

דו עסט ביי זיי אויך? . . . טאַקע אַ גוטסקייט . . .

זי וועט ניט וויסן, וואָס דער אָנקל האָט מיר געזאָגט וועגן זיין דאגה מיט סעלמאַן, און זי וועט מיינען, אַז מען האָט מיך פשוט אַרויסגעטריבן. ניין, גלייכער וועל איך דער מיסיס קאַשעס גאָרניט זאָגן און גאָרניט בעטן ביי איר. נאָר גיין אַהיים איז מיר געווען שווער, בין איך אַריין צו דער לאָנדריניטשקע. די לאָנדרי־ניטשקע האָט גראָד „געקאָמאַנדעוועט", זי האָט אָנגעזאָגט דעם „באָי" ער זאָל גיין שנעל, ווייל מען דאַרף נאָך אָפּטראָגן אַ „באָנדל" (פּעקל) צום „באַרבער" (שערער). און דער שוואַרצער האָט זי געוויזן, זי זאָל אַלע זעקלעך אויפהענגען איבער נאַכט אין „יאַרד" (אין הויף), זיי זאָלן זיך אויסטריקענען. און צום מאַן האָט זי געשריען אַרויף צום „אַפּסטעס":

— נעם אַן אַספּערין, צו וואָס דאַרפסטו זיך אַרומטראָגן מיט אַ „העדאייק" (קאָפּ־ווייטיק)? כאָטש די לאָנדריניטשקע האָט „געקאָמאַנדעוועט", האָט זי צו מיר געוואָרפן אַ בליק מיט אַ שמייכל, ווי איינער זאָגט: טשעפּע מיך ניט איצט, ווייל איצט געהער איך צו דער „לאָונדרי".

— וואַרט, האָט זי געזאָגט, מיר וועלן באַלד גיין „אַפּסטעס" (אויפן העכערן שטאָק).

„אַפּסטעס" איז די לאָנדריניטשקע, ווי שטענדיק, געווען אַן אַנדער לאָנדריניטשקע.

— עס איז זייער פיין, האָט זי געזאָגט, וואָס דו ביסט אַביסל געקומען, און זי איז אַוועק מאַכן אַ „קאָפּ קאָפּע". ביי דער לאָנדרי־ניטשקע איז געווען גוט צו זיצן. אָט דאָ, ביי איר, האָב איך ניט געפילט ווי אינדערפרי, אַז איך בין הפקר אויף דער גרענד סטריט.

נאָך דעם „קאָפּ קאָפּע" האָב איך געזאָגט דער לאָנדריניטשקע,

אַז צו דער טאַנטע דאַרפן קומען געסט און עס וועט ווערן ענג, און איך דאַרף זוכן אַ צימער . . .

— איך וועל דיך אויף דערווייל דאָ „אַרענדזשן" (איינאָרדע־נען), האָט די לאַנדריניטשקע געענטפערט באַלד אויפן אָרט, און ווען איך שעם זיך ניט, וואָלט איך צוגעפאַלן זי קושן. איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז די לאַנדריניטשקע האָט אויף יעדער זאַך אַ מעשה, און אַ מעשה פון אַמאָל, ווען זי איז נאָך געווען באַשקע ליכט, און ניט בוירטי שליוועקע. האָט זי טאַקע וועגן מיין נעכטיקן און וועגן דעם, אַז ביי דער טאַנטע וועט ווערן „ענג" אויך געהאַט אַ מעשה.

— איצט, האָט זי געזאָגט, אַז מען וואוינט אין פיר, פינף „רומס" (צימערן) איז ניטאָ וואו אַ מענטשן לייגן שלאָפן. אָבער אַמאָל איז אַנדערש געווען. אַז איך בין געווען ביי שימאַנאָווסקיז אין דער זובאָווראַטשעבנע שקאָלע האָב איך געוואוינט אין אַ „קאַמנאַטע" (צימער) גרויס ווי אַ שאָלעכץ פון אַן איי. און ביי מיר פלעגן נעכטיקן אַלע מיינע חברטעס. וואָס דאַרף מען אַ בעט? אַ בעט איז געווען אַן איבעריקע זאַך. מען פלעגט ברענגען דעם „גרויסן בער", דאָס איז געווען אַן אַלטער מאַנטל מיינער אַ וואַטע־נער, מיט ברייטע אַרבל, האָט מען אים גערופן דער „גרויסער בער", און דעם גרויסן בער פלעגט מען אויסציען אויף דער פאָדלאָגע און פאַרשפרייטן אַ ליילעך און אַוועקלייגן אַ קישן און מען פלעגט שלאָפן. צווייען איז צווייען, דרייען, איז דרייען. דער גרויסער בער איז געווען אַזוי גרויס, וויפיל מען האָט באַדאַרפט. נו, מיינסטו, אַז עס איז געווען שלעכט צו שלאָפן? בעסער ווי איצטער. אַ סך בעסער געווען. און גלויב מיר, איך וואָלט איצט באַצאָלט פינף און צוואַנציק דאָלער פאַר אויסשלאָפן זיך אויפן „גרויסן בער" אויף דער קראָכמאַלנע גאַס. און די לאַנדריניטשקע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט:

— אויס, געענדיקט!

בלייבן נעכטיקן ביי דער לאַנדריניטשקע די נאַכט האָב איך ניט געוואָלט, ניט געוואָלט מאַכן קיין עגמת נפש דעם אָנקל, און

אַגב האָב איך געוואָלט זען „רעד"ן, אפשר איז ער געקומען. און איך האָב אָפּגערעדט מיט דער לאַנדריניטשקע קומען צו איר נעכטיקן אויף מאָרגן.

ניטאָ וועמען צו זאָגן אַ „זיי־געזונט"

3־טער אַפּריל.

איך האָב די נאַכט ניט געקענט שלאָפן, איך האָב אַלץ געטראַכט, ווי וועל איך זיך אַרויסציען פון דער טאַנטע, וואָס וועל איך איר זאָגן? וואָס וועל איך זאָגן סעלמאַן? וואָס וועל איך זאָגן דער מיסיס שאָר? וואָס וועל איך זאָגן „רעד"ן? איך קען דאָך אים ניט זאָגן, וואָס דער אָנקל האָט מיט מיר גערעדט וועגן עדין . . . איך האָב אַזוי לאַנג געטראַכט, ביז איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן, און אינדערפרי האָב איך באַשלאָסן, גאָרניט וועל איך זאָגן, איך וועל זיך איבערציען און גאָר. פריער וועל איך בלויז גיין נעכטיקן אויף איין נאַכט און דערנאָך נאָך אויף איין נאַכט, און אויף מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן . . . אפשר וועט מיר איינפאַלן אַ גוטער תירוץ. אָבער דער אמת איז, אַז איך האָב אומזיסט געטראַכט, קיינער האָט מיך גאָר אַזויפיל ניט געפרעגט, ווי זאָגט מען, קיינער האָט מיר ניט געהאַקט די רעדער. די טאַנטע האָט אַ זאָג געטאָן, ווען זי האָט געזען, ווי איך לייג אַריין מיין נאַכט־העמד, מיין האַנטאָך און מיין ציין־בערשטל אין דער וואַליזקע:

— וואָס רבקה, עס איז דיר ענג ביי אונדז?

און נאָך איידער איך האָב איר עפּעס געענטפערט, האָט זי שוין צוגעגעבן:

— נו, אפשר וועט דיר זיין באַקוועמער. און די טאַנטע איז אַוועק זען אַ „סעיל" (אויספאַרקויף) פון לאָמפּן. אויף יעדער זאַך איז דאָ פאַראַן אַ באַזונדער „סעיל". אַ סעיל פון קליידער, אַ סעיל פון שיך, אַ סעיל פון מעבל, פון „פאָרניטשור", אַ סעיל פון לאָמפּן, אַ סעיל פון אַלצדינג. איך וואָלט זיך אינגאַנצן ניט געוואונדערט, ווען מען זאָל דאָ מאַכן אַ סעיל פון „כלות" און אַ סעיל פון „חתנים". עס קען זיין, אַז עס וואָלטן געוועזן „קאַסטאָמער" אויך. און יעדערער וואָלט געגאַנגען אַ קוק טאָן

איוף דעם „סעיל״, גלאַט אַזוי, „דזשאָסט פאָר פאַן״. ווען איך בין אַוועק איז קיינער ניט געווען אין שטוב. עס איז ניט געווען, ווי מען זאָגט, וועמען צו זאָגן אַ זיי געזונט.

די לאָנדריניטשקע האָט מיר אַ וויַיז געטאָן, וואו אַוועקצר־שטעלן מיין „פּאַרמעגן״ און זי איז ניט געוואָרן, זי האָט איצט „געהערט צו דער לאָונדרי״.

גייענדיק היינט פון סקול, בין איך פאַרקראָכן צום אַנקלס הויז, און זיך שוין ביים שוועל דערמאָנט, אַז איך גיי היינט נעכטיקן צו דער לאָנדריניטשקע.

— פאַרקראָכן, האָב איך זיך אַליין פאַרגעוואָרפן, און דערפילט אַ קלעם אין האַרצן, פאַרט איז דאָס געווען אַ שטיקל היים, ווען ניט דער עדי . . . פון הויז איז דערוויַיל אַרויס די מיסיס שאָר:

— איך גיי טאָקע צו דיר! האָט זי געזאָגט, עס איז דאָ פאָר דיר אַ קאָרטל, און אַגב האָב איך געוואָלט זען וואוהין דו ביסט אַנטלאָפן . . .

— אַנטלאָפן?

— אוודאי אַנטלאָפן, אַפילו קיין גוטן טאָג ניט געזאָגט . . .

איך האָב זיך פאַרענטפערט, אַז איך האָב נאָך גערעכנט קומען, און ניט איינמאָל . . .

— איך ווייס, האָט די מיסיס שאָר אַ זשמורע געטאָן מיט אַן אויג, איך ווייס, דו ביסט אַנטלאָפן פון עדין . . . און זייער גלייך געטאָן, זייער גלייך . . . דו ביסט אַ חכמה . . . און די מיסיס שאָר האָט זיך צעלאַכט.

— אָפּענע קאָרטן, האָב איך אַ טראַכט געטאָן. אונדז דאַכט זיך, אַז קיינער ווייס ניט וואָס מיט אונדז קומט פאָר. מען ווייס. די וועלט ווייס אַלץ. אַזוי דאַכט זיך מיר איצט.

דאָס קאָרטל איז געווען פון שיינפעלדן. שיינפעלד איז קראַנק. „קום אַריבער, שרייבט ער, שוין פיר טעג ווי איך בין קראַנק, און „צופיל פריינט״ האָב איך ניט דאָ . . . אַזוי שרייבט ער, „צופיל פריינט״ . . . אים איז נאָך אפשר ערגער ווי מיר, ווער ווייס ווי שלעכט אים איז? . . . מאָרגן וועל איך גיין זען שיינפעלדן . . . אַוועקגיין אַביסל פריער פון דער אַרבעט, און גיין אים זען.

די שטומע באַלעבאָסטע

4־טער אַפּריל.

איך קען ניט פאַרגעסן שיינפעלדן ווי ער ליגט איינער אַליין אין זיין צימערל, ביי דער „שטומער" באַלעבאָסטע. זיין בעטל איז זייער אַ נידעריקס, און אַז איך בין אַריין האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער ליגט כמעט אויף דער ערד און עס האָט זיך מיר אָפּגעריסן אין האַרצן. ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— רבקה, איך בעט דיך, די ערשטע זאַך קויף מיר אַלקאָהאָל, איך האָב זיך שוין דריי טעג ניט אַרומגעוואַשן, און מיר דאַכט זיך, אַז מאָך איז אויף מיר אָנגעוואָקסן. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט פאַרזשמורעטע אויגן, ווי ער זאָל וואַרטן אויף אַן ענטפער, צי איז ער טאַקע באַוואָקסן מיט מאָך, צי ניט. איך האָב באַמערקט, אַז ער שלינגט די שפּייעכץ, מסתם איז ער דאַרשטיק, און איידער איך בין אַראָפּ קויפן אַלקאָהאָל בין איך אַריין אין קיך מאַכן פאַרן קראַנקן אַ גלאָז טיי. אין קיך, אָדער, ווי זיי זאָגן, אין „קיטשן", איז געזעסן אַ פרוי און האָט געשטריקט.

— איך וויל דאָ מאַכן טיי פאַר מיסטער שיינפעלד, האָב איך איר געזאָגט.

די פרוי האָט מיר קיין וואָרט ניט געענטפערט, זי האָט מיר שטומערהייט דערלאַנגט אַ טשאַיניקל, וואָס איז אַלט געווען אפשר הונדערט יאָר, פונקט אַזאַ טשאַיניקל האָב איך אַמאָל געזען ביי מיין זיידן רב מאָטיעלע אויפן בוידעם, אין לובלין. דאָס דעקל פון טשאַיניקל איז געווען צוגעטשעפּעט צום הענטל מיט אַ קייטעלע, עס זאָל ניט אַראָפּפאַלן און עס זאָל ניט פאַרפאַלן ווערן. שטומער־הייט האָט זי מיר אָנגעצונדן דעם גאַז, שטומערהייט האָט זי מיר געגעבן אַ גלאָז, מיט אַ שעלכל, מיט אַ לעפעלע, און שטומער־הייט האָט זי זיך ווידער געזעצט אויף איר בענקל שטריקן. זי האָט געשטריקט אַן אַרבל און דער קאָליר פון איר שטריקעכץ איז געווען, ווי דער קאָליר פון איר טשאַיניקל. אַביסל גרוי, אַביסל ברוין און אַביסל דער גוטער יאָר ווייס וואָס פאַר אַ קאָליר. איך האָב געגעבן שיינפעלדן אַ גלאָז טיי. ער האָט עס אויסגעטרונקען אין איין אָטעם.

— איך טרינק שטענדיק הייסע, האָט ער זיך פאַרענטפערט.

ער האָט אויסגעזען זייער דערשלאָגן, אפשר האָט ער אַזוי אויסגעזען, ווייל זיין בעטל איז זייער נידעריק.

איך האָב אים געפרעגט, צי זיין באַלעבאָסטע איז אַ שטומע? אָדער זי רעדט ניט גלאַט אַזוי, זי האָט קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט צו מיר . . .

שיינפעלד האָט אָפּגעלעקט די ליפּן און האָט מיר געזאָגט:

— עס זיינען ביי איר פאַראַן טעג ווען זי איז שטום. אַז מען פאַרשפּעטיקט איר צאָלן „רענט" ווערט זי אינגאַנצן שטום. אַנדערע מאָנען מיט ווערטער, זי מאָנט מיט שטומקייט, און דאָס איז אַ סך שווערער איבערצוטראָגן. פיר טעג, אַז איך האָב איר פאַרשפּעטיקט מיטן צאָלן, איז זי שוין דריי טעג שטום, ווי די וואַנט. 15 דאָלער דאַרף איך פאַר איר . . . ביז איך וועל געזונט ווערן . . .

איך בין אַראָפּ אין גאַס, געבראַכט פאַר שיינפעלדן אַלקאָהאָל און עפּעס צום עסן . . . אַז איך בין צוריק געקומען האָט ער מיר געזאָגט:

— שווער אַזוי צו לעבן . . . מיר וואָלט קיין שאָד ניט זיין די גאַנצע „שפּיל" אויפגעבן . . . נאָר מיין פרוי און דאָס קינד . . . דאָס קינד איז אַלט אינגאַנצן זעקס יאָר. אפשר וועט זיך נאָך איינגעבן זען זיי און העלפן . . . אָבער ווייטער . . . וואָס איז דאָ פאַראַן צו זשאַלעווען? די באַלעבאָסטע, וואָס עס פאַלט אויף איר אָן אַ שטומעניש?

איך האָב שיינפעלדן דערציילט וועגן מיין פאָטערס בריוו, אַז ער וואוינט ביי קראָסוליען אין שטאָל.

—ביידע זאַכן ניט גוט, האָט שיינפעלד געזאָגט און האָט אַ ווייז געטאָן אויף זיין צימערל מיטן שמאָלן טישל ביים וואַנט . . . ביידע זאַכן זיינען ניט גוט . . .

איך בין אַוועק אַהיים, איבערגעלאָזן שיינפעלדן מיט אַ גלאָז קאַלטע טיי אויפן טישל, צוויי פּאָמעראַנצן, „אָרנאַדזשעס", דאָס פלעשל אַלקאָהאָל, און די שטומע באַלעבאָסטע.

איך וועל מאָרגן גיין צו מיסטער שאַמוט, ער איז וויס פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט „הילף" פאַר פּליכטלינגע, זאָל ער שאַפן פופצן דאָלער פאַר שיינפעלדן, באַצאָלן פאַר זיין דירה

און אומקערן דאָס לשון זיין באַלעבאָסטע. איך האָב אויסגעלייגט, וואָס איך וועל זאָגן דעם מיסטער שאַמוט און וואָס איך וועל אים ענטפערן, אויב ער וועט ניט וועלן געבן קיין געלט . . . און אַזוי טראַכטנדיק בין איך צוגעגאַנגען ביז דער לאָונדרי, עמיצער האָט מיך אַ ריר געטאָן ביים אַקסל:

— סטאָפּ!

„רעד" איז געשטאַנען . . .

— דו ביסט אַוועק פון דער טאַנטע?

אַטאָ האָסטו זיך, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַ גאַנצע נאַכט געטראַכט וואָס אַלעמען צו ענטפערן, און אַז עס קומט צו עפּעס ווייס איך ניט וואָס צו זאָגן, נאָר אויף מיין מזל האָט „רעד" גאָרנישט געוואַרט אויף קיין ענטפער.

— זייער גוט, האָט ער געזאָגט, איך בין זייער צופרידן, „א'ם גלעד".

פאַרוואָס איז „רעד" צופרידן? ער וויל אויך פּטור ווערן פון עדין? אָדער ער וויל, אַז רוט זאָל ניט קומען? ווער ווייס? אַבי איך דאַרף אים איצט ניט ענטפערן, פאַרוואָס איך בין אַוועק פון דער טאַנטע.

עס איז שוין געווען צו שפּעט אויף גיין אין די „מואוויס", זיינען מיר אַוועק צום איסט ריווער. זעט אויס, אַז „רעד" האָט ליב דעם איסט ריווער, אַזוי ווי לייזער האָט ליב געהאַט דעם סאָסנאָוון וואַלד, אַבי וואָס פלעגט לייזער מיך רופן: קום צום סאָסנאָוון וואַלד. און „רעד", — קאָם אָן, צום איסט ריווער. אָבער גייענדיק מיט „רעד"ן צום איסט ריווער דערמאָן איך זיך וועגן דעם סאָסנאָוון וואַלד אויך, און מיר דאַכט זיך אַמאָל, אַז איך גיי אי דאָ, אי דאָרטן. קען אַ מענטש זיין אין איין צייט אין צוויי ערטער? זעט אויס, אַז יאָ . . .

„רעד" האָט אַ נאַטור, ער קען טרעפן. ער האָט דעמאָלט געטראָפן פון דער פאָטאָגראַפיע, וועלכער איז לייזער און איצט האָט ער געטראָפן, וואָס איך טראַכט.

— דו יו טינק אַבאַוט לובלין?

— וואָס עפּעס?

— איך זע . . .

— ניין, „רעד", איך טראַכט וועגן מיין לערער, שיינפעלדן, ער איז קראַנק . . . און די באַלעבאַסטע זיינע איז שטום געוואָרן פון זאָרג וועגן דעם דירה געלט . . .

— ריעלי? האָט „רעד" אַ פרעג געטאָן און מיר האָט זיך ווידער געדאַכט, אַז אים אַרט גאָרניט . . . און אַזוי ווי „רעד" טרעפט וואָס מען טראַכט, האָט ער מיר געזאָגט:

— דו ביסט אַ גוטע, רבקה, „אַי לאַיק יו", (דו געפעלסט מיר) נאָר עדי האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט אַ חתן אין לובלין . . .

— און וואָס אַרט עס דיך? האָב איך אָנגעהויבן לאַכן, דו צאָלסט פאַר אים „טעקסעס"?

איך האָב געפילט, אַז איך האָב געזאָגט אַ נאַרישקייט, אָבער עס איז שוין געווען פאַרפאַלן . . .

— יע, איך צאָל פאַר אים „טעקסעס" האָט מיר „רעד" געזאָגט, ער האָט געטראַכט אַ ווײַלע און ווידער אָנגעהויבן ריידן:

רבקה, יו נאָו, עס זיינען דאָ „גערלס" (מיידלעך), וואָס וויינען, און עס זיינען דאָ „גערלס" וואָס לאַכן . . . „עוורי־טינג" (אַלץ) איז ביי זיי אַ געלעכטער . . . ביי דיר איז אַלץ לאַכן . . .

— „לאַכן" האָב איך אים נאָכגעזאָגט מיט שפּאַס . . .

— „עווריטינג" (אַלץ) קען מען ניט לאַכן, רבקה.

— עווריטינג, האָב איך אים נאָכגעזאָגט.

— מען קען מיט דיר ניט ריידן, האָט „רעד" אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, „ביקאָז" (ווייל) . . .

„רעד" האָט אַ ווײַלע געטראַכט, וואָס פאַר אַ „ביקאָז" ער דאַרף זאָגן.

— ביקאָז, איך בין אַ לובלינער, האָב איך אים אונטער־געהאָלפן . . .

— „דאַט'ס דע טראָבל", (דאָס איז די צרה), האָט „רעד" זיך אָנגעכאַפּט, „ביקאָז" דו ביסט „טו מאַטש" (צופיל) אַ לובלינער . . .

ביי „רעד"ן גייט גיך אַריבער דער כעס, ער הויבט אָן לאַכן און פאַרגעסט. און עדי וויל אונדז, זעט אויס, צעקריגן . . . הער נאָר, אַ מעשה מיט אַ חתן גייט ער אים דערציילן. עדי וויל ביידן, מיך און סעלמאַן . . . דער אָנקל איז געווען גערעכט . . .

איך טרעף משיחן

5־טער אַפּריל.

ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז ס'איז דאָ משיח אויף דער וועלט, יע, ער איז דאָ, און איך האָב אים היינט געטראָפן. ער איז מיר געקומען אַרויסהעלפן אין אַ גרויסער נויט. און ניט צוליב מיר איז ער געקומען, נאָר צוליב שיינפעלדן, צוליבן קראַנקן שיינפעלדן... איך בין היינט אַוועק פון דער מיסיס קאָשעס מיט אַ שעה פריער, איך בין געלאָפן צו מיסטער שאַמוט קריגן די פופצן דאָלער פאַר שיינפעלדן, באַצאָלן פאַר זיין דירה. מיסטער שאַמוט האָט מיך זייער פריינדלעך באַגעגנט:

— נו ס'איז נאָך דיר אַלץ שלעכט, אַז מיסטער עדלשטיין האָט פאַר דיר באַצאָלט גאַנצע הונדערט קוואָדערס? וואָס ווילסטו ווייטער?

איך האָב אים דערציילט, אַז שיינפעלד ליגט קראַנק, מען דאַרף פופצן דאָלער אויף באַצאָלן פאַר זיין דירה, די באַלעבאָסטע זיינע איז אַזש שטום געוואָרן פאַר כעס, וואָס מען האָט פאַר־שפּעטיקט איר אָפּצאָלן דירה געלט.

— זאָל זי שטום ווערן, האָט מיסטער שאַמוט געזאָגט, אָבער מיר קענען גאָרניט טאָן . . . מיר האָבן ניט קיין פאָנדן אויף צאָלן „רענט". ביי אונדז איז יעדער פּעני באַשטימט . . .

איך האָב געבעטן מיסטער שאַמוטן מען זאָל מאַכן אַן אויס־נאַם, שיינפעלד איז אַן עלנטער מענטש, ער האָט גרויסע יסורים פון זיין באַלעבאָסטע.

— פון אַלע ווייבער האָט מען יסורים . . . האָט זיך מיסטער שאַמוט געוויצלט, איר פאַרשטייט, מיר קענען אַרויסהעלפן מיט געפינען אַ „דזשאַב", אָדער מיט אַן עצה . . . און דאָס איז זייער וויכטיק. מיר קענען אים געבן אַ פּלאַץ צום שלאָפן אויף אַביסל צייט, נאָר צאָלן פאַר עמיצנס אַ דירה, דאָס קענען מיר ניט . . .

— מאַכט פאַר שיינפעלדן אַן אויסנאַם, האָב איך זיך געבעטן ביי מיסטער שאַמוט, שיינפעלד איז אַ מענטש וואָס וועט ניט קומען בעטן . . .

— אָן אויסנאַם מאַכט מען נאָר פּאַר אַ שיין־מיידל, אָבער ניט פּאַר אַ שיין־פעלד . . . מיסטער שאַמוט האָט הנאה פון זיינע וויצן, און האָט געשמייכלט.

— וואָס זאָל מען מיט אים טאָן? האָב איך גערעדט שוין דאַכט זיך מער צו זיך, ווי צו מיסטער שאַמוט.

— אפשר וועט אייך די לובלינער סאָסייעטי העלפן . . . איך קען אייך געבן צו זיי אַ בריוו, אָבער מיר קענען גאָרניט טאָן, און מיסטער שאַמוט האָט צענומען די הענט איןביידע זייטן, מיר קענען, ליבינקע, גאָרניט טאָן . . .

איך האָב געזען, אַז ביי מיסטער שאַמוט האָט זיך שוין די האַנט אַ צי געטאָן צום זייגער, וואָס ליגט ביי אים אויפן טיש. איך בין אַרויס פון זיין אָפיס. וואו זאָל איך גיין? וואָס טוט מען מיט שיינפעלדן? איך האָב זיך דערמאָנט, ווי שיינפעלד האָט געזאָגט: „איך וואָלט אויפגעגעבן די „שפיל" ווען ניט דאָס ווייב און דאָס קינד" . . .

איך האָב פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט, כדי צו באַטראַכטן, וואו זאָל איך איצט גיין קריגן די פופצן דאָלער פאַר שיינפעלדן . . . אפשר זאָל איך גיין צו דער מיסיס טקאַטש? און אַזוי ווי איך בין אַזוי געשטאַנען אינמיטן וואַרט־צימער איז צו מיר צוגעגאַנגען אליהו הנביא, אָדער משיח, אַ דאַגה, אַבי ער האָט מיר געהאָלפן . . .

— וואָס טראַכט איר אַזוי? . . .

ערשטנס, האָב איך זיך פאַרוואונדערט, וואָס מען זאָגט מיר „איר", אַלע דאָ זאָגן מיר „דו". און ווער קען דאָס זיין? גאָר אַן אַלטער מאַן איז געשטאַנען אַנטקעגן מיר, אַ הויכער אַלטיטשקער. איך האָב קיינמאָל ניט געזען גרויע האָר זאָלן זיין אַזוי ווייס.

וואָס טראַכט איר? האָט ער מיך ווידער געפרעגט, און ער האָט ניט געוואַרט אויף מיין ענטפער און האָט מיר געזאָגט: איך בין דאָ אַ דירעקטאָר שוין פערציק יאָר . . . איך האָב געבויט די „אינסטיטושאָן" . . . איר מעגט מיר זאָגן, וואָס איר דאַרפט דאָ . . . דער אַלטער האָט אַרויסגענומען אַ וויזיט קאַרטל:

יצחק פיש, דירעקטאָר פון דער געזעלשאַפט „הילף", יאָר 1900 . . .

מיט פערציק יאָר צוריק האָבן מיר געבויט די אינסטיטושאָן פאַר מענשלעכקייט . . . פאַר הילף . . . און דער אַלטער האָט אַרויסגעשלעפּט פון זיין קעשענע נאָך אַ קאַרטל:

יצחק פישמאַן, פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט „הילף" 1906.

„טאָג און נאַכט דאָ אָפּגעזעסן. אַליין די בענק געמאַכט . . . אַליין געפּאַרבט . . . אויף מיין נאָמען פאַרשריבן דער „טשאַר־טער" ביזן היינטיקן טאָג" . . .

איך האָב אים דערציילט וועגן שיינפעלדן, אַ לערער געווען, אַן איידעלער מענטש . . . איצט איז ער קראַנק, אַ פּליכטלינג, האָט דאָ קיינעם ניט . . . פופצן דאָלער דאַרף מען האָבן באַצאָלן פאַר זיין דירה . . . ער אַרבעט דאָ אין אַ „פעקטאָרי" פון „סעקאָנדהענטיקע" לעפל, נאָר איצט איז ער קראַנק . . . אַן אַ משפחה . . .

אַ רחמנות . . . האָט געזאָגט דער אַלטער, אַ רחמנות . . . מענטשלעכקייט דאַרף זיין . . . מענטשלעכקייט . . . און וואָס זיינט איר זיינע? אַן אייגענע?

— ניין, געווען זיינע אַ תלמידה . . . ער האָט געלערנט מיך חשבון . . .

— קומט, האָט דער אַלטער מיר געזאָגט, קומט . . . און ער איז אַרויף אויפן צווייטן שטאָק. איך בין ניט געווען זיכער, צי דער אַלטער וועט עפּעס אויפטאָן, נאָר איך בין אים נאָכגע־גאַנגען, וואָס האָב איך דאָ צו דערלייגן?

דער אַלטער איז געגאַנגען אין אַלע טירן, ניט קלאַפּנדיק . . .

— וואו איז מיסטער קאַן? האָט ער געפרעגט.

מיר זיינען געקומען צו מיסטער קאַן, דעם פּרעזידענט. ביי אַ זייטיקן טיש זיינען געזעסן צוויי אָפיס מיידלעך און געקלאַפּט אויף מאַשינקעס. אַז זיי האָבן דערזען דעם אַלטן האָבן זיי זיך ביידע איבערגעקוקט, ווי איינער זאָגט: ער איז שוין דאָ, עס וועט שוין זיין אַ חתונה . . .

מיסטער קאַן האָט אים בעגעגנט פריינדלעך:

— האַלאָ, האַלאָ, האַלאָ, מיסטער פיש! וואָט ניוס? . . .

— טראָבל... טראָבל... פופצן דאָלער דאַרף מען איר געבן...

— ניט פאר מיר, האב איך זיך פארענטפערט, פאר א קראנקן, פאר שיינפעלדן . . .

— פופצן דאלער . . . א קראנקער מענטש, א פליכט־לינג . . . ליגט אליין . . . ווי, ווי, ווי . . . מענטשלעכקייט דארף זיין . . .

— מיסטער פיש, האט זיך מיסטער קאן א כאפ געטאן, אייך דארף איך דאך ניט דערציילן . . . איר זיינט דאך אליין געוועזן, ווען מען האט באשלאסן קיינע היים אויסצאלונגען ניט מאכן . . . מיר האבן ניט אויף דעם . . . איר ווייסט דאך, מיסטער פיש . . .

— באשלאסן . . . באשלאסן . . . ווע, ווע, ווע . . . מענטש־לעכקייט . . . א קראנקער ליגט . . . אן עלנטער. אלע קומען דאך ניט . . . אט איז זי געקומען . . . עלעהיי א מענטש פאלט אין מיטן גאס . . . גיט מען דאך הילף . . .

מיסטער קאן האט זיך אויפגעשטעלט:

— אבער מיר קענען ניט איבערמאכן קיין באשלוסן, מיר קענען ניט . . .

דער אלטער האט זיך אפגעמאכעוועט פון אים מיטביידע הענט, ווי מען פאכעט זיך אפ פון א פליג.

— ווע . . . ווע . . . ווע . . וואס דערציילט איר מיר? איך האב געבויט די „אינסטיטושן", אליין די ברעטער געטראגן... אליין געפארבט . . . צוליב וואס? צוליב מענטשלעכקייט . . . ווע . . . ווע . . . וואו איז דער טיש? איך זע אים דא ניט . . . א שטארקער טיש געוועזן . . . א דעמבענער . . . אזעלכע טשוועקעס אריינגעקלאפט, געקענט שטיין הונדערט יאר . . . „פארניטשער" דארף מען דא? ווער דארף דאס? מענטשלעכקייט דארף מען . . . פופצן דאלער דארף מען איר געבן! . . .

מיסטער קאן, אז ער האט דערהערט די מעשה מיטן דעמבע־נעם טיש, האט ער ארויפגעלייגט א האנט אויפ'ן שטערן . . .

— אבער, מיסטער פיש, איך האב ניט, איך בין דא ניט קיין באלעבאס, דאט'ס אימפאסיבל . . .

— וואס פאסיבל . . . פאסיבל . . . האט אים דער אלטער איבערגעקרימט, און האט אויפגעהויבן א ציטעריקע שטים: איך בין דא יא באלעבאס! אליין די ברעטער געפארבט . . .

טאַלער וועל איך אַליין געבן . . . און דער אַלטער האָט זיך גלייך אַ נעם געטאָן צו זיין טייסטער.

מיסטער קאַן האָט זיך אַ ריר געטאָן, ער איז אַוועק מיטן אַלטן אַ שטאָק נידעריקער, איך האָב געוואָלט מיטגיין.

— זיצט, זיצט דאָ, האָט מיך דער אַלטער געאירצט, און ווער קען אייך דאָ? ווער איר זיינט . . .

— מיסטער שאַמוט קען מיך . . . אַ לאַנדסמאַן . . .

— גוט, גוט, זיצט דאָ . . .

איך בין געבליבן זיצן. די צוויי סעקרעטאַרשעס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איינע צו דער אַנדערער, געלאַכט און זיך געשושקעט, געשושקעט זיך און ווידער געלאַכט . . . „קרייזי", האָבן זיי גערעדט צווישן זיך.

פאַרליבט איז „קרייזי", און דאָס, זעט אויס, וואָס דער אַלטער האָט געזאָגט איז אויך „קרייזי", אַ מאָדנע שפּראַך ענגליש . . . „קרייזי" זעט אויס איז אַלץ, וואָס עס נעמט ביים האַרצן . . . מען וועט דאַרפן פרעגן די מיסיס שוואַרץ, אָדער „רעד"ן.

דער אַלטער איז געקומען צוריק, נאָך אים איז געגאַנגען מיסטער קאַן, טאַקע ווי אַ נאַסער האָן. דער אַלטער האָט געטראָגן אין האַנט אַ טשעק, די האַנט און דער טשעק האָבן ביי אים שטאַרק געציטערט. דער אַלטער איז צוגעגאַנגען צו אַ טישל, וואו עס איז געזעסן איינע פון די אָפיס מיידלעך און האָט זי מיט אַ צייכן פון האַנט אַראָפּגעשאַרט פון בענקל, ער האָט זיך געזעצט „חתמענען" דעם טשעק. (דער טשעק איז געווען אויסגעשריבן אויפן נאָמען: יצחק פישמאַן).

— אַמאָל האָב איך געקענט זיך חתמענען שטייענדיק, היינט קען איך ניט, היינט מוז איך זיך זעצן. ער האָט די פען אַזוי לאַנג געשאָקלט איבערן טשעק, ביז דריי קלאַקסעס טינט זיינען אַראָפּגעפאַלן. דערנאָך האָט ער פאַמעלעך, צירקלענדיק יעדן אות, אונטערגעשריבן זיין נאָמען אויף ענגליש. די אותיות האָבן אויך געציטערט ווי זיין האַנט, ער האָט זיי געשטעלט וויט איינס פון דעם אַנדערן, מען זאָל זיי קענען איבערלייענען. צוויי שורות האָט פאַרנומען זיין אונטערשריפט, און דער ענדע שטריך אַ גאַנצע דריטע שורה.

— פאַר מענטשלעכקייט האָט מען די „אינסטיטושן" געבויט, האָט דער אַלטער געזאָגט, און מיר אָפּגעגעבן דעם טשעק. איך בין צוזאַמען מיט אים אַראָפּ פון די שטיגן. ער האָט מיר געוויזן נאָך פיר קאַרטלעך.

— איך זאָג צו זיי מענטשלעכקייט . . . נו, וואָ־ס־ס־ס . . . האָט דער אַלטער אויסגעצויגן זיין „וואָס" מיט ביטול און איז אַוועק. ער האָט זיך נאָך אומגעדרייט און האָט צוגעגעבן:

— אַ רפואה שלמה גיט אים איבער, אַ רפואה שלמה.

איך בין אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס און זיך אומגעקוקט. דעם אַלטן האָב איך שוין ניט געזען. זיך פאַרדרייט, זעט אויס, אויפן ראָג. מיר דאַכט זיך, איך האָב היינט געטראָפן משיח'ן . . . מען זאָגט, ער פאַרשטעלט זיך אין פאַרשיידענע געשטאַלטען און קומט העלפן וואו מען דאַרף. און ווידער מיט מיינע צרה'דיקע טרערן, איך האָב געוויינט אויפן מיטן גאַס, און אַלע האָבן מיך אָנגעקוקט. אַ דאגה, אַבי איך טראָג דעם טשעק פאַר שיינפעלדן, און פאַר זיין באַלעבאָסטע, די שטומעניש זאָל פון איר אַראָפּ.

מיסטער קאַרעלינס „מאַטעריאַלן"

6־טער אַפּריל.

„רעד" איז מיט מיר מיטגעגאַנגען צו שיינפעלדן. שיינפעלדן איז שוין בעסער. ער זאָגט, אַז דער אַלקאָהאָל האָט אים געהאָלפן, און איך מיין, אַז די „רפואה שלמה" וואָס „משיח" האָט אים געשיקט האָט אים געהאָלפן. מילא, אַבי ער פילט זיך שטאַרקער, און אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט ער שוין גיין צוריק צו דער אַרבעט.

— געוואָלט זיך אויסדרייען, ניט בעטן ביי קיינעם, האָט געזאָגט שיינפעלד, איז די קרענק אונטערגעקומען . . . פונוואַנען האָט איר דעם טשעק?

— משיח'ן געטראָפן . . .

— כ'מיין ערנסט . . .

— איך זאָג אייך, שיינפעלד, משיחן געטראָפן, ער האָט מיר געבראַכט דעם טשעק, און האָט אים אַליין אונטערגעשריבן, און איר האָט ביי קיינעם ניט געבעטן.

שיינפעלד האָט באַטראַכט די אונטערשריפט:

— אַ מאָדנע אונטערשריפט . . . זעט טאַקע אויס, ווי ניט פון דער וועלט . . .

מיר איז געווען פריילעך, איך האָב שוין לאַנג ניט געזונגען... ווי קען איך זינגען? . . . נאָר איצט האָט זיך ביי מיר אַליין אַ זונג געטאָן, ווען שיינפעלד האָט מיך געבעטן אָפּגעבן משיח׳ס טשעק זיין באַלעבאָסטע:

— באַלעבאָסטע זיסינקע,
זיסינקע, זיסינקע באַלעבאָסטע!
באַלעבאָסטע זיסינקע,
זיסינקע טשעקעלעך . . .

שיינפעלד האָט זעט אויס באַמערקט, אַז „רעד" קוקט אויף זיינע נעגל, און ער האָט, ווי דעם ערשטן מאָל, ווען ער האָט מיך באַגעגנט, זיך פאַרענטפערט:

— די שוואַרצקייט פון די נעגל גייט ניט אַראָפּ, דאָס איז פון אַ זאַלץ, וואָס איך וואַש דערמיט די אַלטע לעפל, מען מאַכט פון זיי „סעקאָנדהענדיקע". און שיינפעלד האָט זיך אַביסל אויפגעהויבן אויף זיין נידעריק בעטל. — איך וואָלט געקענט האָבן ווייסע נעגל אויך, און אַ „דזשאָב" דערצו, באַדאַרפט בלויז אונטער־שרייבן זיך . . . נו, האָט זיך מיר ניט געוואָלט. מוז מען האָבן שוואַרצע נעגל.

„רעד" איז געוואָרן נייגעריק, און איך, דעם אמת, האָב אויך געוואָלט וויסן די געשיכטע מיטן אונטערשרייבן זיך, נאָר איך וואָלט ניט געהאַט קיין איינשטעלעניש בעטן דערציילן מיר די מעשה, אָבער „רעד" האָט אַ זאָג געטאָן:

— איז דאַט׳ס אָל? האָו איז איט? (וויאַזוי איז דאָס?)

שיינפעלד האָט זיך שוין, זעט אויס, גענוג אָנגעשוויגן מיט זיין שטומער באַלעבאָסטע און ער האָט אונדז דערציילט די מעשה.

— איר ווייסט דאָך, — האָט ער געזאָגט, — מיין פרוי איז אַ לובלינער, נאָר איך קום פון לאָדזש. און כאָטש עס איז מיין שטאָט, האָב איך ניט ליב לאָדזש. צוליב די גרויסע געשעפטן וואָס זיינען דאָרט געווען איז לאָדזש אַן אָנלויפעניש, אַלערליי מעקלערס, אַלערליי דרייערס, אַלערליי מאַלווים, אַלערליי מאַכערס, אַלץ איז

אָנגעלאָפן קיין לאָדזש. האָט זיך אָנגעפּלאָדיעט דאָרט אַן ערב רב, דערנאָך האָט לאָדזש צעשיקט איר סחורה איבער דער וועלט...

כ׳מיין אויף אַ שטאָט קען מען ניט זאָגן . . . אָט האָט אין לאָדזש געוואוינט רב שמואלקע קאַטאָוויצער אויך, וואָס ער האָט דאָס גאַנצע לעבן געגעבן „מעשר״ פון זיינע פאַרדינסטן פאַר שטאָט זאַכן, פאַר אָרעמעלייט. איך וויל גאָרניט פאַרדינען דערפון וואָס דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, — פלעגט ער זאָגן. איז דאָס געוועזן רב שמואלקע קאַטאָוויצער . . .

— „רעדי״ האָט נעבעך ניט פאַרשטאַנען די מעשה, האָט ער אָנגעהויבן אויספרעגן וואָס הייסט „מעשר״? (וואָט מינס „מעשר״?) און דערנאָך „וואָס מיינט „חרוב״ געוואָרן... הקיצור מען האָט זיך גוט אָנגעהאָרעוועט מיט „רעדן״ ביז ער האָט פאַר־שטאַנען די מעשה מיט רב שמואלקע קאַטאָוויצער, נאָר מיר האָבן פאָרט געוואָלט וויסן די מעשה מיטן אונטערשריפט, האָט אונדז שוין שיינפעלד דערציילט בקיצור.

— יע, זאָגט שיינפעלד, אַלץ וועגן לאָדזש... האָב איך דאָ געטראָפן איינעם אַ לאָדזשער, אַ לאַנדסמאַן. אויסגעפּוצט, אַ גאַנ־צער מאַכער, אַ כל ולך אין ניו־יאָרק. דערפרייט ער זיך מיט מיר. אַזויווי מיר האָבן געלערנט אין איין חדר, גיט ער זיך פאַר מיר אַ באַרים:

— ער קען דאָ „מאַכן״ אַ מענטשן אין ניו יאָרק און ער קען „מאַכן אויס״ אַ מענטשן . . . ער איז דאָ דער „פּרעזעס״ פון דער „איסט־וועסט לאָון סאָסייעטי״.

— און וואָס ביסטו עפּעס געוואָרן פאַר אַ פאַרשוין? געהערט, ביסט געוואָרן אַ פּראָפעסאָר?

— יע, אַ לערער, אַ לעקטאָר.

און ער האָט ביי מיר גענומען מיין אַדרעס. גוד באַי, טראַכט איך, און גוד לאַק, ווי מען זאָגט אין אַמעריקע.

אין עטלעכע טעג אַרום קומט ער אַראָפּ צו מיר און ברענגט מיר אַ גאַנצן פּאַקעט:

די „איסט־וועסט לאָון סאָסייעטי״ מאַכט אים אַ באַנקעט צו זיינע פופציק יאָר, און מען גיט אַרויס אַ בוך מיט זיין ביאָ־גראַפיע. איז וויל ער, אַזויווי מיר זיינען ביידע פון לאָדזש, און

איך קען אים גוט, און קען זיין טאַטן און זיין מאַמען, און זיינע חברים און בין נאָך אַ פּראָפעסאָר דערצו . . . זאָל איך אים אָנשרייבן די ביאָגראַפיע זיינע.

— דער קאָפּ איז מיר ניט דערביי... גלאַט אינמיטן דערינען ... האָב איך זיך געוואָלט אויסדרייען.

— איך האָב אַלע מאַטעריאַלן, — זאָגט ער מיר און דער־לאַנגט מיר אַ פּאַקעט... בלויז צוגעבן אַ ביסל פון אייערע זכרונות, און אונטערשרייבן, אַ געוועזענער חבר, אין איין חדר געלערנט... פּראָפעסאָר דר. שיינפעלד. דו וועסט קיין חרטה ניט האָבן, מיט דער „איסט־וועסט לאָון סאָסייעטי" איז גוט צו „שטיין אין פאַר־בינדונגען" . . .

איך האָב ביי אים גענומען די מאַטעריאַלן, אַ קוק געטאָן . . . ניט געקענט אונטערשרייבן, זיך געשעמט פאַר זיך אַליין . . . און מיין טאַטע ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר לעבט נאָך, — ניט געוואָלט אונטערשרייבן זיין פאַמיליע אויף דער „טשעפּוכא".

זיין טאַטע איז געווען אַ אידל אַ „מאַכער" פון די לאָדזשער... אין לאָדזש איז ער געקומען פון בענדין מיט אַ פּאַרטיקן נאָמען, די „ווינט־מיל" . . . און אין די מאַטעריאַלן שטייט, אַז זיין פאָטער איז געווען אַ כלל טוער, אַ פּרנס און אַן אב ליתומים... און ער אַליין — די „איסט־וועסט לאָון סאָסייעטי" — איז געווען צו ניין יאָר אַן עילוי... גלויבט מיר עס פעלט צו חלשות... איך האָב טאַקע ניט אונטערגעשריבן... און ווי איר זעט האָב איך שוואַרצע נעגל... אָט אַזוי... און שיינפעלד האָט צוגעגעבן :

— איך בעט אייך איר זאָלט קיינעם ניט דערציילן די מעשה, איך וויל זיך מיט דער „איסט־וועסט לאָון סאָסייעטי" ניט פאַר־טשעפּען, ער וועט מיר נאָך קאַליע מאַכן די לעפל אויך . . .

— „דאַטס פּוליש" — האָט „רעד" אַ זאָג געטאָן... באַ־דאַרפט אונטערשרייבן די מאַטעריאַלן . . . וואָס איז די דיפערענס, (די נפקא מינה) צי זיין טאַטע איז געווען אַ „ווינט מיל" צי אַ „נאַיס מען" ? (אַ פיינער מאַן.)

יעס, האָט שיינפעלד אים נאָכגעגעבן... איר זיינט אפשר גערעכט... נאָר איך האָב ניט געקענט... עס דאַרף דאָך זיין עפּעס מענטשלעכקייט ביי מענטשן...

מיר האָבן זיינע ווערטער עפּעס אַזויווי אין קאָפּ אַ זעץ געטאָן. פונוואַנען ווייסט ער וועגן דער „מענטשלעכקייט״... ער האָט דאָך „משיחן״ ניט געזען, ניט געהערט אים ריידן, פון וואַנען ווייס ער? ווי פאַלט אים איצט איין, גראָד דאָס וואָרט צו זאָגן? דאָס איז טאַקע אַ מאָדנע זאַך...

אַז מיר זיינען אַרויס פון שיינפעלדן האָב איך געזאָגט צו „רעדן״:

— „רעד״ דו וואָלסט אונטערגעשריבן דעם לאָדזשערס מאַטעריאַלן?

— אַי דאָנט נאָו, (איך ווייס ניט), רבקה, איך וויל דיר קיין ליגן ניט זאָגן...

— יע, קיין ליגן ניט זאָגן... (אַי דאָנט נאָו)... און שפּע־טער האָט „רעד״ צוגעגעבן:

— „הי איז אָלרייט״, שיינפעלד...

דאָס שענסטע איז געווען מיט שיינפעלדס באַלעבאָסטע: ווען איך בין אַריין אין קיך מאַכן אַ גלאָז טיי פאַר שיינפעלדן און זי האָט דאָך שוין געהאַט דאָס טשעקל, האָט זי גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער... איך האָב שטענדיק געהערט זאָגן: געלט רעדט! נאָר איך האָב קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס הייסט, איצט פאַרשטיי איך! סע רעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער:

— איר ווילט אפשר אַביסעלע טרוקענע „טי״?

— איר דאַרפט אפשר אַ סטרעינערל (אַ זייערל)? איך האָב ליב „טי״ מיט אַ סטרעינערל.

— פון וואַנען זיינט איר אַ לאַנדסליידי? האָב איך זי גע־פרעגט.

— איך בין אַ לאָדזשערן, האָט זי מיר געענטפערט מיט אַזאַ זיסקייט, כאָטש גיב זי אַ קוש אין פּיסקעלע.

— אפשר ווילט איר אַ שטיקעלע גוטע לעמענע? האָט זי מיך ווייטער געפרעגט.

גאָט צו דאַנקען, וואָס איך בין אַ לובלינער, און וואָס „רעד״ איז אַ ניו־יאָרקער.

איך זוך אַרבעט

7־טער אַפּריל.

איך האָב נאָך מזל, וואָס די מיסיס קאָשעס האָט געהאַט אויף דעם זונטיק אַ „פּאַרטי״ ביי איר פלימעניק. נאָך פריטיק האָט זי מיר וועגן דעם געזאָגט:

— „מעגסט זיך ווינטשן פאַרדינען אַלע טאָג, וואָס מיר וועט אָפּקאָסטן די „בוירטדעי פּאַדי״: אַ פרעזענט פאַרן „באָיטשיק״ מוז מען ברענגען צוליב דער מאַמען, און קענדי מוז מען ברענגען צוליבן „באָיטשיק״ אַליין, פאַר אים איז דער עיקר די קענדי.״

און איך בין היינט צוליב דער מיסיס קאָשעסעס פּאַרטי געוועזן פריי פון דער אַרבעט. די פינף און זיבעציק סענט וועלן מיר פעלן די וואָך, דערפאַר אָבער האָב איך געהאַט צייט זיך אַריינכאַפּן צו „דהי דזשואיש טשאַריטי ווימען״, וועגן זייער בריוו צו מיר. אפשר האָבן זיי טאַקע פאַר מיר אַ „דזשאָב״? פון די פאַרדינסטן ביי מיסיס קאָשעס וועל איך לאַנג ניט אָנציען. עס איז מיר זייער שווער אויסקומען מיט די פיר דאָלער פופציק סענט אַ וואָך... עס איז נאָך גוט וואָס מיסיס קאָשעס וואוינט אויף גרענד סטריט, און איך גיי צופוס אַהין און צוריק, פאַרשפּאָר איך „קאַרפער״.

ווען מיר זאָל זיין פריילעך אויפן האַרצן, איז דאָס גלאַט אַ פריילעכע זאַך, דאָס גיין צו זיי, צו „דהי דזשואיש טשאַריטי ווימען״, זיי האָבן מיר היינט שיעור ניט געמאַכט פאַר אַ אינגל. געגאַנגען בין איך גלייך צו דער מיסיס מאַיאָפּעס, וואָס קען ריידן אידיש... איך האָב געמיינט, — געקומען, אָפּגערעדט מיט איר און פאַרטיק, איך וועל וויסן וואו איך האַלט אין דער וועלט. דערוויל וויזט זיך אַרויס, אַז מען מוז שטיין אין „לאַין״ צו דער אינ־פאָרמיישן. און די אינפאָרמיישן שיקט שוין וואו מען דאַרף. מיר האָט זיך זייער ניט געוואָלט שטיין אין „לאַין״ און איך האָב זיך געפּרואווט אַריינכאַפּן פון אַ זייט צו דער מיס מאַיאפּעס אין „רום״ האָט מיך דער אויפזעער ניט געלאָזט.

— „אָן דהי לאַין, פּליז״...

בין איך אָפּגעשטאַנען מיין פּאַרציע אין דער ריי, און דער־

נאָך פונקט ווי יענעם מאָל האָט מען מיך געשיקט צו דער מיס אייכענבוים, פון דער מיס אייכענבוים צו דער מיס ראַבינאָוויטש, פון דער מיס ראַבינאָוויטש צו מיס קאָשער און פון מיס קאָשער צו מיס מאַיאָפּעס.

פון די אַלע מיסעס איז מיר קאָשער געפעלן אַמבעסטן, זי האָט מיך דערקענט און אַ לאַך געטאָן:

„אָ, יו ספּיק דזשואיש”...

דאָס ערגסטע איז האָבן צו טאָן מיט מיס אייכענבוים. אַז איך האָב איר געוויזן דעם בריוו זייערן האָט זי צו מיר אָנגעהויבן ריידן, און אָנגעטשעפּעט זיך אין אַ וואָרט „רעלאַיעבל” און „רעלאַיעבל” אַהין, און „רעלאַיעבל” ווידער, איך פאַרשטיי גאָרניט וואָס זי האָט געוואָלט פון מיר. גאָט צו דאַנקען, וואָס זי איז מיד געוואָרן און האָט מיך אָפּגעשיקט צו מיס קאָשער. מיס קאָשער האָט כאָטש איין מעלה: זי ווייס, אַז מיר פאַרשטייען זיך ניט. זי גיט אַ לאַך און אַ מאַך מיט דער האַנט און מען זעט כאָטש, ס'איז ניט קיין ענגלישער גראַמאַפאָן, ס'איז אַ מענטש, וואָס איך פאַרשטיי זי ניט, און זי פאַרשטייט מיך ניט, אָבער פאָרט אַ מענטש. זי איז געפאַלן אויף אַ שכל און האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס פון דער לאַונדרי און געזאָגט:

— גאָ דהער יו'ל סי. (גיי צו אַהין וועסטו זען).

די לאַנדרי מיטן „דזשאַב” איז ערגעץ אין בראָנקס. בין איך געפאָרן מיט דער סאַבוועי, און דערנאָך מיט אַן עלעווייטער און געקומען אין דער לאַונדרי. ווייזט זיך אַרויס, זיי דאַרפן אַ „באָי”. ער זאָל פאַנאַנדערפירן די „באַנדלס”, קיין פרוי דאַרפן זיי ניט. איין מעלה האָבן זיי פונדעסטוועגן געהאַט דאָרטן, אין דער וועשעריי, זיי האָבן גערעדט צו מיר אידיש און איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך מיט מיר. זי די באַלעבאָסטע איז אַ שווייגערקע, אַ מרוק. אַ זאָג געטאָן:

— ווי ניד אַ „באָי”, (מיר דאַרפן אַ אינגל), און פאַרטיק, זי זעט מיך שוין ניט, און זי הערט מיך שוין ניט מער. ער אָבער, דער מאַן אירער, איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. ער האָט מיך אויסגעפרעגט, ווער איך בין, און וואָס איך קען טאָן, און פון

וואָנען איך קום, און האָט ביי מיר גענומען מיין אַדרעס: טאָמער מאַכט זיך עפּעס.

ער דאַרף זיין זייער אַ גוטער מענטש, און עס איז מיר געווען אויף אים אַ רחמנות, וואָס ער האָט אַזאַ מרוקעוואַטע ווייב. מען זאָגט טאַקע, אַז קיין גלייכע פּאָר איז אויף דער וועלט ניטאָ, און היינט האָב איך דאָס געזען באַשיינפּערלעך.

איך האָב קיין ברירה ניט געהאַט, איך האָב אויסגעגעבן נאָך א ניקל און געפאָרן צוריק אַ „היים". אַ מאָדנע זאַך, וואָס איך זאָג „אַ היים". וואָס פאַראַ היים האָב איך? מיין בעטל איז ניט מיינע. מיין בעטל שטייט ביי דער „לאַנדריניטשקע" „אַפּסטערס" אין אַ צימער, וואו עס ליגן די געוואַשענע פּעקלעך וועש. די „באַנדלעך" ליגן אויף פּאָליצעס ביי אַ וואַנט, און ביים פּענצטער, לעבן דער צווייטער וואַנט שטייט מיין בעטל. אַ טישל האָט מיר די לאַנדריניטשקע דאָרט אַוועקגעשטעלט און אַ שטול. קען מען דאָס אָנרופן אַ היים? פונדעסטוועגן איז דאָס בעסער ווי זיין ביי קראַסוליען אין שטאַל. הלוואי וואָלט דאָ דער טאַטע געווען און די ברידער, וואָלט עס פאַר מיר געווען אַ גוטע היים, אַז קיין בעסערע וואָלט איך גאָרניט געוואָלט. וועגן דער מאַמען איז דאָך שוין ניטאָ וואָס צו טראַכטן, כאָטש איך טראַכט שטענדיק וועגן איר. ווען איך קום פון דער סאָבוועי טוט מיר שטענדיק אַביסל ווי דער קאָפּ. ערשטנס קען איך זיך ניט צוגעוואוינען צו דער לופט און ווייטער דאָס געדענקען שטענדיק, ווען מען דאַרף פאָרן „אָפּ־טאַון" און ווען מען דאַרף פאָרן „דאַון־טאַון", און זיך היטן ניט פאַרבלאָנדזשען, איז טאַקע שווערלעך און עס הויבט דערפון אָן וויי טאָן דער קאָפּ. און היינט איז אויך אַזוי געווען. געבראַכט פון דער סאָבוועי אַ פאַרטיקן קאָפּ ווייטיק, ליג איך און טראַכט: וואָס טוט מען? אפשר זאָל איך גאָר אָפּרופן מיסטער עדלשטיין און בעטן ביי אים עפּעס אַן אַרבעט פאַר מיר? אויב אַפילו איך וועל דאָ וואוינען, וועל איך דאָך אויך דאַרפן עפּעס צאָלן, אַלץ פון די פיר דאָלער מיט פופציק סענט? אויף דער ערשטער צייט האָב איך די פופצן דאָלער, וואָס דער אָנקל האָט מיר געגעבן, אָבער שפּעטער? שפּעטער... שפּעטער — שמעטער — פּעטער... וואָס איך דאַרף אַזויפיל

טראַכטן וועגן דעם? אַט האָב איך דאָך שוין געזען מיט מיינע אויגן, אַז אין ניו יאָרק איז אויך פאַראַן „משיח”, און ער קומט צו הילף, ווען מען דאַרף. ער איז שוין איינמאָל צו מיר געקו־מען, אפשר וועט ער ווידער קומען . . .

„ביי דיר בליען איצט רויזן”

9־טער אַפּריל.

מיין מאַנטל איז שוין אַביסל אָפּגעריבן, קיין אַלטער מאַנטל איז דאָס נאָך ניט, אָבער, גיין אין אים איז ניט שיין. און גיין צו מיסטער עדלשטיין אין אַן אָפּגעריבענעם מאַנטל ווילט זיך מיר ניט. עפּעס שעם איך זיך. מיין מאַמע עה״ש פלעגט זאָגן: אַז מען גייט בעטן ביי עמיצן אַ גמילת חסד, דאַרף מען אָנטאָן אַ זיידן קלייד. און אפשר זאָל איך באָרגן אַ מאַנטל ביי סעלמאַן? סעלמאַ האָט אפשר פיר מאַנטלען. איך קען איינעם באָרגן ביי איר און גיין צו מיסטער עדלשטיין. איך האָב זיך נאָר געוואָלט באַראַטן מיט דער טאַנטע און מיט דער מיסיס שאָר, אָבער מיר איז גאָרניט איינגעפאַלן, אַז „רעד” האָט גאָר איבער מיר אויך אַ דעה!

ווען איך בין היינט געקומען אַ היים, האָב איך געטראָפן אויפן טיש רויטע רויזן. „רעד” איז געווען און געלאָזן אַ צע־טעלע: — אי׳ל סי יו לייטער.

די לאַנדריניטשקע האָט מיר אַ זאָג געטאָן:

— רבקה, דו ווייסט כאָטש, אַז דיר איז גוט?

— ניין, איך ווייס גאָרניט...

— יע, דיר איז גוט, ביי דיר בליען איצט רויזן...

— „רעד” איז משוגע געוואָרן, האָט ער מיר געבראַכט רויזן.

— ס׳איז אַ גוטע משוגעת, רבקה.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די לאַנדריניטשקע איז אומע־טיק. קען דאָס זיין, זי זאָל מיך מקנא זיין? ווער ווייס? נאָר לאַנג טראַכטן האָב איך פאַרשפּאָרט, ווייל זי האָט באַלד אַליין געזאָגט:

— רבקה, איך בין דיך מקנא... נאָר וואָס קען מען טאָן? צוויי מאָל קען מען אַזאַ צייט ניט איבערלעבן...

אַז „רעד" איז געקומען, האָב איך אים געוויזן אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט די פּעקלעך וועש און איך האָב אים געזאָגט:

— וואָס טויגן די בלומען?

— איך האָב „געברענגען" די בלומען פאַר דיר און ניט פאַר דיין „רום", האָט מיר „רעד" געזאָגט, און איין בלום האָט ער מיר אַריינגעשטעקט אין די האָר.

— ס'איז שיין . . . האָט ער געזאָגט, „די פוירסט טיים" (צום ערשטן מאָל), אַז איך האָב דיך געזען, האָסטו אויך געהאַט אַ בלום אין די האָר...

איך האָב דערציילט „רעדן", אַז איך וויל גיין צו מיסטער עדלשטיין וועגן אַרבעט: ער איז אַ גרויסער גביר, און אַז ער וועט נאָר וועלן, וועט ער מיך געוויס קענען פאַרזאָרגן. מען זאָגט, ער האָט אַ סך געשעפטן און איינאָרדענען אַ מענטשן איז ביי אים גאָר קיין באַטרעף ניט.

„רעד" האָט געדרייט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— „יו העוו נאָט טו גאָ דהער"... דו דאַרפסט ניט בעטן קיין אַרבעט ביי מיסטער עדלשטיין.

— פאַרוואָס?

— „ביקאָז" דו דאַרפסט ניט...

איך האָב „רעדן" געזאָגט, אַז איך דאַרף אַ מאַנטל, און מיט פיר דאָלער און פופציק סענט אַ וואָך קען מען ניט לעבן. „רעד" האָט מיר געענטפערט אין אַ שפּאַס:

— ניין, רבקה, דו זאָלסט ניט גיין, איך וועל זיין „ענגרי" (ברוגז) מיט דיר אויב דו וועסט גיין . . .

מיך האָט פאַרדראָסן אויף „רעדן", וואָס ער רעדט מיט מיר, ווי ער זאָל זיין, אַ גאַנצער באַלעבאָס... און איך פאַרשטיי ניט, וואָס קען אים אַרן, אויב איך וועל גיין צו מיסטער עדלשטיין וועגן אַרבעט? איך וועל זיך נאָך באַראַטן מיט דער טאַנטע און מיט דער מיסיס שאָר. און אגב, וואָס האָב איך איצט צו טראַכטן? אַז איך האָב נאָך סיווי ניט קיין מאַנטל אין וואָס צו גיין... עס איז גוט, וואָס עס גייט שוין צו זומער . . . אין אַ חודש ארום

וועט שוין זיין וואַרעם און איך וועל אינגאַנצן קאָנען גיין אָן אַ מאַנטל.

אויסער „רעדן" האָט זיך היינט אַריינגעכאַפּט אַהער מענדל פּושקאַרט:

— דיר איז ענג געוואָרן ביי דער טאַנטע? — האָט ער אַ פרעג געטאָן, און אַ קוק געטאָן אויף „רעדן".

— צו דער טאַנטע קומען געסט, עס וועט דאָרטן אפשר זיין ענג, בין איך דערוויל אַריבער צו דער מיסיס שליווקאַ, האָב איך אים געענטפערט.

איך זע זיך אַלץ מער אַרום, אַז אַ מענטש קען זיך ניט באַגיין מיטן אמת, בשום אופן ניט.

אין לובלין איז מיר ניט אויסגעקומען זאָגן קיין ליגנס, דאָ קומט מיר עס אויס אַזוי אָפט... פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? ווער ווייס? אפשר האָבן דאָס אין לובלין געטאָן פאַרמיינטוועגן דער טאַטע און די מאַמע עה"ש? קען דאָס זיין? דאָס מוז מען זיך גוט דערמאָנען...

די לאַנדריניטשקע איז געווען אין צווייטן צימער, זי האָט זעט אויס מיר געוואָלט גרינגער מאַכן אויפן האַרצן נאָך מענדל פּושקאַרטס פראַגע און זי האָט אַריינגעזאָגט צו אונדז אין צימער אַריין:

— זי איז מיר ניט איבעריק דאָ... איך האָב פיר „רומס"... אַמאָל, אַז מען איז יונג געווען . . . און די לאַנדריניטשקע איז אַריין אין צימער און האָט פאַר אַלעמען דערציילט די מעשה מיטן „גרויסן בער" ביי איר אין דער קליינער „קאָמנאַטע" אויף קראָכמאַלנע גאַס.

— אַמאָל איז מען פאַרט געווען יונג, — האָט די לאַנדרי־ניטשקע אַ זאָג געטאָן.

מתנות

11־טער אַפּריל

איך בין היינט רייך געוואָרן. די מיסיס קאָשעס האָט מיר געגעבן אַ „רעיז" אַ קוואָדער. אָבער ניט אויף שטענדיק. בלויז פאַר די עטלעכע טעג, וואָס איך האָב אויסגעניית דאָס הער־צעלע. זי האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן פאַרן קוואָדער.

מיסיס פרימען איז געווען זייער צופרידן פון דער אַרבעט, זייער צופרידן... זי האָט געמאַכט נאָך אַן „אָרדער”. טראַכט איך: זאָל רעי אויך עפּעס האָבן דערפון. „היינטיקע” וואָלטן דאָס ניט געטאָן... ביי היינטיקע איז ניטאָ באַרעכענען אַ צווייטן... זיי דאַרפן די גאַנצע וועלט פאַר זיך און „דאַטס אָל”. יעדער פאַר זיך. „מיינד יור אָן ביזנעס” (טראַכט וועגן דיינע עסקים) און „דאַטס אָל”. נאָר איך בין נאָך פון די „אַמאָליקע”, איך וויל נאָך, אַז אַ צווייטער מענטש זאָל אויך האָבן אַ שטיקל לויתן. טראַכט איך: זאָל רעי אויך האָבן נאָך אַ קוואָדער. זעקס קוואָדערס איז אַ דאָלער פּופּציק . . . איך בין נאָך פון די „אַמאָליקע” . . .

בין איך טאַקע היינט רייך געוואָרן... אפשר זאָל איך אָנהויבן „קלייבן” געלט אויף אַ מאַנטל?

איך האָב שוין באַמערקט, אַז אַ טאָג איז אַ מזלדיקער, גייט אַלץ גוט. און אַז עס טרעפט זיך, עס הויבט אָן גיין מיט דער פוטער אַראָפּ, גייט שוין אַזוי כסדר. אין אַזאַ טאָג איז גלייכער נעמען און זיך לייגן שלאָפן. איבערשלאָפן דעם שלימזל. אָבער צו וואָס טראַכט איך היינט וועגן שלעכטע טעג?

דער מיסעס שאָר האָט זיך היינט אויך פאַרגלוסט מיר געבן אַ „רעיז” גלאַט אַזוי... ס'איז טאַקע אַ גוטסקייט פון איר... די מיסיס קאָשעס וואָלט אויף איר געזאָגט, אַז זי איז אויך פון די „אַמאָליקע”.

די מיסיס שאָר האָט מיר היינט געבראַכט אַ גאַנצן פּעקל. ערשטנס, אַ צודעק אויף מיין בעט, און צווייטנס געפילטע פיש, און דריטנס אַ גאַנצן „בעג” קאַליפאָרניער עפּל. בלויז די שיינקייט פון יעדן עפּל איז ווערט כל הון דעלמא.

— דאָס האָט דיר געשיקט „ער”, דער מיסטער מיינער.

— און די מיסיס שאָר האָט צו מיר אַ זשמורע געטאָן מיט אַן אויג, ווי דער שטייגער אירער, און האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— רבקהלע, מיט מיין מיסטער זאָלסטו נאָר קיין איבריקן גוט־לעבן ניט מאַכן. זע נאָר, ער האָט דאָך דיר געשיקט עפּל די שענסטע, וואָס מען קריגט...

איך האָב זיך גלייך געשוואָרן פאַר דער מיסיס שאָר, אַז איך וועל מיט איר מיסטער קיין איבעריקן גוט־לעבן ניט מאַכן.

— עס געזונטערהייט, ער וועט דיר שיקן נאָך אויך... אַבי די צעפּ זאָלן דיר וואַקסן... און די מיסיס שאָר האָט מיך אַ צי געטאָן פאַרביידע צעפּ.

— ווילסטו דאָך וויסן, ווי קומט היינט אינמיטן מיטוואָך געפילטע פיש? אויך אַ מעשה דערביי. צו מיר ברענגט פיש אַ איד מיט אַ וועגעלע. שוין אַ יאָר אַכט, ניין, אַז ער ברענגט מיר פיש. היינט אינמיטן דערינען קומט ער אַראָפּ.

— אינמיטן דער וואָך? פרעג איך אים, וואָס עפּעס?

— פרעגט ניט, זאָגט ער, ס'איז גוט און ס'איז ביליק, ווען ניט וואָלט איך צו אייך ניט געבראַכט. ס'איז פון מיין אייגענעם יאַכט....

— ער האָט אַזוי אַ יאַכט ווי איך האָב אַן עמפּייר סטעיט . . . אַ קיביצער...

— צו וואָס דאַרף איך אַזאַ גרויסן שלייען? האָב איך אים אַ פרעג געטאָן?.

— איר וועט עמיצן אַוועקגעבן, זאָגט ער, ווי ער וואָלט געווען באַלעבאָס איבער מיין קעשענע, און ער איז שוין ניטאָ... אַוועק.

נו, דאָס מיינט ער פאַר רבקהן, האָב איך באַשלאָסן און אָט האָסטו געפילטע פיש...

„משיח", האָב איך אַ טראַכט געטאָן... דאַכט זיך מיר אויף אַן אמת, אַז עמיצער גיט אַכטונג אויף מיר אין ניו יאָרק. איך זאָל דאָ הונגעריק ניט זיין, איך זאָל עלנט ניט בלייבן, און ניט פאַרשעמט ווערן.. איך האָב זיך דערמאָנט וועגן „רעדן", ווי ער איז מיך געקומען נעמען צום „בענד", געבראַכט די „טי־קעטס"... איך האָב זיך דערמאָנט וועגן דעם טשעק פון די פופצן דאָלער וואָס דער אַלטער מיסטער פישמאַן, אָדער ווי ער רופט זיך, מיסטער פיש, האָט מיר געבראַכט פאַר שיינפעלדן. און איך גלויב טאַקע, מען גיט אויף מיר „אַכטונג". ווער ווייסט? אפשר היט מיך דאָ די מאַמע מיינע? מען זאָגט, אַז נשמות קענען פליען זייער ווייט... און אַריבערפליען דעם ים איז אַ

קליינינקייט אַנטקעגן דעם ריזיקן וועג פון דער ערד ביז צום הימל...

די רויטע עפּל האָב איך אַרויסגעלייגט אויפן טיש, לעבן די רויטע בלומען. דער טיש איז געוואָרן פריילעך.

— מיסיס שליווקא, קומט עסן עפּל.

די לאַנדריניטשקע איז אַריינגעקומען. זי איז שוין געווען „אַפּסטערס", זי האָט זיך אַזש אַ כאַפּ געטאָן ביים שטערן:

— וואָס פאַראַ שיינע עפּל . . . נעכטן האָבן ביי דיר געבליט די רויזן און היינט זיינען ביי דיר פאַרטיק עפּל... רבקה, זאָלסט וויסן זיין, עס איז דיר זייער גוט.

שפּעטער איז געקומען „רעד". איך האָב זיך געפילט, ווי אין אַ משפּחה. די לאַנדריניטשקע, די מיסיס שאָר, „רעד" און איך, אפשר איז דאָס טאַקע אַ משפּחה? אַז קיין אַנדערע איז נישטאָ, טאָ זאָל כאָטש זיין אַזוי... דאָך בין איך ניט עלנט צווישן זיי.

„רעד" האָט מיך פאַרמסרט פאַר דער מיסיס שאָר, אַז איך וויל גיין צו מיסטער עדלשטיין בעטן אַרבעט.

— איט איז פּוליש, אַי דאָנט לאַיק דיס קיינד אָוו וואָרק . . . (דאָס איז נאַריש, איך האָב ניט ליב אַזעלכע אַרבעט), האָט ער געזאָגט.

מיסיס שאָר האָט מיך באַטראַכט און האָט געזאָגט: — ווען מיסטער עדלשטיין וואָלט ניט געגעבן קיין הונדערט קוואָדערס אויף גיין טאַנצן מיט רבקהן... איז אפשר ניט שלעכט ביי אים קריגן אַרבעט, „באָט ביקאָז" ער האָט געגעבן הונדערט קוואָ־דערס אויף גיין מיט איר טאַנצן, איז אפשר „רעד" גערעכט, דאַרף מען אים האָבן אויף כפּרות מיט זיין אַרבעט... זעט אויס אַז צו מיסטער עדלשטיין וועל איך שוין ניט גיין. אַז צווייען זאָגן שכור, דאַרף זיך דער דריטער לייגן שלאָפן.

מיין מאַמע עה"ש האָט געהאַט אַ נאַטור, פלעגט איר זיין שלעכט אויפן האַרצן — פלעגט זי וויינען, פלעגט איר אָבער זיין גוט אויפן האַרצן — פלעגט זי ערשט וויינען... דאַכט זיך, אַז דעם זעלביקן חסרון האָב איך אויך איבערגענומען. מען קען

זאָגן, ניט קיין שלעכטן טאָג געהאַט. אי אַ „רעיז״ באַקומען פון דער מיסיס קאַשעס, אי עפּל פון מיסטער שאַר, און נאָך אַלע זאַכן, ווען אַלע זיינען זיך צעגאַנגען און איך האָב זיך געלייגט שלאָפן, האָב איך זיך גאַנץ גוט אויסגעוויינט...

מאָרווין

12־טער אַפּריל.

מענדל פּושקאַרט האָט שוין פאַרקאַכט אַ קאַשע. ערשטנס איז ער אַוועק און האָט געזאָגט דער טאַנטע און דעם אַנקל, אַז איך וואוין אין „א שטאַל״, דאָרט וואו עס ליגן די „באַנדלעך״ וועש, און אַז עס איז אַ רחמנות אויף מיר. און צווייטנס, אַז איך האָב געזאָגט, אַז צו דער טאַנטע קומען געסט, וועט זיין ענגלעך, און דערפאַר בין איך אַוועק...

די טאַנטע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— וועמען איז ענגלעך? וואָסערע געסט? און זי האָט לאַנג ניט געטראַכט און האָט אָנגעהויבן וויינען. אין אונדזער משפּחה איז דאָס אַזאַ „פלאָמיט״, אַבי וואָס, איז באַלד געוויינט . . . די מאַמע עה״ש איז אַזוי געווען, און איך בין אַזוי, און די טאַנטע, זעט אויס, האָט אויך אַזאַ פּונק. מענדל פּושקאַרט האָט שוין דערזען, אַז ער האָט זיך אַביסל אויסגעגליטשט, האָט ער אַ דריי געטאָן דעם דישעל אויף צוריק:

— אויף אַלע אידן צו זיין אין אַמעריקע, וואָס איז דאָ פאַראַן צו וויינען? עס פעלט איר עפּעס? בלומען האָט מען איר אָנגעבראַכט און עפּל... און זי זעט אויס קיין עין הרע אַ „מיליאָן דאָלער״.

די גאַנצע געשיכטע האָט מיר דערציילט ניט קיין אַנדערער ווי מענדל פּושקאַרט אַליין. ער איז אַ מאָדנער איד. איך פאַר־שטיי גאָרניט, וואָס דער איד טראַכט זיך. ער האָט מיר דער־ציילט די מעשה און האָט געקוקט אויף מיר מיט אַזעלכע פריי־לעכע אייגעלעך, ווי ער וואָלט מיר געטאָן די גרעסטע טובה, און ניט ווי ער וואָלט פאַרקאַכט אַ קאַשע. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— קום, די טאַנטע האָט היינט זייער גוטע „קוקיס״,

וועסטו עסן ביי דער טאַנטע „סאַפּער" און וועסט פּאַרזוכן די „קוקיס".

— די טאַנטע האָט אייך געבעטן מיך רופן?

— מענדל פּושקאַרט בעט מען ניט... מענדל פּושקאַרט ווייס אַליין וואָס ער האָט צו טאָן . . . און אַז איך זאָג דיר „קום", דאַרפסטו גאָרניט קלערן, און קום טאַקע!

הויב איך אים טאַקע ניט אָן צו פאַרשטיין... אַ איד אַ קאַרוסעל... אי סע דרייט זיך, אי סע שפּילט. פונדעסטוועגן בין איך מיט אים געגאַנגען.

ביי דער טאַנטע זיינען טאַקע געווען גוטע „קוקיס". דער אָנקל האָט מיט מיר גאָר קיין גרויסע מחזקות ניט געמאַכט. ער האָט געלייענט די צייטונג, האָט ער מיך לייענענדיק אַ רוף געטאָן:

— רבקה, קום אַהער, זעץ זיך לעבן מיר, איך וויל דיר ווייזן עפּעס אין צייטונג. דער אָנקל האָט זעט אויס געוואָלט מען זאָל מיך ניט פרעגן קיין איבעריקע פראַגעס און האָט מיט מיר געלייענט די צייטונג.

„די פּאַליאַקן אַליין העלפן די אידן און ברענגען זיי געע־היימערהייט שפּייז", האָט דער אָנקל געלייענט הויך.

— צדיקים געוואָרן, די פּאַליאַקן, האָט מענדל פּושקאַרט געזאָגט, כ'אַלטן זיי זיין צדיקים, ווען זיי האָבן געפירט מיטן סמיטשיק! איז דעמאָלט האָט מען דעם יושר פאַרשלאָסן אין קאַסטן, נאָר איצט האָט מען דעם יושר אַרויסגעשלעפּט...

די טאַנטע האָט מיך אויפגענומען ווי אַן אמתן גאַסט, זי האָט מיר צוגערוקט אַן עפּל און געגעבן „קוקיס" מיט „טי". נאָר מענדל פּושקאַרט האָט געטאָן זיינס. ער האָט מיך געשיקט אָנגיסן פאַר אים אַ גלאָז טיי:

— רבקה, האָט ער געזאָגט, אַז דו דערלאַנגסט מיר אַ גלעזל „טי", האָב איך מער הנאה . . . ווי איך בין אַ איד . . .

היינט האָט עס מיר אינגאַנצן ניט פאַרדראָסן, פאַרקערט, מיר האָט זיך געדוכט, אַז עס דאַרף גאָר אַזוי זיין. אין פּינאָקל שפּילן איז אָבער דעם פּרייטיק צו נאַכט ניט באַשערט געווען, ווייל מאַרווין איז אַריינגעקומען מיט זיין חבר אייבן, אוןביידע

האָבן געטראָגן צייטונגען אין די הענט, און בײדע האָבן אויס־געשריען:

— „היר איט איז!" (אָט איז דאָס!)

װײַזט זיך אַרויס, אַז מאַרווינס „פּיקטשור" איז דאָ אין צייטונג און מען לויבט זיינע „געימס", און זיין טאַנצן, און דעם קלוב זיינעם „העפּי אוער". מאַרווין איז געווען אַזוי צופרידן, אַז ער האָט אַפילו ניט געוואָלט עסן. ער האָט אָנגעשטעלט די ראַדיאָ, געפונען מוזיק און האָט מיט איבן צוזאַמען אָפּגעטאַנצט דאָס אמתע טענצל. מיסיס שאָר איז אַריינגעקומען און האָט צו־געפּאַטשט מיט די הענט. שפּעטער זיינען געקומען סלמאַ, עדי, רוט און אַלע מיט די צייטונגען אין די הענט. זיי האָבן לכבוד מאַרווינס „פּיקטשור" אויך אָפּגעטאַנצט אַ טענצל. די ראַדיאָ האָט געשפּילט און דער עולם האָט געטאַנצט, מען וואָלט גע־קענט מיינען, אַז מען פּראַוועט אין שטוב אַ חתונה. דער אָנקל האָט געשמייכלט:

— איידע, מיר מעגן שוין פאַר אים בויען אַ בית המדרש, פאַר מאַרווינען...

די טאַנטע איז אויף אַן אמת אין כעס געוואָרן:

— „וואַט העפּנד טו יו?" וואָס איז מיט דיר? גאָט צו דאַנקען דער „באָי" איז אַ „סוקסעס". אַ נפקא מינה פון וואָס מען מאַכט אַ לעבן? אַ בית המדרש דאַרף ער גאָר...

און מאַרווין האָט צוגעגעבן:

— „בעני גודמאַן מעיקס מאָני."

— בעני גודמאַן איז אַ קאָמפּאָזער, — האָט די טאַנטע אַרויסגעוויזן, אַז זי ווייס אויך עפּעס פון די שוואַרצע פינטעלעך.

— מען קען „מעיק מאָני" מיט „געימס" אויך... „יו'ל סי"...

און מאַרווין האָט לכבוד זיין השערה, אַז ער וועט נאָך פאַר־דינען, ווי בעני גודמאַן, טאַקע נאָכאַמאָל אָפּגעקנאַקט אַ טענצל. ער טאַנצט שיין מאַרווין, עדי קומט ניט צו אים, כאָטש עדי זאָגט, אַז מאַרווין היט ניט די „רולס" (די געזעצן).

שוין גאָר שפּעטלעך איז געקומען „רעד". „רעד" האָט אויך געבראַכט אַ צייטונג מיט מאַרווינס „פּיקטשור".

— קאָנגראַטולעישאַנס! האָט ער געזאָגט מאַרווינען. און מאַרווין האָט פאַר אים אויך אָפּגעטאַנצט אַ ריקודל.

אַז „רעד" איז אַריין, האָט זיך רוט אָנגעצונדן. זי איז עפּעס געוואָרן ווי אויסער זיך. זי האָט אָנגעהויבען טאַנצן מיט מאַרווינען, מיט עדין, און דערנאָך גערופן „רעדן", ער זאָל מיט איר טאַנצן.

„רעד" האָט זיך מיט איר אַ צוויימאָל אַ דריי געטאָן און זיך אַוועקגעזעצט.

— יו'ר טייערד, — האָט ער אומבאַשטימט אַ מורמל געטאָן צו רוטן.

— „דאָנט וואָרי אַבאַוט מי", (זאָרג ניט וועגן מיר), האָט אים רוט אַריינגעזאָגט מיט ביטערקייט און מיט פאַרדראָס. „רעד" האָט איר עפּעס צוריקגעזאָגט אויף ענגליש, איך האָב ניט פאַר־שטאַנען וואָס, איך האָב בלויז געזען, אַז רוט האָט צוגעלייגט אַ האַנט צום שטערן און האָט מיט אַן איראָנישן שמייכל באַ־דאַנקט „רעדן".

עדי האָט ביי מיר געפרעגט מיין אַדרעס.

— איך וועל קומען צו דיר, רבקה, האָט ער געזאָגט. איך האָב אים ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. זאָגן אים יאָ? איז צו וואָס האָב איך זיך אַרויסגעקליבן פון דער טאַנטע? זאָגן אים ניין? איז ווי קען מען עפּעס אַזוי פאַרשעמען אַ מענטשן? און איך האָב אים געענטפערט: — געוויס עדי! קום מיט סעלמאַן.

אָלרייט, האָט עדי אַ זאָג געטאָן און האָט זיך פון מיר אַוועקגעדרייט.

„אָלרייט", איז אַזאַ וואָרט, וואָס שטענדיק קומט עס צוניץ. „אָלרייט" מיינט טאָקע — גוט. און אַז מען זאָגט צוויי־מאָל „אָלרייט, אָלרייט" מיינט עס: טשעפּע זיך אָפּ! גענוג צו טומלען אַ קאָפּ! „אָל־רייט" — מיינט אויך „איך פאַרשטיי זיך אויף דיר", און זעט אויס, אַז דאָס טאָקע האָט מיר געוואָלט זאָגן עדי, ווען ער האָט מיר אַן ענטפער געטאָן „אָלרייט".

„רעד" האָט מיך באַגלייט אַהיים.

— וואָס האָט געוואָלט פון דיר רות? האָב איך אים אַ פרעג געטאָן.

— „דאָנט טינק אַבאַוט איט“, (טראַכט ניט וועגן דעם), רבקה, האָט מיר „רעד“ געענטפערט, רות איז גאָרניט צו מיר...

איז דאָס אַן אמת, וואָס עדי האָט מיר געזאָגט, אַז „רעד“ איז געגאַנגען מיט רותן דריי יאָר מיט פיר מאָנאַטן? און איצט זאָגט ער: „רות איז גאָרניט צו מיר.“ נאָר איבערפרעגן אים, האָב איך ניט געוואָלט, עס האָט מיר עפּעס ניט געפּאַסט, און אגב טאָמער וועט „רעד“ ניט וועלן ענטפערן?

„זייר“

14־טער אַפּריל.

עדי האָט לאַנג ניט געלאָזט אויף זיך וואַרטן. נעכטן, שבת, איז ער געקומען אינימטן דערינען, טאַקע אינמיטן העלן טאָג.

נאָכן שמועס מיטן פעטער, האָב איך זיך באמת געהיט, איך זאָל ניט טרעפן עדין. איך קום אפילו צום פעטער ניט אַריין נאָך דער אַרבעט. דער אַנקל, ווען ער האָט מיט מיר גערעדט יענעם פאַרטאָג, כאָטש ער האָט ניט געוויינט, האָט זיך מיר שפּעטער אַלץ געדאַכט, אַז ער האָט פאַרשטיקט אַ געוויין. מען זאָגט, אַז מאַנצבילן קענען ניט וויינען, זעט אויס, אַז דאָס איז ניט אמת. איך האָב מיין טאַטן זאָל געזונט זיין, אויך קיינמאָל ניט געזען וויינען (ווער ווייסט, ווי איצט איז, אַז ער נעכטיקט נעבעך ביי קראַסוליען אין שטאַל).

אַז עדי איז אַריינגעקומען האָב איך זיך כמעט דערשראָקן, וויל געקומען איז ער אַליין אָן סעלמאַן, ווי איך האָב אים בפירוש געבעטן. נאָר אַז ער איז אַריין, האָב איך באַמערקט, אַז ער ווייס ניט וואָס צו זאָגן, און מיר האָט אַ קלעם געטאָן דאָס האַרץ אויף אים.

— זעץ דיך, עדי — האָב איך אים געזאָגט און צוגערוקט דעם שטול. אַליין האָב איך זיך געזעצט אויף מיין בעטל. איך האָב אים געגעבן אַן עפּל.

— עס, עדי אַן עפּל... פאַרוואָס איז ניט געקומען סעלמאַ?

עדי האָט מיר אויף דער פראַגע ניט געענטפערט. ער האָט

געגומען דעם עפל און האָט זיך מיט אים געשפּילט, דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אויף די בלומען.

— ווער האָט דיר געבראַכט די „ראָוזעס״?

— „רעד״ האָט געבראַכט.

— „וואָאַי״ ווילסטו ניט רבקה, אַז איך זאָל קומען צו דיר?

— עדי, איך וויל דו זאָלסט קומען מיט סעלמאַן, דו ווייסט דאָך עדי, סעלמאַ איז מיין קוזינע...

—רבקה, פאַרוואָס קומסטו ניט צו דער טאַנטע, „אי׳ם לאָנגינג . . . טו סי יו״ . . . (איך בענק נאָך דיר).

— מיר האָט זיך געוואָלט זאָגן עפּעס עדין, אַז ער זאָל פריילעכער ווערן.

— זאָג, עדי, דו האָסט ליב געהאַט אַ סך מיידלעך?

— „נאַט טו מאַטש״, (ניט צופיל), רבקה, באַט דיך גלייך איך מער...

— איך בין ניטאָ אין ניו יאָרק, עדי, איך בין אין לובלין . . . און איצט, עס דעם עפל, עדי. לאָמיר זען, ווער עס וועט גיכער אויפעסן... און איך האָב זיך גענומען עסן אַן עפל אויף שנעל, אויף געוועט. עדי האָט זיך אויך אַ נעם געטאָן צו זיינעם און מיר האָבן ביידע געגעסן און געלאַכט... אויף מיין גליק איז אָנגעקומען די לאָנדרינישקע. זי האָט אַ שטעק געטאָן דעם קאָפּ צו מיר אין צימער און האָט אַ זאָג געטאָן:

— זע נאָר ווי זיי עסן ביידע... אין איין געיעג... עס נעמט דאָך מיר אויך אָן אַ חשק.

איך האָב דער לאָנדרינישקע אויך דערלאַנגט אַן עפל און זי האָט זיך געזעצט אויפן בעט עסן. איך בין געווען זייער צופרידן, וואָס זי איז אָנגעקומען.

עדי האָט זיך אויפגעהויבען.

— „וועל״, רבקה, דו וועסט קומען צו דער טאַנטע...

— זיכער, עדי, זיכער אַ גערים סעלמאַן.

— דענקס — האָט עדי געזאָגט און איז אַוועק.

די לאָנדרינישקע, זעט אויס, האָט אַמאָל טאַקע געפירט אַ ליבע, ווייל זי האָט באַלד דערקענט, אַז מיט עדין איז ניט אַזוי גלאַט:

— אַן אמתע „צוטשעפּעניש״ — האָב איך געענטפערט.

— רבקה, זאָל דיך קיינמאָל ניט אַרן, אַז אַ יונגערמאַן זיפצט אַביסל...

איך האָב אָנגעהויבן לאַכן, ווייל מיר איז זייער געפעלן געוואָרן, ווי זי זאָגט: „זיפצט אַביסל״.

— זיי האָבן דערפון הנאה, האָט די לאַנדריניטשקע געזאָגט, און עס איז גלייכער, אַז „זיי״ זאָלן זיפצן איידער דו... ביי „זיי״ איז דאָס אַלץ אַ שפּיל... עס אַרט „זיי״ ווי דער קאָטער, פאַרמאַכט די טיר איז פאַרגעסן...

אויב אַזוי, האָב איך אַ טראַכט געטאָן איז דאָך די אַקטריסע אין די מואוויס געוועזן גערעכט, זי מאַכט, אַז אַלע זאָלן נאָך איר „זיפצן״ און זי „זיפצט״ נאָך קיינעם ניט... קען דאָך זיין, אַז מיט „רעדן״ איז אויך אַזוי? און אפשר מיט לייזערן אויך? און איך האָב אַ זאָג געטאָן צו דער לאַנדריניטשקע:

— אויב אַזוי איז דאָך די וועלט קיין וועלט ניט...

די לאַנדריניטשקע האָט מיר ניט אַזוי שנעל געענטפערט, זעט אויס, אַז עס איז איר ניט גרינג געווען אויף דער מינוט צו באַשליסן, אַז די וועלט איז טאַקע קיין וועלט ניט...

זי האָט זיך נאָך אַ ווײַלע געדרייט איבערן צימער, געזוכט אַן אָרט וואו אַוועקצולייגן דאָס שטיינגל פון דעם עפּל, וואָס איז ביי איר געבליבן אין האַנט און האָט דערנאָך צו מיר אַ זאָג געטאָן.

— געוויס זיינען פאַראַן אויסנאַמען, אָבער דאָס טרעפט זיך זייער זעלטן... אַט אַבראַשאַ איז געווען אַן אויסנאַם... און אַז מען לאָזט דורך אַזאַ פאַל, איז טאַקע אַ שאָד . . .

די לאַנדריניטשקע איז אַוועק, זי האָט זיך באַדאַרפט גיין „דרעסן״, ווייל שבת גייט זי אין די מואוויס, און זי האָט ניט געוואָלט פאַרשפּעטיקן.

צוויי גוטע געסט

18־טער אַפּריל.

די מאַמע עה״ש האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט. זי איז געקומען צו מיר אין דעם צימער טאַקע ביי דער לאַנדרי־

— אַ צוטשעפּעניש? — האָט זי פריילעך אַ פרעג געטאָן. ניטשקע. זי האָט צוגערוקט דעם שטול צו מיין בעט און האָט אַוועקגעשטעלט אַ קריגל וואַסער.

— דו וועסט זיך דערקוויקן, האָט זי מיר געזאָגט, און עס וועט דיר חלילה ניט פעלן גאָרניט... און זי איז אַוועקגעגאַנגען.

דער חלום איז געווען אַזאַ קלאָרער, אַז איך האָב זיך געוואונדערט, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, פאַרוואָס דאָס קריגל איז ניט געווען...

פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט איז געקומען די טאַנטע. דאָס איז היינט געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי איז אַריין צו מיר. עס האָט מיך טאַקע געוואונדערט די גאַנצע צייט, וואָס די טאַנטע קומט ניט אַ קוק טאָן, וואו איך בין, און ווי איך בין... נאָר, זעט אויס, אַז אַ טאַנטע איז ניט קיין מאַמע, די מאַמע איז טאַקע פריער געקומען, כאָטש אין חלום.

— געהאַט אַ „ביזי" וואָך, מיט מיטינגען, מיט „סעילס" און זיך אַלץ צו דיר טאַקע געוואָלט אויסקלייבן — זי האָט מיר געבראַכט אַ סערוועטקע אויפן טישל, געקויפט אויף אַ „סעיל"...

די מיסיס שאָר האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט דיר גע־בראַכט אַ „קאָווער" (אַ צודעק), וואו איז ער, וויז מיר . . .

איך האָב דער טאַנטע געוויזן דעם „קאָווער" און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די טאַנטע איז געקומען צוליב עפּעס אַנדערש, ווייל אויב ניט, איז פאַרוואָס איז זי ביז איצט ניט געקומען?

— וואָס טוסטו? ווער קומט דאָ צו דיר? — האָט די טאַנטע מיך אויסגעפרעגט.

— די מאַמע מיינע איז דאָ היינטיקע נאַכט געווען, זי האָט מיר געבראַכט אַ קריגל וואַסער און האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל זיך דערקוויקן — האָב איך געענטפערט דער טאַנטע.

— זיי ניט קיין קינד, רבקה, אַ חלום איז אַ חלום, ווער רעדט עס וועגן אַ חלום אַזוי־אַ?

— „רעד" קומט אַמאָל אַהער? — האָט מיך די טאַנטע ווידער געפרעגט, — ער איז אַ וואוילער „באָי", איך בין צו־פרידן וואָס ער קומט צו דיר.

איך האָב מורא געהאַט, אַז די טאַנטע וועט מיך פרעגן וועגן עדין, און איך האָב אַליין ניט געוואוסט, וואָס וועל איך

איר זאָגן, אויב זי וועט פרעגן . . . דעם אָנקל וואָלט איך געוויס געזאָגט דעם אמת, אָבער די טאַנטע איז גאָר עפּעס אַנדערש... און פּונקט, ווי דאָס האַרץ זאָל מיר זאָגן, האָט די טאַנטע אַ פרעג געטאָן:

— האָסט געזען עדין די לעצטע צייט?

אָט האָסטו זיך! האָב איך אַ טראַכט געטאָן. און עס האָט מיך אָנגעהויבן האַקן אין האַרצן...

— כ'האָב אים געזען די טעג, האָב איך זיך ווי עס איז אויסגעדרייט פון דער טאַנטע און עס איז ביי מיר געבליבן אַ פאַרדראָס, וואָס זי פאָרשט ביי מיר.

— דו דאַרפסט זיך עפּעס צוגרייטן אַ נייע „דרעס", מיר גרייטן זיך צו סעלמאַס „אינגעידזשמענט" (תנאים) . . . האָט מיר די טאַנטע געזאָגט.

ביי דער טאַנטע איז אַלץ סעלמאַ! איך דאַרף האָבן אַ נייע „דרעס" צוליב סעלמאַס „אינגעידזשמענט". צוליב סעלמאַן, דאַרף איך ניט זען עדין, צוליב סעלמאַן דאַרף איך „אַרויס־מופן", אַזוי קומט אויס ביי דער טאַנטע, עס איז נאָך גוט, וואָס די נאַכט איז צו מיר די מאַמע עה"ש געקומען צו חלום און האָט מיר געבראַכט אַ קריגל וואַסער, טאַקע פאַר מיר, אַז איך זאָל זיך דערקוויקן, און ניט פאַר סעלמאַן.

עס קען זיין, אַז די טאַנטע האָט מיר דערציילט וועגן סעלמאַס תנאים, כדאי איך זאָל וויסן, אַז מיט עדין איז ניט כדאי זיך צו טרעפן.

גוט וואָס „רעד" איז שפּעטער געקומען! דאָס האַרץ האָט מיר ווי געטאָן נאָך דער טאַנטעס אַוועקגיין. איך האָב זיך ווי־דער דערפילט הפקר אויף דער גרענד סטריט, דער עיקר דאַרף איך ניט טאָן קיין זאַך, וואָס קען שאַטן סעלמאַן...

— ביי סעלמאַן וועט זיין אַן „אינגעידזשמענט", האָב איך אָנגעזאָגט „רעדן".

— עדי האָט מיר גאָרניט געזאָגט וועגן דעם... „אַי'ם סורפּרייזד"... (אַ וואונדער).

— די טאַנטע איז דאָ היינט געווען, זי האָט מיר געזאָגט, איך זאָל צוגרייטן אַ „דרעס".

„רעד" האָט, זעט אויס, ניט געהערט, וואָס איך האָב אים דערציילט. ער האָט געקוקט אויף אַ שעלכל, וואָס איז געשטאַנען ביי מיר אויפן טיש. אין שעלכל איז געווען אַן אָפּגערויכערטער „קעמל" סיגאַרעט.

— דו רויכערסט, רבקה? — האָט מיך „רעד" אַ פרעג געטאָן.

— ניין, עדי איז דאָ נעכטן געווען...

— „וואַט אַבאַוט?" (וואָס וויל ער?)

— גלאַט געקומען זען מיין „רום"...

„רעד" האָט זיך פאַרטראַכט.

— זעסטו, „רעד", האָב איך אים געזאָגט און געוויזן זיינע רויזן איינגעטריקנט אין אַ בוך, זיי זיינען געווען אַזעלכע שיינע, אַז איך האָב זיי געוואָלט איינטריקענען...

— דו ביסט אַ מאָדנע, רבקה, עדי האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט אַ חתן אין לובלין. צוויי מאָל האָט ער דאָס שוין מיר געזאָגט. עדי קומט זען דיין „רום", און דו היטסט די רויזן, וואָס איך האָב דיר געבראַכט... „רעד" האָט פאַרשאַרט די האָר אַרויף.

— נו, ווילסטו ניט איך זאָל זיי טריקענען?

— ניין, איך וועל דיר „אָלוועיז" ברענגען פרישע רויזן.

צוויי גוטע געסט האָב איך היינט געהאַט, די מאַמע, וואָס האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל זיך דערקוויקן מיטן וואַסער, און „רעד", וואָס האָט מיר צוגעזאָגט „אָלוועיז" פרישע רויזן...

אַזוי טוט מען אין לובלין

19־טער אַפּריל.

דאָס מיידל, וואָס קלייבט די „פיסעס" ביי מיסטער רובין אין „פעקטאָרי" האָט שוין אויף אַן אמת חתונה! די מיסיס רובין האָט אָפּגערופן צו דער טאַנטע, און די בשורה איז מיר געקומען אָנזאָגן סעלמאַ:

— די „גוירל" האָט חתונה מיט די „פיסעס" ביי מיסטער רובין אין פעקטאָרי, האָט מיר סעלמאַ אָנגעזאָגט, די מיסיס רובין האָט „געראָנגען".

געקומען איז סעלמאַ ניט אַליין, נאָר מיט רוטן. רוט איז געווען אויסגעפּוצט אין אַ קורץ פּוטערנע זשאַקעטעלע מיט אַ רויט קליידל, מיט אַ פּוטערנע היטעלע מיט אַ רויטן פּעדער. אין מיינע אויגן האָט זי אויסגעזען, ווי אַ פּורים־שפּילער. רוט און סעלמאַ האָבן זיך געזעצט ביי מיר אויפן בעט. רוט האָט אַרויסגענומען אַ קליין שפּיגעלע און האָט אין דעם אַ היפּשע ווילע אַריינגעקוקט:

— „יו נאָו" (דו ווייסט), האָט זי געזאָגט צו סעלמאַן, „מיי פּאַודער איז טו דאַרק"! (מיין פּודער איז צו־טונקל!), און זיי האָבן זיך ביידע אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס אויף ענגליש. ביידע מיט די שפּיגעלעך אין די הענט. איך האָב אַ וואָרט ניט פאַר־שטאַנען, אַזוי שנעל האָבן זיי גערעדט. סעלמא האָט אַ כאַפּ געטאָן די פּיס אונטער זיך, די שאַרפע אָפּצאַסן פון אירע שיך האָבן אַרויסגעשטעקט. סעלמאַ און רוט האָבן איינע די אַנדערע געוויזן זייערע פּודער קעסטלעך, און זיינען געווען זייער פאַר־טאָן.

איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך, אויפנעמען זיי האָב איך ניט געקענט, זיי זיינען געזעסן, ווי אויף אַ וואַקזאַל, ווי דאָ זאָל קיין סימן פון קיין באַלעבאָסטע ניט זיין... עפּעס האָט עס מיר אָנגעהויבן פאַרדריסן. וואָס איז מיין בעט הפקר? אין לובלין פלעגט זיך קיינער אויף מיין בעט ניט זעצן... אַ בעט דאַרף זיין ווייס, פלעגט זאָגן די מאַמע עה"ש.

איך האָב זיי דערלאַנגט עפּל. זיי האָבן זיך, זעט אויס, גע־כאַפּט, אַז זיי זיינען צו גאַסט און געפּרואווט ריידן צו מיר.

— דו שלאָפסט היר? האָט מיך סעלמאַ געפרעגט, ווייזנדיק אויפן בעטל, וואו זיי זיינען געזעסן. איך האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. אַז מיך פאַרדריסט עפּעס, איז מיר די שווערסטע זאַך — ריידן, און איך בין שוין געווען זייער בייז, איבערהויפּט אויף רוטן, נאָך וואָס איז זי געקומען? און ווער האָט זי געבעטן?

און אינמיטן דערינען האָט זי גאָר אָנגעהויבן ריידן וועגן די בלומען, טאַקע „רעדס" „ראָוזעס", וואָס זיינען געשטאַנען אויפן טיש.

— „נייס ראָוזעס", (שיינע רויזן), האָט זי געזאָגט, און האָט זיך צאַצקענדיק די רויטע נעגל, אַ פרעג געטאָן:

— „ווער דו יו געט סאָטש נייס ראָוזעס"? (וואו האָסטו באַקומען אַזעלכע שיינע רויזן?).

מיין מאַמע ע"ה פלעגט שטענדיק צו מיר האָבן טענות, וואָס איך ענטפער ניט צו דער זאַך, נאָר „קאַפּידריך". „דיינע ענטפערס קלעפּן זיך ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט", פלעגט די מאַמע ע"ה זאָגן. איז איצט האָט זיך מיר אויך פאַרגלוסט רוטן ענטפערן „קאַפּידריך", און איך האָב איר געזאָגט: — זיי וואַקסן ביי מיר אויפן טיש...

איך האָב איר געוויס געדאַרפט אַנדערש ענטפערן, עס קען זיין, עס וואָלט איר ניט געשאַדט צו זאָגן, אַז קיינער האָט זי ניט געבעטן קומען אַהער, און אַז צו „גרינע" מעג מען אויך זיין אַביסל איידעלער, ווי זי איז... און אַ סך אַנדערע זאַכן... נאָר געזאָגט האָב איך גאָרניט... שטענדיק קומט צו מיר דער שכל אויף מאָרגן, נאָר אַזיווי רוט און סעלמאַ האָבן זיך ניט געקליבן אַוועקגיין, פאַרקערט זיי זיינען זיך געזעסן געקוקט אין די שפּי־געלעך און „געטשעבעטשעט", אויף ענגליש, אַזוי שנעל, אַז איך האָב אַ וואָרט ניט פאַרשטאַנען — האָב איך זיך מישב געווען, איך האָב אָנגעטאָן מיין היטעלע מיט מיין מאַנטל מיט מיינע הענטשעקעס. מילא, זיי זיינען אַזעלכע געסט, וואָס קוקן זיך ניט אַרום אויף מיר, דאַרף איך זיך ניט אַרומקוקן אויף זיי. אַזוי טוט מען אין לובלין, און איך האָב באַשלאָסן אַזוי צו טאָן אין ניו־יאָרק אויך.

— ווי שפּעט איז? האָב איך געפרעגט סעלמאַן.

— „יו העוו עי דעיט" (דו האָסט אַ ראַנדע־וואו?) — האָט מיך רוט אַ פרעג געטאָן מיט איראָניע.

— ניין, איך גיי צו דער חופה...

די מיידלעך האָבן זיך איבערגעקוקט, זיי זיינען עפּעס גע־וואָרן אַזיווי באַליידיקט . . . און ביי מיר, אַז איך הויב אָן ריידן „קאַפּידריך", קען איך זיך בשום אופן ניט איינהאַלטן. וואָס מען זאָל מיר ניט פרעגן, ענטפער איך קאַפּויר. די מאַמע ע"ה

פלעגט מיך דערפאַר קליינערהייט דערלאַנגען מיט אַ האַנטוך אויך.

סעלמאַ און רוט האָבן זיך אויפגעהויבן פון בעטל. איך האָב אויסגעגלייכט דעם „קאַווער", אויפגעשלאָגן די קישעלעך, און געבראַכט אין אָרדענונג דאָס בעט.

— „עקסקיוז מי," איך האָב דיר „צעבראָכן" דעם „קאָווער" האָט סעלמאַ געזאָגט, און זי האָט זיך דערפילט ניט גוט.

— מער קיין בראָך זאָל ניט זיין, האָב איך זי באַרואיקט, און מיר זיינען אַלע דריי אַראָפּ אויף דער גאַס.

אַבי מיר זיינען שוין אַוועק פון שטוב! אַבי פּטור פון רוטן מיטן רויטן פעדער און מיטן שפּיגעלע!

— גוד באַי!", האָבן אויסגעזוגנען טעלמאַ און רוט. מאָדנע, צי מען גייט אַוועק, ווי גוטע פריינט, אָדער ווי שונאים, דעם „גוד באַי" זינגט מען סיי ווי אויס, און מיט אַ שמייכל. איך האָב שוין אויך געוואָלט אויסזינגען מיין „גוד באַי", איז פּלוצלונג אָנגעקומען „רעד". ער איז אָנגעקומען אין אַ סוועדער, אָן אַ מאַנטל, אַזוי קומט ער לעצטנס אָפט. ער איז, זעט אויס, געווען פאַרוואונדערט צו זען אונדז אַלעמען זאַלבעדריט, און ער האָט באַטראַכט יעדערע פון אונדז, פריער סעלמאַן, דערנאָך רוטן, דערנאָך מיך...

— „ווער אַר יו גאָאינג?" (וואוהין גייט איר?) — האָט ער אונדז אומבאַשטימט אַ פרעג געטאָן.

— „שי העז עי דעיט" (זי האָט אַ ראַנדע־וואו), האָט מיך רוט פאַרמסרט...

איך האָב געשוויגן, דאָס הארץ האָט מיר געקלאַפּט, „רעד" האָט מיך אָנגעקוקט, ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז עפּעס איז דאָ אַ שפּיל. מיר זיינען אַלע געשטאַנען און געוואַרט, געוואַרט, וואו יעדערער וועט גיין. סעלמאַ האָט געשמייכלט.

גוד באַי, האָב איך אַ זאָג געטאָן און געוואָלט ערגעץ גיין, אַבי אַוועקגיין.

— „ווער אַר יו גאָאינג" (וואוהין גייסטו?), האָט רוט געפרעגט ביי „רעדן" און האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויע פייערן אין די אויגן.

— „ווי העוו די דעיט טוגעטער" (מיר האָבן דעם ראַנדע־וואו צוזאַמען), האָט זיך „רעד" איינגעשטעלט פאַר מיר.

רוט איז רויט געוואָרן. זי האָט „רעדן" געזאָגט עפּעס אויף ענגליש, וואָס איך האָב ניט פאַרשטאַנען.

— „אָקעי"! האָט „רעד" געענטפערט און איז אַוועק מיט מיר.

איך קען ניט פאַרגעסן רוטס פּנים. די רויטקייט האָט ביי איר דורכגעשלאָגן דורכן פּודער, און איז פאַרלאָפן אויפן שטערן און אויפן האַלדז. אין לובלין איז אַמאָל געווען אַ פאַל — ווי אַ פרוי האָט אָפּגעגאָסן אַ מיידל מיט „אַלעם", דערפאַר וואָס זי איז אַרומגעגאַנגען מיט איר מאַן. מיר דאַכט זיך, אַז רוט וואָלט מיך אָפּגעגאָסן מיט „אַלעם" ווען זי האָט עס אונטער דער האַנט, אַזאַ פּנים האָט זי געהאַט.

איך בין געווען צופרידן, וואָס „רעד" גייט מיט מיר, כאָטש מיר האָבןביידע געשוויגן. דאָס האַרץ האָט נאָך ביי מיר גע־קלאַפּט. ווען ניט „רעד", וואָלט איך געוויינט.

וואָס „רעד" האָט געטראַכט ווייס איך ניט, ער האָט גאָר־ניט געזאָגט, ערשט שפּעטער, ווען מיר זיינען שוין געווען ביי דעם איסט ריווער האָט מיך „רעד" אַרומגענומען אַרום די אַקסלען און האָט מיר געזאָגט:

— „עווריטינג איז אָלרייט", (ס'איז אַלץ אין אָרדענונג), רבקה...

איך האָב אים געוואָלט דערציילן, ווי רוט איז געקומען ניט געבעטענערהייט, און ווי זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט און צעקנייטשט מיין בעט, נאָר איך האָב ניט געוואוסט פון וואָס אָנצוהייבן, און איך האָב שוין בעסער גאָרניט דערציילט, נאָר פּשוט נאָכגעזאָגט „רעדס" ווערטער:

— „עווריטינג איז אָלרייט!" „רעד"...

מיר האָבן ביידע אָנגעהויבן לאַכן און „רעד" האָט מיך געשטראָפט אויף זיין אידיש:

— ביסט ניט אַ מענטש, רבקה! עווריטינג איז ביי דיר אַ לאַכן...

— אַ געלעכטער מיינסטו?

— יע, אַ געלעכטער...

אויפן איסט ריווער זיינען היינט אויך אַרומגעשוואומען ליכטיקע שיפן ווי הייזער, נאָר מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויב איך וועל מיט „רעדן" אַריין אין אַ שיף, וועט אַהין קומען רוט מיט אַ רויטן פעדער און מיט גלאַנציקע נעגל און וועט זיך זעצן אויף מיין בעט.

מאָדנע מיידלעך אין ניו־יאָרק... ווי שעמט זי זיך ניט קומען צו מיר אומגעבעטענערהייט. זעט אויס, אַז דאָ איז דאָס ניט קיין חרפה...

סדרים

22־טער אַפּריל

מאַרווין איז מיך געקומען רופן צום סדר.

— „די טאַטע און די מאַמע זאָגן, דו קומסט טו דהי סדר".

מאַרווין אַליין איז שוין געווען אויסגעפּוצט יומטובדיק. אַז עס קומט אַ יום טוב, זעט די טאַנטע אויס זייער ענלעך צו דער מאַמען עה"ש. אַז די טאַנטע בענטשט ליכט פרייטיק, זעט זי אויך אויס ווי די מאַמע, היינט צום סדר אויך אַזוי. אויפן טיש זיינען געווען מצות, ווין איז געשטאַנען, כוסות, הגדות זיינען געלעגן, און ליכט האָבן געברענט. כמעט, ווי אין לובלין, נאָר קיין היים איז דאָס פונדעסטוועגן ניט, אַבי וואָס הייסט מען אַוועקגיין... און פאַראַיאָרן צום סדר אין לובלין איז אויך געווען אַ קנאַפּע שמחה, עס איז געווען די חתונ'קע, מיטן פעטער זיידל. באַלד נאָך קידוש איז געקומען צעלויפן נחומטשע, דעם פעטער זיידלס זון, די אויגן זיינען ביי אים רויט געווען:

— די רשעים האָבן דעם טאַטן געכאַפּט, גייענדיק פון בית המדרש און אים געשלאָגן מיט אַ דראָנג איבערן פּלייצע... פאַר־וואָס? גאָרניט... זיי האָבן צו אים געטענה'עט פאַרוואָס ער גייט אונטערגעשאָרן די באָרד.

— זשידאָווי ניע וואָלנאָ, ראַבין ניע קאָזאָל (אַ ייד טאָר ניט, דער רב הייסט ניט) . . . און זיי האָבן אים דערלאַנגט עטלעכע מאָל מיט אַ דראָנג, ביז ער איז אַנידערגעפאַלן. דער־מאָלט זיינען די רשעים אַוועק און האָבן זיך געוויצלט: נאָ

פשישלי ראַק, זשעבי סאַביע בראָדע אָטפּושטשיל . . . (אויף איבעראַיאַר זאָלסטו זיך פאַרלאָזן די באָרד . . .)

דעם פעטער זיידל האָט אויפגעהויבן אַ אידישער דראַזש־קאַזש (פורמאַן) וואָס איז פאַרבייגעפאָרן און געבראַכט אים אַהיים, קיין געלט האָט ער ניט געוואָלט נעמען.

פאַר אַזאַ יאַזדע נעמט מען קיין געלט ניט, האָט ער גע־זאָגט, וועלכער ייד איז דאָס באַוואָרנט פון אַזאַ יאַזדע? דער רבונו של עולם זאָל זיי געבן, זיי זאָלן פאַרזוכן אונדזער טעם, די צדיקים, האָט ער צוגעוואונטשן און איז אַוועקגעפאָרן. „זיי" האָט ער דאָס געמיינט די שלעגער.

מיר האָבן איבערגעלאָזן דעם סדר אינמיטן און מיר זייַ־נען אַלע אַוועק צום פעטער זיידל, זען וואָס ער מאַכט. ער האָט זיך געפילט בעסער, מען האָט אים געלייגט קאָמפּרעסן צום פּלייצע. דעם סדר האָבן מיר פאַרענדיקט שפּעט ביינאַכט, ביים „שפוך חמתך" האָט אונדז דער טאַטע געהייסן זיך אויפשטעלן. מיר האָבן זיך אַלע גוט אויסגעוויינט. ביים טאַטן זיינען אין די אויגן קיין טרערן ניט געווען, נאָר די ליפּן האָבן ביי אים געצי־טערט, אַז מען האָט קוים געהערט די ווערטער.

אָט אַזאַ „פריילעכער" איז געווען אונדזער סדר פאַראַיאָרן נאָך פאַר דער מלחמה אין לובלין.

אַז מאַרווין איז אַ גאַנצער למדן האָב איך ניט געוואוסט. ער האָט געפרעגט דעם אָנקל די קשיות און האָט זיי פאַר־טייטשט אויף ענגליש. אמת, ביי דער צווייטער קשיא האָט שוין אים דער אָנקל באַדאַרפט אונטערשטופּן, און ער איז גע־ווען באַגאַסן מיט שוויס, און ער האָט הויך אָפּגעזיפצט, ווען ער האָט פאַרענדיקט פרעגן, טאַקע פונקט אַזוי, ווי ער זאָל נאָר וואָס אַליין אַרויס פון מצרים. דער אָנקל האָט געזאָגט די הגדה, די טאַנטע האָט אויך געשעפּטשעט פון אַן הגדה'לע אַרויס, און מאַרווין האָט געמאָלן גיך און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער קען זאָגן גיך די עברי.

— „אי'ל בעט יו טען דאָלערס" (איך וועט זיך אין צען דאָלער), אַז ער ווייס ניט די „וואָירדס" (ווערטער), האָט סעלמאַ לכבוד פסח גערעדט אויף אידיש. איך האָב געוואָלט נאָכזאָגן די

הגדה, נאָר איך האָב ניט געקענט. איך האָב אַלץ געטראַכט, ווי זעט אויס איצט דער סדר ביי מיין טאַטן, אין לובלין, ביי קראַ־סוליען אין שטאָל, און וואו איז דער פעטער זיידל. אַלע זיינען דורכגעגאַנגען פאַר מיינע אויגן, אפילו די מאַמע עה״ש מיטן קריגל וואַסער, ווי איך האָב זי געזען אין חלום. ניו־יאָרק איז געוואָרן לובלין, און לובלין האָט זיך אַריינגעכאַפּט קיין ניו יאָרק. אַ טעלעפאָן האָט אונדז אַלעמען איבערגעשלאָגן:

— מיסטער עדלשטיין? פון לאָנג איילאַנד? — האָט די טאַנטע איבערגעפרעגט.

ביים טיש איז געוואָרן אַזאַ ערד־ציטערניש, אפשר ניט קיין קלענערע, ווי פאַראַיאָרן, ווען מען האָט אונדז ביים סדר אָנגעזאָגט, אַז די רשעים האָבן געכאַפּט דעם פעטער זיידל. דער אָנקל איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן. גערעדט האָט, זעט אויס, ניט מיסטער עדלשטיין אַליין, נאָר עמיצער פון זיינע אָנגעשטעלטע. אַז דער אָנקל האָט אים געזאָגט, אַז היינט איז פסח, דער ערשטער סדר, די אידן זיינען אַרויס פון „אידזשיפּט״, האָט יענער זעט אויס, עפּעס איבערגעפרעגט, און דער אָנקל האָט אים געענט־פערט:

— „יעס, דזשאַסט טאָדעי״ (יע פונקט היינט).

דער אָנקל איז צוריקגעקומען צום טיש, מען האָט אויף שנעל אָפּגעגעסן און אָפּגעזאָגט די הגדה. דער אָנקל האָט זיך געזעצט צוגרייטן די נויטיקע פּאַפּירן, ער דאַרף זיין מאָרגן גאַנץ פרי ביי מיסטער עדלשטיין וועגן אַן „אינשורענס״ פאַר זיין פלימעניק, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון בעסאַראַביע. ביים טיש האָט מען זיך איבערגערעדט:

— וואָס עפּעס אינמיטן דערינען?

די טאַנטע האָט געכאַפּט אַ קוק אויף מיר:

— אפשר ווייל נאָכן באַל, אַ לובלינער . . .

— קען זיין . . .

מאַרווין, וואָס איז אַ פשוטער חי וקיים, כאָטש זיין פּיק־טשור איז געווען אין די „פּעיפּערס״, האָט געזאָגט, דאָס וואָס אַלע האָבן געטראַכט און איך אויך:

— „דאַטס ביקאָז הי׳ גייוו האַנדרעט קוואָדערס״ (ווייל ער

האָט געגעבן הונדערט קוואָדערס), טאַנצן אַ קאַראַהאָד מיט רבקהן...

— וואָס איז פּאַלט איין! האָט איר די טאַנטע איבערגע־שלאָגן... און איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז עס קען זיין, „רעד" איז טאָקע געווען גערעכט...

עס איז שוין סיי ווי געווען בקיצור מיטן סדר. און אַז עס זיינען געקומען מענדל פּושקאַרט מיט דער פּושקאַרטע, האָט מען זיך געזעצט שפּילן אין אַ פּינאָקל, ווי אין אַ פּראָסטן פרייטיק צו נאַכט, און מאַרווין מיט סעלמאַן זיינען אַוועק אין די מואוויס. איך בין אַוועק „אַהיים", שלאָפן האָב איך ניט געקענט. אַלץ האָט זיך ביי מיר אויסגעפּלאָנטערט אין קאָפּ. דער טאַטע ביי קראַסוליען. מיסטער עדלשטיינס טעלעפאָן. מאַרווין, סעלמא, „רעד", ניו־יאָרק און לובלין, שווער צו אַנטשלאָפן ווערן, ווען מען טראַכט פאַראַמאָל וועגן אַזויפיל זאַכן.

דער קריג

26־טער אַפּריל.

זינט דער טאַטע האָט מיר געשריבן, אַז ער וואוינט ביי קראַסוליען אין שטאָל איז ביי מיר געוואָרן אַ שטענדיקע שרעק: וואָס איז מיט אים? איך וויל זייער וויסן וואָס טוט זיך דאָרט אין לובלין? וואָס טוט מען דאָרט מיט מיין טאַטן און מיטן ברודער? אין די צייטונגען איז געווען, אַז מען שיקט אַלע יונגע מענער אַוועק פאַר שקלאַפן קיין דייטשלאַנד. איך בין אַוועק מיט דער טאַנטע אויף אַ מיטינג פון דער לובלינער „לײדיס אייד סאָסייעטי", אפשר האָט עמיצער פון זיי בריוו, אפשר וויסן זיי מער פון מיר.

דער מיטינג איז געווען ניט קיין מיטינג, נאָר פּראָסט פשוט אַ מלחמה. אַ נס די לובלינערקעס האָבן ניט קיין האַרמאַטן, ווען ניט וואָלטן זיי זיך, חס ושלום, געשאָסן אויך. די מיסיס טקאַטש האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין פּרעזידענטין. זי „ריזיינט" (רע־זיגנירט), ווייל די מיסיס ראַבקין, די וויס פּרעזידענטין, האָט אַליין אָנגעשריבן אַלע דאַנק בריוו צו די איינטיילנעמער פון באַל, צו אַלע „קרעפּטן" און זי האָט זיך אַליין אויף די בריוו אונטערגעשריבן,

אַן אַ מיטינג, אַן אַ באַראַטונג, גלאַט גענומען און אָנגעשריבן די דאַנק בריוו, און זיך אַליין אונטערגעחתמעט.

די מיסיס טקאַטש איז געווען אַזוי אויפגעבראַכט, אַז די שטים האָט ביי איר געציטערט. — ווען ניט איך וואָלטן מיר קיינמאָל ניט „געקריגן" מיסטער עדלשטיין צום באַל. איך האָב אים אָפּגערופן, מיר האָט ער צוגעזאָגט קומען, און איז טאַקע געקומען . . . ווער וואָלט עס געקענט באַווייזן?

ביי דער מיסיס טקאַטש זיינען געשטאַנען טרערן אין די אויגן:

— „איט איז נאַט סופּאָזד טו בי סאָ", (עס דאַרף אַזוי ניט זיין), האָט זי גערעדט . . . און האָט געדרייט מיטן קאָפּ אויף ניין. די מיסיס ראַבקין, די וויס פּרעזידענטין, האָט „עקספּלעינט", (ערקלערט), אַז די אינוויטעישנס דאַרף מאַכן די פּרעזידענטין, אָבער די דאַנק בריוו דאַרף שרייבן די וויס־פּרעזידענטין, „דאַטס די רול", (אַזוי פירט זיך), האָט זי געזאָגט.

— וואָס איז אַזאַ גליק, אַז איך האָב געקראָגן אַ בריוו פון מיסטער עדלשטיין? „וואַט'ס די מעטער?" (וואָס איז דער מער?) מען קען אָנשרייבן נאָכאַמאָל דאַנק בריוו אין נאָמען פון דער פּרעזידענטין „ספּעשל" . . .

— נאָ, איט איז נאַט סופּאָזד טו בי", האָט געטענהט די מיסיס טקאַטש. און פון מיסטער שאַמוט איז אויך אָנגעקומען אַן ענטפער אויפן נאָמען פון דער מיסיס ראַבקין, און פון דער פידל־שפּיעלירן אויך.

די מיסיס ראַבקין איז געווען רויט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ היץ שלאָגט פון איר. זי האָט זיך געבלאָזן און געשריען:

בו, בין איך גליקלעך געוואָרן פון די בריוו? וואַט'ס די מעטער?

די טאַנטע האָט זיך אַריינגעלייגט אין אַ שלום: זי איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן, מען זאָל מיסטער עדלשטיין און מיסטער שאַמוט באַשטימען פאַר ערן־מיטגלידער און די מיסיס טקאַטש, אַלס פּרעזידענטין, זאָל זיי וועגן דעם פּערזענלעך „מיטיילן". אַזוי האָט זי געזאָגט די טאַנטע „מיטיילן".

עס האָט שוין כמעט געהאַלטן ביי אַ שלום, דער טאַנטעס עצה

האָט געערעדט צו אַלעמענס הערצער, כאַפּט זיך אַרויס די מיסיס רובין און גיט אַ וואָרף אַריין אַ שטיין. מען קען ניט אין אַ „לײדיס סאָסײעטי״ אַרײננעמען מענער פאַר ערן־מיטגלידער . . . זיי וועלן זיך נאָך באַליידיקן, וועט זיין אַ שיינע חתונה . . . דאָס האָט ווידער געערעדט צו אַלעמענס הערצער, און די מיסיס טקאַטש האָט געזאָגט:

— „וואַטס די יוז? אַי ריזיין, ענד דאַטס אָל״ (צו וואָס טויג עס? איך רעזיגניר און גאָר!) און זי איז געוואָרן אויס פּרעזי־דענטין.

דער מיטינג האָט געדויערט ביז שפּעט אין דער נאַכט. די פרויען האָבן געהאַט אַזויפיל „טראָבל״, אַז איך האָב זיך ביי זיי גאָרנישט געקענט דערוויסן, וואָס פאַר אַ בריוו זיי קריגן, און וואָס עס הערט זיך אין לובלין. איין פרוי בלויז האָט מיר געזאָגט, אַז איר משפחה האָט מען אינגאַנצן אָוועקגעשיקט אין ערגעץ און זיי שרייבן, אַז זיי וויסן ניט וואו זיי וועלן זיין . . . צוויי טרערן זיינען ביי איר אַראָפּגערונען, זי האָט זיי אָפּגעווישט און אָפּגע־פּודערט דאָס פּנים.

די פרויען האָבן אָנגענומען אַ „רעזאָלושן״, אַז די מיסיס טקאַטש ווערט „געדרעפּטעט״ (מאָביליזירט) אויף צו בלייבן פּרע־זידענטין.

— זי וועט זיך איבערבעטן . . . האָט מיסיס ראַבקין שטילערהייט אַ זאָג געטאָן צו דער טאַנטע, זי וועט זיך איבער־בעטן, מען זאָגט זיך ניט אָפּ אַזוי שנעל . . . וועט אַריבער נאָך אַ מיטינג . . . וואָס דען? מען האָט ניט באַדאַרפט שיקן קיין דאַנק בריוו? וואָס פאַר אַ טעטיקייט וואָלט עס געווען?

דערווייל איז די לײדיס סאָסײעטי געבליבן אָן אַ פּרעזידענטין, און איך בין געבליבן אָן ידיעות וועגן לובלין.

דער ערשטער טאָג אין שאָפּ

2־טער מאַי.

מיסטער רובין איז געווען גערעכט: מען דאַרף קענען גוט ענגליש, ווען מען גייט קלייבן די „פּיסעס״ ביי אים אין „פעק־טאָרי״. די מיידלעך, די אָפּרייטערקעס ריידן עפּעס אַזאַ מאָדנע

לשון, וואָס איך האָב נאָך אויף מיין לעבן ניט געהערט. זיי גיבן אַ מאָל־אָפּ עטלעכע ווערטער און מען דאַרף וויסן וואָס זיי מיינען, היינט גיי ווייס, אַז מען פאַרשטייט ניט וואָס זיי „מאָלן".

איינע אַ שוואַרצינקע, אַ קליינינקע, אַ דאַרינקע, אַ ברעטעלע ניט קיין מיידל, מערי הייסט זי, מאָלט גאַר ווי אַ ווינט־מיל. ווי קען דאָס אַ מענטש אַזוי שנעל ריידן? גיט זי עפּעס אַ מאָל און איך דערהער דאָס וואָרט „וואָטער". בין איך שוין צופרידן, הייסט דאָס, אַז זי וויל אַביסל וואַסער. (און עס איז טאַקע געווען אַ הייסער טאָג, כאָטש עס איז איצט אָנהויב מאַי). גיי איך גלייך און ברייננג איר אַ גלאָז וואַסער. גיט זי אַ קנייטש מיט די אַקסלען און גיט ווייטער עפּעס אַ מאָל און ווייטער הער איך דאָס וואָרט „וואָטער". בלייב איך שטיין און ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט זיך. זי וויל ניט קיין וואַסער, צו וואָס זשע דאַרף זי „וואָטער?" ערשט דאָס דאַרינקע ברעטעלע גיט זיך אַ הויב און גייט אין אַלדי שוואַרץ יאָר אין אַ ווינקל, און נעמט אַ קאַן מיט וואַסער מיט אַ שפּריצער און באַשפּריצט אַרום איר מאַשין. דער שטויב שטערט זי . . . „דאַסט". און זי גיט אַ שטעל דעם קאַן און זעצט זיך אַרבעטן, ברוגז די ליאַלע. איך האָב אָוועקגעטראָגן דעם קאַן, ווייס איך שוין, אַז „וואָטער" מיינט דעם קאַן מיט וואַסער, באַשפּריצן הייסט עס אַרום דער מאַשין. נו האָט איינע געבעטן וואַסער צום טרינקען, האָב איך אומזיסט געשלעפּט דעם קאַן, יענע וויל טאַקע אַ טרונק... עס איז מיר פּשוט געווען אַ חרפּה ווי איך האָב זיך אַרומגעיאָגט איבער דער „פעקטאָרי" פאַרשוויצט און צעטומעלט, און די מיידלעך רופן מיך די אַהין, און די אַהער. זעט אויס, אַז זיי האָבן דערטאַפּט, אַז איך בין אַ גרינע, איז געווען איין רופעניש נאָך דער אַנדערער. איך האָב געמיינט איך פאַל אַוועק. עס האָט זיך מיר שוין געוואָלט נעמען האַק און פּאַק און גיין צוריק צו דער מיסיס קאַשעס אויסנייען די „פלאַוערס", נאָר איך האָב זיך דערמאָנט, ווי מיסיס רובין האָט מיר אַמאָל געזאָגט:

— אַוועקגיין איז גרינג, גיין, חלילה, צוריק איז זייער שווער.

אַ נס די פאַרליידי האָט מיך אַביסל באַרואיקט. זי איז אַן עלטערע פרוי, דאַכט זיך מיר אַ אידישע. קיין אידיש רעדט זי אַפילו ניט, נאָר די נאָז איז ביי איר אַ אידישע. זי האָט מסתם

באַמערקט, ווי איך בין פאַרשוויצט און צעטומלט און זי האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— טעיק איט איזי (נעם זיך ניט איבער) . . . און זי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: ניו־יאָרק קערט זיך ניט איבער . . . אַ זייגער איינס זיינען די אַפּרייטערקעס אַראָפּ אויף „לאַנטש" און איך בין אויך אַראָפּ. עסן האָב איך ניט געקענט, עס איז מיר געווען הייס און דער קאָפּ האָט זיך מיר געדרייט. איך האָב גענומען אַ „קאָפּ קאָפּע". ביי מיין טישל האָט זיך צוגעזעצט אַ מיידל פון אונדזער „שאָפּ". איך האָב זיך זייער פאַרוואונדערט, זי האָט צו מיר אָנגעהויבן ריידן אויף אידיש.

— דו ביסט איצט געקומען?

— יע, ניט לאַנג.

— אַ „רעפּיודזשי"?

— יע.

— דו פאַרשטייסט ניט קיין ענגליש?

— זייער ווייניק . . .

— דאָס מאַכן זיי אַ „דזשאָק" (אַ שפּאַס), וואָס זיי רופן דיך אַלע ווילע. זיי טוען אַזוי מיט אַלע נייע, מען גיט זיי „די העל" (דעם גהינום).

— וואָס גיט מען זיי?

— מען מאַטערט זיי . . .

— „ביקאָז" (ווייל) זיי זיינען „נייע", דאָס איז אַ „דזשאָק", „דאַטס אָל" (דאָס גאָר).

דאָס איז, הייסט עס, אַזאַ נייער סאָרט חבוט הקבר. גלאַט מען מאַטערט אַביסל, ניט פאַר קיין זינד.

מיסטער רובין איז היינט אין „פעקטאָרי" ניט געווען, אפשר וואָלט ער זיך אָנגענומען פאַר מיר, און אפשר איז גלייכער, וואָס ער איז ניט געווען. געקומען אַהיים בין איך אָן אויסגעמאַטערטע, די „לאַנדריניטשקע" האָט מיר געגעבן אָן אַספּירין.

— שווערע אַרבעט?

— ניין, די אַפּרייטערקעס מאַכן „דזשאָקס".

— נעם אָן אַספּירין האָט זי געזאָגט, אַמעריקע מוז מען

איינגעמען די ערשטע צייט מיט אַספּירין, עס וועט דיר ווערן גרינגער.

מענדל פּושקאַרט איז גראָד אַריינגעפאַלן. ער האָט געזען, ווי איך ליג אויפן בעטל אַ מידע, און ער האָט אָנגעהויבן ריידן:

— אַז איך בין געקומען קיין אַמעריקע פלעגט מען אַרבעטן פערצן שעה אַ טאָג און אַז מען פלעגט ענדיקן פלעגט מען נאָך איצט גיין עפּעס צו־פאַרדינען. אין אַמעריקע ציילט מען ניט די שעהן און מען מעסט ניט קיין קאָפּ ווייטיק.

יעדערער זאָגט עפּעס אַנדערש וועגן אַמעריקע. די לאַנדרי־ניטשקע זאָגט, אַז מען דאַרף זי, די אַמעריקע, איינגעמען די ערשטע צייט מיט אַספּירין, און מענדל פּושקאַרט זאָגט, אַז מען מעסט דאָ אינגאַנצן ניט קיין קאָפּ ווייטיק . . . עס קען זיין, אַז מענדל פּושקאַרט איז גערעכט, אַז מען ווערט מיד אַביסל, דאַרף מען זיך באַלד איבערנעמען? עס איז אפשר גאַרניט שווער . . . מיר דאַכט זיך בלויז . . . און מיר האָט ווידער פּונדעסטוועגן אַ קלעם געטאָן אין האַרצן, מיר האָט זיך ווידער געדאַכט, אַז איך בין הפקר אויף גרענד סטריט. צי וועל איך דאָס אויסהאַלטן? וואָס וועט זיין מיט מיר? איך ווייס ניט. איך ווייס ניט. איך ווייס גאָרניט.

ניסים

5־טער מאַי.

די מיסיס שאָר האָט מיר היינט געבראַכט אַ בריוו פון לייזערן.

— נאָך נעכטן איז דער בריוו אָנגעקומען, האָט די טאַנטע געזען, אַז עס איז ניט פון לובלין האָט זי געזאָגט: עס וועט ניט קאַלט ווערן ביז מאָרגן. אַ פיינקייט פון דער מיסיס שאָר, וואָס זי האָט מיר געבראַכט דעם בריוו.

— „איך ווייס, אַז אַמאָל קען מען אויף אַ בריוו וואָס איז ניט פון דער היים, וואַרטן נאָך מער ווי אויף אַ בריוו פון דער היים", אַזוי האָט די מיסיס שאָר אַ זאָג געטאָן און האָט אַ זשמורע געטאָן מיט אַן אויג, ווי זי טוט עס אָפט.

לייזער שרייבט מיר: „איך בין געקומען קיין א״י מיט נסים, און אַרויסגעהאָלפן האָט מיר מיין גאָלדענער זייגער, אָט דער זייגער טאַקע, וואָס דו פלעגסט אויף אים זאָגן, אַז גאָלד איז ער, אָבער קיין זייגער ניט. אָט דער זייגער איז געפעלן געוואָרן האַנטשיקן. געדענקסט האַנטשיקן? דעם כל בוניק, וואָס האָט געדינט פאַר אַ סטרוזש אין פּאָטשט? מאַכט צו מיר דער האַנטשיק:

— דו ווילסט אַוועקפאָרן פון לובלין?

איך האָב אים מורא געהאַט זאָגן יאָ, מאַלע וואָס דער האַנטשיק קען אָפּטאָן? אָבער ער פאַרשטייט אַליין, אַז איך וויל אַוועקפאָרן, וואַרט ער גאָרניט אויף מיין ענטפער, ער שטייט און קוקט אויפן גאָלדענעם זייגער.

— ער גייט דער זייגער? פרעגט מיך האַנטשיק.

— וואָס הייסט ער גייט? ער לויפט . . . קיין ליגן האָב איך אים געזאָגט, ווי דו ווייסט. און דער האַנטשיק זאָגט צו מיר:

— גיב מיר דעם זייגער, וועל איך דיך ברענגען קיין רומעניע.

ווען האַטשיקן זאָל זיך פאַרגלוסטן גלאַט צונעמען מיין זייגער, וואָלט אים עפּעס שווער געווען? איך וואָלט אים געגאַנגען פאַרקלאָגן פאַרן דייטשישן גענעראַל? און דער האַנטשיק פוילט זיך ניט און זאָגט עס מיר . . .

— ווען איך וויל, זאָגט ער, קען איך ביי דיר צונעמען דעם זייגער פאַר גאָרניט. נאָר, זאָגט ער, איך בין אַ „פּאָלסקי אוזשענדניק" (אַ פּוילישער באַאַמטער) און איך טו ניט אַזעלכע זאַכן. ביסט געווען אַ זעלנער אין דער פּוילישער אַרמיי? נעם מיט דיינע פּאַפּירן, און איך וועל דיך ברענגען קיין רומעניע.

אין אָוונט האָט מיך האַנטשיק גענומען אויף אַ שפּאַציר ביז ביאַלע גניאַזדאַ, און דאָרט האָט ער מיך גענומען אויף אַ וואָגן. מיר האָבן זיך אַרומגעדרייט אין וואַלד ביז פאַרטאָג און פאַרטאָג האָט ער מיך געבראַכט, מיינסט וואוהין? אפשר קיין רומעניע, ניין, קיין אָסטראָדראָגע.

— גיב מיר דעם זייגער . . .

— עס איז דאָך נאָך ניט רומעניע . . .

— דאָ שטייט נאָך פויליש מיליטער, וועסט מיט זיי אַוועקגיין קיין רומעניע. זיי וועלן אַנטלויפן, האָט ער נביאות געזאָגט.

איך האָב אים אָפּגעגעבן דעם זייגער. האַנטשיקס נביאות איז מקוים געוואָרן. איבערן וועג האָבן זיך געשלעפּט מיליטערישע אָפּטיילונגען, באַוואָפנטע און ניט־באַוואָפנטע. איך בין מיט זיי אַריבער די גרעניץ. צוויי טעג האָב איך ניט געזען קיין שטיקל ברויט, די קני האָבן זיך ניט געוואָלט בויגן, און די בלאָטע איז געווען אַזאַ טיפע, נישט אַרויסצוקריכן. איך בין אַנידערגעפאַלן און אויפשטייענדיק דערפילט, אַז איך קען ניט גיין. זעט אויס זיך אַ פוס אויסגעלונקען אָדער געקראָגן אַ קלאַפּ אין קני. דער רומענישער קאַנוואַי, וואָס האָט אונדז געפירט, האָט זעט אויס ניט געהאַלטן, אַז אַ פוילישער זעלנער איז אַ גרויסע מציאה, און ער האָט מיך פשוט איבערגעלאָזט אויפן וועג. ער האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן אַ נאָמען פון אַ דאָרף, צי פון אַ שטאָט, און זיי זיינען אַוועק . . . זיץ איך אַליין אין דער גרויסער בלאָטע, מיט אַ קראַנקן פוס און איך טראַכט איין זאַך: ווי קען איך זיך ראַטע־ווען? — אַז איך בין אָפּגעלעגן אַזוי אַ שעה, אָדער צוויי, אָדער מער, אָדער ווייניקער, ווער קען וויסן? מיין זייגער איז דאָך שוין געווען ביי האַנטשיקן, און סיי ווי איז געווען פינצטער, עס וואָלט מיר מיין זייגער אויך ניט געהאָלפן — האָב איך דער־הערט — מענטשן גייען צופוס. זעט אויס, אַז נאָך אַן אָפּטיילונג פוילישע זעלנער זיינען אַריבער די גרעניץ. איך האָב אָנגעהויבן שרייען. איך האָב געשריען און זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען . . . איך האָב זיך נאָכגעשאַרט אויף אַלע פיר. איינער פון רומענישן קאָנוואָי האָט, זעט אויס, אויף מיר רחמנות געקריגן, ער האָט געהייסן צווייען מיך מיטנעמען, זיי האָבן מיר געהאָלפן און איך בין מיט זיי אַוועקגעהונקען. דאָס איז געווען דער צווייטער נס, וואָס עס האָט מיר מיר פּאַסירט, ווייל איך וואָלט געוויס דער־פראָרן געוואָרן יענע נאַכט אין דער קאַלטער בלאָטע. מען האָט אונדז אַוועקגעפירט עפּעס אין אַ שייער. מען האָט אונדז געגעבן הייס וואַסער, פשוט הייס וואַסער. קיינמאָל אין מיין לעבן האָב

איך ניט הנאה געהאַט פון קיין עסן, און פון קיין טרינקען, פון בעסטן פסחדיקן ווײַן אַפילו, ווי דעמאָלט באַנאַכט פון דעם קענדל הייסן וואַסער . . . אַלע גלידער האָבן זיך מחיה געווען, אַפילו דער קראַנקער פוס האָט אויפגעהערט ווײי צו טאָן. צוויי וואָכן האָבן מיר געוואוינט אין דעם שייער. אַ דריטל מענטשן זײַנען קראַנק געוואָרן און אַרומגעגאַנגען מיט היץ. אין צוויי וואָכן אַרום איז אין שייער געקומען אַ דאָקטער. ווען ער איז געקומען בין איך געלעגן אויף דער ערד און שוין ניט געקענט הערן וואָס מען רעדט צו מיר. מען האָט מיך אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל. דער דאָקטער האָט גערעדט צו מיר האַלב אידיש, האַלב דײַטש, אַ איד געווען. ער האָט מיך אָנגעקוקט ווי משוגע, וואָס איך בין ניט געשטאָרבן, אין אַזאַ פאַל בלײַבט מען קיינמאָל ניט לעבן, האָט ער געזאָגט.

אין שפּיטאָל איז געקומען אַ פאָרשטייער פון „דזשאָינט”. און שטעל זיך פאָר, אַ נייער נס: דער פאָרשטייער איז געווען אברהם ראַפּאַלאָוויטש, שכנא ראַפּאַלאָוויטשעס זון, פון לובלין. ער האָט מיך דערקאָנט, ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין אַ לובלינער. ער האָט מיר שפּעטער אַ סך טובות געטאָן.

ווי אַזוי איך בין געקומען אויף דער גריכישער שיף? ווי אַזוי איך האָב זיך דערשלאָגן קיין א״י? דאָס זײַנען ווידער גרויסע נסים, וואָס האָבן מיט מיר פּאַסירט, אָט אַזוי ווי מיט די אידן, ווען זיי זײַנען אַרויס פון מצרים. דאָס וועל איך דיר אָנשרײַבן אין אַ צווייטן בריוו. איצט וויל איך דיך בעטן: שרײַב מיר אָפּט, רבקה, יעדעס מאָל ווען עס קומט אָן די פּאָטשט, וואַרט איך, אפשר איז דאָ פון דיר אַ בריוו. פאַרוואָס שרײַבסטו ניט, רבקה, פאַרוואָס? פאַרוואָס?

דו חלומסט זיך מיר אָפּט. און איך בין גליקלעך, וואָס איך לעב און וועל נאָך דיך זען. דו וועסט דאָך קומען, רבקה, קיין א״י? . . . איך וואַרט אַזוי שטאַרק אויף דעם טאָג” . . .

אָט אַזוי שרײַבט לייזער. אָבי די לאַנדריניטשקע זאָגט, אַז ביי „זיי”, דאָס מיינט זי די מענער, „פאַרמאַכט די טיר און פאַר־געסן”. זעט אויס, אַז עס איז ניט אַזוי, און ניט אַלץ וואָס מענטשן זאָגן דאַרף מען גלויבן.

„רעד" וויל לייענען לייזערס בריוו

6־טער מאַי.

זעט אויס, אַז לייזערס בריוו האָט זיך אַ פּאָר טעג געוואַלגערט ביי דער טאַנטע. סעלמאַ האָט אים געזען און עדי האָט אים געזען. ווער עס האָט דערציילט „רעד"ן וועגן דעם בריוו, ווייס איך ניט, נאָר אַז איך בין היינט געקומען פון דער אַרבעט, איז „רעד" געווען אין צימער. ער האָט געוואַרט אויף מיר. עס האָט זיך מיר גלייך געוואָרפן אין די אויגן, וואָס ער זיצט ניט, נאָר ער שטייט. שטייט און וואַרט. עפּעס אַזוי ווי איינער, וואָס וויל עפּעס אָפּזאָגן און אַוועקגיין. ער איז געשטאַנען מיטן פּנים צום פענצטער, און אַז בין אַריין אין צימער, האָט ער זיך אומגעדרייט צו מיר.

— זעץ זיך, „רעד", וואָס שטייסטו?

— איך וויל שטיין.

— שטיי.

איך האָב געזען, אַז „רעד" וויל זיך מיט מיר קריגן, כאָטש איך האָב נאָך ניט געוואוסט פאַרוואָס. „רעד" איז געשטאַנען אַ היפּשע ווײַלע מיטן פּנים צום פענצטער און האָט אַ וואָרט ניט אויסגערעדט. איך האָב דערווייל אויסגעטאָן דעם מאַנטל, צוגע־קעמט די האָר, אַוועק אין קיך צוגרייטן טיי, און ווען איך בין צוריקגעקומען, איז נאָך „רעד" אַלץ געשטאַנען אויפן זעלביקן אָרט און געקוקט אין פענצטער.

— דו ציילסט די שטערן, „רעד"?

„רעד" האָט גאָרניט געענטפערט.

— וואָס זעסטו דאָרט אין פענצטער, „רעד", זאָג מיר, וועל איך אויך אַ קוק טאָן.

פונקט ווי מען זאָל וואַרפן אַרבעס אין דער וואַנט, אַזאַ פּעולה האָבן געהאַט מיינע ווערטער. ער שטייט און קוקט אין פענצטער, ווי ער זאָל זיך ניט קענען פון עפּעס אָפּרייסן.

— קום, „רעד", טרינקען טיי און זאָג מיר פאַרוואָס דו ביסט געוואָרן אַזאַ „שווייגער"?

"רעד" איז צוגעגאַנגען צום טישל און האָט זיך געזעצט. איך האָב געטרונקען, נאָר ער האָט זיך ניט צוגערירט צום גלאָז.

— זאָג מיר, רבקה, „די טרו" (דעם אמת) . . .

ער האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט. איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז „רעד" האָט שוין ווידער געהערט עפּעס פון עדין.

— זאָג מיר, רבקה, דו האָסט געקראָגן אַ בריוו פון דעם, וואָס אויף דער „פּיקטשור"?

— יע, „רעד", איך האָב געקראָגן אַ בריוו פון אים.

— דו וועסט אָוועקפאָרן צו אים?

— וואָס עפּעס?

— רבקה, איך וויל לייענען זײַן בריוו.

— מער ווילסטו גאָרניט, „רעד"? האָב איך אים געענטפערט מיט אַ שפּאַס, אפשר ווילסטו בעסער טרינקען טיי?

דער אמת איז, אַז איך האָב גאָר ניט געוואָלט באַליידיקן „רעד"ן, איך האָב פּשוט ניט געוואָלט אים ווײַזן לייזערס בריוו. נאָר „רעד" איז געוואָרן אָנגעצונדן. דאָס ערשטע מאָל, אַז איך האָב אים געזען אַזוי אויפגעבראַכט. ער האָט מיך אַ נעם געטאָן ביי דער האַנט און האָט מײַן האַנט אַ דריק געטאָן אַזוי שטאַרק, אַז מיר האָבן ווי געטאָן די פינגער.

— רבקה, רייד נישט אַזוי, „דאָנ'ט ספּיק טו מי דיס וועי"... (רעד נישט צו מיר אַזוי).

די פינגער האָבן מיר ווי געטאָן, רעד איז געזעסן אַנטקעגן מיר אַ בייזער, איך האָב אַ קוק געטאָן אַרום זיך און דערזען די פּעקלעך וועש אויפן וואַנט און מיר האָט זיך זייער פאַרוואָלט לאַכן. איך האָב זיך באַמיט איינהאַלטן, ניט לאַכן, און איך האָב בשום אופן ניט געקענט. איך האָב זיך טאַקע פאַנאַנדערגעלאַכט, אַזש טרערן זיינען ביי מיר אַרויס פון די אויגן. און די ריפּן האָבן ביי מיר אַזש געציטערט. איך האָב געלאַכט און געוואוסט, אַז מײַן לאַכן האָט קיין זין ניט. איך האָב זיך געוואָלט אָפּשטעלן און ניט געקענט. „רעד" האָט מיך אָנגעקוקט:

— קרייזי, (משוגע), האָט ער אַ זאָג געטאָן אָן דעם מינדסטן שמייכל. און האָט רואיק געוואַרט ביז איך וועל ענדיקן לאַכן.

— זאָג מיר, רבקה, דו ווילסט פאָרן קיין פּאַלעסטיין?

— ווער האָט דיר געזאָגט?
— עדי האָט מיר געזאָגט.
— עדי? פונוואַנען וויס עדי? און דו גלויבסט אים?
— יע, איך גלויב אים.
— פאַרוואָס?
— „ביקאָז" (ווייל) דו זאָגסט מיר גאָרניט.
— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, וואָס?
— ווייז מיר דעם בריוו.
— זאָל דיר עדי ווייזן.

„רעד" האָט זיך אויפגעהויבן. ער האָט זיך אומגעדרייט אַ פּאָר מינוט איבערן צימער; ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע ביים פענצטער און דערנאָך האָט ער גענומען דאָס היטל.

— גוד באַי, רבקה, האָט ער אַ זאָג געטאָן און האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרהאַלטן ביים שוועל.

— פאַרוואָס גייסטו אַוועק, „רעד", עס איז דאָך נאָך פרי? ... האָב איך געפרעגט, און עס האָט מיר אַ קלעם געטאָן אין האַרצן, ווי פאַר אַן אומגליק.

— גוד באַי, רבקה, האָט „רעד" געזאָגט, נאָכאַמאָל אָנשטאָט אַן ענטפער, און האָט צוגעמאַכט די טיר.

איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר עס האָט מיר אַזוי ווי געטאָן, אַז איך האָב געוויינט, ווען ער איז אַוועק. „רעד" איז מיין בעסטער פריינט געווען. „רעד" האָט מיך גענומען צום „בענד", ווען איך האָב זיך געפילט אַזוי פאַרשעמט פון אַלעמען, פון סעלמאַן, און פון רוטן, און פון מאַרווינען, און אפילו פון דער טאַנטע. איך ווייס, אַז „רעד" וועט שוין מער ניט קומען צו מיר. איך ווייס דאָס אויף געוויס.

איך טראַכט וועגן נעכטן

7־טער מאַי.

„רעד" איז טאַקע היינט ניט געקומען. איך טראַכט איבער אַלץ וואָס נעכטן איז געווען. געוויס האָב איך ניט באַדאַרפט לאַכן. מיין לאַכן האָט קיין זינען ניט געהאַט, קיין זינען ניט. און איך האָב אים באַדאַרפט זאָגן עפּעס אַנדערש. באַדאַרפט זאָגן,

אַז ער זאָל ניט ריידן וועגן לייזערס בריוו . . . בריוו פון אַ פריינט איז ניט שיין, אַז מען לייענט פאַר עמעצן, אַזוי האָב איך אים באַדאַרפט זאָגן . . . ער וואָלט זיך געוויס ניט באַליידיקט אויף מיר. אָבער איצט איז שוין פאַרפאַלן. און אפשר איז גלייכער אַזוי. איך וועל אָוועקפאָרן צו לייזערן קיין א"י, ער בעט מיך, איך זאָל ניט פאַרגעסן, אַז מיין וועג איז נאָך ניט געענדיקט. לייזער איז גערעכט. פונדעסטוועגן טוט מיר וויי, וואָס „רעד" איז ניט געקומען. און ער האָט ניט באַדאַרפט אַזוי גיך אין כעס ווערן אויף מיר. ער האָט דאָ נעכטן פאַרגעסן זיינע סיגאַרעטן. איך וועל זיי באַהאַלטן, ביז ער וועט זיי קומען אָפּנעמען, אויב ער וועט קומען. די לאַנדריניטשקע זאָגט, אַז ביי „זיי" — צוגעמאַכט די טיר איז פאַרגעסן . . . מעגלעך, אַז „רעד" האָט שוין אויך פאַר־געסן. אַוועק און פאַרגעסן. ווער ווייס? דווקא זאַכן, וואָס מען וויל זייער שטאַרק וויסן — ווייס מען ניט. איך האָב דאָס שוין אַ סך מאָל באַמערקט. איך וויל זייער וויסן, וואָס איז מיט מיין טאַטן אין לובלין — ווייס איך ניט. און איצט מיט „רעד"ן . . . עס קען זיין, אַז ער איז גאָר היינט אַוועק זען רוטן. רוט וועט זיך אויספּוצן מיט אירע רויטע היטעלעך. מיט אירע רויטע פעדערן און וועט גיין שפּאַצירן מיט „רעד"ן ביים איסט ריווער.

— „דאָן וואָרי", וועט ער איר אפשר זאָגן. „רבקה איז גאָרניט צו מיר" . . . אַזוי ווי ער האָט מיר געזאָגט וועגן רוטן. און אַז איך וואָלט אים געוויזן לייזערס בריוו? קען זיין, אַז ער וואָלט אויך אַוועק און ניט געקומען היינט? דעמאָלט וואָלט געווען נאָך ערגער . . . נאָר איך וואָלט אים קיינמאָל ניט געוויזן לייזערס בריוו. איך וועל דאָס קיינמאָל ניט טאָן. עס איז מיר שווער געווען צו זיצן אין שטוב אַ גאַנצן אָוונט. איך בין אַרויס אויף דער גרענד סטריט. איך האָב צוגעשפּאַצירט ביז דער מיסיס קאָשעס הויז. מיר האָט זיך געוואָלט אַריין צו דער אַלטער און פרעגן ביי איר: ווען איר זיינט געווען „די שיינע פאַווע" האָט מען אייך אויך געלאָזן אַליין, פאַרמאַכט די טיר און געלאָזן אַליין, ווי מיך היינט? נאָר איך בין ניט אַריין. ווער ווייס צי די אַלטע געדענקט שוין גאָר עפּעס וואָס עס איז געווען מיט דער „שיינער פאַווע". בין איך דורכגעגאַנגען הין און צוריק אויף דער גרענד סטריט, הין

און צוריק, ביז דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַרדרייט. איך בין אַרויף צו זיך און האָב געטראַכט, אפשר וועל איך טרעפן „רעד"ן שטיין ביים פענצטער אַזוי ווי נעכטן? ער וועט שטיין און שווייגן אַזוי ווי נעכטן. נאָר „רעד" איז ניט געווען. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז „רעד" האָט מיר צוגעזאָגט „אַלוויז" (שטענדיק) פרישע רויזן, נאָר געבליבן זיינען ביי מיר די, וואָס איך האָב פאַרטריקנט. איך האָב זיי אַוועקגעלייגט צוזאַמען מיט די סיגאַרעטן. אַז ער וועט קומען, וועל איך אים אַלץ צוזאַמען אָפּגעבן. אויב ער וועט קומען, וועל איך אים דערמאָנען פונדעסטוועגן, אַז ער האָט מיר צוגעזאָגט „אַלוויז" פרישע רויזן און האָט זיין וואָרט ניט געהאַלטן. און אפשר איז אַמעריקע אַזאַ לאַנד, וואָס מען דאַרף גאָר קיין וואָרט ניט האַלטן? מען דאַרף בלויז צוזאָגן? . . . ווער ווייס? איצט ווייס איך גאָרניט. איך האָב געוואָלט איבערלייענען לייזערס בריוו און אויך ניט געקענט. איך בין צוגעגאַנגען צום פענצטער זען, וואָס האָט „רעד" נעכטן אַזוי לאַנג געקוקט אַהין? אַ סך פייערן האָט מען געזען דורכן פענצטער. איין פייער האָט זיך פאַרלאָשן. אפשר איז דאָס מיין פייער, וואָס האָט זיך אַטאַ פאַר מיינע אויגן פאַרלאָשן? אַט אַזוי ווי איך, וואָס איך קען איצט מער גאָרניט טאָן . . . אויסער טראַכטן וועגן נעכטן.

געהאָלפן געוואָרן פון איין „האַו־דו־יו־דו".

9־טער מאַי.

איין „האַו דו יו דו" און „האַו דו יו פיל" — האָט מיך געראַטעוועט פון די אַפּרייטערקעס. זיי האָבן פּשוט געהאַט „פאַן" (הנאה געהאַט) פון אַרומיאָגן מיך הין און צוריק און ניט לאָזן מיך אַ ווײַלע צורו. האָט גאָט געהאָלפן און היינט איז געקומען מיסטער רובין אין דער פעקטאָרי, ער איז עטלעכע טעג ניט געווען, ערגעץ אַוועקגעפאָרן. אַז מיסטער רובין איז געקומען, איז ער פריער אַריין צו זיך אין אָפיס, און שפּעטער איז ער אַריינגעקומען אין דער „פעקטאָרי". ער האָט מיך דערזען און האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— האַו דו יו דו? ענד האַו דו יו פיל?

מער, זעט אויס, האָט מיסטער רובין קיין צייט ניט געהאַט צו מיר צו ריידן, ער איז צוריק אַריין אין אָפיס. פונדעסטוועגן

בין איך פון דעם איינעם „האו דו יו דו" געהאָלפן געוואָרן. די אפּרייטערקעס זעען און הערן אַלץ וואָס מיסטער רובין טוט, און זיי האָבן געהערט וואָס ער האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן; און אַפילו ביי דער שוואַרצינקער אפּרייטערקעלע, ביי דער דינינקער, וואָס זעט אויס מער ווי אַ ברעטל איידער אַ מיידל, איז עפּעס אַזוי ווי שטייפער געוואָרן דער האַלדז און נאַקן. זי האָט זיך אויפגעהערט דרייען אין מיין זייט אַלע ווייִלע און מיך רופן. זי האָט נאָך מיך שפּעטער, זעט אויס, פאַר יוצא וועגן איינמאָל אַ רוף געטאָן, אָבער אין אירע אויגן איז שוין ניט געווען קיין געלעכטער, ווי ביז איצט. אַגב, האָט זי מיר געזאָגט „פּליז" און אויסער דעם, אַז איך האָב איר צוגעטראָגן דעם קאַן מיט וואַסער און דעם שפּריצער, האָט זי מיר געזאָגט: „דענק יו" (אַ דאַנק). דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב פון איר געהערט „דענק יו". אַזאַ איידעלע זאַך איז זי געוואָרן. היינט איז געווען דער ערשטער טאָג, וואָס איך האָב צייט געהאַט זיך אַרומקוקן אַרום די „פּיסעס", לייגן באַזונדער די וואַלענע און די זיידענע. איך האָב היינט, קען מען זאָגן, אָפּגעעטעמט. טאַקע פּשוט אַ נס מן השמים האָט זיך מיט מיר געטראָפן, וואָס מיסטער רובין איז געקומען און ער האָט צו מיר געזאָגט „האַו דו יו דו" און „האַו דו יו פיל".

איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט, אַז אַ מענטש קען זיין אַזוי אַנדערש אין פאַרשידענע ערטער. אין דער לאַנדסמאַנ־שאַפט איז מיסטער רובין אַ לאַנדסמאַן, ווי אַלע לאַנדסלייט. ער רעדט אַביסל מיט דעם, אַביסל מיט יענעם, און זיין ווייב, די מיסיס רובין, איז גאַר אַ היימישער מענטש. זי האָט אַפילו אַרויס־געלאָזט אַ טרער, ווען איך האָב זי געזען צום ערשטן מאָל און איר דערציילט וועגן מיין מאַמע עה"ש.

אינדערהיים ביי זיך איז מיסטער רובין אַ פּריץ. אַן אמתער פּריץ. די פּאָר מאָל, וואָס איך בין געווען ביי אים אין הויז, איז ער געווען אָנגעטאָן אין אַ זיידענעם כאַלאַט, דער ציגאַר זיינער איז כמעט אויסגעלאָשן, אָבער דאָך פון צייט צו צייט גיט ער אַ פּיפּקע און עס יאָגן זיך אַרויס עטלעכע רינגעלעך רויך. אַן אמתער פּריץ. אַ פּריץ, וואָס רעדט אידיש.

אין דער פּעקטאָרי איז מיסטער רובין אַ „באָס". אַ „באָס"

איז הונדערט מאָל מער ווי אַ פּריץ, און אפשר טויזנט מאָל מער ווי אַ לאַנדסמאַן. אַ „באָס" איז זייער אַ וויכטיקע זאַך. אַז מיסטער רובין איז צוריקגעקומען פון זיין רייזע, האָט מען באַלד כהרף עין געוואוסט אין דער פעקטאָרי וועגן דעם. און אַז מיסטער רובין איז אַריינגעקומען, האָבן אפילו די מאַשינעס אָנגעהויבן זשומען שטילער. טאַקע דער זעלביקער „זשו־זשו", אָבער אַביסל רואיקער, איינגע־האַלטענער. און מיך האָט ער מיט איין וואָרט אַרויסגעראַטעוועט אַזוי גרינג, ווי מען נעמט אַרויס אַ האָר פון דער מילך. אין דער „פעקטאָרי" האָט מיסטער רובין גערעדט ענגליש, צו דער פאָר־ליידי האָט ער גערעדט אויף ענגליש און צו מיר האָט ער אויך געזאָגט „האַי דו יו דו" און „האַו דו יו פיל" אויף ענגליש. היינט האָב איך צום ערשטן מאָל באַקומען אויסגעצאָלט פאַר דער אַרבעט. אַכט דאָלער האָב איך באַקומען פון אָפיס און צוויי דאָלער פאַר די „פּיסעס". דאָס איז ווירקלעך זייער אַ סך געלט. איך וועל שוין געוויס קענען קויפן אַ מאַנטל און אפשר וועל איך טאַקע קויפן אַ „דרעס" צו סעלמאַס „אינגעידזשמענט". ווען דאָס וועט זיין ווייס מען נאָך ניט. אַז עס וועט זיין סעלמאַס „אינגעידזשמענט" וועל איך געוויס טרעפן „רעד"ן. ער וועט דאַך קומען. איך וואָלט אים זייער וועלן זען און פרעגן, פאַרוואָס ער קומט ניט מער.

די לאַנדריניטשקע, מיסיס שליווקאַ, איז היינט אַריין צו מיר:

— רבקה, דו ביסט עפּעס בלייך געוואָרן, וואָס איז מיט דיר?

— שווער צו אַרבעטן אין דער פעקטאָרי . . .

די לאַנדריניטשקע האָט געשוויגן, דאַכט זיך מיר, זי האָט געצווייפלט, צי איך זאָג איר דעם אמת. יעדערער וויל מען זאָל אים זאָגן דעם אמת, ווי „רעד" זאָגט „דהי טרוט", און פונדעסט־וועגן זאָגט מען אַזויפיל ליגנס אויף דער וועלט, אַז ווען אַלע ליגנס וואָלטן זיך אַ הויב געטאָן, וואָלט די וועלט אַוועקגעפלויגן.

— וואו איז פאַרפאַלן געוואָרן „רעד"? האָט די לאַנדרי־ניטשקע מיך אַ פרעג געטאָן, נאָכדעם ווי זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן. שוין אַ פּאָר טעג ניט געווען, דאַכט זיך . . .

ווען די טאַנטע פרעגט מיך דאָס, וואָלט איך איר געענטפערט אַבי וואָס, אַבי זיך אָפּטשעפּן. דער לאַנדריניטשקע איז מיר שווער צו זאָגן אַ ליגן. זי איז געווען זייער גוט צו מיר. זי האָט מיר

דערציילט אַ סך מעשות פון איר לעבן, האָב איך איר געזאָגט דעם אמת:

— „רעד" איז עפּעס אין כעס געוואָרן אויף מיר . . . ער וועט שוין מסתּם קיינמאָל ניט קומען.

די לאַנדריניטשקע האָט אָנגעהויבן לאַכן:

— ער וועט קומען. ער וועט געוויס קומען. „זיי" קומען שטענדיק צוריק, ווען אַ מיידל געפעלט „זיי" . . .

מאָדנע ווי די „לאַנדריניטשקע" זאָגט אויף אַלע מענער „זיי", פּונקט ווי מען רעדט פון גוֹיִים, „זיי" . . . איך האָב ניט אַזאַ געפיל און איך פאַרשטיי ניט פאַרוואָס די לאַנדריניטשקע רעדט אַזוי.

אָבער, זי מיינט פונדעסטוועגן, אַז „רעד" וועט קומען . . . אפשר איז זי גערעכט? אפשר וועט ער נאָך טאַקע קומען . . .

איך האָב איר געזאָגט, אַז איך האָב באַקומען צען דאָלער אין דער „פּעקטאָרי" און אַז איך וויל איר באַצאָלן פאַר דער דירה.

— אַז דו וועסט געבן, וועלן מיר נעמען, האָט זי אַ זאָג געטאָן, ניטאָ אַזאַ זאַך, ווי ניט נעמען קיין געלט אין אַמעריקע, און זי האָט אַ רוף געטאָן איר מאַן:

— סעם! מיר ווערן רייך.

מיסטער שליוּוקע איז צוגעקומען צום טיר. ער איז אַ שטילער, אין שטוב הערט מען אים כמעט ניט. אַנשטאָט ריידן — שמייכלט ער.

— מיר ווערן רייך? נו איז דאָך גוט . . .

— רבקה וויל צאָלן געלט . . . זי איז געוואָרן אַ גבירטע . . .

— נו איז דאָך ווידער גוט . . .

צאָלן וועל איך זיי צוויי דאָלער אַ וואָך. איך בין גליקלעך, וואָס איך קען שוין צאָלן אַליין פאַר מיין דירה.

ווידער עדי

11־טער מאַי.

פּטור געוואָרן פון מיין ווינטערדיקן מאַנטל, גאָט צו דאַנקען! די אויגן האָבן זיך מיר געעפנט. אַראָפּגעוואָרפן דעם אָרימאַן פון די פּלייצעס! עס איז שוין וואַרעם. פרילינג איז דאָ אין ניו יאָרק,

אַזוי ווי אין לובלין. אַ ווינטל קומט פון הימל, און די האָר הויבן זיך אויך צום הימל. אַ שאָד, וואָס דער בערעט פאַרשטעלט. איך גיי שוין אין גאַס אין מיין „דרעס". פריער פלעג איך די „דרעס" האַלטן נאָר אויף קומען צווישן מענטשן, און אַלע טאָג טראָגן די היימישע קליידלעך, אָבער איצט, אַז איך גיי אָן אַ מאַנטל, איז גוט צו טראָגן די „דרעס". איך וואָלט זייער וועלן באַגעגענען „רעד"ן אַט אַזוי, ווי איך בין אָנגעטאָן איצט. עס קען זיין, אַז ווען מיין מאַנטל וואָלט ניט געווען אַזוי אָפּגעריבן, וואָלט אפשר „רעד" אויך ניט אויפגעהערט קומען. אפשר האָט ער גאָרניט געקענט פאַרליידן מיין מאַנטל. ווער ווייס? זעט אויס, אַז סעלמאַ וויל מער צו מיר ניט קומען, ווייל דעם פרייטיק, איז מאַרווין מיך געקומען רופן „עסן געפילטע פיש", ווי די טאַנטע זאָגט. אָבער מאַרווין זאָגט שטענדיק די זעלביקע ווערטער, ווי ער וואָלט זיי אַ גאַנצע וואָך געחזרט אויף אויסנווייניק:

— די טאַטע און די מאַמע האָבן געזאָגן דו קומסט עסן פיש.

אַז איך בין געגאַנגען צו דער טאַנטע האָב איך געמיינט, אַז איך וועל דאָרט אפשר טרעפן „רעד"ן. ער ווייס, אַז פרייטיק צו נאַכט רופט מיך די טאַנטע עסן, אָבער ער איז ניט געקומען. סעלמאַ און עדי זיינען אויך ניט געווען. אַלע פרייטיק גייען זיי אין די מואוויס און איך קום עסן פיש. די מיסיס שאָר איז אַריינגעקומען.

— רבקה, ביסט עפּעס זייער אויסגעפּוצט! דאָס האָט זי אַוודאי געמיינט מיין „דרעס". איך האָב דערציילט, אַז איך האָב שוין די וואָך פאַרדינט צען דאָלער. זיי האָבן אַלע געפּאַטשט בראַוואָ, און די טאַנטע נאָכן „בראַוואָ" האָט אַ זאָג געטאָן:

— זאָל גאָט געבן, אַז דו זאָלסט אונדז אָנזאָגן בעסערע בשורות אויך . . . און טרערן זיינען ביי איר גלייך אָנגעלאָפן אין די אויגן. דאָס איז, ווייל זי איז פון אונדזער משפּחה פון די „ווינער". און אפשר טוט דער טאַנטע באַנג, וואָס זיי האָבן מיך משלח געווען פון שטוב. זיי ווייסן נאָך ניט, זעט אויס, אַז „רעד" איז ברוגז אויף מיר. אַז מענדל פּושקאַרט איז געקומען „צום פינאָקל", האָט אים די טאַנטע אָנגעזאָגט, אַז איך פאַרדין שוין צען דאָלער אַ וואָך.

— איך האָב באַלד געוואוסט, אַז זי איז ניט קיין „גרינע״. גלויבט מיר, מענער זיינען דאָ, אַמעריקאַנער סיטיזנס, וואָס וואָלטן זיך געוואונשן אַזויפיל פאַרדינען . . . אוי, אוי זיינען דאָ אַזעלכע! ניט איינער.

און לכבוד מיין גרויסן פאַרדינסט, האָט ער מיר געשיקט אַנגיסן פאַר אים אַ „גלעזל טי״. ביי מענדל פושקאַרט ענדיקט זיך יעדער זאַך מיט אַ „גלעזל טי״. און די מיסיס שאַר האָט לכבוד מיינע צען דאָלער מיר געגעבן אַ שאַליקל, אַ „סקאַרף״, וואָס „מעטשט עקזעקטלי״ (פּאַסט זיך) צו מיין „דרעס״. זי האָט מיך אַריינגערופן צו זיך און מיר געגעבן דעם שאַליק. ביי דער מיסיס שאַר האָב איך געטראָפן מיין אַלטע באַקאַנטע, די טערקישע פּרינצעסין מיט דער קרוין, און אירע באַדינערקעס, וואָס דער־לאַנגען איר פּרוכט. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז שטענדיק ווען מיר איז שווער אויפן האַרצן, דערזע איך די טערקישע פּרינצעסין ביי דער מיסיס שאַר אויפ׳ן וואַנט. און איך האָב זיך דערמאָנט פון „רעד״ן, אַז ער איז ברוגז אויף מיר, ער קומט ניט מער . . . אַ שלעכטע געוואוינהייט, וואָס איך דערמאָן זיך אַזוי אָפט פון „רעד״ן.

דאָס שאַליקל וואָס די מיסיס שאַר האָט מיר געגעבן איז טאַקע זייער שיין צו מיין קלייד, און עס איז גוט, וואָס איך וועל זיין גוט אָנגעטאָן. ווען איך האָב זיך שוין געקליבן גיין אַהיים, איז געקומען סעלמאַ, און עדי איז אויך מיט איר אַריינגעקומען אויף אַ פּאָר מינוט. ער איז באַלד אַוועקגעגאַנגען. איך האָב ניט געוואָלט אַראָפּגיין מיט אים צוזאַמען און בין געבליבן נאָך אַ ווײַלע שפּעטער.

אַז איך האָב דערזען עדין האָט מיר אָנגעהויבן קלאַפּן אין האַרצן. ער מיט זיינע מעשות, וואָס ער טראַכט אויף מיר אויס . . . ער האָט מיר אַ זאָג געטאָן:

— האַלאָ, רבקה! דאָס גאַר, וואָס ער האָט מיר געזאָגט. דאָס איז אויך צופיל, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, גלייכער ער זאָל צו מיר אינגאַנצן ניט ריידן און לאָזן מיך צורו. נאָר אַז איך בין שפּעטער געקומען צו אונדזער הויז, האָב איך געטראָפן עדין זיך

אַרומדרייען ביי דער לאָונדרי. אויף דעם האָב איך זיך גאָרניט געריכט.

— עדי ? !

עדי האָט מיר גאָרניט געענטפערט, ער איז געשטאַנען און געשוויגן. אַזאַ נאַטור האָט ער, פון אָנהויב שווייגט ער אַביסל. און דערנאָך האָט ער געזאָגט אַזוי שטיל, ווי מען בעט אַ טובה:

— „יו דאָנט אַנדערסטענד מי" (דו פאַרשטייסט מיך ניט), רבקה . . .

איך האָב ביי אים ניט געוואָלט פרעגן, נאָר עס האָט זיך ביי מיר פשוט אַרויסגעריסן:

— פונוואַנען ווייסטו, עדי, אַז איך פאָר קיין פּאַלעסטיין ?

עדי האָט ווייטער געשוויגן, אַזוי ווי ער זאָל גאָר ניט הערן, וואָס איך פרעג אים.

— ניין, זאָג מיר, עדי! ווער האָט דיר געזאָגט, אַז איך פאָר קיין פּאַלעסטיין ?

נאָר עדי האָט זיך, זעט אויס, אַריינגענומען אין קאָפּ איין זאַך:

— „יו דאָנט אַנדערסטענד מי, רבקה" . . .

פון אָנהויב האָב איך געהאַט אויף אים פאַרדראָס, דערנאָך איז מיר דער פאַרדראָס איבערגעגאַנגען, מיר איז געוואָרן הייס און איך האָב אַראָפּגענומען דעם בערעט. עדי האָט אַ גלעט געטאָן מיינע האָר אַרום און אַרום מיין קאָפּ.

— „דאָנט בי ענגרי" (זיי ניט בייז), רבקה . . .

דאָס האַרץ האָט מיר אַ קלעם געטאָן. איך האָב זיך צוגעזעצט אויף די שטיגן, וואָס גייען צו דער לאָונדרי. עדי האָט זיך צוגעזעצט לעבן מיר.

— ווען איז דיין „אינגעידזשמענט" (תנאים), עדי ?

— „אַי דאָנט נאָו, דאָנט עסק מי אַבאַוט, רבקה, פּליז" . . . (איך ווייס ניט, פרעג מיך ניט, רבקה, איך בעט דיך).

עדי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף דעם פּאַרענטש פון די טרעפּ־לעך און האָט געקוקט אויף די פייערן פון גרענד סטריט. איך האָב זיך דערמאָנט פון „רעד"ן, ער האָט אויך געקוקט אויף די פייערן פון גרענד סטריט דורך מיין פענצטער. עדי האָט נאָך אַ היבשער ווײַלע אַ זאָג געטאָן:

— „אַי וואוד לאַיק טו גאָ וויט יו״ . . . (איך וואָלט וועלן פאָרן מיט דיר).

— וואוהין?

— קיין פּאַלעסטיין.

— נו, קום, עדי, לאָמיר פאָרן, האָב איך אַ זאָג געטאָן און זיך אויפגעהויבן פון די שטיגן.

— דהי פוירסט טיים, אַז דו זאָגסט מיר פאר „סאַמטינג״ (אויף עפּעס) — יע.

עדי האָט געשמייכלט אומעטיק און האָט אויסגעזען עלטער, ווי געוויינלעך.

איך בין אַריין אין שטוב. איצט וועט עדי זאָגן „רעד״ן, אַז איך האָב מיט אים געמאַכט אַ „דעיט״ (אַ ראַנדע־וואו) . . . נו, מילא . . . „רעד״ קומט דאָך סיי ווי ניט, וואָס דאַרף איך וועגן דעם זאָרגן?

איך טראַכט וועגן עדין, ווי מאָדנע ער איז אַראָפּ פון די שטיגן. פּאַמעלעך, ווי ער זאָל אַראָפּ אויף אַ גליטשיגער גאַס . . . וואָס וואָלט דער אָנקל געטראַכט, ווען ער זעט אונדז דאָ?

רוט פאָרט קיין קאַליפאָרניע

14־טער מאַי.

אין לובלין איז אַן עפּידעמיע. אין אַלע צייטונגען איז היינט געווען וועגן דעם.

אַ טיפוס עפּידעמיע. ווי וועט זיך דער טאַטע אויסהיטן, אַז ער איז ביי קראַסוליען אין שטאַל? אַז איך האָב איבערגעלייענט וועגן דער עפּידעמיע האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זי האָט לאַנגע פיס און זי גייט אַרום איבער לובלין, ווי אַ גרויסע טשאַפּליע. און אויב דער טאַטע איז חלילה קראַנק, ווער וועט אים היטן? גוט וואָס איך פאַרגעס זיך אָן אַלץ, ווען איך קום אין סקול, נאָר פונדעסטוועגן אַלץ פאַרגעס איך ניט, איך פאַרגעס ניט קיינמאָל, אַז „רעד״ קומט ניט . . . ער איז שוין אַ גאַנצע וואָך ניט געווען. ער איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אין ניו יאָרק. וואו גייט אַרום „רעד״? אפשר ביים איסט ריווער? מיר דאַכט זיך, ווען איך זאָל

צוגיין צום איסט ריווער, דאָרט וואו די ליכטיקע שיפן שווימען, וואָלט איך געטראָפן „רעד"ן.

קומענדיק פון „סקול" היינט, האָב איך געפונען אויפן טיש פיר פרישע רויזן. איך האָב זיך אַזוי דערפרייט, אַז איך האָב זיך אַזש דערשראָקן, איך האָב געמיינט, אַז „רעד" איז געווען, ער האָט זיך אפשר דערמאָנט, אַז ער האָט מיר צוגעזאָגט „אַלוויז" פרישע רויזן. נאָר אויפן טיש איז געלעגן אַ צעטעלע, „עדי".

עדי איז משוגע געוואָרן, וואָס ער ברענגט מיר רויזן. איך האָב ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיי. אַוועקשטעלן אויפ'ן טיש? האָט זיך מיר ניט געוואָלט. צו וואָס דאַרף איך די רויזן? עדיס רויזן . . . אַרויסוואַרפן? האָב איך קיין האַרץ ניט געהאַט. נאָר מיר איז עפּעס ענגער געוואָרן אין צימער מיט די רויזן. איך בין אַוועק צו דער מיסיס שאָר און איר אַוועקגעטראָגן די רויזן.

—וואָס עפּעס? — האָט זי מיך אַ פרעג געטאָן. רייך געוואָרן?

— דאָס איז פאַרן „סקאַרפל", האָב איך איר געענטפערט, עס פּאַסט זיך זייער גוט צו מיין קלייד.

די מיסיס שאָר האָט די בלומען אַריינגעשטעלט אין אַ הויכער וואַזע, און אַז זיי זיינען שוין געשטאַנען אויפן טיש, האָב איך דער־זען, אַז זיי זיינען שיינע רויזן. אַזוינע שיינע, ווי די וואָס „רעד" האָט מיר געבראַכט. און אין שטוב ביי מיר האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיי זיינען גאָר קיין רויזן ניט.

איך בין געווען צופרידן, וואָס איך האָב קיינעם ניט געטראָפן אויף די שטיגן, ניט דער טאַנטע, ניט דעם אָנקל, ניט סעלמאַן. די מיסיס שאָר האָט מיר אָנגעזאָגט אַ בשורה: דו ווייסט, רוט פאָרט אַוועק קיין קאַליפאָרניע. זי האָט דאָרט געקראָגן אַ „דזשאָב". „אי העיט ניו יאָרק" (איך האָב פיינט ניו יאָרק), האָט רוט געזאָגט. די מיסיס שאָר האָט דערביי אַ זשמורע געטאָן מיט אַן אויג, ווי איר שטייגער איז.

מיר איז געוואָרן פריילעך פון דעם, וואָס די מיסיס שאָר האָט מיר דערציילט. מיר האָט זיך אַ ווילע געדאַכט, אַז אַלע פאָרן ערגעץ אַוועק. „רעד" איז אַוועקגעפאָרן זיך באַהאַלטן אין ניו

יאָרק. רוט פּאַרט אַוועק קיין קאַליפאָרניע. לייזער איז אַוועק־געפאָרן קיין א"י. איך בין אַזש אויף גרענד סטריט . . . די גאַנצע וועלט מענטשן צעפאָרן זיך און דערנאָך קען מען איינער דעם אַנדערן ניט געפינען. מיר האָט זיך זייער געגלוסט ערגעץ גיין. אפשר צוגיין צום איסט ריווער?

די מיסיס שאָר האָט געבראַכט אַ „קאָפּ קאַפּע".

— „רעד"ן זעסטו? האָט די מיסיס שאָר ביי מיר אַ פרעג געטאָן. אַז דו האָסט „געמופּט" (זיך איבערגעצויגן), קומט ער ניט מער צו דער טאַנטע. די „כלה" פּאַרט מסתם אַוועק צוליב דעם קיין קאַליפאָרניע. די „כלה" — מיינט די מיסיס שאָר — רוטן.

— איך האָב אים שוין ניט געזען אַ פּאָר טעג, „רעד"ן, מסתם איז ער עפּעס פאַרנומען, האָב איך זיך אויסגעדרייט פון אַן ענטפער.

די מיסיס שאָר האָט אַ שמייכל געטאָן:

— דו זאָלסט וויסן, רבקה, „באָיעס" זיינען קיינמאָל ניט פאַרנומען, ווען זיי ווילן זען אַ מיידל. אַז זיי קומען ניט, איז אָדער זיי „שפּילן צו להכעיס" אָדער זיי ווילן ניט . . . ניטאָ אַזאַ זאַך ווי פאַרנומען . . . מסתם „שפּילט" דער „רעד" מיט דיר צו להכעיס, ווייל ער איז „קרייזי" פאַר דיר.

כ'האָב ניט באַמערקט, ווי איך האָב אויסגעטרונקען די קאַפּע און נאָך אַלץ געהאַלטן דאָס טעפּעלע ביי די ליפּן. אַ נס די מיסיס שאָר האָט עס ניט באַמערקט, איך וואָלט זיך באמת געשעמט פאַר איר. די גרענד סטריט האָט גערוישט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס רוישט אַ באַן, און רוט פאָרט אַוועק מיט דער באַן קיין קאַליפאָרניע . . .

שיינפעלד ווערט אַ לייט

17טער מאַי.

שיינפעלד איז געוואָרן אַ לייט. ער איז היינט געקומען צו מיר אין אַ בלויעם אנצוג. די שוואַרצקייט פון זיינע נעגל איז שוין כמעט אַראָפּגעוואַשן. ער האָט געקראָגן אַ „דזשאָב" אין דער „איסט

ווערסט לאָון סאָסייעטי", וואו זיין לאַדזשער לאַנדסמאַן איז אַ פּרע־זידענט. שיינפעלד איז דאָרט אַ געהילף ביים „בוק־קיפּער" און קריגט דרייסיק דאָלער אַ וואָך.

— איך בין געוואָרן אַ גביר, האָט זיך געוויצלט שיינפעלד. נאָר מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אומעטיק.

שיינפעלד האָט ריידנדיק געקוקט אויף זיינע נעגל. ער האָט זיך, זעט אויס, שטאַרק אַנגעליטן פון דעם, וואָס זיי זיינען שוואַרץ געוואָרן, און איז איצט געווען צופרידן, וואָס זיי ווערן ווייסער.

זיין „דזשאָב" האָט ער געקראָגן טאַקע דורך דעם לאַדזשער לאַנדסמאַן, קאַרעלין.

— ער קען „מאַכן" אַ מענטשן אין ניו יאָרק, האָט שיינפעלד געזאָגט, ער איז דאָ מיט יעדערן קנעפּל שבהעקל, און יעדערער איז זיינער אַ „פרענד אָף מיין". זינט איך אַרבעט מיט אים, האָט ער מיר שוין אָנגערופן אפשר פופציק מענטשן „אַ פרענד אָף מיין"... אָ, יע, מיסטער קאַרעלין קען „מאַכן" אַ מענטשן אין ניו יאָרק!

שיינפעלד האָט מיך געבעטן גיין מיט אים אין די מואוויס.

איך האָב ניט געוואָלט פרעגן ביי שיינפעלדן, צי ער האָט זיך אונטערגענומען אָנשרייבן די ביאָגראַפיע פון זיין לאַדזשער לאַנדס־מאַן. צו וואָס זאָל איך אים ווײי טאָן? איך בין געווען צופרידן, צו זען שיינפעלדן געזונט, און ניט אויף זיין נידעריק בעטל, וואָס עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער ליגט כמעט אויף דער ערד, אַזש אַ שרעק האָט אָנגענומען. צו וואָס זאָל איך אים פרעגן?

נאָר שיינפעלד, אַזוי ווי ער זאָל וויסן, וואָס איך טראַכט, האָט מיר אַליין געזאָגט:

— איך מאַך זיין בוך, די ביאָגראַפיע, מיסטער קאַרעלינ'ס. טאַקע צוליב דעם האָט ער מיר געגעבן דעם „דזשאָב" אין דער „איסט ווערסט לאָון סאָסייעטי". איך וויל ברענגען מיין פּרווי, צוליב איר האָב איך זיך אונטערגענומען די אַרבעט . . .

שיינפעלד האָט וועגן דעם גערעדט אָפּנהאַרציק, ווי מען רעדט וועגן אַ מוז זאַך. געקוקט האָט ער ניט אויף מיר, נאָר אויפן טיש. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער רעדט עס טאַקע ניט צו מיר, נאָר צו זיך אַליין, ער דערציילט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל זיך אַליין, פאַרוואָס ער האָט זיך „אונטערגענומען" טאָן די אַרבעט.

— איך קען אייך איצט אָפּגעבן די פופצן דאָלער, וואָס איר האָט מיר געבראַכט, ווען איך בין געווען קראַנק, ווייל איר האָט מיר דעמאָלט ניט געזאָגט, ביי וועמען איר האָט זיי באַקומען.

— איך האָב אייך געזאָגט, שיינפעלד, אַז איך האָב זיי באַקומען ביי משיח'ן, און משיח'ן דאַרף מען ניט אָפּגעבן צוריק.

— איר האָט מאָדנע איינפאַלן, האָט שיינפעלד געלאַכט, גאָר ביי „משיח"ן . . .

דערנאָך האָט מיך שיינפעלד אַ פרעג געטאָן:

— יענער יונגערמאַן, וואָס איר זיינט מיט אים געווען ביי מיר, ווי הייסט ער ?

— יענער יונגערמאַן האָט אפשר ריכטיק געזאָגט . . . וואָס איז די נפקא מינה, צי מיסטער קאַרעלינס פאָטער איז געווען אַ „ווינט־מיל" צי אַ „נייס מען" (אַ פיינער מענטש) ? פאַר וועמען איז דאָס אַן אונטערשייד ?

איצט האָב איך געזען באַשיינפערליך, אַז שיינפעלד רעדט צו זיך אַליין, ווייל אויף מיינע ענטפערס האָט ער אינגאַנצן ניט געוואַרט.

— ווען איך וואָלט געקענט פרעגן אַן עצה ביי מיין פרוי, וואָלט זי מיר געוויס געזאָגט יאָ . . . געוויס. איך האָב איר שוין אָוועקגעשיקט צוויי פעקלעך שפייז, אפשר וועט זי זיי באַקומען.

— שיינפעלד איז שוין איצט ניט דער זעלבער שיינפעלד, איר פאַרשטייט, רבקה ? לאָדזש איז שוין ניטאָ. „זיין" טאַטע, דער „ווינט מיל", שוין אויך ניטאָ. רב שמואל קאַטאַוויצער, וואָס האָט קיינמאָל קיין ליגן ניט געזאָגט, און האָט ניט געקענט פאַרליידן, אויב עמיצער אַנדערש זאָגט אַ ליגן, איז שוין אויך ניטאָ. טאָ וואָס איז די נפקא מינה, צי מיסטער קאַרעלינס טאַטע איז געווען אַזוי, צי אַזוי ? אין דער אמתן ?

אין די מויערס האָבן מיר געזען, ווי איין שפּיאָן גיט אַרויס דעם צווייטן, און זיי טרעפן זיך דערנאָך אין איין תפיסה און וואַרפן זיך איינער אויפן אַנדערן מיט די פויסטן.

— אַ שיינע וועלט געוואָרן, האָט שיינפעלד אַ זאָג געטאָן און

האָט אַ בראָך געטאָן די פינגער פוןביידע הענט מיטאַמאָל, ווי איינער, וואָס עס האָט אים אָן אומגליק געטראָפן.

— „פּראָפעסאָר", וועל איך ניט אונטערשרייבן אונטערן בוך, בלויז „דאָקטער", אַזוי האָב איך אָפּגעמאַכט מיט מיסטער קאַרע־לינען, און אָן אוניווערסיטעט האָב איך דאָך טאַקע געענדיקט . . . און שיינפעלד האָט אַ מאַך געטאָן מיט אַ האַנט . . . איך וואָלט געוואָלט זען דעם יונגען מאַן, וואָס איר זיינט דעמאָלט מיט אים געווען ביי מיר. ווי הייסט ער? האָט שיינפעלד מיך איבער־געפרעגט נאָך אַמאָל.

— לעוויט, האָב איך אים געענטפערט, ווייל דאָס מאָל, האָט שוין שיינפעלד געוואָרט אויף אַ תשובה.

— קומט מיט אים צו מיר, האָט שיינפעלד געבעטן אַוועק־גייענדיק.

ער וויל זען „רעד"ן. צוליב וואָס וויל ער אים זען? אַלע ווילן זען „רעד"ן, און רוט איז צוליב אים אַוועקגעפאָרן קיין קאַליפאָרניע.

מיר דאַכט זיך, אַז אינדערהיים ביי זיך ליגט שיינפעלד אויף זיין נידעריק בעטל, כמעט ביי דער ערד, און רעדט צו זיך אַליין. צי איז טאַקע אַ נפקא מינה פאַר עמיצן, צי מיסטער קאַרעלינס טאָטע איז געווען אַ „ווינט מיל", צי „אַ נייס מען", אַז לאַדזש איז שוין סיי ווי ניטאָ . . .

די „שרפה"

19־טער מאַי.

איך האָב אַזאַ מזל, אַז קיין זאַך גייט מיר ניט אָפּ גלאַט. דאַרף איינפאַלן דער מיסיס שאָר צו דערציילן ביי דער טאַנטע אין הויז, אַז איך האָב איר געבראַכט „ראָוזעס" . . . איז דאָרט געווען די אמתע חתונה. איז דאָך נאָך ווייניק געווען, וואָס זי האָט דער־ציילט, זי האָט פּשוט גענומען די בלומען און האָט זיי מיט דער וואַזקעלע אַריינגעטראָגן ווייזן, וואָס היינטיקע „גרינע" זיינען. דאָס ערגסטע איז, וואָס עדי איז אויך געווען דערביי. ער האָט געוויס דערקענט די רויזן. ווען איך ווייס, אַז דערפון וועט אַרויסקומען אַזאַ פאַרקאָכעניש, וואָלט איך דאָס געוויס ניט געטאָן. אַלע מאָל

טו איך אָפּ אַ נאַרישקייט און זע זיך אַרום שפּעטער, ווען מען קען שוין ניט כאַפּן צוריק.

— אַזוי רייך ביסטו דאָס געוואָרן? אינמיטן דערינען ברייניגען אַזעלכע פּיר „ראָוזעס" . . . — האָט מיך די טאַנטע געפרעגט. איך האָב היינט געגעסן ביי דער טאַנטע אָונט ברויט. סעלמאַ און עדי זיינען אַרויסגעפאָרן מיט אַן „עקסקוירשן" (אויספלוג) אין אַטלאַנטיק סיטי — האָט מיך די טאַנטע גערופן צו זיך אויף „סאַפּער". ווען די טאַנטע זאָל דאָס וויסן, פונוואַנען די רויזן קומען, — מער וואָלט ניט געפעלט . . . און „רעד" ווייס שוין אויך פון די רויזן. ער איז פרייטיק צו נאַכט אַריין צו דער טאַנטע. ער האָט געבראַכט פאַר מאַרווינען אַ „מעגעזין" מיט „געימס", פאַרוואָס איז ער גראָד געקומען פרייטיק צו נאַכט? אפשר ווייל איך קום אַהין? און אפשר איז ער טאַקע געקומען צוליב מאַרווינען? זיי זיינען דאָך אויך פריינט, אָדער ווי שיינפעלדס לאַנדסמאַן זאָגט: אַ פרענד אָף מיין . . . ווער קען וויסן? עס טוט מיר באַנג פונדעסטוועגן, וואָס איך בין גראָד דעם פרייטיק אַוועק מיט שיינפעלדן אין די מואַוויס . . . ווען שיינפעלד זאָל פרייטיק ניט קומען צו מיר, וואָלט איך געזען „רעד"ן . . . און אפשר איז די לאַנדריניטשקע גערעכט, אַז זי זאָגט: „זיי" קומען שטענדיק צוריק, אויב אַ מיידל געפעלט „זיי" . . .

דער אָנקל איז היינט געווען זייער פאַרזאָרגט. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין אַלע צימערן אַזוי ווי ער זאָל עפּעס זוכן. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט גענומען אַ בלייפעדער און האָט געמאַכט דעם רעכענונג פון דער „שרפה". די „שרפה", — רופט דער אָנקל די הוצאות, וואָס מען דאַרף מאַכן צו סעלמאַס חתונה. פון אָנקלס רעכענונג האָב איך זיך דערוואוסט, אַז קיין „אינגעידזשמענט" (תנאים) וועט מען ניט מאַכן ביי סעלמאַן. עס דאַרף צו טייער קאָסטן. פון דער חתונה וועט מען אויך בלייבן „אָפּגעקאָכט". עדיס מאַמע זאָגט, אַז זי דאַרף „אינווייטן" (איינלאַדן) הונדערט „קאַפּלס" (פּאָרלעך). און אַז זיי „אינווייטן" הונדערט פּאָרלעך, מוז דאָך די טאַנטע איינלאַדן כאָטש פינף און זיבעציק.

— אַז זי האָט דעם „באַי", — האָט זי די גוטע קאָרט אין האַנט, האָט די טאַנטע געטענה'ט, דאַרף מען איר נאָכגעבן אַלע

משוגעתן . . . אַנדערש פּאַסט איר ניט, ווי נאָר אין האָטעל „ראלעי". זי וועט אַנדערש איר עדין צו דער חופּה ניט פירן, ווי נאָר אין האָטעל „ראלעי". הונדערט „קאַפּלס" דאַרף זי איינ־לאַדן! וואָס איז דאָס? אַ „פּרעזידענשל קאַמפּיין"? און „אַ מעסטער אָף סערעמאָני" (אַ צערעמאָני מייסטער) דאַרף זי. און אַ „מעסטער אָף סערעמאָני" אין האָטעל „ראַלעי" הייסט זיך אָנ־שרייבן אַ טשעקל פון פופציק דאָלער.

— נו, אַ „שרפה", האָט געזאָגט דער אָנקל, אַ „שרפה" ניט קיין חתונה . . . אָט לאָמיר זען וויפיל די שרפה דאַרף קאָסטן: הונדערט „קאַפּלס" זייערע און פינף און זיבעציק אונדזערע, איז אַ קיימאַ־לן פון זיבן הונדערט דאָלער . . . .

די טאַנטע, וואָס האָט, זעט אויס, געטראָגן דעם גרעסטן פאַר־דראָס אויפן „מעסטער אָף סערעמאָני", האָט באַלד אים אונטער־געטראָגן צום חשבון:

— נו, און דער „מעסטער אָף סערעמאָני", די אַנשיקעניש, דאַרף קאָסטן פופציק דאָלער . . .

— דער רב, מיטן חזן, מיטן באַהעלפער, מיטן כאָר, מיט דער באַזינגערקע . . . איז אַ קיימאַ־לן פון אַ צוויי הונדערט דאָלער . . .

— אַז עס איז דאָ אַ רב, צו וואָס דאַרף מען נאָך דעם באַהעלפער?

— מען דאַרף דעם באַהעלפער, האָט דער אָנקל דערקלערט, ווייל ביי איר טאָכטער, איירין, איז אויך געווען אַ באַהעלפער, וועט „זי" דיר דעם זון אָפּגעבן ביליקער ווי אַ טאָכטער?

„זי", עדיס מאַמע הייסט עס, וואָס האָט די גוטע קאָרט אין האַנט.

די טאַנטע איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן:

— צו וואָס דאַרפן מיר „אינוויטן" פינף און זיבעציק קאַפּלס? אפשר וועט זיין גענוג פופציק? וועט אויך זיין גענוג דער יריד...

— ניין, איידע, אַז עס איז דאָ רב פּייקל מוז שוין זיין רב צימבל . . . האָט דער אָנקל אויסגעזונגען מיט אַ גמרא ניגון, און פאַרגעס ניט, אַז די געסט וועלן ברענגען פּרעזענטן און דערנאָך וועט מען זיך ניט שעמען אויסציילן וויפיל פּרעזענטן עס האָט

געבראַכט דעם חתנס צד, און וויפיל דער כלהס צד . . . און אפשר וועלן מיר טאַקע אויך איינלאַדן אַלע הונדערט „קאַפּלס״, אַז עס איז אַ שׂרפה — איז פאַרפאַלן . . .

היינט דערנאָך משקה, קענדי, „פלאָורס״, „טיפּס״ „אינווי־טיישן קאַרטס״ (איינלאַדונגס קאַרטלעך), און איין קליניקייט, אַ „דרעס״ (קלייד) פאַר דער כלה, און „וועדינג פיקטשורס״ (חתונה־בילדער), און סתם איז דאָך אַ דאָלער אַ ממזרל ביי אַזאַ געלעגנ־הייט. מיר וועלן דאָס ניט מאַכן מיט קיין פּופּצן הונדערטער.

איך בין געזעסן און געזען פאַר די אויגן עדין, אָנגעשפּאַרט אויף דער פּאַרענטש ביי די טרעפּלעך פון דער לאָונדרי, און איך האָב זיך דערמאָנט דעם ניגון, וואָס ער האָט געברומט. דער אָנקל האָט באַמערקט, אַז איך בין פאַרטראַכט און האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— און רבקה גייט שוין גאָרניט אריין אין רעכענונג? רבקהן דאַרף מען אויך אויסשטאַטן צו דער חתונה, אַז עס איז דאָ אויף אַ טיר איז דאָ אויף אַ קליאַמקע . . .

איך האָב באַמערקט, אַז דער אָנקל האָט זיך אַביסל פאַר־כאַפּט, ווען ער האָט עס געזאָגט, און די באַקן זיינען ביי אים ראָז געוואָרן. זעט אויס, ער האָט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט געמאַכט דעם רעכענונג פון דער „שׂרפה״ פאַר מיר אין די אויגן . . .

מער פון אַלץ האָט מיך געאַרט, וואָס מען לייגט דערוויל אָפּ סעלמאַס תנאים, ווייל ווען וועל איך זען „רעד״ן? און די חתונה איז אַזש אין אָקטאָבער . . . מאַי, יון, יולי, אויגוסט, סעפּטעמבער, אָקטאָבער . . . זייער לאַנג צו וואַרטן, זייער לאַנג . .

אַ בריוו פון רוטן

21־טער מאַי

איך האָב היינט געזען „רעדן״. ווען איך בין געפאָרן מיט דער „סטריט קאַר״ פון דער אַרבעט, האָב איך אים געזען. ער איז געגאַנגען מיט אַ מיידל. אָן אַ היטל איז ער געווען. עס האָבן אַ לויכט געטאָן זיינע רויטע האָר.

— ווער איז דאָס מיידל?

— וואוהין גייען זיי?

טראַכטנדיק בין איך איבערגעפאָרן מיט צוויי סטאַנציס ווייטער, ווי איך האָב באַדאַרפט, און בין אַוועק צוריק צופוס. גיין איז בעסער ווי פאָרן. אַז מען גייט, קען מען זיך אָפּשטעלן און צוגיין צו וועמען מען וויל.

אינדערהיים האָב איך געטראָפן אויפן טישל ביי מיר אַ בריוו אין אַ לאַנגן געלן קאָנווערט. איך האָב געוואָלט זען פון וועמען דער בריוו איז, נאָר קיין צוריק־אַדרעס איז ניט געווען. דער בריוו איז אָנגעקומען צו דער טאַנטע און געבראַכט האָט אים מסתם די מיסיס שאָר. זי פאַרדינט שטענדיק די מצווה און ברענגט מיר די בריוו. איך וואָלט זיך גיכער געקענט ריכטן, אַז לובלין איז אַריינגעפאָרן קיין ניו יאָרק, אָדער די וועגט ביי מיר אין צימער זאָלן אָנהויבן ריידן, איידער אויף אַ בריוו פון רוט'ן. וואָס האָט מיר רוט צו שרייבן? רוטס בריוו איז באַשטאַנען בלויז פון אַ פּאָר ווערטער.

— „דאָנט טינק יו'ר לאָקי" (מיין ניט, אַז דו ביסט גליקלעך)... רוט.

וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש? גראָד היינט, אַז איך האָב געטראָפן „רעדן" גיין מיט אַ מיידל אויף דער גאָס, האָט מיר רוט אַריינגעשיקט איר גוטע ווינשעוואַניע. און גאַנץ מעגלעך, אַז רוט איז גערעכט, און עדי איז אויך גערעכט געווען, אַז „רעד" איז אַ „לאָופער" און אַ „באָם". רוטס בריוועלע איז געווען געשריבן מיט געדרוקטע אותיות, ניט מיט קיין געשריבענע, מסתם האָט זי געוואָלט, אַז איך זאָל דאָס קענען איבערלייענען, און אפשר האָט זי ניט געוואָלט שרייבן מיט איר ריכטיקן כתב, טאָמער איך וועל ווייזן דעם בריוו „רעדן". ווער ווייסט זיי? די היגע מיידלעך זיינען אַנדערע... און די היגע בחורים זיינען „באָיעס", און עס קען זיין, אַז די לאַנדריניטשקע איז גערעכט וועגן זיי:

„פאַרמאַכט די טיר און פאַרגעסן..." און „רעד" איז אויך מסתם אַזוי... אָט שרייבט דאָך רוט: „דאָנ'ט טינק יור לאָקי..."

איך האָב היינט געהערט, ווי די לאַנאַדריניטשקע האָט זיך איבערגערעדט מיטן מאַן. ער האָט זי גערופן אין אַ „מואווי", און זי האָט בעסער געוואָלט ליגן און לייענען אַ בוך.

— אַז דו לעבסט דאָך נאָך אַלץ מיט טאָלסטאָיען, האָט ער איר געזאָגט.

— נו טאָ וואָס אַרט דאָס דיך?

— עס אַרט מיך שוין גאָר . . . האָט ער געענטפערט, און איז אַוועק אין די „מואוויס" אַליין.

פאַרן אַוועקגיין האָט ער אַ מורמל געטאָן: — אַזוי גוט ווי אַליין דאָס גאַנצע לעבן...

קען דאָס זיין, ער זאָל זיין איפּערזיכטיק צו טאָלסטאָיס בילד? עפּעס אַזוי האָט עס אויסגעזען היינט.

די וועלט דרייט זיך און „די לובלינער ליידיס סאָסייעטי — אויך

25־טער מאַי.

ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז די וועלט דרייט זיך. ניט נאָר די וועלט דרייט זיך, נאָר אַפילו די „לובלינער ליידיס סאָסייעטי" דרייט זיך אויך. די מיסיס טקאַטש איז שוין ווידער געוואָרן פּרעזידענטין. עס האָט איר צוגעשפּילט דאָס מזל, וואָס מיסטער שאַמוט ווערט דעם זומער אַלט פופציק יאָר. די „לובלינער לייּ־דיס סאָסייעטי" האָט גערופן צוליב דעם אַן „עקסטראַ" מיטינג, און די מיסיס ראַבקין האָט פאַרגעלייגט, אַז מיסיס טקאַטש זאָל זיין „קעפּטן" פון דער גאַנצער אונטערנעמונג. (זעט אויס, אַז די מיסיס ראַבקין וויל זיך צוחנדלען צו דער מיסיס טקאַטש, און פאַרגלעטן, וואָס זי האָט ביי איר אַרויסגעכאַפּט דאָס אָנשרייבן די דאַנק־בריוו נאָכן „באָל").

די מיסיס טקאַטש האָט זיך פון אָנהויב אַביסל געקנייטשט:

— איך זאָג ניט אָפּ „באָט פּאָסיבל" (נאָר מעגלעך), עס זיינען פאַראַן בעסערע פון מיר . . .

די מיסיס ראַבקין האָט דעמאָלט געהאַלטן אַ „ספּיטש", אַז קיין בעסערע, ווי די מיסיס טקאַטש וועט מען ניט קענען געפי־נען. זי האָט דערמאָנט, אַז דורך דער מיסיס טקאַטש האָט זיך איינגעגעבן „קריגן" צום „באָל" דעם מיסטער עדלשטיין. זי האָט אויך דערמאָנט די צוועלף פלעשלעך „פּאַלעסטיין" וויין, וואָס די מיסיס טקאַטש האָט באַזאָרגט צום „באָל", און אַז עס

איז אַ „כבוד און אַ פאַרגעניגן" מיט איר צו אַרבעטן. דער ספּיטש איז געווען אַזאַ גרעאַטענער, אַז אַלע מעמבערקעס האָבן געפּאַטשט בראַוואָ, און די מיסיס טקאַטש האָט מען באַשטימט פאַר אַ „קעפּטן" פון מיסטער שאַמוטס יובילי, און אַחוץ דעם איז זי ווידער דערוויילט געוואָרן פאַר פּרעזידענטין פון דער „לובלינער לײדיס סאָסייעטי".

— „בעליוו מי" (גלויב מיר) — האָט מיסיס ראַבקין געזאָגט צו דער טאַנטע, „בעלוו מי", איך האָב צוויי נעכט ניט געשלאָפן, אַלץ געטראַכט, ווי זאָל מען דאָ „אויספּרעסן" דעם פאַרדראָס מיט דער מיסיס טקאַטש? און מיר איז איינגעפאַלן דער מיסטער שאַמוט! מיר וועלן אים מאַכן אַ יובילי, און מיסיס טקאַטש וועט זיין „קעפּטן"! און דאַטס אָל! (און דאָס גאָר), נעכט ניט געשלאָפן, „באָט" ניט אומזיסט . . . און מיסטער שאַמוט איז ווערט אַ שיינעם יוב טוב, ער האָט געמאַכט אַזאַ „ביוטיפול" (פיינעם) אַפּיל צו אונדזער „באָל". די מיסיס ראַבקין האָט אַזש אַ קנאַק געטאָן מיט אַ פינגער פון פאַרגעניגן. די מיסיס טקאַטש איז אויך געווען צופרידן, מען קען זאָגן, אַזש גערירט. זי האָט פאַררופן אַלע „אָפיסערס" (באַאַמטע) פון דער „לובלינער לײדיס סאָסייעטי" צו זיך אויף אַ „טי־ פּאַרטי" (אַ גלעזל טיי). עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז „אָפיסערס" זיינען דאָ אַכצן. די פּרעזידענטין, פיר וויס־פּרעזידענטינס, אַ סעקרעטאַר, אַ געהילף, פיר אין דער קאָנטראָל קאָמיטע, פיר אין אַ סאָשל קאָמיטע און צוויי אין דער טייבל קאָמיטע, אַ קאַסירער און איין טרעזשורער. אַרום און אַרום אַכצן אָפיסערס.

נאָך דעם מיטינג האָט די מיסיס טקאַטש זייער האַרציק געדריקט די האַנט דער מיסיס ראַבקין:

— „רילי" (ווירקלעך), האָט זי איר געזאָגט, „יו'ר וואַנדערפול" (ביסט אַ זעלטענער מענטש)! איך האָב ניט געוואוסט, אַז איר קענט אַזוי שיין ריידן, „דאַטס ביוטיפול!" (זעלטן פיין).

אויף דעם מיטינג האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אין לובלין האָט מען צוגענומען הונדערטער יונגע לייט אויף שקלאַפן אַרבעט. וואו איז מיכל? און וואָס איז געוואָרן מיטן טאַטן, אויב מען האָט מיכלען אויך צוגענומען?

פון דעם מיטינג בין איך אַוועק מיט אַ פאַרטומלטן קאָפּ, דאָס הארץ האָט מיר ווי געטאָן פאַרן טאַטן און פאַר מיכלען. און נאָך דאָס האָט מיר געפעלט... לעבן דער לאונדרי האָב איך געטראָפן עדין. איך האָב זיך דערמאָנט וועגן זיינע רויזן, וואָס איך האָב אָפּגעגעבן דער מיסיס שאָר... וואָס זאָל איך אים זאָגן?...

— עדי, מיר האָבן שוין אַ פרעזידענטין . . .

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז די מאַמע עה״ש פלעגט אויף מיר זאָגן: „זי רעדט שוין „קאַפּידריך", ווייל איך האָב אַליין דערפילט, אַז איך רייד איצט צו עדין „קאַפּידריך". עדי, זעט אויס, האָט עס אויך פאַרשטאַנען, נאָר ער האָט ניט געוואוסט, אַז דאָס הייסט „קאַפּידריך" און ער האָט געזאָגט:

— „וועריגוד", רבקה.

ער האָט אַפילו ניט געשמייכלט. וואָס איז דאָס מיט עדין? ער איז אין כעס? טאָ פאַרוואָס בייזערט ער זיך ניט?

— „יו דאָנט לייק ראָזעס" (האָסט ניט ליב קיין רויזן), רבקה? האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן.

— פאַרוואָס מיינסטו, עדי? איך האָב דיינע רויזן פאַר־טריקנט אין בוך...

איך קען ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס מיר איז איינגעפאַלן אים דאָס צו זאָגן... נאָר מיר איז שווער געווען מודה זיין דעם אמת... איך ווייס ניט, צי עדי האָט מיר געגלויבט, צי ניט, ווייל ער האָט מער גאָרניט געזאָגט, ער האָט ניט דערמאָנט די מיסיס שאָר, נאָר שפּעטער האָט ער צוגעגעבן:

— „עניהאַו" (סיי ווי), רבקה, איך בין „גלעד" (צופרידן), איך זע דיך...

איך האָב אים גאָרניט געענטפערט. איך האָב זיך דערמאָנט וועגן דער „שרפה", ווי דער אָנקל רופט סעלמאַס חתונה מיט עדין אין דעם „ראַלעי" האָטעל, און איך האָב אַ פרעג געטאָן:

— ווען איז אייער חתונה, עדי?

— „דאָנ'ט עסק מי" (פרעג ניט), פליז, רבקה . . .

עדי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דעם פּאַרענטש פון די טרעפּ־לעך, אַזויווי יענעם מאָל, ווען איך האָב אים געזען. ער האָט שטיל געפּייפט אַ ניגון.

— זאָג מיר, עדי, דו ביסט אַ „דזשיריבאָג״?

— „שור, אַי עם עי בעטער דזשיריבאָג דען מאַרווין״ (זיכער, איך בין אַ בעסערער „רזשיריבאָג״־טענצער ווי מאַרווין).

— מיר האָט מען געזאָגט, אַז אַ „דזשיריבאָג״ איז קיינמאָל ניט אומעטיק . . .

— „דאַט׳ס אַ לאַי״ (דאָס איז אַ ליגן), האָט עדי געזאָגט און געשמייכלט, אַ „דזשיריבאָג״ קען „סאָמטיימס״ (אַמאָל) שטאַרבן אויך . . .

עדי וויל ניט חתונה האָבן, דאָס זע איך, ער איז אומעטיק... אפשר איז גאָר דער אָנקל ניט גערעכט וועגן עדין? אַז דער אָנקל האָט גערעדט, איז דער אָנקל געווען גערעכט, און אַז עדי שטייט דאָ ביים פּאַרענטש און פּייפט, איז דאַכט זיך מיר עדי גערעכט.

איצט זע איך, אַז איך ווייס ניט, ווער עס איז גערעכט . . .

לייזער

26־טער מאַי.

היינט באַקומען אַ בריוו פון לייזערן. זעט אויס, אַז איין בריוו זיינער איז פאַרפאַלן געוואָרן, ווייל ער שרייבט מיר: „פון מיין פריערדיקן בריוו ווייסטו שוין מיט וואָס פאַראַ ניסים איך בין געקומען קיין ארץ ישראל״ . . . און איך ווייס גאָרניט וועגן דעם, איך ווייס בלויז די „ניסים״ ווי ער האָט זיך דער־שלעפּט קיין רומעניע און דאָרטן געלעגן אין אַ שפּיטאָל. אין איצטיקן בריוו שרייבט מיר לייזער: „איך בין געקומען קיין ארץ ישראל אָן אַ גראָשן געלט, אָן שיך, אין צעריסענע הויזן, מיט אַ צעקלאַפּטער האַנט און מיט אַ גרויסן ווייטיק, וואָס איך ווייס פון דיר גאָרניט. היינט האָב איך באַקומען דיין ערשטן

בריוו און מיר דאַכט זיך, אַז די האַנט איז ביי מיר פון פרייד בעסער געוואָרן, איך האָב געמיינט דער וויטיק וועט קיינמאָל ניט אַריבער...

לייזער איז טאַקע מער לייט פון מיר, ער פירט זיך ניט ארום מיט „רעדן" און מיט עדין אַזויווי איך דאָ... לייזער איז לייזער. ער שריבט מיר, אַז ביי דער ערשטער מעגלעכקייט וועט ער מיר שיקן אַ וויזע. „רבקה, שרייבט ער, דו דאַרפסט קומען אַהער. ניו־יאָרק איז שוין אויסגעבויט. וואָס וועסטו דאָרטן אויפטאָן? וואָס וועט פון דיר דאָרט ווערן? נאָך אַ פאַבריק מיידל? אָדער נאָך אַ קרעמערקע? אַשאָד אויף דעם אַוועקגעבן אַ לעבן..." אַזוי שרייבט ער, לייזער. אַזוי ווי ער זאָל זיין דערביי. וואָס וועט פון מיר ווערן? „עס קען זיין איך וועל זיך דאָ נעמען צו מיין אַלטן פאַך, שרייבט לייזער, וועל קריגן עלעקטראָ־טעכנישע אַרבעט. איך האָב דאָ געטראָפן הערשל זאַמערשיין. ער הייסט דאָ הערשל שמשי. ער אַרבעט ביי בויען הייזער. ער זאָגט, ער וועט מיר העלפן זיך איינאָרדענען. ער רעדט העברעאיש, ווי אַ וואַסער, און ער איז אַ וואוילער יונג, אַ גוטער ברודער... ער העלפט מיר אַסך אַרויס... שטעל זיך פאָר, ער געדענקט דיינע צעפּ. ער האָט מיך טאַקע געפרעגט: זי האָט נאָך אַזעלכע לאַנגע צעפּ? דו דאַרפסט, רבקה, זיין אין ארץ ישראל, און ארץ ישראל דאַרף זען דיינע צעפּ."

איך ווייס ניט, וואָס מיט מיר איז געוואָרן! . . . די מאַמע ע״ה איז געווען גערעכט, וואָס זי האָט מיך גערופן „קאַפּידריך", אַן אַנדערע אויף מיין אָרט וואָלט אַנדערש געווען. און איך וועל אויך אויפהערן טראַכטן וועגן „רעדן". און דעם „ליכטיקן" בריוו פון זיין רוטן... אין לובלין וואָלט מען זיך שעמען אַזאַ בריוו צו שרייבן, און אַזאַ בריוו צו באַקומען וואָלט מען זיך אויך גע־שעמט. איך וועל רוטס בריוו אַוועקלייגן צוזאַמען מיט „רעדס" פעקל פּאַפּיראָסן, וואָס ער האָט דאָ איבערגעלאָזן. און אַז „רעד" וועט קומען, וועל איך אים דאָס אַלץ צוזאַמען אָפּגעבן. עס קען זיין, אַז איך וועל אים איבערלייענען לייזערס בריוו אויך, זאָל ער זען, ווער לייזער איז... און לייזער איז גערעכט, אַז איך דאַרף פאָרן קיין ארץ ישראל.

אַנאַטאָמיע

28־טער מאַי.

אַ גוטע וואָך די הײנטיקע. ערשטנס לײזערס בריוו. און צווײטנס די מיסיס רובין. איך האָב גאָרניט געדעכנט, אַז זי געדענקט, אַז זי איז געווען דער מאַמעס ע״ה אַ חברטע, זי האָט מיך הײנט אינמיטן דערינען געשיקט רופן. איך האָב גאָרניט געקענט פאַרשטײן, צו וואָס זי דאַרף מיך. איך האָב שוין אַפילו אַ טראַכט געטאָן, מסתם איז שוין אויס מיט מײן „דזשאָב״, מיסטער רובין וויל מיך ניט אין זײן „פעקטאָרי״ . . . אָבער גראָד פאַרקערט. זי האָט מיך גאָר געהאַט אין זינען.

די מיסיס רובין, איז, ווי שטענדיק, געווען אַרומגעשטעקט מיט די מאַשינקעס, וואָס מאַכן קרײזלדיק די האָר. איך פאַר־שטײ ניט, פאַרוואָס זי גײט שטענדיק אַרומגעשטעקט מיט די מאַשינקעס. ווען זשע זײנען אירע האָר שײן, אַז שטענדיק זעען זײ אויס ווי הערנערלעך? אָבער דערפאַר, אַז זי קומט צו אַ מיטינג פון דער „לײדיס סאָסײעטי״ גיבן זיך בײ איר די האָר קײן ריר ניט, זײ ליגן אַלע ווי אײנגעשוואָרן, אַ קרײזעלע לעבן אַ קרײזעלע, פיר פון דער זײט, און פיר פון דער זײט, און אינמיטן אַ שרונט. איך טראַכט פונדעסטוועגן, אַז צוליב די מיטינגען אין דער „לובלינער לײדיס סאָסײעטי״ איז ניט כדאי אַרומגײן שטענדיק מיט הערנערלעך אין די האָר. די מיסיס רובין האָט מיר געזאָגט גאָר פשוט: „וואָס וועסטו אויסזיצן בײ מײן מאַן אין פעקטאָרי בײ די „פיסעס״? דו קענסט נאָך חלילה פאַרזעסן ווערן, און וועסט ניט פאַרדינען מער ווי צען דאָלער אַ וואָך. מײן מאַן איז אַ פאַרנומענער מענטש. ער זעט זיך ניט אַרום, ווי בײ אים לויפט דורך דער יאָר. און בײ דיר, חלילה, אַ יאָר, נאָך אַ יאָר — ביסטו אַ פאַרפאַלענער מענטש אין אַמעריקע. בײ אַ מײדל, אַז עס לויפן דורך די פאָר יאָר, איז זי אויס מיט אַלץ און מיט אַלעמען... האָב איך גערעדט מיט מײן הערין, ער זאָל דיך לאָזן צוטרעטן צו אַ מאַשין, זיך לערנען נײען, האָט ער מיר אַפילו געפּרואווט זאָגן: יוניע, שמוניע, אָבער איך ווײס, אַז א „באָס״ וויל, וויל ער.

— אַז דו וועסט וועלן, וועט רבקה קענען דעם „טרעיד“, ביז די יוניע וועט זיך אויסשלאָפן וועט זי שוין זיצן ביי אַ מאַשין, האָב איך אים געזאָגט. מיין הערי, אַז מע דרודלט אים אָן, לאָזט ער זיך. דו, רבקה, קוק זיך צו. זעץ זיך צו ביי אַ מאַשין און קוק זיך צו... די „פּיסעס“ וועלן ניט אַנטלויפן. דערנאָך וועט מען זען. האָב דאָס אין זינען, רבקה, וואָרום, אַז דו וועסט, חלילה, בלייבן ביי די „פּיסעס“ — ביסטו אַ פאַרפאַלענע, דאָס איז גוט פאַר אַן איטאַליענערקע, אָבער ניט פאַר רב מאָטיעלע זילבערגס אייניקל.

זעט אויס, אַז מיין זיידע רב מאָטיעלע, כאָטש ער האָט געוואוינט אין אַ וואַלד הינטער לובלין, און כאָטש ער איז שוין אַ יאָר צען טויט, און כאָטש ער האָט מסתם קיינמאָל פון ניו־יאָרק ניט געטראַכט, איז ער נאָך אַלץ אין ניו־יאָרק מער יחסן פון מיר, כאָטש איך קען שוין פאָרן אין דער סאָבוועי. דער רבי פינקל האָט זיך אויך באַלד אַ כאַפּ געטאָן, אַז איך בין רב מאָטיעלע זילבערגס אייניקל, און די מיסיס רובין אויך.

עס וואָלט אפשר גוט געווען, אַז איך זאָל דערציילן „רעדן“, אַז איך בין רב מאָטיעלע זילבערגס אייניקל. אַז ער וועט קומען, וועל איך דאָס טאַקע טאָן...

— הערסט, עס איז גרינג, ווי גאָרניט זיך אָפּקוילענען אַ לעבן . . . מיין שוועסטער גאָלדע איז דאָך געווען אַ „ביוטי“, אַן אמתע קראַסאַוויצע. צעפּ האָט זי געהאַט לענגערע ווי דיינע און אַ פּאָר אויגן — „אַ מיליאָן דאָלער.“ זי וואָלט געקענט חתונה האָבן מיט וועמען זי וואָלט געוואָלט, האָט זיך איר פאַר־גלוסט ווערן אַ דאָקטערקע. נעם זשע, האָב שכל, און האָב חתונה מיט אַ דאָקטאָר — וועסטו ווערן אַ דאָקטאָרשע... איז ניין, זי וויל אַליין זיין אַ דאָקטערקע. און זי איז אַוועקגעפאָרן זיך לערנען. נו, האָט זי באַדאַרפט לערנען „אַנאַטאָמיע“. דו ווייסט וואָס דאָס הייסט? איך וואָלט עס אויך קיינמאָל ניט געוואוסט, ווען ניט מיין שוועסטער גאָלדע: ביי אַ מענטשן זיינען דאָ אָדערן.. דער אָדער גייט אַהין, און דער אָדער גייט אַהער, און אַזאַ אָדער הייסט אַזוי, און אַ צווייטער אָדער הייסט אַנדערש... מילא דאַרף מען געדענקען אַלע אָדערן, וואו וועלכער עס גייט

און ווי וועלכער עס הייסט... היינט גיי געדענק אַזויפיל אָדערן... פלעגט זי גאַנצע טעג אָפּזיצן איבער דער „אנאטאמיע" מיט די אָדערן. זומער, אַז מיר פלעגן גיין שפּאַצירן צום טייך, פלעגט גאָלדע זיצן מיט די אָדערן. די אויגן זיינען ביי איר קאַליע געוואָרן, און די צעפּ זיינען ביי איר קורץ געוואָרן, ביז זי האָט זיך געכאַפּט, איז שוין געווען צו שפּעט... זי איז טאַקע געבליבן ביי דער „אַנאַטאָמיע" און האָט פאַרגעסן חתונה האָבן, ניט פאַר דיר געדאַכט. נו, אַז איך האָב זיך דערמאָנט היינטיקע וואָך וועגן גאָלדען מיט אירע צעפּ, האָב איך זיך באַלד דערמאָנט וועגן דיר, מיט דיינע צעפּ, און איך זאָג דיר, רבקה, דיין מאַמע עה"ש האָב איך אַזש דערזען פאַר שרעק . . . און דערפאַר האָב איך דיך טאַקע געשיקט רופן. האָב זיך אין זינען, רבקה, דער עיקר די יאָרן... אַ מיידל דאַרף היטן די יאָרן, ווי פּערל, ווייל זיי זיינען נאָך טייערער פון פּערל.

איך ווייס ניט, וואָס זיי ציטערן דאָ אַלע אַזוי איבער די יאָרן. די מיסיס שאָר אַזוי, און די מיסיס רובין אַזוי, אין איין קול, נאָר „געדענק, רבקה, דיינע יאָרן"... זעט אויס, אַז זיין אַן אַלטע מיידל אין ניו־יאָרק איז נאָך ערגער ווי אין לובלין. איצט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס דער אָנקל איז אַזוי פאַרזאָרגט וועגן סעלמאַן.

מאָנצי מיט בענצין

31־טער מאי.

צום ערשטן מאָל אויף מיין לעבן הער איך אַזאַ נאָמען, ווי מאָנצי, אין מיינע אויגן זעט „מאָנצי" אויס צו זיין, ווי אַ נאָמען פון אַ קעצל, אָדער פון אַ קאַלב, אָבער אַז מאָנצי זאָל זיין אַ נאָמען פון אַ מענטשן, דאָס איז מעגלעך טאַקע נאָר אין אַמעריקע. מיסיס שאָרס טאָכטער הייסט „מאָנצי" און איר אינגעלע, בן ציון, הייסט בענצי. צוליב וואָס זיי האָבן אויף זיך, מיטן פרייען ווילן, אַזעלכע נעמען אַרויפגעצויגן קען איך ניט פאַרשטיין, אָבער כאָטש זיי הייסן מאָנצי און בענצי, זיינען זיי מיר דווקא געפעלן געוואָרן.

מאָנצי און בענצי פאָרן אויף זומער אין די בערג, אין די מאָונטנס, זיינען זיי פאַרפאָרן אויף אַ פּאָר טעג צו דער מאַמע,

צו דער מיסיס שאָר. צוליב די געסט איז מיסטער שאָר אויך געקומען. אַז איך בין אַריין צו דער טאַנטע פאַרנאַכט זען צי עס זיינען פאַראַן פאַר מיר בריוו, האָט מיך די מיסיס שאָר ניט גע־לאָזן אַוועקגיין.

— איך האָב געסט, מיין מאָנצין מיט בענצין, זיי פאָרן אין די מאַונטענס, וועסטו זיי זען. דאָס זיינען שוין איינמאָל אַ מאָנצי מיט אַ בענצי! קיין עין הרע זאָל זיי ניט שאַטן.

און די מיסיס שאָר איז געווען גערעכט. מאָנצי זעט אויס, ווי מען זאָל זי נאָר וואָס אַראָפּבערענגען פון אַ מיאוויי פּיקטשור. הויך און דין און בלאָנד — אַ פאַרגעניגן. און איר בענציקל, פונקט ווי מען זאָל אים אויסגיסן, אַזוי ענלעך איז ער צו דער מאַמען. הויך און דין און בלאָנד — און ביידע שמייכלען. זיי זינגען ביידע די זעלביקע לידער און ביידע פּאַטשן צו מיט די הענט.

— אַ „שאָו" (אַ פאָרשטעלונג), — זאָגט די מיסיס שאָר, — אַן אמתער טעאַטער מיט זיי.

מיסטער שאָר רופט דעם קליינעם בענצי מיטן גאַנצן נאָמען, בן ציון, און ער פרעגט ביי אים וואָס פאַראַ סדרה עס איז.

— וואָט סדרה איז טאָדעי, בן ציון? (וואָס פאַר אַ סדרה איז היינט, בן ציון?).

דער קליינער חזרט איבער דאָס וואָרט „סדרה" און לאַכט. ער לאַכט זיך פאַנאַנדער הויך און האָט שטאַרק הנאה, ווי דער זיידע זיינער.

בענצי פאַרשטייט ניט קיין וואָרט אידיש, אָבער קיין איין וואָרט, אויסער זיידע און באָבע.

— אַ גוי גמור, — זאָגט דער מיסטער שאָר, — מען דאַרף אים שיקן אין אַ תלמוד תורה.

— וואָט דו אַי ניד איט פאָר? (צו וואָס דאַרף איך דאָס?) וואונדערט זיך מאָנצי, ריאַלי, וואָט איז די יוז אָוו איט? (ווירק־לעך, צו וואָס טויג דאָס?).

מאָנציס מאַן האַלט אַ וויך־געשעפט צוזאַמען מיט זיין ברודער אין סינסינעטי. זיי וואוינען אין אַן אייריש׳ער געגנט.

— אין מיין „נעיבאָרהוד" (געגנט) קומט אַ איד „וואָנס אין

אַ פורים״, זאָגט מאַנצי, „וואָס פאַר דו אַי ניד די תלמוד תורה?״

מיסטער שאַר האָט זיך אויסגעטענה׳ט פאַרן פעטער:

— איך האָב געטאָן אַלץ. צו מיר קען מען קיין טענה ניט האָבן. אַ רבי, איז אַ רבי. אַ תלמוד תורה, איז אַ תלמוד תורה, און ביכלעך געקויפט אַ באַרג... אַי, סע האָט ניט געהאָלפן? וואָס קען מען מאַכן?...

און מיסטער שאַר איז אַוועק און האָט פון ערגעץ געבראַכט צו שלעפן אַ גאַנצן באַרג מיט פאַרשטויבטע ביכלעך, וואָס מאַנצי האָט פון זיי „געלערנט״.

מיסיס שאַר האָט זיך צעשריען:

— טראָג אַוועק דעם „דאַסט״... (דעם שטויב).

און מאַנצי האָט זיך צעלאַכט:

— ענד אָל דאַט דזשאַנק אַי סטאַדיעד!... איט׳ס טעריבל!...

(און אָט דעם גאַנצן שימל האָב איך עס געלערנט! שרעקלעך!).

מיסטער שאַר, אַז ער האָט שוין אַוועקגעטראָגן צוריק דעם „דזשאַנק״ האָט ער נאָך צוגעגעבן:

— אַ „פאָרטשון״ (אַן אוצר) האָט עס מיר אַלץ אָפּגעקאָסט...

און עס האָט זיך צוגעקלעפּט ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט...

אַז מענדל פושקאַרט איז שפּעטער אָנגעקומען, האָט ער אָפּ־געזאָגט פּראָסט פּשוט:

— היטלער וועט אַלעמען אויסלערנען דאַוונען, דאָנט וואָרי... (ניט געזאָרגט).

מענדל פושקאַרט האָט זיך צערעדט וועגן ליקער ביזנעס:

— אָט זייערע ביזנעס זיינען ביזנעס! האָט מענדל פוש־קאַרט געזאָגט וועגן מאַנצין, דער ביטערער טראָפּן איז די בעסטע ביזנעס אין דער וועלט.

און מענדל פושקאַרט האָט דערציילט, אַז ווען ער איז גע־קומען קיין אַמעריקע איז ער שיעור ניט געוואָרן אַ שותּף אין אַ ליקער־קראָם. יענער איז היינט אַ גרויסער גביר אויף דער „פיפט עווענױ״, און ער, מענדל, איז געבליבן ביי דער „קליבּינג, דאַינג און ריפּערינג״ (וואַשן־ און פאַרבן־געשעפט), אָדער ווי מענדל פושקאַרט רופט עס אויף אידיש: ביי דער „קלאָגינג, דאַיגינג און פּעיגערינג״.

איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט מענדל פּושקאַרט זיך באַקלאָגן אויף זיין פּרנסה. איך האָב גלאַט קיינמאָל ניט גע־טראַכט, אַז מענדל פּושקאַרט דאַרף פּרנסה... מיר האָט זיך גע־דאַכט, אַז מענדל פּושקאַרט דערציילט שטענדיק מעשות, כאַפּט אַמאָל אַ פינאַקל מיט דער טאַנטע, קען גאַנץ גרענד סטריט פון דעם ערשטן ביזן לעצטן, ווי זיך אַליין, אָבער פּרנסה? עס קען דאָך איין איד אויף גרענד סטריט זיך אַרומדרייען גלאַט אַזוי . . . ווייזט זיך אַרויס, אַז ער אַרבעט גאָר ביי „קלאָגינג, דאַיגינג און פּעי׳גערינג“.

די פאַרלאָרענע „ליקער־ביזנעס“ זיינען, זעט אויס, ביי מענדל פּושקאַרט געווען דער שווערסטער אומגליק אין זיין לעבן.

— איך גיי דאָרט קיינמאָל ניט דורך אויף דער „פיפט עוועניו“. וואָס איז פאַראַן צו גיין קוקן, ווי דו ביסט געבליבן אַ נאַר...

דער אָנקל ווייסט שוין, זעט אויס, מענדל פּושקאַרטס צרות און ער טרייסט אים:

— ווען איר וואָלט געווען אין די „ליקער־ביזנעס“, וואָלטן זיי מסתם באַנקראָטירט... לאָזט אָפּ, עס זיינען ניטאָ קיין פאַר־לאָרענע גליקן.

מיסטער שאָר האָט פיינט אומעטיקע זאַכן. אַזוי ווי מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן פאַרלאָרענע גליקן, האָט ער אַ שטעל געטאָן בענציקן אויף אַ בענקל און בענציק האָט אָפּגעזונגען: „מיין שטעטעלע בעלז“...

— אַזויווי אַ פּאַפּוגאַי... אַ וואָרט פאַרשטייט עס ניט, האָט געזאָגט די מיסיס שאָר.

— אַזאַ „באַי“ מען זאָל אים שיקן אין תלמוד תורה, וואָלט ער געקענט פּסקענען שאלות . . . אַזוי האָט זיך מיט אים געגרויסט דער זיידע, מיסטער שאָר.

אַלץ ענדיקט זיך, זעט אויס, מיט אַ פינאַקל. און אויך דאָס מאָל, דער „כיבוד“ ביי דער מיסיס שאָר האָט זיך געענדיקט מיט אַ פינאַקל. מענדל פּושקאַרט האָט געוואונען אַ דאָלאַר מיט אַ קוואָדער, ער איז געווען זייער צופרידן און האָט פאַרגעסן וועגן זיין „קלאָגינג דאַיגינג און פּעיגערינג“ געשעפטן.

„צוויי מאָל אַ זילבערג"

4טער יוני.

עס איז היינט געווען זייער אַ שיינער טאָג. אַז איך בין היינט אינדערפרי אַרויסגעגאַנגען פון הויז האָט מיך די זון אַ כאַפּ געטאָן, אַ ברי געטאָן דאָס פּנים און די הענט. אין שאַפּ איז היינט געווען זייער הייס. די מאַשינעס שיפּען מיט אַזאַ געיעג, אַז עס דאַכט זיך זיי דאַרפן אויסאַרבעטן פּרנסה פאַר גאַנץ ניו יאָרק. אַז עס איז הייס, מוז מען עטלעכע מאָל באַגיסן דעם שאַפּ, און די „פּיסעס" (שטיקלעך מאַטעריאַל) ווערן אַ תל. קלייב איך פריער אויף די „פּיסעס" און דערנאָך באַגיס איך דעם שאַפּ. אַז איך באַגיס דעם שאַפּ, גיי איך ווידער קלייבן די „פּיסעס" . . . איך האָב זיך דערמאָנט פון דער מיסיס רובינס שוועסטער גאָלדע. זי מיט דער אַנאַטאָמיע, און איך מיט די „פּיסעס". זי איז געבליבן אַן אַלטע מויד. און איך? . . . וואָס קומט פאַר מיט מיר? אָטאָ „רעד" קומט ניט. מסתּם איז צו איר אויך עמיצער, וואָס האָט באַדאַרפט קומען, ניט געקומען. היינט האָב איך זיך צוגעזעצט לעבן שוירליס מאַשין קוקן, ווי מען נייט די הענטשקעס. שוירליס הענט דרייען זיך אַזוי גיך, און די מאַשין יאָגט זיך אין איין געיעג, אַז מיר דאַכט זיך, אַז איך וועל אַפילו זיך צוקוקן צען יאָר, וועל איך גאָרניט וויסן. שוירלי, אַז איך קוק, פלייסט זי זיך נאָך מער. אַזוי ווי זי זאָל טאַנצן מיט דער מאַשין. אַרויף די עלענבויגנס און אַראָפּ. לינקס און רעכטס. שוירלי איז ניט שוירלי. די מאַשין איז ניט קיין מאַשין. עס איז פּשוט אַ געיעג אַזאַ און איך וועל עס קיינמאָל ניט קענען, ניין. איך וועל בעסער פאָרן קיין ארץ ישראל, טראָגן מיט לייזערן צוזאַמען ציגל און ליים, און ניט אַרומטאַנצן דאָ מיט דער מאַשין. די שוואַרצינקע אַפּרייטערקעלע, די דינינקע, ווי אַ ברעטעלע, האָט זעט אויס באַמערקט, אַז איך קוק זיך צו, און זי האָט מיך שוין ווידער געטריבן הין און צוריק. און עס איז איר „דאַסט" (שטויביק), און זי וויל „וואָטער" (וואַסער), און זי וויל איך זאָל עפענען די „ווינדאָו" (דאָס פענצטער) און זי וויל איך זאָל צומאַכן. אין דער שוואַרצינקער זיצט אַ רוח. אַן אַנדער טאָג ווערט דער רוח אין איר אַביסל פאַרדרעמלט ווערט זי אַן אַפּרייטערקע, ווי אַלע

אַנדערע. און אַן אַנדערש מאָל „צעאַרבעט" זיך אין איר דער רוח, איז זי אַ גאַנצן טאָג, ווי אויף שפּילקעס. מיר דאַכט זיך, אַז צוליב דעם רוח וואָס זיצט אין איר איז זי אַזוי דאַר. אין לובלין פלעגט מען דערציילן, אַז קליינע שרעטעלעך פאַרנאַדיען זיך אַמאָל צו אַ פערד, כאַפּן זיך אַרויף רייטנדיק און יאָגן, און יאָגן און פאַריאָגן . . . ביז דאָס פערד פאַלט אַוועק. אין ניו יאָרק וואָס טוען די שרעטעלעך ? אָט האָבן זיי זיך אַריינגעכאַפּט צו אונדזער שוואַרצינקער אַפּרייטערקע, קען זי אַליין ניט רוען און וויל מיך פאַריאָגן.

נאָך דער אַרבעט איז שורלי געגאַנגען צו אַ „סעיל" (אַן אויספאַרקויף) אויף מאַנטלען.

— קאָם אַן, האָט זי געזאָגט, עס איז אַ „סעיל".

אַ „סעיל" איז פּשוט אַ גוואַלדאַוונער יאַריד. די „לידיס" האָבן זיך אַרומגעקלעפּט אַרום און אַרום די מאַנטלען, און זיך אָנגעהויבן אָנמעסטן. עס האָט אויסגעזען, ווי עפּעס אַ פּורים־שפּיל, די מאַנטלען זיינען אַרומגעגאַנגען פון איינער צו דער אַנדערער ווי לעבעדיקע, מיין שורלי האָט זיך אַ דריי געטאָן אין אַ גרינעם מאַנטל אַהין, אַהער, זי קויפט שוין דעם „קאָוט".

— גרין, האָט זי געזאָגט, איז מיין קאָליר.

איך האָב אויך געוואָלט קויפן אַ מאַנטל, נאָר מיר פעלט נאָך געלט. איך האָב אינגאַנצן זעקס דאָלער און אַ מאַנטל דאַרף קאָסטן פופצן.

די לאַנדריניטשקע האָט מיר געזאָגט, אַז זי וועט מיר באָרגן ניין דאָלער, זי ווייס, אַז איך וועל איר אָפּגעבן, ווייס איך ניט, צי זאָל איך ביי איר באָרגן ? מיר דאַכט זיך, אַז גלייכער איז וואָס ווייניקער אָנקומען צו עמיצן, אַפילו צו דער לאַנדריניטשקע, כאָטש זי מיינט עס פון גאַנצן האַרצן. ווען עס וועט זיין הייס, וועל איך גיין אָן אַ מאַנטל, און ווען עס וועט זיין קיל, וועל איך אויך ניט דערפראָרן ווערן . . . די טאַנטע האָט מיר געזאָגט, אַז זי וועט מיר געבן סעלמאָס אַ מאַנטל, האָב איך געזאָגט, אַז עס איז ניט מיין קאָליר. דאָ, אַבי מען זאָגט קאָליר — גלויבט מען. מיין קאָליר, איז דאָ אַזוי פאַרשטענדלעך, ווי מיסיס פושקאַרט זאָגט : מיין „דייעט". און אַז איך האָב געזאָגט — ניט מיין

קאָליר — האָט שוין די טאַנטע מיך מער ניט געבעטן. איצט זאָג איך שוין אַ ליגן אַזוי גרינג, אַז איך פאַרגעס אפילו, אַז דאָס איז אַ ליגן. דער אמת איז: איך וויל ניט גיין סעלמאָס מאַנטלען. אין לובלין גיט מען אָפּ אַן אַלט מאַנטל דער דינסט, זי זאָל דאָס „שלעפּן״. וויל איך ניט „שלעפּן״ סעלמאָס מאַנטלען.

— עס איז דיר ניט קאַלט פאַרנאַכט? האָט מיך די טאַנטע געפרעגט.

— מיר איז קיינמאָל ניט קאַלט, האָט איך דער טאַנטע געענטפערט.

די טאַנטע האָט מיך עפּעס מאָדנע אָנגעקוקט און דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— ניט אומזיסט ביסטו צווייmאָל אַ זילבערג! (מיין מאַמע און מיין טאַטע זיינען געווען קוזינס, אוןביידע זילבערגס).

איך מיין, אַז עס איז גלייכער פונדעסטוועגן זאָגן אַ ליגן, איידער צו טראָגן סעלמאָס אַן אַלט מאַנטל.

מיסיס קאָשעס און די „שיינע פּאַווע״

6־טער יוני.

וואָס איין דאָלער קען מאַכן? די מיסיס קאָשעס איז מיר שולדיק געבליבן אַ דאָלער. אַז איך בין אַוועק פון איר צו מיסטער רובינען קלייבן די „פּיסעס״, האָט מיר ניט געפּאַסט גיין צו איר מאָנען דעם דאָלער. מילא, האָב איך געטראַכט, מיטן דאָלער, אַן דעם דאָלער, די זעלבע גבירטע. היינט, אַז איך בין געקומען פון דער אַרבעט, האָב איך געטראָפן ביי זיך זיסעלען, דער מיסיס קאָשעס'עס „איידזשענטקע״. איך האָב ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס טוט ביי מיר זיסעלע. ווייזט זיך אַרויס, די מיסיס קאָשעס האָט מיר אָפּגעשיקט דעם דאָלער. זיסעלע האָט זיך גאַנץ פאַמעלעך געעפנט דעם „פּאָקעטבוק״ (טאַש) און האָט פון דאָרטן אַרויסגעצויגן אַ דאָלער, זעט אויס זי האָט געוואָלט געפינען דעם זעלביקן דאָלער, וואָס די מיסיס קאָשעס האָט איר געגעבן, ווייל זי האָט אים לאַנג געזוכט. און דערנאָך האָט זי מיר דערציילט:

— די מיסיס קאָשעס איז קראַנק. דער פוס איז ביי איר

געשוואָלן געוואָרן, און זי ליגט. זי האָט געבעטן דו זאָלסט צו איר קומען „מענאַקעכוילעזיין״.

איך בין אַראָפּ מיט זיסעלען. איך האָב געוואָלט זען די מיסיס קאָשעס. וואָס האָט זי זיך עפּעס פלוצלינג דערמאָנט וועגן מיר און מיר צוגעשיקט דעם דאָלער? ווי מאָדנע דאָס איז, וואָס זי האָט גאָר געקלערט וועגן מיר. מיסטער שליוווקע, דער לאַנדריי־מאַן, האָט מיך פאַרהאַלטן אַ ווײַלע.

— רבקה, איך האָב פאַר דיר אַ „נאָוט״ (אַ צעטעלע).

מיר האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אין האַרצן. כאָטש צעטעלעך, וויס איך, שרייבט עדי, אָבער אפשר? אפשר איז דאָס מאָל אַ צעטעלע פון „רעד״ן?

דער לאַנדרימאַן האָט מיר דערלאַנגט דעם „נאָוט״, אַ ברי־וועלע אין אַ קליין קאָנווערטל. איך האָב דערקאָנט שיינפעלדס כתב. אין קאָנווערטל איז געלעגן אַ טשעק פון פופצן דאָלער און אַ צעטעלע:

„ליבע רבקה, גיט עס אָפּ משיח׳ן. שיינפעלד״.

עפּעס אַ מאָדנער טאָג. אַלע ברענגען מיר געלט. מיסיס קאָשעס האָט זיך דערמאָנט וועגן דעם דאָלער, וואָס זי איז מיר געבליבן שולדיק. און שיינפעלד האָט זיך דערמאָנט וועגן משיח׳ס פופצן דאָלער. אָבער עס איז ניט פון „רעד״ן. „רעד״ האָט זיך ערגעץ באַהאַלטן צווישן די סך מויערן אין ניו יאָרק.

די מיסיס קאָשעס איז טאַקע קראַנק. זי האָט מיך צוגערופן מיט אַ פינגער צום בעט און מיך געבעטן זיצן.

— סיט־דאַן, רעי, האָט זי געזאָגט, זעץ זיך.

די מיסיס קאָשעס האָט ניט פאַרגעסן, אַז מיין נאָמען איז „רעי״, כאָטש בלויז זי אַליין רופט מיך אַזוי.

איך האָב קיינמאָל ניט געזען, אַז די מיסיס קאָשעס זאָל מאַכן מיט די הענט, ווען זי רעדט, זעט אויס, אַז דער שטעקן פלעגט איר שטערן. היינט, ליגנדיק אין בעט, האָט זי גערעדט און האָט אַלץ געהויבן מיט די הענט.

— איך האָב געבראַכט קיין אַמעריקע ניין פאַרשוין. פיר מיידלעך חתונה געמאַכט. איצט, אַז איך ליג, רופט מען מיך אָפּ אויפן טעלעפאָן: „האַו אַר יו ענט?״ (וואָס מאַכסטו, מומע?)

אַז איך דערהער „האַו אַר יו״, ווייס איך שוין, אַז מען וויל זיך פון מיר אָפּטשעפּען, און „דאַטס אָל״ (און דאָס גאָר).

די מיסיס קאָשעס האָט אַ נאַטור, אַז זי דערציילט עפּעס שטעלט זי זיך אָפּ אינמיטן און זי גיט אַ זיפץ, ווי זי וואָלט געוואָרן מיד פון דערציילן, אָדער פון דערמאָנען זיך וועגן דער זאַך.

— מיין אינגסטע „ביעס״, אַז זי האָט באַדאַרפט חתונה האָבן, האָב איך איר געקויפט אַ „בעד־רום־סעט״ (מעבל אין שלאָפצימער) פאַר פיר הונדערט דאָלער. אַליין האָב איך אַזאַ ניט געהאַט, נאָר ער, דער „באָי״ אירער, האָט געוואָלט אַ „בעדרום־סעט״. פיר יאָר האָב איך געצאָלט אַלע וואָך צוויי דאָלער. אַלע וואָך איר געמאַכט אַ פּרעזענט פון צוויי דאָלער. פיר יאָר נאָכאַנאַנד. איצט איז זיי צופיל דער קאָרפּער אויף אַראָפּפאָרן צו מיר, רופט מען אָפּ, און דאַטס אָל.

— מיי האָזבאַנד, זאָגט זי, „סענדס יו היס לאָוו״ (מיין מאַן גריסט) . . . האָסט שוין געהערט, רעי, אויפן טעלעפאָן שיקט ער מיר „היס לאָוו״ . . . נו, וועל איך זיך אָפּקאָכן אַ „סיריאָל״ (אַ קאָשע) דערמיט . . . זי, שאַרלאָט, האָט שוין פאַרגעסן, אַז ער האָט געוואָלט, דער מאַן אירער, אַ „בעדרום־סעט״, און אָן דעם „בודרום־סעט״ וואָלט ער צו דער חופּה ניט געקומען. איצט האָט מען אַלץ פאַרגעסן און דאַטס אָל. איך וועל „סטאָפּן״ (אָפּשטעלן) מיין טעלעפאָן און זאָלן זיי מיר אויפהערן שיקן זייער „לאָוו״. דו הערסט, רעי, דו ביסט דאָך נאָך יונג . . . איך זאָג דיר, רעי, מען בלייבט אַליין . . . אַזוי ווי אויף אַן אינדזל, און דאַטס אָל. צו וואָס דאַרף איך נאָך דער טעלעפאָן זאָל מיר קלינגען אין די אויערן, קלאַפּן אין קאָפּ . .. איך האָב געבראַכט ניין מענטשן קיין אַמעריקע, שיפסקאַרטעס געקויפט, שאַרלאָט'ן אַ „בעדרום־סעט״ געקויפט, און פּרעזענטן זיי געגעבן און וואָס ניט ? . . . אַזוי ווי אין ים געוואָרפן און דאַטס אָל.

די מיסיס קאָשעס האָט גערעדט נאָכאַנאַנד און געמאַכט מיט די הענט. דערנאָך האָט זי זיך איינגעבויגן צו מיר און מיר דער־ציילט בסוד : „אָט די שאַרלאָט, מיטן „בעדרום־סעט״, האָט איינ־מאָל „געסיינט״ (געחתמעט) מיינעם אַ טשעק פון פינף און דרייסיק דאָלער. „געסיינט״ און אָפּגענומען געלט . . . און אַז איך האָב

זיך אַרומגעזוען האָט זי מיר געזאָגט: נו, אַז איך האָב באַדאַרפט, האָב איך געזאָלט גנב'ענען, האָב איך געזאָלט?" און קוקט מיר גלייך אין די אויגן אַריין ווי אַ גזלן, און דערנאָך זאָגט זי: „וואָס דאַרף די טאַנטע געלט?"...

ווי פאַר פייער האָב איך זיך פאַר זיי געהיט, ווי פאַר אַ „שרפה"...

אָ! זי, די מיסיס קאָשעס רעדט אויך פון אַ „שרפה", אַזוי ווי דער אָנקל וועגן סעלמאַס חתונה. וואָס טוט זיך דאָ מיט די „שרפות"? פאַרן אַוועקגיין האָט מיר די מיסיס קאָשעס געזאָגט:

— רעי, דו גייסט אַוועק? איך וויל דיך עפּעס בעטן... דאָ ליגט אין אַ ווייסן לייוונט אַ „פּעקעדזש" (אַ פּעקל)... און זי האָט מיר געוויזן מיט דער האַנט אויפן שאַנק. איך האָב געעפנט דעם שאַנק און דערקאַנט די „שיינע פאַווע", אַרומגע־שפּיליעט מיט שפּילקעס, קיין שטויב זאָל ניט פאַלן...

— נעם עס אַהיים, רעי, טאָמער... און מיסיס קאָשעס האָט ניט דערזאָגט „טאָמער וואָס" — שארלאט וועט זיך אַריינ־כאַפּן, וועט זי עס „פּיקסן" (פאַרטיק מאַכן). וואָס פאַרשטייען זיי אויף דעם? זיי ווילן דאָס פאַרקויפן פאַר צען דאָלער... נעם עס אַהיים... אַז איך וועל געזונט ווערן וועסטו מיר עס צוריק ברענגען... און טאָמער... די מיסיס קאָשעס האָט ווידער ניט פאַרענדיקט און „טאָמער וואָס", נאָר טרערן האָבן ביי איר אַ גלאַנץ געטאָן אין די אויגן.

איך האָב ניט געוואָלט אַרויסטראָגן פון איר צימער די „שיינע פאַווע". איך האָב געוואוסט, אַז זי וועט ניט שלאָפן דערנאָך. איך האָב פאַרשפּרייט אַ ליילעך אויפן טאַפּטשאַן און געבליבן שלאָפן ביי דער מיסיס קאָשעס, די שיינע פאַווע האָב איך צוריק אַריינגעלייגט אין שאַנק. ביי דער מיסיס קאָשעס איז ליכטיק געוואָרן דאָס פּנים, די טרערן האָבן זיך צוריק אַריינגע־זאַפּט.

— דו ביסט ניט פון די היינטיקע, רעי, האָט זי מיר געזאָגט, די היינטיקע וואָלטן שוין געוועזן אויפן דריטן בלאָק. ביי זיי איז אַלץ איינס, אַבי געצנומען און דאַטס אָל... די מיסיס קאָשעס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אַזוי לאַנג, ביז זי איז אַנדרימלט געוואָרן.

אַ „פּלעזשור"

8־טער יוני.

עדיס מאַמע איז ניט אײן פּרוי, נאָר אַ גאַנצער וואַגאָן מיט ווייבער. ערשטנס איז זי טאַקע, קיין עין הרע, צעוואַקסן אין אַלע זייטן, אַזוי ווי מען זאָל אָנוואַרפן אַ באַרג קישנס, דאָ אַ קישן, דאָרט אַ קישן, און אַלע קישנס צעזאַמען טראָגן אַ שוואַרץ זײַדן קלייד מיט אַ גרויסער, גאָלדענער בראָש אויפן האַרצן — און דאָס איז עדיס מאַמע. אַז איך בין אַרײַן צו דער טאַנטע און זי דערזען, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז עס איז אַ פולע שטוב מיט ווייבער, נאָר אַז איך האָב זיך גוט אַרומגעקוקט האָב איך דערזען, עס איז בלויז אײן פרוי, נאָר עס האָט זיך מיר נאָך אַלץ געדאַכט, אַז איך מאַך אַ טעות. גראָד האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט די מיסיס שאָר און האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— „רעד" איז דאָ נעכטן געווען, ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף דיר . . . און די מיסיס שאָר האָט צו מיר אַ זשמורע געטאָן מיט אַן אויג. די שטוב האָט זיך אַ דריי געטאָן און אַ היבשע ווײַלע האָב איך ניט געהערט, וואָס מען רעדט צו מיר, ווײַל מיר האָט זיך זייער געוואָלט איבערטראַכטן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, אַז „רעד" איז דאָ געווען. איצט איז שוין די גאַנצע שטוב געווען פול ניט מיט עדיס מאַמע, נאָר מיט אַ בענקשאַפט נאָך „רעד"ן. איך בין זיך דורכגעגאַנגען אין אַלע צימערן און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אומעטום איז ער געווען. אפשר איז ער דאָ טאַקע דורכגע־גאַנגען אין אַלע צימערן? ערשט שפּעטער האָב איך אָנגעהויבן הערן, וואָס מען רעדט. און גערעדט האָט עדיס מאַמע וועגן אַ „בעדרום־סעט". איך האָב זיך דערמאָנט, ווי נעכטן האָט מיר די קראַנקע מיסיס קאָשעס דערציילט, ווי זי האָט געקויפט פאַר איר פּלימעניצע, שאַרלאָט, אַ בעדרום־סעט, און אַז אָן דעם וואָלט דער חתן ניט געקומען צו דער חופּה. און איצט ווידער עדיס מאַמע מיטן „בעדרום־סעט", און מיר האָט זיך אַ דאַכט געטאָן אַ ווײַלע, אַז גאַנץ ניו יאָרק איז פול מיט בעדרום־סעטס, ווײַסע, געלע, ברוינע, ווישנאָווע, און ווען מען זאָל צונעמען די בעדרום־סעטס וועלן זיך אַלע חתנים צעלויפן און ניט וועלן גיין צו דער חופּה . . . און איך האָב אַ טראַכט געטאָן וועגן עדין, ווי

ער איז געשטאַנען ביים פּאַרענטש לעבן די טרעפּלעך פון דער וועשעריי און האָט געפּייפט . . .

עס טוט מיר באַנג, וואָס גראָד דעם פּרייטיק האָט אונדז מיסיס שוואַרץ גענומען אין די מואוויס, גראָד ווען „רעד" איז געקומען. ווער ווייס ווען איך וועל אים שוין זען . . . ער האָט זיך שוין ווידער באַהאַלטן אין ניו יאָרק, און ניו יאָרק איז אַזוי גרויס.

עדיס מאַמע האָט גערעדט וועגן „בעדרום־סעט".

— אַ „בעדרום־סעט" ביי אַ „יאַנג־קאַפּל" (פּאַר־פּאָלק) דאַרף זיין ווי אַ „דאָל" (אַ ליאַלקע), עס זאָל זיין אַ „פּלעזשור" (אַ פאַר־געניגן) אַריינקומען . . . „פּלעזשור" — רעדט עדיס מאַמע אַרויס מיט אַזאַ שאַרפן „פּ", אַז די ליפּן גיבן ביי איר אַזש אַ קלונג. און אַלץ איז ביי איר אַ „פּלעזשור". עדיס כאַראַקטער איז אַ „פּלעזשור", די חתונה אין ראַלעי האָטעל — איז אַ „פּלעזשור", דער טאַנטעס קעיק — איז אַ „פּלעזשור" און דער באַזוך דאָ איז אויך פאַר איר געווען אַ „פּלעזשור". ווען זי איז אַוועק האָט דער אָנקל אָפּגעווישט דעם שטערן מיט אַ באַז־טיכל און האָט אַ זאָג געטאָן:

— „אָט האָסטו אַ מחותנת'טע אַ „פּלעזשור". דער אָנקל האָט ווי זיין שטייגער, אַ שמייכל געטאָן און פאַנאַנדערגעבונדן דעם קראַוואַט — דער „פּלעזשור" מיטן „בעדרום סעט" וועט שוין קאָסטן נאָך אַ פּאָר הונדערט דאָלער . . . אונדזער גליק, איידע, וואָס מיר האָבן איין טאָכטער, ווען ניט וואָלטן מיר באַדאַרפט זיך לאָזן איבער דער וועלט מיט אַ טאָרבע".

דער אָנקל האָט אויסגעזען בלייך און זייער מיד. זעט אויס, ער האָט געהאַט עגמת נפש פון דער מחותנת'טע מיטן „פּלעזשור".

ווען איך האָב זיך געקליבן גיין אַהיים איז אַריינגעקומען סעלמאַ. אַלץ איז אויף איר געווען בלוי. דאָס קלייד, די הוט, די שיך, דער טאַש, און די גרויסע ווייסע בלום אויפן קלייד האָט אַזוי ווי אויסגערופן, אַז סעלמאַ איז אַ כלה.

— דו ביסט „קוואַרלד" (צעקריגט) מיט „רעד"ן? האָט מיך סעלמאַ אַ פרעג געטאָן, און איך האָב דערזען, אַז אירע אויגן זיינען אויך בלוי.

— איך בין מיט קיינעם ניט ברוגז, האָב איך געזאָגט.

— „באָט" (אָבער) ער קומט ניט צו דיר?

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז סעלמאַן טוט עס הנאה, כאָטש שפּעטער האָט זי צוגעגעבן:

— „באָט הי' לאַיקס יו עניוועי" (אָבער ער האָט דיך סיי ווי ליב) . . . און זי האָט אַ שמייכל געטאָן. סעלמאַ האָט מיר ניט דערציילט, אַז „רעד" איז דאָ געווען און זיך געפרעגט אויף מיר. גוט, וואָס די מיסיס שאָר האָט עס מיר געזאָגט, די גוטע מיסיס שאָר.

סעלמאַ טראָגט טאַקע אַ ווייסע בלוס, ווי אַ כלה, אָבער עדי איז ווידער געשטאַנען און געוואַרט אויף מיר. אַ שאָד, וואָס עדי איז דאָ געשטאַנען און ניט „רעד". מיר האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אין האַרצן.

— איך האָב געזען היינט דיין מאַמען, עדי.

עדי האָט מיך געפרעגט צי זיין מוטער האָט גערעדט וועגן דעם בעדרום־סעט און ער האָט אַ לאַך געטאָן, ווי דעמאָלט, ווען דער אָנקל האָט אָנגערופן סעלמאַס ביוטי פּאַרלאָר „דער בית מדרש". אַז עדי לאַכט אַזוי, ווערט מיר ניט אָנגענעם, ווייל ער קריגט עפּעס אַ פּנים פון איינעם וואָס מאַכט חוזק. אָבער פון וועמען מאַכט ער חוזק? עס איז דאָך שווער זיך פאַרצושטעלן, אַז ער זאָל חוזק מאַכן פון סעלמאַן אָדער פון זיין מאַמען . . . און אפשר מאַכט ער גאָר חוזק פון מיר? נאָר צו וואָס קומט ער אַהער? איך האָב אים קיינמאָל ניט גערופן.

— יע, דיין מוטער האָט גערעדט וועגן „בעדרום־סעט".

— „אַי וואוד לאַיק טו גאָ וויט יו טו פּאַלעסטיין" (איך וואָלט געוואָלט פאָרן מיט דיר קיין פּאַלעסטינע) . . . האָט עדי גע־זאָגט, און האָט גענומען מיטביידע הענט דאָס שנירל ווייסע קרעלן, וואָס איך האָב געטראָגן אויפן האַלדז.

מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עדי איז אַ קליין אינגל, און ער וויל זיך שפּילן מיט מיר אין לייצעס, אַזוי האָט ער געהאַלטן די קרעלן אויף מיין האַלדז. היינט האָב איך פאַרשטאַנען, פאַר־וואָס עדי האָט געזאָגט „רעד"ן, אַז איך האָב אַ חתן אין „פּאַלעסטיין" . . .

— עדי, האָב איך אים געזאָגט, אָבער אין „פּאַלעסטיין” וועט ניט זיין קיין „בעדרום־סעט” . . .

— אָלרייט, האָט עדי געזאָגט, און ער האָט נאָך אַלץ גע־האַלטן מיינע קרעלן אין האַנט, פּונקט, ווי אים זאָל זיין גרינגער צו שטיין אַזוי. איך האָב אים דערלאַנגט צוויי פּעטשלאַך איבער די הענט:

— דו וועסט מיר צערייסן די קרעלן, עדי, מער פעלט מיר ניט.

— איך וועל דיר קויפן אַנדערע, האָט עדי געזאָגט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ביי עדין אין די אויגן ליגן שוין טרערן, כאָטש די אויגן זיינען נאָך ביי אים געוועזן אינגאַנצן טרוקן.

„נעווער”

10־טער יוני.

היינט האָב איך צעבראָכן אַ גלאָז מיט אַ שעלכל און היינט איז געקומען „רעד”. עפּעס אַזוי פּלוצלינג איז ער געקומען, אַז מיר דאַכט זיך, ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. טאַקע היינט, אַז איך בין געקומען פון דער אַרבעט האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט: אויס מיט „רעד”ן. איך וועל אויפהערן וועגן אים צו טראַכטן, אַרויס־וואַרפן זיינע סיגאַרעטן, מיט די פּאַרטריקנטע רויזן, מיט רוטס בריוו, מיט אַלץ מיט אַלעמען און פּטור. אַמאָל מוז דאָך נעמען אַן עק, מען קען דאָך ניט אַרומגיין שטענדיק און טראַכטן וועגן „רעד”ן. מען קען דאָך ווערן „אַ פלאַמיט”, ווי די מאַמע עה”ש וואָלט געזאָגט. אַזוי ווי איך בין אַזוי געשטאַנען און דאָס אַלץ אָפּגעמאַכט ביי זיך, דערהער איך אויף די טרעפּ באַקאַנטע טריט און מיר דאַכט זיך „רעד”, „רעד” גייט! און דאָ האָב איך אַ טראַכט געטאָן: אַז דאָס איז טאַקע דער „פלאַמיט”, אומעטום דאַכט זיך מיר, אַז „רעד” גייט . . . נאָר איך האָב טאַקע דער־הערט אויף אַן אמת:

— האַלאָ רבקה! און „רעד” איז אַריינגעקומען. איך האָב זיך, זעט אויס, צעטומלט, אָדער גלאָט אַזוי פון אומגעריכטקייט, נאָר דאָס גלאָז טיי מיטן שעלכל זיינען ביי מיר אַרויסגעפאַלן פון האַנט אוןביידע צעבראָכן געוואָרן. און „רעד” האָט עס געזען. ער

האָט גאָרניט געזאָגט, נאָר ער האָט זיך אַ נעם געטאָן אויפקלייבן די שערבלעך פון דער ערד . . . אַזאַ משוגענער. אַזוי ווי ער זאָל גאָר קיינמאָל ניט אַוועקגיין אויף גאַנצע זעקס וואָכן. אַז ער האָט שוין אויפגעקליבן דאָס „גלאָזוואַרג", האָב איך אים דער־לאַנגט זיין פּעקל סיגאַרעטן, מיט די פּאַרטריקנטע רויזן, מיט רוטס בריוו, אַלץ צוזאַמען.

„נאַ, „רעד", איך פאַרשטיי דו ביסט געקומען נאָך דיינע סיגאַרעטן, נאַ . . .

איך ווייס ניט פאַרוואָס איך בין געווען בייז. עפּעס איז ביי מיר געווען אַזאַ געמיט, אַז מיר האָט זיך געוואָלט טאָן מאָדנע זאַכן. צו להכעיס. וואָס בין איך הפקר? אָט גייט ער אַוועק, און אָט קומט ער צוריק?

„רעד" האָט גענומען די סיגאַרעטן און זיי אַריינגעלייגט אין טאַש. די רויזן האָט ער אַריינגעלייגט צוריק אין מיין טישקעסטל (ווי ביי זיך אינדערהיים) און רוטס בריוו האָט ער איבערגע־לייענט, האָט גאָרניט געזאָגט און האָט אים אַוועקגעלייגט צוריק אויפן טיש. איך האָב געקוקט אויף „רעד"ן און גאָרניט פאַר־שטאַנען, ניט וואָס עס טוט זיך מיט מיר, און ניט וואָס עס טוט זיך מיט אים. „רעד" האָט אַרויסגענומען דעם זעלביקן פּעקל פּאַפּיראָסן וואָס איך האָב אים אָפּגעגעבן און ער האָט פאַררויכערט. ער האָט ניט גערעדט, נאָר געשטאַנען און גערויכערט. איך האָב אים ניט געבעטן זיצן.

„זאָל ער שטיין, נישקשה, זעקס וואָכן ניט געקומען, מעג ער שטיין אַביסל", האָב איך געטראַכט. נאָר איך האָב געזען, אַז „רעד"ן אַרט עס ניט, איך האָב געזען, אַז „רעד" איז אַזוי מאָדנע פריילעך. דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— רבקה, „איטאַלי" איז אַריין אין קריג . . .

איצט האָב איך געזען, אַז „רעד" איז משוגע, איך האָב זיך גאָרניט געכאַפּט, פאַרוואָס ער זאָגט עס מיר. נאָר „רעד" האָט ווייטער געזאָגט:

— דו וועסט ניט קענען פאָרן קיין „פּאַלעסטיין" . . . רבקה, דו וועסט בלייבן אין ניו יאָרק . . . און „רעד" האָט אָנגעהויבן ריידן ענגליש: „אַ'ם סאָ גלעד, רבקה, אַ'ם סאָ גלעד, אַ'ם סאָ

העפּי״ (איך בין אַזוי צעפרידן, גליקלעך) ! דאָס האַרץ האָט ביי מיר אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן, מיר איז געווען אומעטיק און פריילעך. איך האָב געפילט, אַז איך וועל באַלד וויינען, איך האָב געוואָלט אַרויסגיין פון צימער, נאָר די טרערן זיינען געקומען גיכער, מיר איז געוואָרן הייס אין די אויגן, הייס, ווי פייער זאָל זיי בריען..

מיר איז געווען אומאַנגענעם וואָס איך וויין. מיר האָט זיך געוואָלט האָבן צו „רעד״ן אַ טענה, איך האָב געפילט, אַז איך האָב צו אים אַ טענה, נאָר ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן, און דאָס וואָס איך האָב געזאָגט, האָט מיר שפּעטער באַנג געטאָן.

— דו ביסט מיר געקומען אָנזאָגן אַ שמחה, אַז איטאַליע איז אַריין אין קריג . . . דאָס ביסטו געקומען און פריער וואו ביסטו געווען זעקס וואָכן ? דו האָסט מיר צוגעזאָגט ברענגען „אַלוויז״ פרישע רויזן ? האָסטו מיר געבראַכט ? איך וועל דיר מער קיינמאָל ניט גלויבן . . . קיינמאָל ניט . . .

— דו מאַכסט אַ „דזשאָק״ (אַ שפּאַס) רבקה ?

— ניין, איך שפּאַס ניט . . . איך זאָג אויף אַן אמת . . . ווער האָט דיך געבעטן קומען ? ביסט דאָך אַוועק . . . ווער האָט דיך געבעטן קומען צוריק . . .

איך האָב געמיינט, אַז „רעד״ וועט אַוועקגיין און וועט שוין מער קיינמאָל ניט קומען צוריק. נאָר איך האָב אים געמוזט דאָס זאָגן. איך האָב אַנדערש ניט געקענט.

נאָר „רעד״ איז ניט אַוועק. ער האָט זיך גאָר אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל און האָט מיך אָנגעהויבן בעטן : סעט דאַן, רבקה, סעט דאַן, פּליז״ . . . (זעץ זיך, רבקה, זעץ זיך איך בעט דיך).

די לאַנדריניטשקע איז אַריינגעקומען. זי האָט דערזען „רעד״ן און האָט צו אים געזאָגט זייער פריינדלעך :

— אָ, אַ גאַסט ! איר זענט שוין ביי אונז אַזוי לאַנג ניט געווען . . .

— איך בין געווען „ביזי״ (פאַרנומען), האָט „רעד״ איר גלייך אָפּגעטאָקט אַן ענטפער און פריילעך געקוקט אויף איר :

— און וואָס מאַכט איר מיסיס שליווקא ?

„רעד״ קוקט היינט זייער פריילעך אויף אַלעמען, אַזוי שטאַרק

טוט אים הנאה וואָס איטאַליע איז אַריין אין קריג . . . איך קען אים ניט פאַרשטיין דעם „רעד״.

מיר זיינען אַראָפּ צום איסט ריווער. דער איסט ריווער האָט ווידער געלויכטן מיט אַ סך פייערן, און שיפן זיינען געשוואומען. פריילעכע שיפן, ליכטיקע און גרויסע. „רעד״ האָט מיך גענומען ביי דער האַנט:

— רבקה, אמת אַז דו וועסט מיך קיינמאָל ניט „טראָסטן״ (גלויבן)?

— אמת...

— דו מאַכסט אַ „דזשאָוק״, רבקה...

— ניין, „רעד״ אמת... דו האָסט מיך אָפּגענאַרט...

„רעד״ האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן!

— איך האָב דיך „נעווער״ (קיינמאָל ניט) אָפּגענאַרט... און איך וועל דיך „נעווער״ אָפּנאַרן, רבקה, „נעווער״...

איך האָב זיך איינגעהערט, ווי די מאַשינעס לויפן, ווי עס רוישט דאָס וואַסער, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע זאַכן, אַלע זאָגן איצט „נעווער״, „נעווער״...

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך האָב גאָרניט געגעסן, אפילו קיין טיי ניט געטרונקען, הונגעריק בין איך ניט געווען, באָר איך האָב דאָס געוואָלט זאָגן „רעד״ן.

מיר זיינען געפאָרן ערגעץ אויף אַ באַס אין אַ „לאָנטש־רום״. איך געדענק גאָרניט, וואָס „רעד״ האָט מיר געזאָגט. ער האָט מיר עפּעס געזאָגט וועגן רוטס בריוול. „רעד״ האָט מיך געהאַלטן פאַר אַ האַנט. פון דעם גאַנצן אָוונט געדענק איך מער ניט ווי דאָס וואָרט „נעווער״, „נעווער״, „נעווער״...

וואָס פאַראַ מאָדנער וואָרט דאָס איז! היינט האָב איך געפילט, אַז עס איז זומער. און זומער איז גוט.

בלינצעס

12־טער יוני.

די טאַנטע האָט געמאַכט בלינצעס. אמתע שבועותדיקע בלינצעס. צו די בלינצעס האָט די טאַנטע „אינווייטעד״ (איינגעלאַדן) עדין און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל מיטברענגען

„רעד"ן. עדי קומט אַהער כמעט אַלע טאָג. נאָר היינט איז ער געווען „אינווייטעד" און ער איז געקומען מיט אַ בלום אין לאַץ. „רעד" איז אויך געקומען מיט אַ בלום אין לאַץ. סעלמאַ האָט אָנגעטאָן אַ קלייד מיט גרויסע בלומען. אַז איך האָב דערזען, אַז אַלע זיינען אַזוי אויסגעפּוצט בין איך אַריין צו דער מיסיס שאָר און איך האָב זי געבעטן זי זאָל מיר געבן די ליליא סאָמע־טענע בלום.

— וואָס עפּעס? האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— אַלע זיינען אויסגעפּוצט צו די בלינצעס.

אַז איך בין אַריינגעקומען מיט דער ליליא סאָמעטענער בלום אין די האָר, האָט זיך „רעד" אַזש אַ שטעל געטאָן, ער האָט דערקאַנט די בלום, און ער האָט מיך אַ פרעג געטאָן:

— דו האָסט אָנגעטאָן די „לאַקי" (מזלדיקע) בלום?

— יע . . .

— וואָאַי (פאַרוואָס)? האָט „רעד" געפרעגט און האָט גע־לאַכט, וואָאַי, רבקה?

— ווייל דו טראָגסט אַ בלום אין לאַץ...

דערווייל איז אַריינגעקומען די מיסיס שאָר און האָט גע־זאָגט, אַז זי וויל אויך פאַרזוכן די בלינצעס. „רעד" האָט ביי איר אַ פרעג געטאָן:

— מיסיס שאָר, פאַרוואָס האָט היינט רבקה אָנגעטאָן די „לאַקי" בלום?

— מיט דער בלום ווערט מען אַ כלה, האָט די מיסיס שאָר געזאָגט און האָט צו „רעד"ן אַ זשמורע געטאָן מיט אַן אויג.

„רעד" האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט איך זאָל זאָגן פאַר אַלעמען אין די אויגן, צי איך וויל ווערן אַ כלה?

— איך וויל . . . האָב איך געזאָגט.

אַלע האָבן געלאַכט, איך האָב אויך געלאַכט, „רעד" האָט געלאַכט אויפן קול. בלויז עדי האָט קוים געשמייכלט. מיר האָט אַ קלעם געטאָן דאָס האַרץ, איך האָב חרטה געהאַט, וואָס איך האָב אָנגעטאָן די בלום.

— מיט וועמען ווילסטו ווערן אַ כלה? האָט „רעד" מיך ניט אָפּגעלאָזט. ער איז געווען פריילעך.

— „טעל די טרוט", (זאָג דעם אמת), רבקה, פּליז, טעל די טרוט...

— מיט אַבי וועמען... האָב איך געענטפערט.

— אויב אַזוי, האָט „רעד" געזאָגט, ווער מיט מיר אַ כלה...

אַזיוווי ער האָט עס אויסגערעדט נעמט די מיסיס שאָר און פּאָטשט בראַוואָ, און די טאַנטע אויך און סעלמאַ אויך און „רעד" אַליין אויך. איך האָב זיך אַזוי צעטומלט. אַלע זיינען שוין הייסט עס מסכים... מיר איז עפּעס געוואָרן שווער אויפן האַרצן. מיר דאַכט זיך, איך בין טאַקע געוואָרן „רעד"ס כלה.

איך האָב זיך פּלוצלינג דערמאָנט אָן לייזערן. „רעד" זאָגט, אַז איך וועל שוין ניט קענען פאָרן קיין ארץ ישראל. איטאַליע איז אריין אין קריג. „רעד" איז געווען זייער פריילעך דעם אָוונט. ער האָט געטאַנצט מיט סעלמאַן, מיט דער טאַנטע און מיט דער מיסיס שאָר. שפּעטער איז געקומען מאַרווין. ער האָט אַרויפגעבראַכט אַ בריוו פאַר מיר. דער בריוו איז געווען פון מיין ברודער כאַצקל. ער איז שוין ניט אין אַנטווערפּן. ער איז אַנטלאָפן מיט זיין משפחה קיין פּאַריז. זיין מיידעלע, זשאַנעט, האָט מען שוין צווייִמאָל געמאַכט אַן אָפּעראַציע אויף די אויגן. ווען זיי זיינען געלאָפן פון אַנטווערפּן קיין פּאַריז איז אויף איר אַרויפגעפאַלן אַ שטיק ערד, אויסגעריסן זיך פון אינמיטן וועג און געגעבן אַ זעץ דעם קינד אין די אויגן... דער זעץ איז געווען אַ שטאַרקער. מען ווייס נאָך ניט צי דאָס קינד וועט זען. כאַצקל בעט מען זאָל אים שיקן געלט.

— איך וועל אים שיקן די זעקס דאָלער, וואָס איך האָב אויף אַ מאַנטל, האָב איך געזאָגט דעם אָנקל.ביים אָנקל זיינען ראָז געוואָרן די באַקן.

— אַז דו קלייבסט געלט אויף אַ מאַנטל, קויף זיך אַ מאַנטל, האָט דער אָנקל געזאָגט. שפּעטער האָט ער מיר געגעבן צען דאָלער.

— שיק דאָס אָפּ כאַצקלען, האָט ער געזאָגט און האָט אַ זיפץ געטאָן, אַזיוווי דעמאָלט פּאַרטאָג, ווען ער האָט גערעדט וועגן עדין. איך האָב ביי אים גענומען די צען דאָלער און איך האָב אָנגעהויבן וויינען, איך האָב זיך אָוועקגעדרייט אין אַ צווייטן

צימער, און אויסגעווישט די אויגן. „רעד" איז אריינגעקומען. איך האָב געזען, אַז אים אַרט, וואָס דער בריוו פון ברודער האָט אונדז צעשלאָגן אַ פריילעכן אָוונט:

— ווייַן ניט, רבקה, פליז... וואָס קענסטו טאָן?

ער איז גערעכט, „רעד", טאָן קען איך גאָרניט... איך האָב בלויז ארויסגענומען פון די האָר די סאַמעטענע בלום, איך האָב זי היינט ניט געוואָלט טראָגן... דאָס מזל זאָל זיך פון דער בלום ניט אָפּטאָן...

ניטאָ מיט וואָס צו לעשן

15־טער יוני.

די ערגסטע שרפה איז, ווען עס איז ניטאָ מיט וואָס צו לעשן, פלעגט זאָגן די מאַמע עה"ש. אַז מיין ברודער כאַצקל בעט מען זאָל אים שיקן געלט, מסתם איז ביי אים די ריכטיקע שרפה... אונדזער משפחה האָט פיינט צו בעטן. מער פעלט ניט, אַז די קליינע זשאַנעט זאָל בלינד ווערן. דער אָנקל האָט מיר געגעבן אויף אָפּשיקן כאַצקלען צען דאָלער. אַז איך דער־מאָן זיך דעם רעכענונג וועגן סעלמאָס „שרפה", די חתונה, הייסט עס, מיטן „סערעמאָני מעסטער", מיט די „פלאָוערס", מיט די „אינוויטעישן קאַרדס", מיט די „טיפּס", מיטן „ראַלעי" האָטעל, דאַכט זיך מיר, אַז דער אָנקל האָט ניט געמאַכט דעם ריכטיקן חשבון מיטן ברודערס צען דאָלער... אפשר איז טאַקע ריכטיקער, וואָס דער אָנקל איז געוואָרן אַן אינשורענס אַגענט אויף דער איסט סייד און ניט קיין רב אין נאָוואָגרודעק... די זעקס דאָלער, וואָס איך האָב אויף אַ מאַנטל, וועל איך אָפּשיקן כאַצקלען. וועט שוין זיין זעכצן דאָלער, און אפשר אָפּשיקן שיינפעלדס פופצן אויך, די וואָס איך דאַרף אָפּגעבן „משיח"ן? אויף ראַטעווען אַ מענטשן מעג מען דאָך אפילו מחלל שבת זיין און מחלל יום טוב זיין, מעג מען אפשר אָפּשיקן שיינפעלדס פופצן דאָלער אויך?

איך בין היינט אריין זען שיינפעלדן וועגן דעם.

שיינפעלד איז טאַקע געוואָרן אַ גאַנצער לייט. ער זיצט אין אַ ליכטיקן צימער און אויפן טיש ביי אים ליגן ביכער, מסתם די רעכענונגען פון דער „לאָון סאָסייעטי". די פאָדלאָגע גלאַנצט

דאָרט אַזויווי ביי מיסטער שאמוט אין אָפיס. שיינפעלד איז געווען פאַרנומען, ער האָט צו מיר אַ וואונק געטאָן, אַז איך זאָל אויף אים וואַרטן. ער האָט געשמועסט עפּעס מיט אַ הויכן „מיסטער", און כאָטש זיי זיינען ביידע געזעסן אויף זייערע בענקלעך, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער הויכער מיסטער טאַנצט. זיין בענקל האָט זיך ניט אויפגעהערט צו דרייען. אַ דריי אַהין, אַ דריי צוריק. אַ דריי צוריק און אַ דריי ווידער אַהין. און אויסער דעם, וואָס דאָס בענקל דרייט זיך, גיט דער מיסטער אַליין אויך זיך אַלע ווײַלע אַ הויב אונטער. אָטאָ דאַכט זיך, אַז דער הויכער מיסטער וועט גאָר אַוועקפליען צוזאַמען מיטן בענקל. ער וועט זיך אַ הויב טאָן פון דער גלאַנציקער פּאָדלאָגע און „פוף"! ער איז אַ שיינער, זעט אויס ווי אַ מיניסטער, מערניט, ער כאַפּט אַן אַנבליק אין אַנטעקן, דעם פערד גנב, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייטביים זיידן רב מאָטיעלע אויפן הויף. אַז דער הויכער מיסטער האָט זיך אַ ריכטיקן דריי געטאָן אויפן בענקל און איז אַוועקגעגאַנגען האָט מיר שיינפעלד געזאָגט:

— דאָס איז טאַקע מיין לאַדזשער לאַנדסמאַן, מיסטער קאַרעלין, וואָס איך האָב אייך דערציילט וועגן אים. יעדעס מאָל, ווען ער קומט אריין צו מיר עפּעס „דורכשמועסן" האָב איך דערנאָך אַ קאָפּ ווייטיק, טאַקע ניט קיין „העד־אייק", נאָר אַ ריכטיקן קאָפּ ווייטיק... און ער איז ניט קיין שלעכטער מענטש, פאַרקערט אַ גאַנץ גוטער. האָט ליב צו טאָן אַ טובה, נאָר פונדעסטוועגן האָב איך נאָך אים אַ קאָפּ ווייטיק שטענדיק. ער וויל טאַקע איך זאָל אונטערשרייבן אויף זיין בוך, „פּראָפעסאָר דאָקטער שיינפעלד". ער פאָדערט עס ניט, ער גיט מיר בלויז אַן עצה, אַן „עדווייז". עס וועט זיין בעסער פאַר אים און שענער פאַר מיר, זאָגט ער. און ווען וועט עס אָרן?

איך האָב געזאָגט שיינפעלדן וועגן די פופצן דאָלער, אַז איך וויל זיי אָפּשיקן צו מיין ברודער צו כאַצקלען, און איך האָב אים דערציילט וועגן זשאַנעטס אויגן, אַז מען דאַרף זי ראַטעווען, זי זאָל ניט בלינד ווערן. שיינפעלד האָט אַ טראַכט געטאָן:

— נו, דאָס געלט פאַר מיר האָט איר דאָך געקריגן, נאָר

איך וואָלט זייער ניט וועלן בלייבן שולדיק אייער „משיח"ן. איבערהויפּט איצט, דאָס בוך דאַרף אַרויס. איך וואָלט זייער ניט וועלן... נו אַז שיינפעלד זיצט אין אַזאַ שיינעם צימער און די פּאָדלאָגע שיינט ביי אים אַזוי ווי ביי מיסטער שאַמוט אין אָפיס, ווייל ער ניט בלייבן שולדיק גאָרניט „משיח"ן... וואָס זשע זאָל איך טאָן מיט מיין ברודער כאַצקלען און וואָס זאָל איך טאָן מיט זשאַנעטן? איך האָב צוגעזאָגט שיינפעלדן אָפּגעבן דאָס געלט אין אַ חודש אַרום, און דערווייל וועל איך עס אָפּשיקן כאַצקלען. קיין מאַנטל וועל איך שוין ניט קויפן. אָבער דערווײַלע איז וואַרעם. אַפילו אין די אָוונטן קען מען אויך ניט דערפרוירן ווערן. צו וואָס דאַרף איך אַ מאַנטל?

און „רעד" האָט מיר היינט געבראַכט קרעלן גרויסע, גלאַנ־ציקע. איך שעם זיך זיי אָנטאָן. וואָס עפּעס אינמיטן דערינען אַזעלכע גרויסע גלאַנציקע קרעלן? נאָר „רעד" האָט מיך אַזוי געבעטן: „פּוט דעם אָן" (טו זיי אָן) . . . פּליז, רבקה.

איך ווייס, אַז דאָס איז אַ נאַרישקייט פון מיין זייט. איך האָב זיי באַדאַרפט אָנטאָן, נאָר איך האָב ניט געקענט ביי זיך פּועל'ן. אפשר, ווען עס וואָלט ניט געווען דער בריוו פון כאַצקלען, ווייס איך ניט. איך האָב זיך פאַרענטפערט פאַר „רעד"ן:

— דו ווייסט דאָך, איך טראָג ניט קיין צירונג. עס איז נאָך קיין יאָר ניטאָ, ווי די מאַמע ע"ה . . .

— פאַרוואָס טוסטו אָן די „לאָקי" בלום? אַז דו ווילסט טוסטו אָן . . .

— אַ בלום מעג מען, אַ בלום איז ניט קיין צירונג.

„רעד" האָט געשוויגן. איך האָב די קרעלן אַרומגעדרייט אַרום האַנט, ווי אַ בראַסלעט.

— איך וועל זיי טראָגן אויף דער האַנט. אויף דער האַנט זעט מען ניט אַזוי אַרויס.

„רעד" האָט מיר פאַרשפּיליעט די קרעלן אויף דער האַנט.

— „יו העוו יור אָהן ווײַ" (דו האָסט זיך דיינע גענג), רבקה, דו ביסט אַ ביסל אַ „צעדרייטע" „באָט אַי לאַיק יו" (נאָר איך האָב דיך ליב) . . . האָט מיר „רעד" געזאָגט, ווען איך האָב אָנגעטאָן די קרעלן ניט אויפן האַלדז, נאָר אויף דער האַנט. איך ווייס ניט

צו „רעד״ן האָט עס פאַרדראָסן צו ניט. דאַכט זיך, אַז אַביסל האָט אים פאַרדראָסן. לייזער איז געווען אַנדערש. איך האָב הייגט עטלעכע מאָל געטראַכט וועגן אים. „רעד״ן האָב איך גאָרניט דער־ציילט, אַז איך מוז שיקן געלט צו מיין ברודער, לייזערן וואָלט איך עס געוויס דערציילט. ביי מיר דרייט זיך דער קאָפּ, ווען איך טראַכט וועגן דעם אַלעמען. און אפשר שווינדלען מיר אין די אויגן די גרויסע גלאַנציקע קרעלן?

די טייערע ליאַלקעס

17־טער יוני.

אין סקול זיינען צוגעקומען צווי נייע שילער, אַ ברודער מיט אַ שוועסטער, מאַכליס איז זייער נאָמען. זיי זיינען געקומען פון פאַריז, מזלדיקע מענטשן! און כאַצקל נעבאַך איז דאָרט פאַר־בליבן אין דער מלחמה. דער ברודער מאַכליס טראָגט אַן אַנצוג אין קליינע קעסטעלעך, אַזוי ווי לייזערס אַנצוג. און ער איז אַליין אויך אַביסל געראָטן אין לייזערן, איבערהויפּט ווען ער שמייכלט. האָב איך געטראַכט וועגן לייזערן און געטראַכט וועגן „רעד״ן. וועל איך אייביק טראַכטן וועגן לייזערן און וועגן „רעד״ן? איך ווייס ניט. די מאַכליסעס האָבן דערקאָנט, אַז איך בין אויך אַ „גרינע״ און זיי זיינען מיך געגאַנגען באַגלייטן אַהיים.

— וואָס איז אייער אַרבעט? האָב איך זיי געפרעגט. ווייזט זיך אַרויס זיי מאַכן ליאַלקעס.

ביי די טייערע ליאַלקעס דאַרף מען מאָלן די פּנימער, האָבן מיר געזאָגט די מאַכליסעס. יעדער ליאַלקע דאַרף האָבן אַ באַזונ־דער פּנים. איינע לאַכט, איינע וויינט, איינע איז יונג, איינע איז אַלט. אָט דאָס מאָלן מיר.

גאָר אַזאַן אַרבעט? זיי מאָלן ליאַלקעס. רוט איז אַ מאָדעל. מאָדנע מלאכות אויף דער וועלט פאַראַן! אַבי איך האָב געמיינט, אַז אַ חוץ אַ שוסטער מיט אַ שניידער, מיט אַ קירשנער, מיט אַ זייגערמאַכער און אַ בעקער — זיינען אויף דער וועלט גאָר מער קיין מלאכות ניטאָ. צווישן זיך ריידן די מאַכליסעס פראַנצויזיש, און איך האָב געטראַכט וועגן דער קליינער זשאַנעט, זי רעדט אויך פראַנצויזיש.

גייענדיק האָבן מיר באַגעגנט „רעד"ן. ער איז געגאַנגען מיך אָפּנעמען פון סקול.

איך האָב אים באַקאַנט מיט די מאַכליסעס. איך האָב געזען ווי „רעד" האָט באַטראַכט דעם ברודער מאַכליס.

— ווער זיינען זיי? האָט מיך „רעד" געפרעגט, ווען מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען.

— זיי לערנען אין סקול, „רעפּיודזשיס", זיי מאָלן ליאַלקעס.

— אַרטיסטס?

— אפשר קינסטלער . . .

— „אַי דאָנט לאַיק די אַרטיסטס" (כ'האָב ניט ליב קיין קינסטלער), — האָט „רעד" אַ זאָג געטאָן און דערנאָך האָט צו־געגעבן:

— צו וואָס דאַרפסטו מיט זיי גיין?

מיר האָט פאַרדראָסן אויף „רעד"ן. ער איז איבער מיר אַ גאַנצער באַלעבאָס. און אינמיטן דערינען גיט ער זיך גאָר אַ גיי אַוועק אויף זעקס וואָכן און ווערט פאַרפאַלן. פאַר פאַרדראָס זיינען ביי מיר אַראָפּגעפאַלן די הענטן פון האַנט. ביי דער מאַמע עה"ש פלעגט אויך באַלד אָנהויבן פאַלן פון די הענט, ווען איר פלעגט עפּעס פאַרדריסן. איינמאָל, אַז זי איז אין כעס געוואָרן אויף מיין ברודער מיכלען, וואָס ער איז געקומען מיט בלאָטיקע שיך פרייטיק צו נאַכט צום עסן, האָט זי אַראָפּגעוואָרפן דעם פאָלו־מיסעק פיש. מיכל האָט שוין געקראָגן זיין אויסקומעניש דערפאַר. איך האָב זיך דערמאָנט די מעשה און שוין גאָרניט געענטפערט „רעד"ן, זאָל מיינס איבערגיין.

זעט אויס, אַז „רעד" האָט זיך גוט אַריינגענומען אין זינען לייזערס פאָטאָגראַפיע, ווייל שפּעטער האָט ער געזאָגט:

— איך האָב געמיינט, דאָס איז דיין פריינט פון „פאַלעסטיין" געקומען, זיי „לוק דע סעים" (זיי זיינען ענלעך) . . .

— נו ווילסטו שוין ווייטער אַוועקגיין אויף זעקס וואָכן? האָב איך ניט געקענט זיך איינהאַלטן, זאָלסט ניט פאַרגעסן, „רעד", דיינע סיגאַרעטן . . .

„רעד" האָט אָנגעהויבן לאַכן.

— דו ביסט אַ שלעכטע, רבקה, „עז מיי פּאַטהער סעיס״ (ווי מיין טאַטע זאָגט) אויף מיין מאַמען: אַ ביטערע אידענע!

און „רעד״ האָט אַ קוק געטאָן אויף מיין האַנט, צי איך טראָג זיינע קרעלן.

— זיי געפעלן דיר? האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן און גענומען מיין האַנט מיט די קרעלן.

— זייער, איך האָב זיי זייער ליב.

„רעד״ איז צוריק פריילעך געוואָרן. ער האָט אַ קעם געטאָן די רויטע האָר מיט דער האַנט און האָט מיך גענומען אונטערן אָרעם: קאָם אַן „ביטערע אידענע״, איך וועל דיך נעמען אין די מואוויס.

אין די מואוויס האָבן מיר געזען איינעם אַ שוואַרצן טאַנצן. ער האָט זייער שיין געטאַנצט, און איך האָב געהערט, ווי „רעד״ האָט די גאַנצע צייט צוגעטופּעט מיט די פיס. זעט אויס, אַז „רעד״ קען אויך טאַנצן דעם זעלביקן טאַנץ. איך וועל קיינמאָל ניט קענען אַזוי טאַנצן. דאָס הייסט דען געטאַנצט? דאָס איז דאָך געשפּרונגען, ווי חלילה גלייך אין גיהנום אַריין. און אפשר וועל איך זיך אויך אויסלערנען שפּרינגען גלייך אין גיהנום אַריין? ווער ווייס?

די יונגע יאָרן

20־טער יוני.

די מיסיס קאָשעס האָט אָפּגעשטעלט איר טעלעפאָן. מיט קיין ביזנעס קען זי זיך איצט ניט פאַרנעמען און כדי שאַרלאָט זאָל דריי מאָל אַ וואָך אָפּרופן און פרעגן: „האַו אַר יו ענט?״ איז ניט כדאַי פאַרן טעלעפאָן צו צאָלן. אַזוי זאָגט די מיסיס קאָשעס.

— וואָס דאַרף איך אים, אַזוי איז שטיל אין „רום״, איך קען ליגן און זיך דערמאָנען אַלע זאַכן וואָס זיינען מיר ליב געווען. און אַז דער טעלעפאָן שטייט לעבן מיר, פרעגן מיך אַלע מיינע „ניסעס״ „האַי אַר יו ענט?״ האָב איך קיין עין הרע ניין „ניסעס״, פינף פון זיי זיינען אין ניו יאָרק — קלאַפּט מיר אַ גאַנצן טאָג דער טעלעפאָן אין קאָפּ. אָבער די טיר גיט זיך ניט קיין עפן, סיידן, אַז דו קומסט, אָדער זיסעלע . . .

די מיסיס קאַשעס האָט אַ שמייכל געטאָן און דערנאָך האָט זי מיר געזאָגט:

— און דו ווייסט, ביי מיר איז דאָ געווען די וואָך אַ מענטש, וואָס איך האָב אים שוין ניט געזען אַ יאָר אַכט. פלוצלינג געקומען. ער האָט זיך דערמאָנט, זאָגט ער. ער האָט אַן אָפיס ערגעץ אויף בראָדוויי. בויט הייזער. אַ העלפט פון די האָטעלן אין די קעטסקל מאָונטיינס געהערן צו אים. אַ רייכער מענטש. ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, מיט אַ יאָר פערציק צוריק, האָט ער זיך ביי מיר געבעטן איך זאָל מיט אים חתונה האָבן. גאַנצע אָוונטן פלעגט ער אָפּשטיין ביי מיין טיר. איך האָב דעמאָלט געוואוינט אויף ריווינגטאָן סטריט. שטיין און וואַרטן אויף מיר... דו ווייסט, רעי, וואָס ער האָט מיר אַמאָל געזאָגט?

— וועמען?

— מיט פערציק יאָר צוריק, דעמאָלט... ער האָט מיר געזאָגט: אַזוי ווי די זון קען ניט פאַרלאָשן ווערן, בעטי, אַזוי וועל איך דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. און ער האָט געהאַלטן וואָרט. הערסט, רעי, ער האָט געהאַלטן וואָרט. איך האָב קיינמאָל ניט געהערט, אַז אַ מאַן זאָל האַלטן וואָרט, נאָר ער — ביזן היינטיקן טאָג. ער איז דערנאָך רייך געוואָרן, געוואָרן אַ מאַגנאַט, פאַרט אַרום מיט אַ שאָופער. ער האָט אויסגעבויט בתי מדרשים אין ניו יאָרק און, להבדיל, אַ קלויסטער, ווייסט דאָך ביי די מענטשן איז אַלץ איינס, פאַר זיי איז סיי ווי קיין גאָט ניטאָ... אָבער אַ וואָרט מענטש. ער פלעגט פאַרפאַלן ווערן אויף אַ פיר פינף יאָר און דערנאָך ווייטער קומען, פלוצלינג... און מיך פרעגן, צי איך האָב ניט חרטה... איינמאָל איז ער געקומען אין אַ שטורעם. עס האָבן געריסן די דעכער, איז ער פלוצלינג אַריינגעפאַלן:

— בעטי, האָט ער געזאָגט, איך האָב געקויפט אַ האָטעל פאַר אַ האַלבן מיליאָן דאָלער, אפשר האָסטו חרטה?...

נעכטן, איך ליג אַזוי, פלוצלינג מען קלינגט, זיסעלע איז דאָ געווען, ערשט ער קומט... ער האָט מיך שוין ניט געפרעגט, צי איך האָב חרטה, ער האָט בלויז געזאָגט:

— דאָס קום איך געוואָר ווערן מיינע יונגע יאָרן אויף

ריווינגטאָן סטריט. מען ווערט אַלט. איך בין צופיל רייך, בעטי, צופיל רייך. אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז אַלע מיינע הייזער מיט די האָטעלן, מיטן שאָופער לאָכן זיך אויס פון מיר: — אַנו, פּרואוו אָפּקויפן צוריק די ריווינגטאָן סטריט . . . צוויי זאַכן האָב איך ניט געקענט קויפן אויף מיין לעבן — די ריווינגטאָן סטריט פון פאַר פערציק יאָרן, און דיך פאַר אַ ווייב. און אויסער דעם — קען מען אַלץ קויפן, בעטי, אַלץ, אַ בית מדרש, אַ טשוירטש, אַ האָטעל, פריינט, ווייבער, גוטע רייד, ברכות, פּאַדזשאַמעס, אַלץ . . . ער איז דאָ געזעסן אַקעגן אַ שעה צייט און איז אַוועק. קיין געלט באַט ער מיר ניט אָן. ער ווייס איך נעם ניט. איך האָב געוואָלט אים נעכטן אָפּגעבן די שיינע פּאַווע נאָר איך האָב אַ טראַכט געטאָן, ער האָט צופיל זאַכן . . . ער האָט מיר געוואָלט שיקן אין וואָרם־ספּרינגס . . . צו וואָס? אַ שדוך טאָן איז גוט אין דער יוגנט, און אַ טובה אָננעמען איז גוט, ווען מען דאַרף עס ניט . . . און דיר, רעי, וועל איך זאָגן דעם אמת: ער וואָלט מער קיינמאָל ניט געקומען, ווען איך גיב אים נאָך אַפילו אויף פאָרן אין די וואָרם־ספּרינגס . . . דאָטס אָל.

ביי דער מיסיס קאָשעס זיינען גרויס געוואָרן די אויגן, און מיר האָט זיך געדאַכט, זיי זיינען צוריק געוואָרן שיין. איינגע־שפּאַרט און שיין.

פאַר מיין אַוועקגאַנג האָט מיך די מיסיס קאָשעס געבעטן איך זאָל נעמען די „שיינע פּאַווע".

— נעם עס, האָט זי געזאָגט, אַז זי וועט זיין ביי דיר, וועט מיך ניט אַרן. ווייל מיינע „ביסעס" וועלן דאָס „פּיקסן". זיי וועלן דאָס פאַרקויפן פאַר צען דאָלער, דאָטס אָל.

די שיינע פּאַווע האָב איך מיטגענומען אַהיים, געטראָגן עס פאַרוויקלט אין אַ ליילעך און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער מיסיס קאָשעס נשמה לויפט נאָך נאָך מיר, היטן, אַז קיין שטויב זאָל אויף דער שיינער פּאַווע ניט פאַלן. וואו זאָל איך עס אַוועק־לייגן? און ווי זאָל איך עס איינהיטן, דאָס איז דאָך ניט קיין בלויע וואָלענע טוך, דאָס איז דאָס לעבן פון דער מיסיס קאָשעס, איר „שיינע פּאַווע".

ווי אַ מאַמע

22־טע יוני.

צו גוט, טויג אויף כּפּרות. אַז איך בין געקומען פריטיק צו נאַכט „אויף פיש" צו דער טאַנטע, האָט זי מיר דערלאַנגט אַ בריוו אין אַזאַ גרויסן קאָנווערט, אַז אַ „טשיקן" (אַ הון) וואָלט מען אַהין געקענט אַריינפּאַקן, אַזוי האָט געזאָגט אויפן קאָנווערט די מיסיס שאָר. אָבער דער בריוו איז גראָד געווען אַ קורצער. די פירמע עדלשטיין האָט פאַר מיר אַ „דזשאָב" פאַר צוואַנציק דאָלער אַ וואָך. און אונטערגעשריבן איז ניט עדלשטיין אַליין, נאָר גאָר איינער מאַק ליהאַי. וואָס דאַרף מען אויף אַזאַ קורץ בריוועלע אַזאַ לאַנגן קאָנווערט? זעט אויס, אַז די גבירים פירן זיך אַזוי. און פאַרוואָס איז אונטערגעשריבן גאָר מאַק ליהאַי? אויף דעם האָט מענדל פושקאַרט אַ תירוץ: עדלשטיין אַליין שרייבט ניט קיין בריוו. ערשטנס, ווייל די „ספּעלינג" (דאָס אויסלייגעכטץ) איז שווער, און צווייטנס, אַז אַ לובלינער איד ווערט רייך דינגט ער זיך באַלד עפּעס אַ מאַקע . . .

ווען איך זאָל פאַרדינען אַלע וואָך צוואַנציק דאָלער, וואָלט איך געקענט שיקן כּאַצקלען וויפיל ניט איז אַלע וואָך. און אפשר וואָלט עס פאַר דער קליינער זשאַנעט אויך געווען אַ הילף. נאָר אַלע האָבן געשוויגן וועגן דעם „דזשאָב", קיינער האָט זיך אָן אים ניט אָנגעכאַפּט.

— און אפשר, ווייל ער איז אַ לובלינער . . . האָט די טאַנטע געפּרוּווט דערקלערן עדלשטיינס בריוו, וואָס מיינט איר, די גבירים זיינען שוין גאָר קיין מענטשן ניט? זיי זיינען אויך מענטשן, זיי קענען זיך דערמאָנען פון אַ לאַנדסמאַן . . .

— „עווריבאַדע לאַיקס האַר", (יעדערער האָט זי ליב), האָט סעלמאַ געזאָגט, און זי האָט שוין קאַליע געמאַכט דאָס גאַנצע עסק.

— אויב אַזוי, מעג זי שוין טאַקע בעסער קלייבן די „פּיסעס" ביי מיסטער רובין אין פעקטאָרי, מען ווערט ניט גליקלעך פון צוואַנציק דאָלער אַ וואָך, קיין מיליאָן איז דאָס ניט . . . אַזוי האָט געזאָגט דער אָנקל, און איך וואונדער זיך, ווייל איך האָב קיינמאָל ניט געהערט, אַז דער אָנקל זאָל אַזויפיל „זאָגן" וועגן

עפּעס; מסתם וויל ער טאַקע ניט איך זאָל נעמען די אַרבעט ביי מיסטער עדלשטיין.

נאָר דער אמת'ער „שאָס" איז געווען, ווען עס איז געקומען „רעד" און מען האָט אים געוויזן דעם בריוו פון דעם מאק ליהאַי. „רעד", אַז ער ווערט אין כעס, פאַרגעסט ער אינגאַנצן, אַז ער איז אַ אידיש קינד, און די ענגלישע ווערטער שיטן זיך ביי אים אַזוי שנעל, און עפּעס אַזעלכע מאָדנע ווערטער, אַז איך הויב זיי ניט אָן צו פאַרשטיין.

ערשטנס האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— „וואָט דהי העל" (וואָס, צום טייוול) . . . און נאָך דעם „וואָט דהי העל" האָט ער נאָך עפּעס געזאָגט, און נאָך עפּעס, און נאָך עפּעס, איך האָב גאָרניט פאַרשטאַנען, נאָר איך האָב געזען, אַז ער איז בייז, פייער . . .

דער איינציקער מענטש, וואָס האָט גאָרניט געמאַכט קיין וועזן פון דעם בריוו איז געווען מענדל פּושקאַרט:

— אַ דזשאָב איז אַ דזשאָב, זאָל זיין עדלשטיין, זאָל זיין מאק ליהאַי . . . אַ דאגה. וואָס איז? זיי וועלן זי דאָרט אויפעסן? מען עסט ניט קיין מיידלעך אין אַמעריקע. און איך אויף דער „גרינערס" אָרט וואָלט טאַקע גענומען דעם „דזשאָב", „וואַי נאָט"? (פאַרוואָס ניט?) אַ „דזשאָב" איז אַ „דזשאָב" . . .

— „יו'ל נעווער סי מי אַגעין" (דו ועסט מיך קיינמאָל מער ניט זען) אויב דו וועסט נעמען דעם „דזשאָב", האָט מיר „רעד" געזאָגט, ווען מיר זיינען שפּעטער אַראָפּ אין גאַס.

— נאָר ניט שרעק מיך „רעד", איך בעט דיך.

— „אַי דאָנט „שרעק" יו", (איך שרעק דיך ניט), דאָס איז מיין „אַדווייז" (עצה) . . .

— „אַדווייז" איז שוין עפּעס אַנדערש, אַזוי רייד . . .

שיינפעלדס באַלעבאָס, מיסטער קאַרעלין, גיט אים אויך אַן „אַדווייז" און זעט אויס, אַז אַן „אַדווייז" איז אַזאַ זאַך, וואָס מען דאַרף פאָלגן. אַן עצה קען מען יאָ פאָלגן אָדער ניט, אָבער אַן „אַדווייז" איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש . . .

היינט אינדערפרי איז צו מיר געקומען די מיסיס שאָר, אינ־מיטן דערינען אַריינגעקומען.

— רבקה, איך האָב דיר געבראַכט „קוקיס״, זייער גוטע „קוקיס״, מען וועט זיי צעכאַפּן, האָב איך דיר געבראַכט אַביסל.

אָבער באַלד נאָך די „קוקיס״ האָט זי מיר געזאָגט גאָר פּשוט, און ביי מיר זיינען טרערן אַרויס, ווען זי האָט אָנגעהויבן ריידן.

— רבקה, „בעליוו מיר״ (גלויב מיר), ווען דו זאָלסט דאָ האָבן אַ מאַמע, וואָלט איך צו דיר ניט געקומען אָט איצט. נאָר איך וויל דיר זאָגן: קריג זיך ניט מיט „רעד״ן צוליב אַ „דזשאָב״. וואָס וועסטו האָבן פון די צוואַנציק דאָלער אַ וואָך מיטן מאַק ליהאַי דזשאָבס האָט מען אַ סך, אַז מען לעבט, און אַזעלכע „באָיעס״ ווי „רעד״ וואַלגערן זיך ניט אַרום . . . ביסט שוין צוואַנציק יאָר, רבקה, וועסט זיך חלילה ניט אַרומקוקן, ווי מ׳וועט אָנהויבן דרייען מיט דער נאָז — אָן אַלטע מויד . . . עס די „קוקיס״ און פאַרגעס וועגן דעם מאַק ליהאַי . . . דאָט׳ס אָל.

די „קוקיס״ זיינען טאַקע געווען זייער גוטע, איינדערהיים רופט מען דאָס „פּוטער קיכלעך״, און אַז איך האָב געגעסן די פּוטער קיכלעך האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די מאַמע ע״ה האָט זיי געמאַכט. אַזאַ גוטסקייט האָט צו מיר אַרויסגעוויזן די מיסיס שאָר.

מענדל פּושקאַרט וויצלט זיך

23־טער יוני.

אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. אַפילו אין ניו יאָרק גילט עס אויך אַזוי גוט, ווי אין לובלין. מיר האָבן זיך היינט אַלע געקליבן פאָרן אין די „מאַונטנס״. די טאַנטע, די מיסיס שאָר, סעלמאַ, עדי, „רעד״ און איך. דער אָנקל איז זונטיק פאַרנומען מער ווי אַ גאַנצע וואָך, זונטיק, ווען אַלע זיינען פריי, שמועסט ער מיט מענטשן וועגן אינשורנס. סעלמאַ איז געווען ניט צופרידן פון דעם „באָנטש״, נאָר זי איז מסכים געווען, ווייל עדי האָט זיך געוואָלט דורכפאָרן, און עדי ווי זיין שטייגער איז האָט מיר אָנגע־שריבן אַ צעטעלע:

„ביקאָז יו אַר גאָאינג, אַ׳ם גאָאינג טו״ (ווייל דו פאָרסט, פאָר איך אויך). צו וואָס שרייבט ער די צעטעלעך? ווער ווייסט. אַזאַ נאַטור האָט ער, אַ שרייבער . . .

די מיסיס שאָר מיט דער טאַנטע האָבן געמאַכט „סענד־

וויטשעס". אָבי וואָס איז דאָ „סענדוויטשעס". אַ יחסנדיקער מאכל. אויף אַ שפּאַציר, אויף אַ „פּאַרטי", אויף אַ חתונה, אומעטום „סענדוויטשעס". האָט זיך געשטעלט די מיסיס שאָר מיט דער טאַנטע און זיי האָבן געמאַכט „סענדוויטשעס", מילכיקע און פליישיקע. האָט די מיסיס שאָר געמאַכט צוויי „סענדוויטשעס" מיט קעז, האָט די טאַנטע אַנטקעגן דעם געמאַכט צוויי „סענד־וויטשעס" מיט געהאַקטע לעבער. האָט די מיסיס שאָר געמאַכט צוויי „סענדוויטשעס" מיט אייער, האָט די טאַנטע געמאַכט צוויי „סענדוויטשעס" מיט וואורשט. האָט די מיסיס שאָר געמאַכט צוויי „סענדוויטשעס" מיט הערינג, האָט די טאַנטע געמאַכט צוויי „סענדוויטשעס" מיט „טשיקן". האָט די מיסיס שאָר געמאַכט צוויי „סענדוויטשעס" מיט לאַקס, האָט די טאַנטע געמאַכט צוויי „סענדוויטשעס" מיט קאָטלעטן „העמבורגערס", האָט די מיסיס שאָר געמאַכט צוויי „סענדוויטשעס" מיט מאַיאָנעז און גרינעם פעפער, האָט די טאַנטע אַנקעגן דעם געמאַכט צוויי „סענדוויטשעס" מיט היגערשע פּופּיקלעך. און יעדער „סענדוויטש", סיי אַ מילכי־קער און סיי אַ פליישיקער, קומט מיט אַ האַלבער אוגערקע באַשאָטן מיט זאַלץ. איך האָב געקוקט אויף דעם באַרג מיט די „סענד־וויטשעס" און געזען פאַר מיינע אויגן מיין ברודער כאַצקל מיט דער קליינער זשאַנעט, וואָס שלעפּן זיך אום ווער ווייס וואו און ווער ווייס ווי לאַנג שוין קיין זאַך אין מויל ניט געהאַט.

אַז אַלץ איז שוין געווען פיקס און פאַרטיק און סעלמאַ האָט שוין אַרומגעפּוצט די ברעמען און בודק געווען די נעגל, און אַלע זיינען שוין געשטאַנען אין די היטעלעך און זיך אַרומגעקוקט, צי מען האָט ניט עפּעס פאַרגעסן, האָט דער טעלעפאָן אינמיטן דערי־נען אַ קלונג געטאָן און האָט אָנגעזאָגט די שיינע בשורה:

— מענדל פושקאַרט איז קוים מיטן לעבן אַרויס. נעכטן בייטאָג איז אים ניט גוט געוואָרן און מען האָט אים גלייך גענומען אין שפּיטאָל און גלייך געמאַכט אַן אָפּעראַציע. ווען מען פאַר־שפּעטיקט אויף איין טאָג, וואָלט שוין געווען אויס מענדל פושקאַרט. ערשט ליגט ער אין שפּיטאָל און בעט מען זאָל צו אים אַריבער־קומען.

סעלמאַ איז געווען זייער אומצופרידן, אָט איצט אין אַזאַ היץ

האָט ער זיך אויסגעקליבן אין שפּיטאָל . . . און אונדזער מחנה האָט זיך צעטײלט אויף צווייען: סעלמאַ און עדי פאָרן סיי ווי אין די מאָונטײס, טאַקע אָן דעם „באָנטש”, די טאַנטע, די מיסיס שאָר און איך פאָרן אין שפּיטאָל, און „רעד” איז געבליבן הענגען אינדערלופטן. ער איז אונדז געפאָרן באַגלייטן.

מענדל פּושקאַרט איז געווען זייער צופרידן, וואָס מיר זײַנען געקומען.

— נעכטן האָב איך געמיינט, אַז עס וועט שוין זײַן מיט אַ מענדל ווייניקער אויף דער וועלט, האָט ער געזאָגט, איז דאַכט זיך גאָרניט, וואָס איז איין מענדל אויף אַזאַ גרויסער וועלט? פונדעסטוועגן האָט זיך ניט געוואָלט . . . אַי האָט זיך ניט געוואָלט . . . די פּושקאַרטע האָט דערציילט, אַז ביי איר זײַנען די פיס געוואָרן ווי קלעצער, פאַר שרעק, זי האָט זיי ניט געקענט אַ ריר טאָן, סיידן מיט געוואַלד. און ער, מענדל, האָט געגעבן אַ מאַך צו די אויגן, און ער איז שוין ניטאָ, ניט ער רעדט, ניט ער זאָגט עפּעס . . . אויס . . . אַ נס מיני איז אַנגעלאָפן און מען האָט אים גלייך אַ נעם געטאָן אין „האָספּיטאַל” און גלייך צו דער „אַרבעט” — די אָפּעראַציע האָט זי געמיינט.

אין שפּיטאָל איז געווען מיני די פידלשפּילערקע, אויך, די וואָס מענדל פּושקאַרט דערציילט וועגן איר שטענדיק די מעשׂות. זי האָט טאַקע געהאַט לאַנגע ווייסע, דינע פינגער, און אַלץ, וואָס זי האָט געטראָגן איז געווען צוגעפּאַסט צו אירע פינגער. אַ דין בלוי קליידל מיט ווייסע פּאַסקעלעך. אַ לאַנג שמאָל קראַגעלע אַרום האַלדז מיט אַ ווייסער ליאַמואַווקע. און די האָר האָט זי געטראָגן גלאַט פּאַרקעמט מיט אַ גלייכן שרונט אינמיטן, אָבער אַזאַ גלייכן, ווי אַ ווייסער פּאָדים זאָל זײַן אַנגעצויגן. און אַפילו די אויגן זײַנען ביי איר געווען שמאָלע, לאַנגלעכע, און די ברעמען דינינקע, ווי צוויי פּיילן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַפילו דער נאָמען אירע, מיני, איז אויך עפּעס אַ דינינקער, אַז אַ פויגל, דאַכט זיך, קען עס אויסטשיריקען. מיני האָט צו אונדז גאָרניט גערעדט. איך ווייס ניט, צי דערפאַר ווייל פּראָפעסאָרן פרעגן ביי איר מבינות אויף נגינה, צי דערפאַר, וואָס זי האָט געהאַט עגמת נפש פון איר טאַטן. מענדל פּושקאַרט האָט טאַקע אויסגעזען

זייער שלעכט, נאָר די אויגן האָבן געגלאַנצט, און איך האָב זיך געוואונדערט, וואָס ער האָט זיך די גאַנצע צייט געוויצלט, „אַז עס וואָלט געקענט זיין מיט איין מענדל ווינציקער". פאַר אונדזער אוועקגיין האָט זיך מענדל פּושקאַרט דערמאַנט וועגן מיין „דזשאָב":

— נו, גרינע, האָסט גענומען דעם דזשאָב ביים גביר?

— ניין, ניט גענומען . . .

— אַ שאָד, אויף דער וועלט, אַז מען גיט דאַרף מען נעמען, אויף דער וועלט . . .

— רעד" האָט געוואָרט אויף אונדז. ער איז געזעסן אויף אַ באַנק און געלייענט די „דזשאָקס" (וויצן) אין אַן ענגלישער צייטונג.

— האַו איז הי"? (ווי פילט ער זיך) האָט מיך „רעד" אַ פרעג געטאָן ווי פון אַ דרעמל.

— אָל־רייט, האָב איך אים געענטפערט, נאָר איך האָב אים ניט דערציילט, וואָס מענדל פּושקאַרט האָט מיר געזאָגט וועגן דעם דזשאָב ביי עדלשטיינען. איך האָב ניט געוואָלט דעם עניו נאָך אַמאָל דערמאָנען פאַר „רעד"ן.

אַ כישוף

26־טער יוני.

צו די היצן אין אַמעריקע האָב איך זיך נאָך ניט צוגעוואוינט. אַז עס גיט דאָ אַ כאַפּ די היץ, איז אומעטום הייס, אין גאַס, אין שטוב, און אַפילו אין שאָטן. אין אַמעריקע זשאַלעוועט מען ניט ווינטער קיין קוילן און זומער קיין זון. אין שאַפּ איז היינט געווען אַ מאַרק מיטן וואַסער טרינקען. איך בין אפשר אַ מאָל צען אַראָפּגעגאַנגען ברענגען פאַר די אַפּרייטערקעס סאָדע וואַסער, פּעפּסי קאָלא, און סתם קאַלט וואַסער. דער אָוונט איז אויך געווען זייער אַ הייסער. פון דער ערד האָט געשלאָגן אַ היץ. די לאַנדריי־ניטשקע איז אַרויף אויפן דאַך, זי האָט דאָרט אויסגעשפּרייט אַ דעקע און האָט זיך אַוועקגעלייגט כאַפּן לופט. איך בין אויך אַרויף צו איר אויפן דאַך.

— זעסט, רבקה, אַ הימל? האָט זי געזאָגט, אַזאַ הימל

קענסטו „קויפן" נאָר אין ניו יאָרק. אַלע שטערן שטייען דאָ פאַר־קערט. די שטערן, וואָס זיינען ביי אונדז אינדערהיים געווען פון דער לינקער זייט, קומען דאָ פון דער רעכטער זייט, די וואָס זיינען ביי אונדז געשטאַנען הויך, ליגן דאָ נידעריק. אַ פאַרקערטער הימל, אָבער אַ שיינער. קען מען דאָך מיינען עס איז אַסטראָ־נאָמיע? ניין, עס איז אַמעריקע, רבקה. איך קוק אַמאָל אויף דיך מיט „רעד"ן. איך רייד צו דיר, ווי צו אַ שוועסטער, און אַ שוועסטער זאָגט מען דעם אמת. „רעד" איז אַ פיינער „באָי", נאָר מיר דאַכט זיך שטענדיק, ווען איך זע אייך צוזאַמען, אַז דו גייסט צופוס, און ער פאָרט אויף אַן „עסקאַלעיטאָר", ער „אַנדזשאָיעט" (ווילט זיך). אַזוי זיינען זיי דאָ. מיין מאַן האָט פיינט, אַז איך לייען אַ בוך. „אויסגעטראַכטע" געשיכטעס, זאָגט ער, און זיי האָבן דאָ פיינט אויסגעטראַכטע געשיכטעס. זיי האָבן ליב, ווייסט וואָס? „מיין סטעיק" (ביפשטעקס) . . . און עס דאַרף זיין ביידע זאַכן: אי סטעיק, אי מיינער . . .

איך האָב דער לאַנדריניטשקע דערציילט וועגן לייזערן, אַז ער שרייבט מיר, אַז איך זאָל קומען קיין ארץ ישראל.

זי האָט אַ לאַך געטאָן:

— אין ארץ ישראל איז אפשר אַ בעסער לעבן, מען לעבט דאָרט אפשר מער מיט האַרץ, ווי מיט דער קאָפּיקע, נאָר פון אַמעריקע פאָרט מען ניט צוריק . . . הערסט, רבקה, דאָס איז דער גאַנצער קונץ, אַ כישוף, אַן אמתער כישוף . . . דאָ איז אַ פאַר־קערטע וועלט, אָבער מען וויל זי ניט אויסבייטן אויף אַ גלייכער... אַ כשוף, אָט דאָס איז דאָס . . .

„רעד" האָט מיך אַ רוף געטאָן, און איך בין אַראָפּ צו אים. ער איז געווען אָנגעטאָן אין ווייסן. איך האָב זיך דערמאָנט, וואָס די לאַנדריניטשקע האָט נאָר וואָס געזאָגט וועגן אים און מיר, אַז „רעד" פאָרט אויף אַן עסקאַלעיטאָר, און איך גיי צופוס. „רעד" האָט מיך „אויסגענומען". מיר זיינען געפאָרן מיט אַ שיף, אַ פערי, די טייך אַרום דער פערי איז געווען אויסגעגאָסן מיט זילבער. אונדז אַנקעגן זיינען געפאָרן אַנדערע ליכטיקע שיפן. מיר האָט זיך געדאַכט, עס איז אַ גרויסער יום טוב אויף דער זילבערנער טייך, און „רעד" איז אויך אָנגעטאָן אין ווייסן.

„רעד" האָט מיך באַטראַכט און געזאָגט:

— רבקה, דו גייסט שטענדיק „די סעים דרעס" (דאָס זעלבע קלייד), דו ווילסט ניט אַ נייע?

— איך טראַכט ניט וועגן דעם, „רעד"...

— פון וואָס טראַכטסטו?

— „רעד", דו האָסט ליב דיין טאַטן מיט דיין מאַמען?

— „שור" (זיכער).

— איך טראַכט, עס איז איצט אַזאַ זילבערנער זומערדיקער אָוונט . . . איצט פרירט ניט מיין טאַטע אין לובלין, און מיין ברודער. . . דאָס טראַכט איך, „רעד", דו פאַרשטייסט?

— שור, האָט געענטפערט „רעד", און ער האָט מיך אַרומגע־צאַמט מיטביידע הענט ביי דער פאַרענטש פון דער פערי.

אַז איך בין געקומען אַהיים האָב איך געטראָפן ביי מיר אויפן טיש אַ קעסטל, „רעד" האָט עס איבערגעלאָזן איידער ער האָט מיך אַראָפּגערופן פון דאַך. אין קעסטל איז געווען אַ קלייד מיט גרויסע בלומען, אַ דינינקע, אַ גרינגע, און אַן אונטערקליידל פון זעלביקן קאָליר, אַ „סליפּ", און זאָקן, און נאַז־טיכלעך און אַ צעטעלע פון „רעד"ן געשריבן אויף אידיש מיט זייער אַ סך גרייזן:

„רבקא דוס איזט עי גיפט פאַן מיין מאַדער". איך האָב זייער געלאַכט פון זיין צעטעלע מיט די גרייזן, און איך האָב אַ קוש געטאָן דאָס צעטעלע און דאָס קלייד.

ביינאַכט האָט זיך מיר געחלומט, אַז לייזער איז געקומען, ער איז אַריין צו מיר אין צימער און האָט צוגענומען אַלע זיינע בריוו. ער האָט געעפנט דעם שופלאָד, זיי אַרויסגענומען און אַריינגע־לייגט צו זיך אין קעשענע. איך האָב געזען ווי ער איז אָוועק־געפאָרן צוריק אויף אַ „גריכישער" שיף, מיט אַ לאַנגן פויגלשן האַלדז, אַזאַ שיף, ווי מען זעט אויסגעמאָלן אויף בילדער. די שיף איז געשוואומען איבער דער מיט פון גאַס, דערנאָך האָט זי זיך אַ דריי געטאָן און איך האָב זי מער ניט געזען. איך האָב זיך אַ כאַפּ געטאָן פון שלאָף און בין באַלד געלאָפן אַ קוק טאָן, צי לייזערס בריוו ליגן נאָך אין שופלאָד. זיי זיינען אַלע געלעגן פאַר־בונדן, ווי איך האָב זיי אָוועקגעלייגט. אויפן טיש איז געשטאַנען „רעד"ס קעסטל מיט די זאַכן. אין אָפענעם שופלאָד האָב איך

דערזען ליגן דאָס פּעקל אין ליילעך, וואו עס איז געווען פאַר־
וויקלט מיסיס קאַשעס׳ס „שיינע פּאָוע״.

די שלייפן האָבן ביי מיר געקלאַפּט. אַלע זאַכן האָבן זיך ביי
מיר צוזאַמענגעמישט. אַלע זאַכן האָבן זיך אַזוי ווי באַגעגנט ביי
מיר אין צימער אין אַט דער הייסער נאַכט. איך האָב ניט געקענט
איינשלאָפן מער, מסתם צוליב דער היץ.

איך לערן זיך נייען הענטשקעס

27־טער יוני.

איך האָב שוין היינט געפּרואווט מאַכן אַ הענטשקע. עס איז
געווען אַ פרייע מאַשין, ווייל די בלאָנדע בעסיע איז היינט ניט
אַריינגעקומען אין שאָפּ. די מיידלעך זאָגן, אַז זי האָט זיך צעקריגט
מיט איר חתן, שטענדיק, אַז זי צעקריגט זיך מיט איר חתן ווערט
זי קראַנק אויף אַ פּאָר טעג און קומט ניט אין שאָפּ. די בלאָנדע
בעסיע האָט שווערע ליפּן און פלינקע הענט. די הענט זיינען ביי
איר ווי פייגעלעך, זיי טאַנצן איבער דער מאַשין אַזוי גרינג, אַז
עס דאַכט זיך, אַז בעסיע אַרבעט ניט, נאָר זי שפּילט זיך, זי קומט
אין שאָפּ זיך אַביסל שפּילן מיט דער מאַשין. נאָר דערפאַר, אַז זי
גיט אַ ריר מיט די ליפּן, דאַ האָרעוועט זי שווער. זי פּאַטשט
מיט די ליפּן, פּאַטשט און פּאַטשט, קען מען דאַך מיינען, גאָט ווייסט,
וואָס זי האָט שוין געזאָגט, ווייזט זיך אַרויס, אַז זי האָט געזאָגט
סך הכל צוויי ווערטער: עס רעגנט.

די בלאָנדע בעסיע גייט שוין אַרום מיט איר חתן אַ יאָר צען.
ער איז שוין אין די יאָרן און זי איז שוין אויך ניט קיין יונג
מיידעלע נאָר זיי האָבן זיך נאָך אַלץ ניט אויסגעקליבן חתונה צו
האָבן. אין שאָפּ זאָגט מען, אַז בעסיעס חתן איז אַ „מיוזישין״ (אַ
מוזיקער), און ער זאָגט, אַז אויב ער וועט חתונה האָבן, וועט עס
אים שטערן צו דער מוזיק.

איך האָב זיך דערמאָנט וועגן מינין, מענדל פּושקאַרטס
טאָכטער, די פידלשפּילערקע, וואָס זי האָט נאָך אויך ניט חתונה
געהאַט. מסתם איז דאָס שוין אַזוי. קאָם ווייל מען פידל שפּילן
דאַרף מען ניט חתונה האָבן. צו וואָס זשע דאַרף די בלאָנדע בעסיע
אַזאַ חתן? פונדעסטוועגן, ביי אונדז אין לובלין האָבן — פּונקט

פאַרקערט — די קלעזמער געהאַט ווייבער און אַ סך קינדער. נפתלי, די באַנדורע, האָט געהאַט אַכט קינדער, פיר אינגלעך און פיר מיידלעך, האָט מען זיי גערופן „פּאָלסקע אַרמיע", די פּוילישע אַרמיי. נאָר ניו יאָרק, זעט אויס, איז עפּעס אַנדערש, ווי זאָגט די לאַנדריניטשקע, אַ פאַרקערטער הימל, נאָר אַ שיינער.

אַז איך האָב זיך צוגעזעצט צו דער בלאָנדער בעסיעס מאַשין, האָב איך געמיינט, אַז די מאַשין וועט מיך אָוועקטראָגן. איך האָב פּאַמעלעך אַ דריי געטאָן די מאַשין, און זי האָט פּאַמעלעך אָנגעהויבן רוישן און נייען. איך האָב זיך דערמאָנט וועגן בעסיעס הענט, וואָס יאָגן זיך ווי פייגעלעך, און איך האָב אויך אָנגעהויבן נאָכגעבן דאָס שטיקל שטאָף. עס איז אַרויסגעקומען, אַ נעטל, אמת מיט פיר לעכלעך, אָבער פאָרט אַ נעטל. נאָך מיטאָג האָב איך ווייטער אַ ניי געטאָן, און די פאָרליידי האָט מיר געזאָגט:

— „יו'ל בי אָלרייט" . . . (עס וועט זיין גוט).

איך האָב דערפילט, אַז מיינע הענט זיינען גרינגער געוואָרן. אויב די בלאָנדע בעסיע וועט זיך נאָכאַמאָל צעקריגן מיט איר חתן, און זי וועט בלייבן נאָך אַ פּאָר טעג אינדערהיים, וועל איך זיך אויסלערנען מאַכן הענטשקעס.

אַלע ווייסן שוין

30־טער יוני.

אַז איך בין געקומען פרייטיק צו דער טאַנטע „אויף פיש" אין מיין נייעם קלייד, האָבן אַלע אויסגעשעאָסן:

— „אָ, „שי" העז א גוד טעיסט!" (אָ „זי" האָט אַ גוטן געשמאַק).

— ווער איז די „שי"? האָב איך זיי געפרעגט.

— דיין „שוויגער" . . .

— איך האָב נאָך ניט חתונה געהאַט, און איך האָב שוין אַ „שוויגער"?

— זעסטו דאָך . . .

פון וואַנען האָבן אַלע געוואוסט, אַז דאָס נייע קלייד מיטן „סליפּ", מיט די זאָקן האָט מיר געגעבן „רעד"ס מאַמע? פון אָנהויב האָב איך געמיינט, אַז די לאַנדריניטשקע האָט זיי דער־

ציילט, דערנאָך האָב איך געמיינט, אַז „רעד" האָט דערציילט עדין, און עדי האָט דערציילט סעלמאַן, און סעלמאַ האָט שוין דער־ציילט אַלעמען. ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז די מעשה האָט דער־ציילט דער טאַנטע עדיס מאַמע. און פון וואַנען וויס עדיס מאַמע? זי האָט געטראָפן די מיסיס לעוויט, „רעד"ס מוטער, און יענע האָט איר דערציילט, אַז איך געפעל איר און זי האָט מיר געשיקט אַ מתנה. איז די טאַנטע געקומען אַהיים אין איין אָטעם און האָט די מעשה אָפּגעטראָגן צו דער מיסיס שאָר, און צום אָנקל, און סעלמאַן האָט זי דערציילט און מענדל פּושקאַרט און אַפילו מאַרווינען. זינט מאַרווין האָט אָנגעהויבן טאַנצן פאַר געלט און זיין „פּיקטשור" איז געווען אין די צייטונגען האַלט אים די טאַנטע פאַר אַ „מענטש קיין עין הרע" און דערציילט אים אַלע זאַכן.

— גאָט צו דאַנקען, מיר האָבן שוין, דאַכט זיך, חתונה געמאַכט רבקהן, אָנגעקומען אַ ביסל גרינגער ווי סעלמאַן, אַזוי [illegible] די טאַנטע געבראַכט די מעשה אין שטוב אַריין.

די מיסיס שאָר האָט מיר געזאָגט:

— פאַרט אַ טאַנטע, זי האָט אַזש געלויכטן, ווען זי האָט עס דערציילט, אמת, קיין סך האָט עס איר ניט געקאָסט.

און סעלמאַ האָט געזאָגט, אַז עס איז „אימפּאָסיבל" (ניט מעגלעך) צו טראָגן דאָס נייע קלייד מיט מיינע שוואַרצע שיך, מען מוז טראָגן ווייסע.

— „דאַט'ס פאַני", (דאָס איז לעכערלעך) האָט סעלמאַ צוגעגעבן.

האָט מיר געפעלט דאָס נייע קלייד, כדי איך זאָל אויס־זען „פאַני". קיין ווייסע שיך וועל איך איצט ניט קויפן, ווייל איך דאַרף אָפּגעבן „משיח'ן" שיינפעלדס פּופּצן דאָלער, דאַרף איך אָפּשפּאָרן געלט.

דעם אמתן קבלת פנים פאַר מיין קלייד האָט געמאַכט מענדל פּושקאַרט. ער איז צוריק געקומען פון שפּיטאָל דער זעלביקער מענדל פּושקאַרט, ווי ער איז אַהין אַוועק.

— אַ „קווין", (אַ קייסערינע), האָט ער געזאָגט, אַן אמתע „קווין" זעט זי אויס אין דעם קלייד. הלוואי וואָלט איך געהאַט

עפּעס אַ „פּיינעם באַי״ וואָלט איך זי אויך געוואָלט פּאַר אַ שנור. אויסגעלאָזן האָט זיך עס צו עטלעכע גלעזלעך טיי, וואָס איך האָב אים דערלאַנגט, טאַקע מיטן נייעם קלייד.

„רעד״ קען אויך ריידן „קאַפּידרעך״

3־טער יולי.

„רעד״ האָט אָפּטמאָל מאָדנע געננ. ווייזט זיך אַרויס, אַז ווען מיר זיינען געפאָרן מיטן באָס עפּעס עסן אין אַ לאָנטש־רום איז דאָרט געווען „רעד״ס מאַמע. זי איז צו אונדז ניט צוגעגאַנגען, זעט אויס, זי האָט מיך באַטראַכט פונדערווייטן. „רעד״ זאָגט, אַז זי איז דאָרט געווען, „ביקאָז״ (ווייל) זי איז געווען הונגעריק, איז זי אַריין עפּעס עסן .

— וואָס עפּעס פּונקט אין דער זעלבער צייט, האָב איך געפרעגט „רעד״ן.

— „ביקאָז״ זי איז דעמאָלט געווען הונגעריק.

— וואָס זשע עפּעס פּונקט אין דעם זעלבן רעסטאָראַן.

— „ביקאָז״ דאָס איז אַ גוטער רעסטאָראַן.

איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז „רעד״ קען אַזוי „אָפּביקאָזע־ווען״ אַ גאַנצע נאַכט און וועט כסדר קריגן אַ פרישן תירוץ. זעט אויס, אַז ניט נאָר איך קען ריידן „קאַפּידריך״, נאָר „רעד״ קען עס נאָך בעסער פון מיר.

— וואָס וואָלט געווען „רעד״, ווען איך זאָל ניט געפעלן ווערן דיין מאַמען?

— דאָס איז „אימפּאָסיבל״ (אוממעגלעך), האָט ער געזאָגט, און דערנאָך צוגעגעבן, איך האָב „נעווער״ (קיינמאָל) וועגן דעם געטראַכט.

„רעד״ איז פאַרליבט אין זיין מאַמען. זי איז אַ „ביזנעס־ליידי״, זאָגט ער, און ער זאָגט עס מיט אַזאַ דרך ארץ, ווי מיין מאַמע ע״ה פלעגט זאָגן וועגן איר באָבע, אַז זי איז געווען אַ „צדיקת״.

איך האָב זיך היינט ווידער שיעור ניט צעקריגט מיט „רעד״ן. „רעד״ האָט מיר היינט געזאָגט, ווען ער האָט גערעדט וועגן זיין מאַמען:

— „אַי לאַיק טו ווימען״ . . . (איך האָב ליב צוויי פרויען).
— וועמען? האָב איך אים געפרעגט.
— טרעף, — האָט ער מיר געזאָגט, ווי איך זאָג אים גע־ווינלעך.
— דיין מאַמען . . . און . . . מער ווייס איך ניט.
— „טו בעד״ . . . (אַ שאָד). האָט ער געזאָגט, וואָס די ווייסט ניט.
— אפשר רוטן . . .
„רעד״ איז געוואָרן אויפגעקאָכט, ווי איך זאָל אים זאָגן דאָס ערגסטע.
— פליז, רבקה . . . און דערנאָך האָט ער צוגעגעבן פאַרביסן:
— דו ווילסט מיר ניט ווייזן די בריוו פון פּאַלעסטיין . . .
הייסט עס, אַז „רעד״ האָט נאָך לייזערן און זיין פאָטאָגראַפיע ניט פאַרגעסן און היינט האָט ער זיך אַרויסגערעדט.
יע, וועגן לייזערן, איך טראַכט איצט וועגן אים אַ סך, איבערהויפּט זינט „רעד״ האָט מיר געבראַכט דאָס קלייד, די מתנה פון זיין מאַמען. אפשר דאַרף איך אָנשרייבן לייזערן. נאָר וואָס זאָל איך אים שרייבן? קען איך אים שרייבן, אַז „רעד״ האָט מיר געבראַכט אַ קלייד? קען איך אים שרייבן, אַז „רעד״ לערנט מיך ענגליש? קען איך אים שרייבן, אַז איך בין געפאָרן מיט „רעד״ן אין אַ לאָנטש רום? שרייבן קען איך דאָס ניט, אָבער ווען לייזער זאָל דאָס וויסן, וואָלט ער אפשר וועגן מיר קיינמאָל ניט געטראַכט. און אפשר זאָל איך אים אָנשרייבן, אַז קיין ארץ ישראל קען מען איצט ניט פאָרן? נאָר דאָס ווייס ער דאָך אַליין . . . עס איז גוט, וואָס איך אַרבעט אין שאָפּ, און בין אַזוי פאַרנומען, אַז איך האָב קיין צייט ניט צו קלערן וועגן אַ סך זאַכן, כאָטש איך וואָלט עס אפשר יאָ באַדאַרפט טאָן.

מענדל פושקאַרט געווינט דעם „סוויפּסטייק״

6־טער יולי.

גוטס און שלעכטס גייען געאַרעמט, פלעגט זאָגן די מאַמע ע״ה. זעט אויס, אַז דאָס איז אַן אמת. מענדל פושקאַרט און

די פושקאַרטע זיינען היינט געקומען אויסגעפוצטע און מיט אַזאַ שמחה, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, עס איז פורים. די טאַנטע האָט געמיינט, אַז עס איז צוליב מענדל פושקאַרט׳ס אָפּעראַציע, וואָס איז אַדורך בשלום, און ער איז געזונט, ווי קיינמאָל גאָר קיין אָפּעראַציע ניט געווען.

— אייך קומט טאַקע אַ מזל טוב, האָט זי זיי באַגעגנט, אַבי, גאָט צו דאַנקען, איר זיינט אַ מענטש מיט מענטשן גלייך.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז מיר קומט אַ מזל טוב?

— וואָס הייסט? מיר זיינען ניט געווען ביי אייך אין שפּיטאָל? האָט זיך די טאַנטע שיעור ניט באַליידיקט.

מענדל פושקאַרט האָט אַ הויב געטאָן ביידע הענט אינדערהויך, ווי ער וואָלט געוואָלט דעם דאַך אונטערהויבן.

— ווער געדיינקט גאָר דעם שפּיטאָל? מיר האָבן דאָך געוואונען דעם „סוויפּסטייק״ . . . די טאַנטע האָט אים אַפילו קיין מזל טוב ניט אָפּגעגעבן. זי האָט ניט געפרעגט וויפיל גע־וואונען און וואָס געוואונען, זי האָט אַ שווער געטאָן מיט איין שפּרונג צו דער מיסיס שאָר, און נאָך איידער זי האָט די טיר געעפנט האָט זי שוין אויסגעשריען:

— מיסיס שאָר, איר זאָלט מיר געזונט זיין! קומט אַריין גיכער, וועט איר זיי זען! די מיסיס שאָר איז אַריינגעלאָפן אין אַ פאַרטאָך, און איצט, אַז די טאַנטע האָט שוין זי געהאַט ביי זיך אין שטוב, האָט זי איר פאַרענדיקט אָנזאָגן די בשורה:

— זיי האָבן דאָך געוואונען דעם „סוויפּסטייק״!

די מיסיס שאָר האָט אונטערגעכאַפּט ביידע הענט אונטערן פאַרטאָך, ווי פון אַ זאַך, וואָס מען קען זיך אָפּבריען, אַז מען שטייט צו נאָענט. זי האָט נאָך אַלץ ניט געגלויבט, אַז דאָס זאָל מען טאַקע מיינען מענדל פושקאַרט און די פושקאַרטע, און זי האָט אַ פרעג געטאָן?

— ווער האָט געוואונען, זיי??

— מיר, מיר! וואָס דען ראָקפעלער דאַרף געווינען? נאָר איך וואָלט זיך נאָך מיט אים איצט אויך געביטן.

נאָך אַלע היום׳ס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס געווינס איז 300 דאָלער . . . אויף חוזק, האָט געזאָגט מענדל פּושקאַרט, כאָטש דריי הונדערט דאָלער גייט ניט צופוס אויף גרענד סטריט, אָבער דאָס צעטל, וואָס לעבן מיין נומער האָט געוואונען אַכט און פערציק טויזנט, האָב איך טאַקע אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. דער „איידזשענט״ האָט מיך געבעטן אויסקלייבן, „ווילסט, זאָגט ער, נעם דאָס צעטל, ווילסט, נעם אַן אַנדערס, האָב איך אויסגעקליבן, פאַרשטייט זיך דעם שלימזל, און דאָס מזל האָב איך איבער־געלאָזן פאַר עמיצן אַנדערש . . .

— האָסטו דערלייגט דער באָבעס ירושה? האָט אים די פּושקאַרטע געטרייסט.

פונדעסטוועגן, כאָטש ער האָט געוואונען דעם שלימזל, און דאָס מזל האָט ער איבערגעלאָזן פאַר עמיצן אַנדערש, האָט מען געמאַכט אַ שנאַפּס, און מאַרווין, וואָס איז גראָד אָנגעקומען, האָט אויסגעטאַנצט עפּעס אַ קנאַקעדיק טענצל, וואָס נאָר ער און גודמאַן קענען דאָס אויסטאַנצן, מען קיינער ניט אין די גאַנצע יונייטעד סטייטס . . .

די פּושקאַרטע האָט דערציילט, אַז נאָך אַ גליק האָט זיי געטראָפן: דער דאָקטער פון שפּיטאָל האָט אָנגעזאָגט, אַז איר מאַן זאָל ניט רויכערן, ניט „סמוקן״, איז ער גאָר געוואָרן אַ נייער מענטש, דער „מיינד״ (דער שכל) איז ביי אים גאָר קלערער געוואָרן. אָפילו די ביזנעס גייען אַנדערש. דער רויך האָט אים „פאַרסמוקט״ די געהירן, און איצט האָט ער אַ קלאָרן קאָפּ.

— אַז מען ווערט אַ גביר קריגט מען אַ קלאָרן קאָפּ, האָט מענדל פּושקאַרט מודה געווען, ווען איך געווין די אַכט און פערציק טויזנט דאָלער, וואָלט איך אפשר איבערגעיאָגט איינ־שטיינען, „בעליוו מי״ (גלויב מיר).

מילא, וועגן איינשטיינען, צי ער וואָלט אים איבערגעיאָגט צי ניט, וואָלט מען זיך אפשר געקענט דינגען, נאָר מענדל פּושקאַרט איז טאַקע געוואָרן אַ נייער מענטש נאָך דער אָפּעראַציע און נאָך דעם, ווי ער האָט געוואונען דעם „סוויפּסטעיק״. דאָס איז קלאָר, ווי דער טאָג.

דאָס איז אַן אַלטע געשיכטע

10טער יולי.

ביי אונדז פלעגט מען טאַקע זאָגן: תמוז דאַרף מען זיך היטן, מען קען חלילה משוגע ווערן. איך זאָג דאָס אַנקעגן עדין. וואָס מיט אים איז — קען איך באמת ניט פאַרשטיין.

היינט, אַז איך בין אַרויס אינדערפרי צו דער אַרבעט האָט מיר די לאַנדריניטשקע געזאָגט:

— רבקה, דו קענסט מאַכן אַ „סעיל" (אַן אויספאַרקויף) אויף „באַיעס", מען וואַרט דאַך דאָ אויף דיר, אַט שוין פון אינדערפרי.

ניט ווייט פון אונדזער הויז האָט אַרומגעשפּאַצירט עדי. איך האָב זיך אַזוי פאַרוואונדערט, אַז איך האָב אים ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן.

— עדי, וואָס איז?

— איך אָונט ביסטו „ביזי", האָט ער מיר געענטפערט עפּעס אַזוי ווי מיט פאַרדראָס.

— און דו אויך, האָב איך אים געענטפערט.

— יע, און איך אויך . . .

ער איז אַוועק מיך באַגלייטן צו דער אַרבעט. גייענדיק האָט ער אַרויסגענומען פון טאַש צוויי ווייסע אויסגענייטע נאָז טיכעלעך און האָט מיר געזאָגט:

— רבקה, דאָס איז פאַר דיר.

איך האָב צוגענומען די נאָז טיכלעך און באַדאַנקט.

— איך וויל דו זאָלט זיי האַלטן אין „פּאַקעטבוק" (טאַש) . . .

— גוט, עדי, אַ דאַנק.

עדי איז מיטגעגאַנגען מיט מיר און האָט געשוויגן. ווען מיין טראַמוואַי איז אָנגעקומען האָט מיך עדי געבעטן ניט פאָרן, נאָר וואַרטן אויף אַ צווייטן טראַמוואַי.

— עס איז היינט „סאַטש ע נייס דעי", (אַזאַ שיינער טאָג), האָט ער גערעדט צו מיר אויף אידיש, „טו בעד" (אַ שאָד) וואָס דו דאַרפסט גיין אין „פעקטאָרי".

מיטן צווייטן טראַמוואַי בין איך אַוועקגעפאָרן. עדי איז געבליבן שטיין אויפן אָרט אויפגעהויבן די האַנט צום שטערן.

אין טראַמוואַי האָב איך אַרויסגענומען די נאָז טיכלעך. דינינקע, ווייסע. אויף ביידע נאָז טיכלעך איז געווען אויסגענייט אין די ראָגן צו איין וואָרט, און צוזאַמען איז דאָס געווען: „אַי לאַוו יו, דיר" (איך האָב דיך ליב).

איך האָב די ווערטער ניט באַמערקט, ווען ער האָט מיר געגעבן די נאָז טיכלעך. ווער האָט עס אויסגענייט? ער האָט עס באַשטעלט? אָדער אפשר קריגט מען פאַרטיקע אַזעלכע? ווער ווייסט? אין אַמעריקע קריגט מען אפשר אַלץ פאַרטיקע, אַפילו מיט „אַי לאַוו יו".

איך האָב אַ גאַנצן טאָג ניט פאַרגעסן עדין מיט די אויס־גענייטע נאָז־טיכלעך. פאַרנאַכט, ווען עס איז געקומען „רעד", האָב איך זיך ניט געקענט איינהאַלטן און איך האָב אים געוויזן די נאָז טיכלעך.

— איך האָב דאָס היינט געקראָגן אַ מתנה.

— ווער האָט עס דיר געגעבן?

— עדי.

— דו ווייסט פאַרוואָס?

— ניין, איך ווייס ניט.

— עדי „דענקט" (טראַכט) אַז אַ „באָי" דאַרף ליב האָבן צוויי מיידלעך, איז ער אַ „ריעל מען" (אַ מאַן), „דיס איז אַן אָלד סטאָרי" (דאָס איז אַן אַלטע געשיכטע) . . . און „רעד" האָט אָנגעהויבן לאַכן.

אויב אַזוי, איז טאַקע מעגלעך, אַז דער אָנקל איז געווען גערעכט וועגן עדין. „אַ גרויסער באַטרעף", האָט מיר דער אָנקל געזאָגט דעמאָלט וועגן עדיס צעטעלע. אַ מאָדנע וועלט דאָ, ווי זאָגט די לאַנדריניטשקע, אַ פאַרקערטער הימל, נאָר אַ שיינער. און מיר דאַכט זיך, אַז עס איז גאָר אַנדערש: אַ שיינער הימל, נאָר אַ פאַרקערטער.

פונדעסטוועגן, אַז „רעד" איז אַוועק האָט ער צוגענומען די נאָז טיכלעך. ער האָט אַליין געעפנט מיין טאַש און האָט זיי אַרויסגענומען.

— „רעד", וואָס טוסטו, עס איז דאָך מיינע . . .

— איך וויל ניט דו זאָלסט זיי האָבן אין „פאַקעטבוק", האָט

מיר „רעד״ געענטפערט, ער האָט עס גהזאָגט אָן אַ שמייכל, אַזוי ווי די גאַנצע זאַך זאָל אים פאַרדריסן.

— „יו שודנ׳ט טעיק דעם״, (דו האָסט עס ניט באַדאַרפט נעמען) האָט ער דערנאָך צוגעגעבן, און האָט די נאָז־טיכלעך אַריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע.

איצט ווייס איך שוין ניט צוויי זאַכן: פאַרוואָס האָט זיי עדי געבראַכט, און פאַרוואָס האָט זיי „רעד״ צוגענומען.

דאָס הייסט אַ מזל

11־טער יולי.

„רעד״ קריכט אויף די גלאַטע ווענט. נעכטן האָט ער ביי מיר אַרויסגענומען פון מיין טאַש די נאָז טיכלעך, וואָס עדי האָט מיר געגעבן און האָט נאָך מיך געמוסרט: „יו שודנ׳ט טעיק דעם״ . . . און היינט האָט אים פאַרדראָסן, וואָס די מאַכליסעס זיינען מיך געגאַנגען באַגלייטן אַהיים.

איך בין פון די מאַכליסעס גאָר העכסט צופרידן. ביז זיי זיינען אָנגעקומען אין סקול, בין איך געווען דאָס הינקעדיקע פיסל פון קלאַס. אַז אַלע האָבן שוין אָנגעשריבן אַ וואָרט, האָב איך נאָך ניט געוואוסט וואָס צו שרייבן, און די מיסיס שוואַרץ פלעגט מיך דאַרפן קומען אַרויסהעלפן פון דער צרה, איצט זיינען די מאַכליסעס די „גרינהאָרנס״ זיי זיינען די גרעסטע עם הארצים אויף ענגליש, און איך בין שוין אָנקעגן זיי אַ למדנטע. בין איך אין האַרצן באמת צופרידן וואָס זיי זיינען אונטערגעקומען. עס איז ניט גוט צו זיין דער ערגסטער אין ערגעץ, און אין סקול אויך ניט. שמייכל איך צו די מאַכליסעס שטענדיק. היינט זיינען זיי מיך געגאַנגען באַגלייטן אַהיים. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז זי, די שוועסטער, האָט געקראָגן אַרבעט. זי נייט קליידלעך פאַר ליאַלקעס און זי פאַרדינט שוין צען דאָלער אַ וואָך. שפּעטער וועט זי קענען פאַרדינען מער. פאַר דעם געלט לעבן זיי זיך ביידע דורך. ווי זשע קען זי גיין אין ווייסע שיך? איך האָב זיך פאַרשעמט, וואָס איך האָב נאָך ביז איצט קיין ווייסע שיך ניט געקויפט און קען דעריבער ניט אָנטאָן דאָס נייע קלייד, וואָס „רעד״ האָט מיר געבראַכט. אַז איך בין געגאַנגען מיט די

מאַכליסעס און זיך פאַרטראַכט וועגן די ווייסע שיך איז אָנגעקומען „רעד". ער איז מיר געגאַנגען באַגעגענען פון סקול. איך ווייס שוין, אַז „רעד" איז אומצופרידן פון עפּעס גיט ער באַלד אַ קעם די האָר אַרויף און נאָך אַמאָל אַרויף, פּונקט ווי זיי וואָלטן אים שטערן. „רעד" האָט זיך דאָס מאָל אויך באַגריסט מיט די מאַכליסעס און באַלד זיך אָנגעהויבן זעגענען:

— גוד באַי . . .

מיך האָט עס פאַרדראָסן. ער פירט זיך אויף פּונקט, ווי איך זאָל זיין אַ קינד און ער קומט מיך אָפּנעמען פון סקול און פירט מיך אַוועק פון שלעכטע „קאָמפּאַניע". און אַזוי האָט ער מיר טאַקע באַלד, ווי מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען, געזאָגט:

— איך האָב ניט ליב די קאָמפּאַניע.

מיר האָט זיך געוואָלט עפּעס אַריינזאָגן „רעד"ן און איך האָב אים געענטפערט:

— זיי זיינען זייער וואוילע, די מאַכליסעס, מיר געפעלן זיי.

— „טו בעד" (אַ שאָד), האָט „רעד" געזאָגט און האָט אַריינגעלייגט די הענט אין די קעשענעס.

מיר האָט ניט אַזוי פאַרדראָסן זיין ענטפער, ווי דאָס, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט די הענט אין די קעשענעס. ער האָט מיר אויסגעזען עפּעס צופיל פריץ. און אַזוי ווי איך האָב ניט קיין קעשענעס אין מיין קליידל, און האָב ניט געקענט טאָן ווי ער, האָב איך זיך דערפילט עפּעס הינטערשטעליק, און שוין ניט געקענט בלייבן רואיק.

— די מאַכליסעס האָסטו ניט ליב, עדיס נאָז־טיכלעך האָסטו ניט ליב; די בריוו פון „פּאַלעסטיין" האָסטו ניט ליב, עדלשטיינס דזשאָב האָסטו ניט ליב . . . וואָס האָסטו יאָ ליב? אַזוי האָב איך אים געגעבן אַ רעכן אויס אַ צעטל און געפילט, אַז אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פון האַרצן. מעג זיך „רעד" טאָן וואָס ער וויל, מעג ער זיך אַוועקגיין נאָך אויף זעקס וואָכן, אָדער אַפילו אויף זעקס יאָר, איך מוז אים זאָגן, אַז ער איז צופיל בעל בית איבער מיר.

„רעד" האָט מיר גאָרניט געענטפערט, נאָר ביי אים זיינען בלייך געוואָרן די ליפּן. מיר איז די גאַנצע קריגעריי איבעריק

געוואָרן. צוליב וואָס? ביי „רעד"ן פון קעשענע האָבן אַרויסגע־שטעקט זיינע סיגאַרעטן, איך האָב זיי אַרויסגענומען און אים דערלאַנגט אין האַנט אַריין:

— „רעד", פאַרגעס ניט דיינע סיגאַרעטן, און איך האָב אָנגעהויבן לאַכן.

„רעד" האָט אַ שמייכל געטאָן, האָט מיך גענומען אונטערן אָרעם און האָט געזאָגט, ווי זיין טאַטע זאָגט צו דער מאַמען, מסתּם ווען זיי קריגן זיך:

— יו'ר אַ ביטערע אידענע, רבקה, בעליוו מי, ביטער ווי גאַל...

איך האָב ניט דערוואַרט, אַז „רעד" קען אַזוי גוט אידיש און איך האָב אים געזאָגט:

— „רעד", פון וואַנען וויסטו, „ביטער ווי גאַל"?

— דער טאַטע זאָגט עס צו מיין מאַמע, „עוורי באַדי העז טו נאָו איט"... (יעדערער דאַרף עס וויסן) און ער האָט צוגעשמייכלט.

אָבער אַ מזל האָב איך, אַז ווען די מאַכליסעס באַגלייטן מיך אַהיים, קומט מיך „רעד" אָפּנעמען פון „סקול", גראַד דעמאָלט פאַלט אים איין צו קומען. דאָס הייסט אַ מזל.

מעשות

14־טער יולי.

אַלע זומער פאָרט אָוועק מיסטער שליווקע, דער לאָנדרי־ניטשקעס מאַן, אויף איין טאָג קיין ניו־הייוון צו זיין מוטער אויף קבר אבות. ער פאָרט אָוועק פאַרטאָג און קומט אויף מאָרגן אינדערפרי, צען אַזייגער. ער נעכטיקט ביי זיין שוועסטער, וואָס וואוינט אין ניו־העיוון, און האָט דאָרט אויך אַ „לאָונדרי ביזנעס". ער איז פּינקטלעך, ווי אַ זייגער.

— מאָרגן צען פרי, וועט ער זיין דאָ, האָט מיר געזאָגט די לאָנדריניטשקע.

אַז מיסטער שליווקע איז אָוועקגעפאָרן האָט די לאָנדריניטשקע געעפנט אַלע שופלאָדן, און האָט אַרויסגענומען אַלע פאָטאָגראַ־פיעס, און האָט זיי אויסגעלייגט אויפן טיש. איינציקע פּעקלעך

פאַרבונדן מיט רויטע סטענגלעך, — די פאָטאָגראַפיעס פון גאָר די יונגע יאָרן זיינען פאַרבונדן מיט רויטע סטענגלעך, האָט מיר די לאַנדריניטשקע געזאָגט. זי האָט אַלע פעקלעך פאַנאַנדער־געבונדן און יעדעס בילד באַטראַכט, צו אייניקע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. און דערנאָך האָט זי אַלע פעקלעך צוריק אַריינ־געלייגט אין די שופלאָדן. איין פאָטאָגראַפיע האָט די לאַנדרי־ניטשקע אַרויסגענומען און מיר געוויזן.

— אָט דאָס מיידל, טילע, האָט זי געהייסן, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד צוליב אַ „לובאָוו" (ליבע). זי האָט געהאַט אַ חתן, זייער אַ גערעספּעקטירטן, שוין געדאַרפט זיין די חתונה, און אינמיטן דערינען האָט זיך טילע אָפּגעסמט. מען האָט געזאָגט, אַז זי האָט עס אָפּגעטאָן אַ צו להכעיס, ווייל איר חתן האָט זיך אָנגעהויבן צופיל צוקוקן צו איר אינגערער שוועסטער, און טילע האָט זיי איינמאָל געטראָפן אַרויסגייענדיק ביידן פון טעאַטער. געווען איז דאָס אין אַן אָוונט, ווען דער חתן האָט געזאָגט, אַז ער פאַרט־צו זיך זען מיט זיין מוטער, און זי, די שוועסטער, האָט געזאָגט, אַז זי גייט אַריין צום דאָקטער, זי פילט זיך ניט גוט. און שפּעטער, אַז טילע איז אַרויס זיך דורכגיין אַביסל, האָט זי זיי ביידן געטראָפן אַרויסגיין פון טעאַטער. זי האָט זיך אָפּגעסמט און געלאָזן אַ צעטעלע: „איך שטאַרב, ווייל עס איז ניטאָ קיין ערלעכקייט אויף דער וועלט".

איך האָב באַטראַכט טילען, וואָס האָט ניט געפונען קיין ערלעכקייט אויף דער וועלט. זי האָט געהאַט גרויסע און מסתם זייער שוואַרצע אויגן, שטאַרק געקרייזלטע האָר, און פולע ליפּן, „מיט אַ בעבעלע", ווי זי וואָלט זיך קליינן עמיצן אַ קוש טאָן. אַלע שטריכן פון פּנים זיינען ביי איר געווען אַביסל „צופיל". מיר האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ אויף איר, פונקט ווי איך זאָל זי קענען, און פונקט, ווי די מעשה זאָל פאַרקומען נאָר וואָס.

— אַ גוטע געווען זייער, האָט די לאַנדריניטשקע געזאָגט אויף טילען, דאָס לעצטע העמד פלעגט זי אָוועקגעבן, ווען מען פלעגט קומען צו איר נאָך עפּעס . . .

אַז אַלע פאָטאָגראַפיעס זיינען שוין געווען צוריק אין די שופלאָדן, האָט די לאַנדריניטשקע זיך געשטעלט אויף אַ בענקל

און אָפּגעשטויבט טאָלסטאָיס פּאָרטרעט און אַריינגעשטעקט אַ פרישע צווייגל גרינס איבערן רעמל. די קאָמאַנד האָט זי צוגע־דעקט מיט אַ ריין, ווייס סערוועטקע און האָט אָפּגעשטויבט די זעגלען פון דער „מעיפלאָוער". מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די לאַנדרינישקע האָט שוין אַלץ אויסגעריכט אויף אַ יאָר שווימען, און די „מעיפלאָוער" האָט שוין אויסגעשפּרייט די אָפּגעשטויבטע זעגלען.

טילען האָב איך ניט געקענט פאַרגעסן, איך האָב לאַנג ניט געקענט איינשלאָפן, איך האָב געזען טילעס פולע ליפּן און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הער זי זאָגן: „איך שטאַרב, ווייל עס איז ניטאָ קיין ערלעכקייט אויף דער וועלט".

ווייסע שיך

17־טער יולי.

אַלע פרויען גייען שוין אין ווייסע שיך, און אויף מיר מיט מיינע שוואַרצע שיך קוקט מען, ווי איך זאָל פאַרגעסן עפּעס גאָר אַ וויכטיקע זאַך. אין שאָפּ גיט די פּאָרליידי אַ קוק אויף מיינע שיך. זי זאָגט גאָרניט, זי גיט בלויז אַן איבעריקן קוק. סעלמאַ גיט אויך אַ לאַנגן קוק אויף מיינע שיך און זי לאָזט אַראָפּ די ברעמען, אַזוי ווי די „סטאַרס" אין די מואוויס. איך האָב באַמערקט, אַז די מיידלעך מאַכן דאָ זייער נאָך די „סטאַרס" אין די מואוויס. זיי שמייכלען, ווי די סטאַרס, לאָזן פּאַמעלעך אַראָפּ די ברעמען, און הייבן זיי אויף צוריק, אַלץ ווי די סטאַרס פון די מואוויס.

די טאַנטע האָט מיך שוין פרייטיק אַ פרעג געטאָן:

— רבקה, האָסט ניט קיין ווייסע שיך? וועל איך דיר קויפן.

די טאַנטע האָט אַ נאַטור, זי גיט אַ זאָג און פאַרגעסט. ניט ווייל זי איז קאַרג, נאָר גלאַט פאַרדרייט, מסתם צוליב סעלמאַן. אין לובלין פלעג איך אַלע זומער טראָגן שוואַרצע שיך און קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן דעם. דאָ, אַז איך שטיי אויף אינדערפרי און טו אָן די שוואַרצע שיך, גיב איך זיך אַ דערמאָן, אַז אין אַ שעה אַרום וועט אויף זיי די פּאָרליידי אַן איבעריקן קוק טאָן. „רעד", אַז ער גייט מיט מיר אין גאַס גיט ער אויך אַ בליק אויף מיינע פיס און איך ווייס, וואָס ער טראַכט, ער טראַכט וועגן

אַ פּאָר ווייסע שיך. אין לובלין פלעגן די וואַרשעווער „פּאַניעגקעס" זומער אַראָפּקומען אין ווייסע שיך, האָט מען זיי גערופן דערפאַר „די פּאַניענקעס", אָבער דאָ יע אַ „פּאַניענקע", ניט אַ „פּאַני־ענקע" — מען דאַרף האָבן ווייסע שיך.

איך טראַכט, אַז פון שיינפעלדס פופצן דאָלער, וואָס איך זאַמל אויף אָפּגעבן „משיח"ן, וועל איך דערוויל קויפן ווייסע שיך און פטור פון אַ גלות. אַי וואָס שיינפעלדס כבוד? וועט עס גאַנץ ווערן מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער. איך האָב מיין כבוד אויך ניט געזשאַלעוועט, ווען איך בין געגאַנגען זוכן פאַר אים דאָס געלט. אַז איך וועל האָבן די ווייסע שיך, וועל איך קענען אָנטאָן דאָס קלייד, וואָס „רעד" האָט מיר געבראַכט, מיט די גרויסע בלומען, ווייל מיט מיינע שוואַרצע שיך איז עס, ווי סעלמאַ זאָגט „אימפּאָסיבל" צו טראָגן. און אַז סעלמאַ זאָגט, מעג מען זיך אויף איר פאַרלאָזן. איך מיין, אַז סעלמאַ ווייס בעסער, ווי גאַנץ ניו יאָרק, וואָס עס „מעטשט" (פּאַסט זיך צום קאָליר). אַנומעלטן האָט זי אַ זאָג געטאָן, „איך וואָלט בעסער געשטאָרבן, איידער טראָגן, אַ בלויעם מאַנטל מיט אַ ברוינע העט", אויף ענגליש האָט זי דאָס געזאָגט: „אַי וואוד ראַטהער דאַי" . . .

ניט מער, עס איז נאָך קיין יאָר ניטאָ, ווי די מאַמע עה"ש איז טויט, און ביי מיר איז שוין רעכט אָנטאָן ווייסע שיך . . . נאָר גאָרניט, אַז גאַנץ ניו יאָרק גייט אַזוי, מסתם מעג מען . . . איך וויל שוין זייער מען זאָל אויפהערן קוקן אויף מיר און אויף מיינע שיך.

די לובלינער

21־טער יולי.

אַ סך געגנטן זיינען דאָ אין אַמעריקע, נאָר קיין געגנט האָט ניט אַזאַ באַרימטן נאָמען, ווי קאַליפאָרניע. איך ווייס נאָך ביז איצט ניט, צי איז קאַליפאָרניע גוט צי שלעכט. אַז איך קויף עפּל, אָדער פּאָמעראַנצן, גיט מיר די פאַרקויפערקע באַלד אַ זאָג דעם יחוס: „דאָס איז קאַליפאָרניע". און אַז קאַליפאָרניע, דאַרף איך שוין קיין גרעסערן יחוס ניט פרעגן. מיינט עס, אַז קאַלי־פאָרניע איז גוט! איז דאָ אָבער פאַראַן אַנדערע זאַכן, אַז אַ מאַן

וויל אַנטלויפן פון אַ ווייב, איז קאַליפאָרניע. און קאַליפאָרניע איז פאַרפאַלן. בעסיע די בלאָנדע, אַז זי קומט ניט אין שאַפּ, ווייל זי צעקריגט זיך מיט איר „מוזישן״, זאָגן אויף איר די מיידלעך, אַז ער וועט נאָך פון איר אַוועקגיין אין קאַליפאָרניע. רוט, אַז זי האָט געהאַט אַ בייז האַרץ אויף „רעד״ן איז זי אַוועק־געפאָרן קיין קאַליפאָרניע. אַז די מיסיס שאָר האָט מיר דעמאָלט געזאָגט, אַז רוט איז אַוועק קיין קאַליפאָרניע, איז אַזוי ווי זי זאָל מיר זאָגן: רוט איז אַוועק אויף אַן אַנדער וועלט. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז ניט אַזוי גרינג פאָרט מען אַוועק קיין קאַלי־פאָרניע. אָט איז רוט געפאָרן, געפאָרן און איז דערפאָרן ביז באַלטימאָר. און די מיסיס שאָר האָט מיר היינט געזאָגט: מזל טוב! די כלה איז שוין דאָ צוריק. זי איז דערפאָרן ביז באַלטי־מאָר. זי איז דאָ נעכטן אַראָפּגעקומען, אויסגעפּוצט ווי אַ „דאָל״ (אַ ליאַלקע) און דאַר ווי אַ שטעקן, דאָס איז, אַז מען איז „קרייזי״ פאַר אַ באָי.

איך טראַכט וועגן זיך פאַר וועמען בין איך „קרייזי״? פאַר לייזערן? נאָר איך שרייב צו אים אַזוי זעלטן בריוו. אָדער איך בין „קרייזי״ פאַר„רעד״ן? איך ווייס ניט, צי איך וואָלט צוליב אים געפאָרן קיין קאַליפאָרניע און געקומען צוריק . . .

איך האָב דאָס געזאָגט דער מיסיס שאָר. די מיסיס שאָר ווייס אַ סך זאַכן. זעט אויס, אַז ווען איר חתן האָט זיך פאַרליבט אין דער בעסאַראַבערקע מיטן קעז, האָט זיך די מיסיס שאָר אַ סך דער־קונדיקט. זי האָט אַ טראַכט געטאָן איצט און האָט מיר גע־ענטפערט:

— רבקה, מען זאָל ניט געפּרואווט ווערן. דו ווייסט פאַרוואָס דו וואָלסט ניט געפאָרן קיין קאַליפאָרניע? ווייל די „באָיעס״ פאַרן צו דיר. קיינער קען קיין בריה ניט זיין, אַז מען קריגט מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. איך זאָג דאָך דיר, רבקה, דאָס איז אַלץ צוליב דיינע צעפּ. מיט אַזעלכע צעפּ, און דערצו נאָך, אַז מען איז אַ לובלינער קען מען יעדערן דעם קאָפּ פאַרדרייען.

מיר האָט זיך זייער געוואָלט לאַכן, וואָס זי זאָגט: אַז מען איז אַ לובלינער, פּונקט ווי ביי אונדז זאָלן זיין אַנדערע מענטשן . . . און איך האָב דאָס איר טאַקע געזאָגט, דער מיסיס שאָר.

— ניטאָ וואָס צו לאַכן, האָט זי מיר געענטפערט, איך האָב דאָס באַמערקט ביי אייך אַלעמען. דיין טאַנטע איז אַ קלוגע פרוי. נו, וועט זי אַמאָל אַרויסווייזן דעם שכל? ניין, קיינמאָל ניט. זי האַלט אים פאַר זיך. דאָס וואָס זי דאַרף הערט זי, דאָס וואָס זי דאַרף ניט — הערט זי ניט, זי קוקט גאָר אָן אַ זייט. דאָס וואָס זי דאַרף געדענקט זי, דאָס וואָס זי דאַרף ניט פאַרגעסט זי . . . מיינסט איך האָב זי ניט ליב? איך האָב זי זייער ליב, זי איז אַ טייערע פרוי, נאָר אַ לובלינער איז זי. און דו? (און די מיסיס שאָר האָט מיך אַ נעם געטאָן פאַר דער גאָמבע, ווי מען נעמט אַ קינד) דו ביסט אויך אַ לובלינער. אָט איך זע דאָך: שטענדיק פאַרלייגט די צעפּ אינדערהויך, ווי אַ קרוין, ווי גאַנץ ניו יאָרק זאָל זיך קלייבן צו דיר אויף אַ וויזיט. אַנדערע מיידלעך — לויפן צופיל, לאַכן צופיל, און דו ניט, אַלץ וועט צו דיר קומען, דו דאַרפסט נאָר צוואַרטן. אַ מזל . . . אָבער דאָס קענען בלויז די לובלינער, זיי האָבן עפּעס אַזעלכע דורכזיכטיקע אויגן . . . אַ מזל . . . האָט פאַרענדיקט די מיסיס שאָר, און דערנאָך האָט זי מיך אַ פרעג געטאָן:

— דו ווילנסט אַמאָל, רבקה?

— ווער דען ווילנט? איך ווילן טאַקע . . .

— קען זיין, אָבער אויף דיר איז דאָס ניט קענטיק.

— נו, הייסט עס, אַז מיר זיינען אויך מענטשן . . .

די מיסיס שאָר האָט אָנגעהויבן לאַכן און איך האָב זיך דער־מאָנט וועגן מיסטער עדלשטיין, זיינע גרויע דורכזיכטיקע אויגן, וואָס האָבן אַביסל געלאַכט און אַביסל אָפּגעלאַכט פון מיר דעמאָלט אויפן „באַל", ווען ער האָט געגעבן הונדערט קוואָדערס פאַר אַ טאַנץ.

צוויי זאַכן געדענק איך היינט כסדר: אַז רוט איז געקומען, און אַז איך האָב שוין ווייסע שיך. אַז „רעד" איז געקומען האָב איך אָנגעטאָן די ווייסע שיך און דאָס נייע קלייד מיט די גרויסע בלומען, וואָס ער האָט מיר געגעבן. „רעד" איז געווען אַזוי צופרידן, אַז איך קען גאָרניט פאַרשטיין פון וואָס, ער האָט בלויז אויסגערופן איין וואָרט: „אוי רבקה . . ." און ער האָט מיך אַרומגענומען, און מער גאָרניט געזאָגט. איך וואָלט געווען אַ בעלן וויסן, וואָס איז אים

אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן? איך קען שווערן, אַז מיינע ווייסע שיך. דער סוף איז געווען, אַז איך האָב זיך ניט געקענט איינ־האַלטן און איך האָב אים טאַקע געפרעגט:

— פליז, „רעד", זאָג מיר די „טרו" (דעם אמת)...

אַז „רעד" האָט דערהערט — די „טרו" — האָט ער אָנגע־שטעלט די אויערן, נאָך איידער וואָס ווען האָט ער אַ שאָר געטאָן מיט די פינגער די האָר אַרויף. ער האָט געמיינט, גאָט ווייס וואָס איך גיי אים דאָ פרעגן. און אפשר האָט ער אַ טראַכט געטאָן וועגן רוטן, אַז איך גיי אים עפּעס פרעגן וועגן איר...

— זאָג מיר, „רעד", די „טרו" דיר געפעלן זייער מיינע ווייסע שיך?

„רעד" האָט געלאַכט, אַביסל מיט פאַרגעניגן, אַביסל מיט פאַרדראָס:

— זאָג מיר, רבקה, די „טרו" — דו האָסט מיך געוואָלט פרעגן „סאָמטהינג עלס"? (עפּעס אַנדערש).

— ניטאָ קיין „סאָמטינג עלס", אַז מען גייט אין ווייסע שיך, האָב איך אים געענטפערט, און איך בין ווירקלעך געווען היינט שטאָלץ מיט מיינע ווייסע שיך, פּטור געוואָרן פון אַ גלות.

וועגן רוט האָב איך אים ניט געפרעגט. וואָס איז פאַראַן צו פרעגן וועגן זאַכן, וואָס „מען זאָל צו זיי ניט געפּרואווט ווערן", ווי די מיסיס שאָר זאָגט.

יענע צייט איז שוין פאַרענדיקט

24־טער יולי.

שוין אַ פּאָר טעג, ווי „רעד" איז ניט געקומען, איך האָב באַקומען פון אים אַ צעטעלע, עטלעכע ווערטער: „טייערע רבקה, איך בין „ביזי" היינט. לאַרי". „רעדס" נאָמען איז לייזער יאָסל, לאַרי הייסט ער דאָ. ווי מאָדנע דאָס איז, וואָס „רעדס" נאָמען איז אויך לייזער... כאָטש אַלע רופן אים „רעד".

איך קען ניט פאַרשטיין מיט וואָס ער איז אַזוי פאַרנומען, וואָס ער האָט אַפילו ניט געקענט קומען זאָגן, נאָר ער האָט אָנגעשריבן אַ צעטעלע. זאָל זיין צוליב רוטן?... צוליב דעם וואָס זי איז געקומען פון „קאַליפאָרניע"? ווער ווייס? אַז עדי

ברענגט מיר צעטעלעך מיט „אַי לאָוו יו", כאָטש ביי אים איז ערב דער חתונה, אפשר איז „רעד" אויך אַזוי? איך האָב קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן אַזעלכע זאַכן, ווען איך בין געווען אינדערהיים, און פלעג גיין מיט לייזערן צום סאָסנאָוון וואַלד. יענע צייט איז שוין פאַרענדיקט. איצט בין איך אין ניו־יאָרק. און ווי זאָגט די מיסיס קאָשעס: מען בלייבט אַליין, ווי אויף אַן אינדזל. אַזוי פיל איך זיך היינט... איך האָב זיך דערמאָנט פון טילען, וואָס איז געשטאָרבן, ווייל עס איז ניטאָ קיין ערלעכקייט אויף דער וועלט. וועמען קען דאָס מיינען? „רעדן"? רוטן? עדין? און אפשר מיך?... סעלמאַן אַוודאי ניט, זי פיילט די נעגל און וואַרט אויף דער „שרפה"...אין אַזאַ טאָג איז די בעסטע זאַך אַוועקגיין אין סקול. נאָך די לעקציעס האָבן מיך די מאַכליסעס געבעטן גיין מיט זיי אין די מואוויס, האָב איך אין די מואוויס געזען אַ מאָדנע זאַך. אין אַ משפחה נאַרן אַלע איינער דעם אַנדערן. דער מאַן האָט אַ געליבטע, די פרוי האָט אַ געליבטן, און זייער איינציקער זון נאַרט ביי זיי אַרויס זייער פאַרמעגן. דער איינציקער געטרייער איז זייער הונט. צו וואָס האָב איך געדאַרפט גיין אין די מואוויס גראָד היינט און זען, אַז דער געטרייעסטער צווישן מענטשן איז געווען אַ הונט? די מאַכליסעס זיינען מאָדנע. ער דערציילט די גאַנצע צייט וועגן זיינע ליאַלקעס, וואָס ער האָט געמאַכט. איין ליאַלקע, האָט ער דערציילט, איז געווען אינגאַנצן ווי אַ לעבעדיקע, אַ קלוגע ליאַלקע, מיט לאַנגע ברעמען און מיט אַ באָרד... פון וואָס מענטשן קענען טראַכטן? און אפשר, אַז מען גייט אַריין אין אַזאַ פרנסה, טראַכט מען וועגן דעם... גוט פונדעסטוועגן, וואָס איך האָב מיט זיי פאַרבראַכט דעם אָוונט, ווען „רעד" איז „ביזי".

שאַרלאָט

25־טער יולי.

איך בין היינט געקומען שפעט אַהיים. „רעד" איז דאָ געווען. ער האָט איבערגעלאָזן אַ צעטעלע. גוט, וואָס ער האָט מיך ניט געטראָפן. זאָל ער ניט מיינען, אַז נאָר ער קאָן זיין

„ביזי”. אויף זיין צעטעלע איז געווען אויסגעמאָלן אַ באַרג און אַ שטוב, און אַ בוים, און אַ פּלויט, בקיצור אַ גאַנצער געמעל. זעט אויס, אַז „רעד” האָט דאָ היפּשלעך געוואָרט. מעג ער טאָקע אַביסל וואַרטן. איך בין נאָך דער סקול אַוועק צו דער מיסיס קאָשעס, זען וואָס זי מאַכט. איינע פון אירע פלימעניצעס איז געווען ביי איר, טאָקע די שאַרלאָט. שאַרלאָט איז געזעסן אין אַ הוט, ווי אַ גאַסט. אויפן האַלדז האָט זי גע־טראָגן אַ פוצעכץ, זיבן גאָלדענע קייטעלעך איינס אונטערן אַנ־דערן, אַזוי אַז דאָס גאַנצע האַרץ, איז ביי איר געווען פאַרדעקט מיט גאָלד. זי איז אויסגעפאַרבט נאָך מער ווי סעלמאַ. די אויגן, און די באַקן, און די ליפּן, און די ברעמען, אַפילו די נאָז לעכלעך. זי אַרבעט אוודאַי איבער דעם אַ דריי־פיר שעה. די מיסיס קאָשעס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, פלעגט אַמאָל אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ.

שאַרלאָט איז געזעסן ניט לאַנג. פאַרן אַוועקגיין האָט זי צו מיר אַ וואונק געטאָן, וואָס עס האָט באַדאַרפט באַדייטן, אַז די מיסיס קאָשעס איז שטאַרק קראַנק. געזעגנט האָט זיך שאַרלאָט מיט טומל: „גוט באַי, ענט” (אַ גוטע נאַכט, מומע). און „טעיק קער אַן יורסעלף” (גיב אַכטונג אויף זיך). און „איט”, (עס מומע) און „טראַי טו סליפּ, ענט” (באַמי זיך שלאָפן, מומע). שאַרלט האָט „אָפּגעגעטעוועט” אפשר צען מינוט נאָכאַנאַנד, און אַז זי איז אַוועק האָבן די קייטעלעך אַ קלונג געטאָן אויפן האַלדז, די בראַסלעטקע האָט אַ קלונג געטאָן אויף דער האַנט, דער טאַש האָט אַ שנאַל געטאָן מיטן שלעסל, ווען שאַרלאָט האָט אַהין אַריינגעלייגט איר נאָזטיכל, און לסוף האָט די טיר געקלונ־גען, ווען זי איז אַוועק. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז שאַרלאַט איז דורכאויס אַ געקלונגעריי. אַז זי איז אַוועק, האָט די מיסיס קאָשעס אָנגעהויבן ריידן:

— דאָס איז זי מיטן טשעק, וואָס איך האָב דיר דער־ציילט... זי איז דאָ געקומען מיינסטו אפשר צוליב וואָס? זי האָט מיר דערציילט, אַז דער „האַזבאַנד” דאַרף געלט, כאָטש אַ דריי הונדערט דאָלער דאַרף ער...

— רעי, האָט געזאָגט די מיסיס קאָשעס, ווען איך וואָלט

איצט געווען יונג, וואָלט איך שוין קיינעם ניט געבראַכט קיין אַמעריקע. איך וואָלט אַנדערש געלעבט, איך וואָלט זיך אויפגעפירט, ווי די הייַנטיקע טוען.

אַ רחמנות איז מיר געווען אויף דער מיסיס קאַשעס, זי ליגט אַ קראַנקע און זי האָט חרטה אויף די טובות, וואָס זי האָט געטאָן יונגערהייט. גוט וואָס דער פּוס ווערט ביי איר בעסער, אפשר וועט זי נאָך געזונט ווערן צוריק און טראַכטן, אַז מיט קאָלירן קען מען אויסנייען דעם הימל.

זשאַנעט איז בלינד געוואָרן

26־טער יולי.

איך קען שוין כמעט אויפנייען אַ הענטשקע, נאָר לויט דער שוואַרצינקער מערי קומט אויס, אַז אויב איך האָב ניט קיין יוניע ביכל, דאַרף איך זיך גיין לייגן אויפן ברוק און שטאַרבן. לויט איר יושר וואָלט עס געווען רעכט. אַז זי האָט געזען נעכטן, ווי איך האָב געניית ביי דער מאַשין האָט זי עפּעס אַנגעהויבן „מאָלן" מיט דער צונג, „מאָלן", „מאָלן", איך האָב געהערט, אַז זי רעדט וועגן אַ יוניען קאַרטע, און דער סוף איז געווען, אַז זי האָט טאַקע אַרויסגערופן דעם „אָרגאַנייזער". היינט איז ער געווען. ער האָט עפּעס גערעדט מיט דער פאָרליידי, און דערנאָך מיט מיסטער רובין, און דערנאָך האָט מען מיך אַריינגערופן אין אָפיס. איך האָב געהערט, ווי מיסטער רובין האָט אים געזאָגט: זי קען שוין די אַרבעט פון לאַנג... איך האָב געפילט מיטן גאַנצן האַרצן, אַז אַ ליגן איז אַ כשרע זאַך, און אַז דער אָרגאַנייזער האָט מיך אַ פרעג געטאָן, ווי לאַנג איך בין שוין אין פאַך, האָב איך אים אָפּגעצאַצקעט: שוין זיבן יאָר, געאַרבעט אין פוילן נאָך... דער אָרגאַנייזער האָט מיך באַטראַכט, און איך ווייס ניט, צי ער האָט מיר געגלויבט, צי ניין, ער האָט מיר געהייסטן אַריינקומען אין דער יוניע.

— ביסט אַ רעפּיודזשי?

— אַ רעפּיודזשי.

און דאָס וואָס מיסטער רובין האָט צוליב מיר געזאָגט אַ

ליגן, און וואָס איך אַליין האָב אָפּגעבאַקט „זיבן יאָר אין פּאַך,״ אַלץ צוזאַמען וועט עס מיר מסתּם העלפן ווערן אַ פּאַבריק מיידל, ווי לייזער שרייבט. די שוואַרצינקע מערי האָט אויף מיר היינט געקוקט, ווי איך זאָל ביי איר עפּעס צונעמען און האָט מיך שוין אַפילו ניט געבעטן קיין „וואָטער״. זי איז אַלץ אַליין געגאַנגען נעמען, זאָל זי גיין, אַבי זי הינקט ניט... קומענדיק אַהיים, האָט מיך באַגעגענט נאָך אַ „גוטע״ בשורה. איך האָב געטראָפן אַ בריוו פון כאַצקלען. זשאַנעט איז נעבעך בלינד גע־וואָרן. אויף איין אויג זעט זי גאָרניט, און מיטן צווייטן אויג זעט זי יאָ עפּעס, אָבער אַליין גיין קען זי ניט, מען מוז זי פירן. זי האָט שוין נעבעך מלחמה געהאַלטן געננג. זי איז איצט אַלט איינגאַנצן זיבן יאָר. כאַצקל שרייבט, אַז זי וויל ניט אַראָפּגיין פון בעט. זי וויל ניט מען זאָל זי פירן. זי ווינט מען זאָל רופן דעם דאָקטער, זי וויל אַליין גיין... פרעג ניט, רבקה, שרייבט כאַצקל, וואָס מיר מאַכן, גלייכער דו זאָלסט ניט וויסן...״ די מיסיס שליוווקאָ האָט געזען, אַז איך ליג אויסגעצויגן אויפן בעט מיטן בריוו אויפן פּנים, איז זי אַריין צו מיר און מיר גע־בראַכט אַ גלאָז טיי.

— וואָס איז רבקה, עפּעס אַ שלעכטער בריוו?

— יע, מיין ברודערס מיידעלע איז בלינד געוואָרן, זיי זיי־נען געלאָפן פון אַנטווערפּן. די מיסיס שליוווקאָ האָט זיך צוגע־זעצט ביי מיר אויפן בעט, זי האָט גאָרניט געזאָגט, נאָר מיר איז געווען גרינגער, וואָס זי זיצט.

— טרינק די טיי, רבקה, האָט זי שפּעטער געזאָגט. און זעט אויס, אַז אַ מענטש קען אַלץ איבערטראָגן. איך האָב אויס־געטרונגען די טיי. מיר איז געווען זייער קאַלט. מיסיס שליוווקאָ האָט מיר צוגעדעקט די פיס מיט אַ דעקע, כאָטש עס איז דאָך זומער. מיר דאַכט זיך, אַז דער גרעסטער אומגליק האָט געטראָפן מיט זשאַנעטן, אַ גרעסערער, ווי מיט דער מאַמע ע״הש.

און „רעד״ איז היינט ווידער ניט געקומען. אָדער ער איז אין כּעס, וואָס איך האָב אים נעכטן געלאָזט וואַרטן, אָדער ער איז שוין ווידער „ביזי״.

די בלינדע וועלט און די עלנטע וועלט

27טער יולי.

שוין אַ פּאָר טעג, ווי איך קלייב זיך איבעררײדן מיט „רעדן", כּיט וואָס איז ער געווען „ביזי" די פאַרגאַנגענע וואָך. די מאַמע עה"ש פלעגט שטענדיק זאָגן, אַז אַ פּאַדים מוז מען אַ פּרואוו טאָן, צי ער רייסט זיך ניט איבער. איך מיין, אַז געטריישאַפט מוז מען אויך אַ פּרואוו טאָן.

פרעגן ביי „רעדן" איז מיר געווען שווער און בלייבן אין שטוב און וואַרטן, צי וועט ער היינט קומען, צי וועט ער זיין „ביזי" — איז מיר געווען אינגאַנצן אוממעגלעך. איך האָב באַשלאָסן צוגיין צו דער מיסיס קאָשעס, זען וואָס זי מאַכט. איך האָב ליב צו הערן אירע מעשות, זי ווייס שטענדיק וואָס צו טאָן, כאָטש זי איז שוין אַלט און קראַנק. זי וואָלט געוויס איצט אַוועק פון שטוב און ניט אויסגעקוקט אויף „רעדן", ווען זי זאָל זיין אויף מיין אָרט. איך האָב שוין געהאַלטן ביים אַוועק־גיין פון שטוב, ווען „רעד" איז אַריין, און ביי מיר האָט זיך אָפּגעריסן פון צונג:

— ביסט היינט ניט „ביזי"?

„רעד" האָט אָנגעהויבן ריידן אויף ענגליש, מסתם האָט אים פאַרדראָסן אויף מיין פראַגע.

— „וואוּאי יו'ר עסקינג מי?" (וואָס פרעגסטו מיך עפּעס?)

איך ווייס ניט פאַרוואָס מיר האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אין האַרצן, אָבער אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב מורא געהאַט, „רעד" וועט הערן, ווי הויך עס קלאַפּט. איך האָב „רעדן" געענט־פערט גאָרניט קלערנדיק:

— „רעד", רוט איז געקומען פון קאַליפאָרניע, דו ביסט מיט איר געגאַנגען דריי יאָר „מיט פיר מאַנאַטן", דאַרפסט גיין מיט רוטן, „רעד"... וועגן די פיר מאַנאַטן האָב איך געזאָגט גלאַט אַזוי, ווייל איך האָב זיך געוואָלט אָפּרעכענען מיט „רעדן" פאַר זיין „ביזי".

„רעד" האָט ווידער גערעדט אויף ענגליש:

— יו וואָנט מי טו דו סאָ, רבקה? (דו ווילסט איך זאָל אַזוי טאָן?)

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז „רעד" מאַכט שפּאַס, ער רייצט זיך מיט מיר, „יו וואָנט מי טו דו סאָ, רבקה"?

„רעד" איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און זיך געשטעלט קוקן אויף די פייערן פון גאַס, ווי דעמאָלט ווען ער האָט מיך געבעטן אים ווייזן די בריוו פון „פּאַלעסטיין". און איך, אַנשטאָט ענטפערן „רעדן" האָב גאָר דערזען די קליינע זשאַנעט, ווי זי זיצט אַ בלינדע אויפן בעטל און וויל ניט אַראָפּגיין. מיך האָט אַנגענומען אַ רחמנות, איך וויס ניט צי צו דער קליינער זשאַנעט, צי צו זיך אַליין. איך האָב צוגעמאַכט די אויגן און דערזען אַ סך רויטע פייערדיקע רונגען טראָגן זיך אַרום און ווערן גרין און בלוי. די בלינדע וועלט איז אויך אַ וועלט, און די עלנטע וועלט איז אויך אַ וועלט, און צו וואָס דאַרף איך ענטפערן „רעדן", אויב ער רייצט זיך מיט מיר. ווען איך האָב דערנאָך געעפנט די אויגן איז „רעד" געשטאַנען אַנגעבויגן איבער מיין בענקל:

— וואָס „דענקסטו", רבקה?

— גאָרניט, איך טראַכט וועגן די פייערדיקע רונגען, וואָס איך האָב נאָר וואָס געזען.

— איך פאַרשטיי ניט,

— גאָרניט, „רעד", ניט קיין וויכטיקע זאַכן.

ווען „רעד" זאָל אַוועקגיין וואָלט מיך ניט געאַרט, אין יע־רגע, ווייל אַלע זאַכן זיינען פאַר מיר געוועזן אַלץ איינס, ניט פריילעך און ניט אומעטיק. נאָר „רעד" איז ניט אַוועק, ער האָט מאָדנע איינפאַלן, ער האָט זיך גאָר צוגעזעצט אויף דער ערד און האָט מיר אויסגעטאָן די שיך.

— לייג זיך צו, רבקה, דו ביסט מיד, איך וועל דיר ברייננגען קאַפע. איך האָב אים געפאָלגט, איך האָב זיך צוגע־לייגט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין ניט אין ניו־יאָרק, נאָר גאָר ביי מיין זיידן אין וואַלד, לעבן לובלין. עס האָט אַנגעהויבן רעגענען און בליצן. „רעד" האָט מיר געבראַכט קאַפע, ער האָט זיך צוגעזעצט לעבן מיר און האָט מיר געזאָגט:

— רבקה, „איטס טרו", (ס'איז אמת), איך בין דעמאָלט

געגאַנגען מיט רוטן. „שי קרייד" (זי האָט געוויינט...) איך וועל מיט איר מער ניט גיין „נעווער".

פון אַלץ וואָס „רעד" האָט גערעדט האָב איך געהערט „נעווער". איך גלויב אים, ווען ער זאָגט דאָס וואָרט „נעווער".

דער וויזיט

1־טער אויגוסט.

היינט האָב איך געהאַט אַ גרויסן גאַסט. רוט איז צו מיר געקומען. אויסגעפּוצט איז זי געווען, ווי שטענדיק, אָבער עס איז געווען אַן אַנדער רוט. איך האָב דאָס דערזען גלייך ווי זי איז אַריין. זי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אויסגעצויגן אויף פאָר־אויס, ווי זי זאָל עפּעס טראָגן אויפן רוקן. איך האָב איר דער־לאַנגט אַ שטול, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי מוז זיך צוזעצן. רוט האָט אָנגעהויבן ריידן אויף אידיש און עס קען זיין, אַז צוליב דעם האָט זיך מיר געדאַכט, אַז עס זיצט דאָ אַן אַנדער מענטש, ניט רוט.

— איך בין אַלט פיר און צוואַנציק יאָר. אַז איך האָב זיך געטראָפן מיט „רעדן" בין איך אַלט געווען צוואַנציק. מיר האָבן שוין באַדאַרפט חתונה האָבן, האָב איך געטאָן אַ נאַרישקייט, „אי וואַז סאָ פּוליש". (איך בין געווען אַזוי נאַריש), איך האָב געוואָלט „סעיפן" געלט אויף אַ היים, אויף „פאָניטשור" (מעבל). איצט האָב איך זעקס הונדערט דאָלער... און איר זיינט גע־קומען.

רוט האָט אָנגעהויבן וויינען שטיל. אַלע ווילע אַ צי געטאָן דעם אָטעם אין זיך. אַזוי ווי זי וואָלט וועלן פּרואוון, צי זי האָט נאָך מיט וואָס צו עטעמען. סעלמא זאָגט, אַז איר האָט אַ „באָי" אין פּאַלעסטיין. „אָל מיי לייף" (מיין גאַנצן לעבן), האָט זי עפּעס געזאָגט, איך האָב מערניט געהערט, וואָס רוט האָט גערעדט, איך האָב נאָר געזען, ווי זי האַלט נאָך אַלץ דעם קאָפּ אויסגע־צויגן פאָרויס, און איר גרינער פעדער אויפן הוט האָט געצי־טערט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס וויינט גאָר די בלינדע זשאַנעט און בעט זיך מען זאָל צו איר רופן אַ דאָקטער. רוט האָט נאָך עפּעס גערעדט און דערנאָך איז זי שטיל געבליבן. זי

האָט געוויינט און געפּרואווט די לופט, צי זי ווערט ניט דער־שטיקט. אָט אַזוי וויינט מסתם זשאַנעט. איך האָב אַ זאָג געטאָן צו רוטן:

— איך בין ניט קיין דאָקטער, וואָס זיינט איר צו מיר געקומען?

רוט האָט זיך אַ ריס געטאָן:

— קיין דאָקטער? „וואַט דו יו מין אַ דאָקטער״? (וואָס הייסט אַ דאָקטער?)

זי איז געווען רויט, און האָט אויפגעהערט צו וויינען און האָט אָנגעהויבן ריידן אויף ענגליש:

— „אי טאָט יו'ר אַ יומען ביאינג, באָט... יו'ל קאָם טו מי סאָם דעי״ (איך האָב געמיינט איר זיינט אַ מענטש... נאָר... איר וועט נאָך קומען צו מיר ווען עס איז...)

איך האָב געהערט, ווי רוט איז געלאָפן איבער די שטיגן אַראָפּ. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט פאַלן אויף די שטיגן, ווייל זי זעט דאָך איצט גאָרניט. איך האָב געוואָלט לויפן זי אונטערהאַלטן, נאָר אירע טריט זיינען שטיל געוואָרן און איך בין געבליבן זיצן אויפן אָרט.

מיסטער עדלשטיין

6טער אויגוסט.

שיינפעלד וויל זיין אַ שיינער מענטש, עס גייט אים אין לעבן, אַז איך זאָל אָפּגעבן זיינע פופצען דאָלער משיחן. איך האָב היינט באַקומען פון אים אַ בריוועלע, שרייבט ער מיר: „איך בעט אייך, רבקה, שיקט אָפּ די פופצן דאָלער צו דעם מענטשן, ביי וועמען איר האָט זיי גענומען. איך וויל קיינעם ניט שולדיק זיין כל זמן איך דאַרף ניט. איך האָב צוליב דעם זייער אַ סך מקריב געווען... אויב איר האָט איצט ניט קיין געלט וועל איך אייך אָפּשיקן אַנדערע פופצן דאָלער״.

אַז איך האָב באַקומען דעם בריוו בין איך אַוועק זוכן פיר דאָלער, ווייל עלף האָב איך געהאַט. די טאַנטע האָט ניט געהאַט ביי זיך קיין געלט, די מיסיס שאָר איז אין שטוב ניט געווען. און ביי וועמען האָב איך געקריגן די פיר דאָלער? ביי מיסטער

עדלשטיין... געוואָלט האָב איך גיין אַ היים און באָרגן פיר דאָלער ביי דער לאַנדריניטשקע, נאָר אָקעגן איז מיר אָנגעקומען אַ מענטש, וואָס איך וואָלט געקענט שווערן, אַז איך האָב אים אין ערגעץ געזען, נאָר איך האָב ניט געדענקט וואו. דערקענט האָב איך אים, ווען ער האָט צו מיר אַ שמייכל געטאָן, און איך האָב דערזען די גרויע דורכזיכטיקע אויגן, וואָס אַביסל לאַכן זיי און אַביסל האָבן זיי רחמנות. דאָס איז דאָך דער גרויסער גביר פון לאָנג איילאַנד, מיסטער עדלשטיין... ווי קומט ער אַהער?

ער האָט מיך דערקענט און זיך אָפּגעשטעלט:

— וואָס מאַכט איר?

אַ דאַנק, איך בין „אָלרייט".

— וואוהין גייט איר?

איך האָב זיך גאָרניט באַטראַכט אַז איך רעד מיט אַ גרויסן גביר און איך האָב אים געזאָגט וואוהין איך גיי.

— איך גיי קריגן פיר דאָלער, איך דאַרף היינט אָפּגעבן אַ חוב.

מיסטער עדלשטיין האָט אַרויסגענומען די פיר דאָלער פון אַ קעשענע און האָט מיר געגעבן.

— נעמט, האָט ער געזאָגט, און גייט ניט זוכן.

אָט האָב איך זיך אָנגעמאַכט אַ חתונה, גאָר נעמען ביי עדלשטיינען פיר דאָלער! ביי אַזאַ גביר הייסט עס כמעט נעמען אַ נדבה, האָב איך אַ טראַכט געטאָן און איך האָב דאָס אים געזאָגט אויך.

— אָ, איך וויל ניט נעמען ביי אייך, איר זיינט אַזאַ גביר, וועט עס אַרויסקומען, אַז איך נעם ביי אייך...

איך האָב שוין ניט געוואָלט פאַרענדיקן אַ „נדבה", נאָר עדלשטיין האָט אַליין פאַרשטאַנען, וואָס איך מיין און ער האָט מיר געזאָגט:

— איר האָט מיך צופעליק געטראָפן, איר זיינט ניט געקומען ביי מיר בעטן קיין געלט... נעמט.

ער איז אַ מאָדנער מענטש, דער עדלשטיין, ער איז אַ מענטש אָן קונצן, און איך האָב זיך געפילט, ווי איך וואָלט אים

שוין פון לאַנג געקענט. איך האָב אים דערציילט וועגן דער קליינער זשאַנעט, וואָס איז בלינד געוואָרן. און זעט אויס, אַז איך האָב ווידער געטאָן אַ נאַרישקייט. עדלשטיין האָט מיר געזאָגט:

— גיט מיר אייער ברודערס אַדרעס, איך וועל שיקן אַלע חודש צען דאָלער.

אַזוי האָט ער געזאָגט: צען דאָלער.

מיסטער עדלשטיין איז געגאַנגען לעבן מיר און איך האָב געזען, אַז די אַקסלען זיינען ביי אים אַביסל אַראָפּגעלאָזן, קיין יונגער איז ער שוין, זעט אויס, ניט. ער האָט גערעדט צו מיר וועגן לובלין:

— איך האָב אַמאָל געגעסן טעג ביי אייער זיידן רב מאָטיעלע, איידער ער איז נאָך אַרויסגעפאָרן אין וואַלד. די בעסטע „טעג" האָב איך געגעסן ביי אים. ער פלעגט מיך זעצן ביים טיש און הייסן מאַכן המוציא, אַ פרומער זייער געווען אייער זיידע, אַ פאַרנומענער. אינמיטן דערינען פלעגט ער זיך אַ כאַפּ טאָן און אָנהויבן שרייען אויף דער באָבע אויף אייערער: גיב אים עסן, גיב! וואָס גיסטו ניט? — — — ער פלעגט זאָגן גלאַט אַזוי פון צעטראָגנקייט, ער פלעגט עס אַמאָל זאָגן אַפילו, ווען איך האָב שוין אָפּגעגעסן... כדי פאָלגן דעם זיידן פלעגט מיר די באָבע צורוקן דאָס זאַלץ מעסטל. ער איז זייער אַ צע־טראָגענער געווען...

זעט אויס, אַז דער זיידע איז אויך געווען אַ „קאַפּידריך", וועדליג ווי מיסטער עדלשטיין דערציילט.

איך האָב געגעבן מיסטער עדלשטיין דעם ברודערס אַדרעס, טאָמער איז דאָס אַפילו ניט אַזוי שיין פאַר מיר, אָבער בעסער איידער דער ברודער זאָל הונגערן, און איך האָב דאָס טאַקע געזאָגט מיסטער עדלשטיין:

— עס איז אפשר ניט אַזוי שיין, וואָס איך גיב אייך דעם ברודערס אַדרעס...

— אוודאי איז ניט שיין, האָט ער מיר געענטפערט, עס וואָלט געווען אַ סך שענער, אַז איר זאָלט מיר ניט וועלן געבן

אייער ברודערס אַדרעס... און ער האָט אָנגעהויבן לאַכן און דערנאָך האָט ער צוגעגעבן:

— ווער האָט עס אייך אויסגעלערנט דעם „ניט שיין"...

איך האָב אים צוגעפירט צו זיין מאַשין. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און האָט געזאָגט:

— איך האָב אַ האַלבע שעה פריי, קומט איך וועל אייך ווייזן ניו־יאָרק.

איך בין אַריין מיט אים אין מאַשין.

אַ ברייטע, אַ ווייכע מאַשין, אַ סאַמעטענע.

ניו־יאָרק האָט זיך אַ טראָג געטאָן אַנקעגן אונדז. הויכע מויערן, דערנאָך דער סענטראַל פּאַרק, אַן אַזיערע אינמיטן, שוואַנען שווימען. איצט דאַכט זיך מיר, עס האָט זיך מיר אָפּגעחלומט אַ חלום, און מיסטער עדלשטיין האָט מיך געבראַכט צוריק צו דער לאָונדרי.

— פאַרוואָס ווילט איר ניט נעמען דעם דזשאָב ביי מיר?

— אַ דאַנק אייך, איך האָב אַ דזשאָב.

נאָך אַמאָל האָבן אַ לאַך געטאָן איבער מיר זיינע אויגן.

— „גוט באַי", האָט ער אַ זאָג געטאָן, געגעבן די האַנט און איז אַוועקגעפאָרן.

ער אויך: דער זיידע רב מאָטיעלע. ער האָט ביי אים געגעסן „טעג"... פונדעסטוועגן איז אַ רחמנות אויף דער באָבע, קיינער דערמאָנט זי ניט, נאָר דעם זיידן רב מאָטיעלע.

בעסיע די בלאָנדע

12־טער אויגוסט.

אויס מיט די „פּיסעס" איך ניי שוין ביי דער מאַשין. די בלאָנדע בעסיע גיט מיר אַלעמאָל אַ ווייז וואָס צו טאָן, זי פּאַטשט לאַנג מיט די ליפּן, אַז זיי פּאַלדעווען זיך אַזש ביי איר אָן, און זי זאָגט צו מיר:

— האַלט גרינגער די הענט, גרינגער.

כאָטש איך פאַרשטיי ניט, ווי קען מען הענט האַלטן גרינגער און ווי קען מען הענט האַלטן שווערער, פונדעסטוועגן איז מיר גרינגער, וואָס די בלאָנדע בעסיע וויל מיר העלפן. און אַז איך

זע ווי זי פּאַטשט מיט די ליפּן ווערט מיר אַזש גרינגער אויף דער נשמה. צוליב מיר האָט זי היינט אַריינגעכאַפּט פון דער שוואַרצינקער מערי:

די שוואַרצינקע מערי איז פּשוט אַ מרשעת, נאָר אַנשטאָט זאָגן, אַז זי פאַרגינט מיר ניט, וואָס איך קען שוין אַרבעטן ביי דער מאַשין צו ביסלעך — מאַכט זי זיך גאָר פאַר גאָטס אונטערפּירערקע, זי היט די יוניע, ובכן איך האָב נאָך ניט קיין יוניע ביכל... זי האָט זיך היינט פאַנאַדערגעלאָזן, און „געמאָלן" ווי איר שטייגער איז זייער שנעל, און אַז די בלאָנדע בעסיע האָט נאָך מיר אַלץ צוגעהאָלפן, האָט זי איר לסוף געזאָגט, אַז זי איז אַ „סקעב" (שטרייק־ברעכערין).

— „יו'ר אַ דוירטי סקעב", (ביסט אַ שמוציקע שטרייק־ברעכערין).

די בלאָנדע בעסיע האָט אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די ליפּן, נאָר זעט אויס אַז אויסקירעווען זיך מיטן מויל איז איר געווען שווער, איז זי צוגעגאַנגען צו דער שוואַרצינקער מערי, זיך גע־שטעלט אַנקעגן איר, און איר געוויזן מיט די הענט איבערן מויל אַ פּאָר וואָנצעס, און האָט שווער אַרויסגערעדט:

— פיליפ האָט דיך אָוועקגעוואָרפן, גוט אַזוי... ווילסט אפילו אַ „רעפּיודזשי" ניט העלפן, טפו, „וויטש" (מכשפה)...

די שוואַרצינקע מערי האָט שוין גאָרניט געזאָגט, אין די ווינקלען פון די אויגן זיינען ביי איר געשטאַנען צוויי גלאַנציקע טראָפּנס, זיי האָבן ניט אויסגעזען ווי טרערן, נאָר ווי פונקען. זעט אויס זי האָט געטראַכט, וואָס אַזוינס צו זאָגן דער בלאָנדער בעסיע, און זי האָט טאַקע, זעט אויס, באַטראַכט, ווייל אין אַ מינוט פּופּצן אַרום איז זי צוגעגאַנגען צו דער בלאָנדער בעסיעס מאַשין און האָט געזאָגט הויך, אַז אַלע זאָלן הערן, אויף ענגליש:

— און דיין מוזישן וויל דיך אָוועקוואַרפן אַלע יאָר... אַלע יאָר...

די בלאָנדע בעסיע האָט אויף איר ניט קיין קוק געטאָן, זי האָט בלויז אַ שפּיי געטאָן אויף יענער זייט, וואו מערי איז געשטאַנען, און האָט געזאָגט: „וויטש"...

שפּעטער האָט מען מיך גערופן אין דער יוניע. דאָרט איז

געווען דער אָרגאַניזער, און איך האָב איצט היינט דערזען, אַז ער האָט אויך אַ קלייכעדיק פּנים, ווי מיסטער שאַמוט. וואו האָבן זיי זיך אַלע אָנגענומען מיט אַזעלכע פּנימער?

דער אָרגאַנייזער האָט מיר געגעבן אויספילן אַן „אַפּליקעישן" איך האָב אָנגעשריבן נאָכאַמאָל דעם זעלבן גוטן יהי רצון, אַז איך בין שוין זיבן יאָר אין פאַך. איך האָב איינגעצאָלט איין דאָלער פאַר דער „אַפּליקעישן", דער אָרגאַנייזער האָט מיר געגעבן אַ רעסיט און איך בין אַוועק צוריק אין שאַפּ.

די בלאָנדע בעסיע האָט גענומען דעם רעסיט.

— „אַי וויש יו גוד לאַק", (איך ווינטש דיר גליק), האָט זי געזאָגט און דערנאָך צוגעגעבן: וועסט שוין שקלאָפן ביי דער מאַשין, „דאָן וואָרי" (זאָרג ניט). נאָר דערמיט האָט זיך עס ניט געענדיקט. זי האָט זיך אַ הויב געטאָן און איז אַוועק מיטן רעסיט, צו דער שוואַרצינקער מערי, זי האָט היבש געפּאַטשט מיט די ליפּן און האָט לסוף אַרויסגעזאָגט:

— נאָ, לעק דעם רעסיט פון דער יוניע, וועסט פעטער ווערן.

די שוואַרצינקע האָט איר ניט געענטפערט, נאָר זי האָט איר געוויזן אַ צונג, און איך האָב זיך געוואונדערט, וואָס ביי אַזאַ קליין מערעלע קען זיין אַזאַ לאַנגע צונג.

די בלאָנדע בעסיע האָט מיך גענומען אונטער איר פליגל. זי העלפט מיר גאָרניט, נאָר אַלע ווײַלע דערמאָנט זי מיר.

— האַלט גרינג די הענט, רוט.

אין שאַפּ רופט מען מיך רוט. אַזוי אַז אַרום און אַרום האָב איך שוין דריי נעמען. רעיי, רוט און רבקה, און דאָס איז ניט פאַר קיין גאַנצן יאָר פון מיין זיין אין אַמעריקע.

„ניט אומזיסט געבויט אַ ניו־יאָרק"

18־טער אויגוסט.

אָפּגעבן די פּופצן דאָלער „משיחן" איז מיר געווען אַ סך שווערער ווי קריגן זיי. אַבי מען זאָגט: קריגן געלט איז שווער, אָפּגעבן איז גרינג. ניט שטענדיק גילט דאָס זעלבע. אַז איך האָב אָפּגעבראַכט די פופצן דאָלער אין דער געזעלשאַפט „הילף פאַר

פליכטלינגע" האָט מיך מיסטער שאַמוט אָנגעקוקט אַזוי פאַר־וואונדערט ווי איך זאָל אַריינקומען צו אים אין אַפּיס אָן אַ קלייד, חלילה, אָדער אָן אַ קאָפּ.

— וואָס „באַדערט" (עסק'ט) איר זיך מיט די פופצן דאָ־לער, וואָס? האָט ער געזאָגט אומצופרידן און האָט זיך אַזש אַ קראַץ געטאָן אין דער פּאָטילינצע. דערנאָך, האָט ער זיך, זעט אויס, געכאַפּט, אַז ער איז צו שטרענג צו אַ מענטשן וואָס האָט אָפּגעבראַכט געלט און האָט געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— אַי לובלין, לובלין! ווען וועסטו שוין ווערן אַמעריקע?

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גייעניש מיט שיינפעלדס געלט פון איינעם צום אַנדערן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פופצן דאָלער האָט געגעבן „משיח" אויף זיין רעכענונג, נאָר ער האָט עס אויסגעבאָרגט ביי דער געזעלשאַפט „הילף", ביז די געזעל־שאַפט וועט עס איבערנעמען אויף איר חשבון, און אויף איר חשבון האָט מען דאָס נאָך ניט איבערגענומען, מען פאַרהאַנדלט עס, ווייס מען ניט וועמען דאָס געלט איצט אָפּגעבן... מיסטער שאַמוט איז געווען אַזש פאַרשוויצט:

— נו, צו וואָס האָט איר געבראַכט איצט די פופצן דאָלער, האָסטו שוין געהערט, מען זאָל ברענגען געלט אויף צוריק?

ערשט שפּעטער איז אָנגעקומען דער אַלטער מיסטער פיש־מאַן און איצט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע חתונה. ער האָט מיך פּשוט גענומען פאַר דער האַנט און איז מיט מיר געגאַנגען פון איין טיר צו דער אַנדערער.

— איך האָב אייך געזאָגט, מען דאַרף האָבן צוטרויען צו זיי... אַ „פליכטלינג" איז אַ מענטש.

אַלע וואָלטן אָפּגעגעבן... אַז איר גלויבט ניט, אָט האָט איר אַן „עקזעמפּל" (אַ ביישפּיל).

די פופצן דאָלער האָט ער אין קעשענע ניט אַריינגעלייגט. ער האָט זיי געטראָגן ווי אַ פאָן אינדערהויך אין איין האַנט און מיך האָט ער געפירט מיט דער אַנדערער האַנט, ווי אַ לעבעדיקן באַווייז, אַז אַ „פליכטלינג איז אַ מענטש". אַנקעגן אַ צווי שעה האָבן מיר אַרומגעשפּאַצירט איבער די טירן פון די דירעקטאָרן

מיט די געהילפן, איך בין גייענדיק פאַרשוויצט געוואָרן, נאָר דער אַלטער „משיח" איז ניט געוואָרן מיד.

— איך זאָג אייך תמיד, האָט ער גע'טענעה'עט, צו וואָס דאַרף מען דאָ די „פּאַרניטשור"? צוטרויען צו אַ מענטשן דאַרף מען... און ער האָט דערמאָנט דעם דעמבענעם טיש, וואָס ער האָט אַליין געפּאַרבט. זיין לעצטער וויזיט איז טאַקע געווען צו מיסטער שאַמוט. מיסטער שאַמוט איז געזעסן לעבן דעם גרי־נעם טיש און האָט געזוכט אַן עצה ווי זיך אַרויסצוראַטעווען פון משיחן. צום סוף האָט ער אַ כאַפּ געטאָן זיין זייגערל, וואָס ליגט ביי אים שטענדיק אויפן טיש, און האָט זיך אַזש אַ נעם געטאָן פאַרן קאָפּ:

— גאָר פאַרגעסן, איך האָב אַ מיטינג! און ער איז שוין געשטאַנען אויף די פיס און זיין העלע הוט אין האַנט. ער האָט שמייכלענדיק דערלאַנגט אַ האַנט „משיחן":

— איר זאָלט געזונט זיין, מיסטער פיש, איר זיינט גע־רעכט...

און צו מיר האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— אַי לובלין, לובלין... גוד באַי.

און ער האָט ניט געסטאַיעט אין איין רגע.

משיח האָט די פופצן דאָלער אַוועקגעטראָגן צו דער קאַסע און צו מיר האָט ער געזאָגט:

— נו, איר זאָלט מצליח זיין ביי אונדז. ניט אומזיסט גע־בויט אַ ניו־יאָרק...

איך בין אַרויס פון דער געזעלשאַפט „הילף" און דערזען ניו־יאָרק, וואָס מען האָט „ניט אומזיסט" געבויט פאַר מיר. ליכטיק און רוישיק און פריילעך איז געווען די גאַס. די מאַ־שינעס וואָס האָבן זיך אַלע ווילע אַוועקגעשטעלט און איינע די אַנדערע געלאָזן אַ וועג, האָבן אַזוי ווי געטאַנצט אַ פּאָלקע מאַזורקע. איך בין אַליין פאַרהילכט געוואָרן אין דער רוישיקער גאַס. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז הינטער מיר שטייט דער הויכער אַלטער "משיח" און גיט אַכטונג איך זאָל „מצליח זיין".

אַ זומערדיקער מיטינג

20־טער אויגוסט.

מיסטער עדלשטיין האָט טאַקע ניט פאַרגעסן אָפּשיקן צען דאָלער צו מיין ברודער, און ער האָט מיר אָפּגעשיקט דעם „רע־סיט" (קבלה) פון באַנק. דאָס הייסט ניט ער אַליין, נאָר זיין מאַק ליהאי. מילא, זאָל זיין מאַק ליהאי, אָבער מיין ברודער וועט באַקומען צען דאָלער. דעם „רעסיט" האָב איך געלאָזן אויפן טיש, ווייל די טאַנטע האָט מיך אַ רוף געטאָן צו אַ מיטינג פון דער „לובלינער לידיס סאָסייעטי". איך בין געגאַנגען ווי שטענ־דיק מיט דער האָפענונג, אפשר וועל איך זיך עפּעס דערוויסן וועגן מיינע אין לובלין.

דער מיטינג איז געווען וועגן מיסטער שאַמוטס יובילײ. דער מיטינג איז געווען אַ שיטערלעכער, אַ זומערדיקער. עס זיינען געקומען ווייניק פרויען. דער „קעפּטן" פון דעם יובילײ, מיסיס טקאַטש, איז געקומען צו פאָרן פון מאָונטענדעיל זייער זומערדיק, מיט קורצע אַרבל. זי האָט גראָבע הענט, ווי קלעצלעך, און אָזעלכע ווייכינקע, ווי נאָר וואָס אויסגעקנאָטן.

„פאָר נאָטינג (בשום אופן) אין דער וועלט, וואָלט איך זיך ניט געשלעפּט אין אַזאַ היץ אין שטאָט אַריין, נאָר צוליב מיס־טער שאַמוטס יובילײ בין איך געקומען.

מיסיס ראַבקין איז שוין נאָכן „וואַקעישן", זי איז שוואַרץ, ווי זי זאָל מאַכן אַ וויזיט אויף דער זון, און ניט פּשוט זיין אין די „קעטסקילס" (בערג). די טאַנטע איז דעם זומער ערגעץ ניט געפאָרן צוליב סעלמאַס „שרפה", נאָר די פרויען האָט זי גע־זאָגט, צוליב „טריטמענטס" (באַהאַנדלונגען) ביי אַ דאָקטער, זעט אויס, אַז דאָס איז שענער. מיסיס רובין פאָרט קיינמאָל ניט אַרויס זומער. אַז דער מאַן פאָרט ניט צוליב די ביזנעס, פאָרט זי ניט צוליבן מאַן. נאָר אויף די „וויקענדס" (שבתים און זונ־טיקס) פאָרן זיי אַרויס ביידע צוזאַמען. און נאָך אַ פּאָר פרויען זיינען געקומען. די זיצונג איז געווען אַ שטילע. מען האָט באַ־שלאָסן אָנשיקן אַ מעלדונג אין די „פּעיפּערס" וועגן מיסטער שאַמוטס יובילײ, און וועגן זיין „פּערזענלעכקייט". אַלע פרויען האָבן אַרויסגענומען בלייפעדערס, אויסער דער מיסיס רובין.

— איך קען גאָרניט אָנשרייבן, האָט זי געזאָגט, גענוג, מיין שוועסטער גאָלדע איז פאַרלאָרן געגאַנגען צוליב קענטעניש. די בעסטע שרייבערקע פון דער לובלינער לײדיס סאָסייעטי איז מיסיס ראַבקין. זי האָט געשריבן און אַלע ווילע אַ קראַץ געטאָן די נאָז און לסוף איבערגעלייענט פאַר די פאַרזאַמלטע אײ־„קאַמפּאָזישאָן״:

„מיר זיינען „פּראַוד״ (שטאָלץ) צו האָבן אַזאַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט ווי מיסטער שאַמוט פאַר אונדזערן אַ לאַנדסמאַן און מיר האָבן דעם כבוד צו פייערן זיין פופציק יאָריקן „יובילײ״. אַלע זיינען געווען זייער צופרידן פון דעם אָנהייב און געפּאַטשט בראַוואָ, און די פרויען האָבן באַשלאָסן, אַז די מיסיס ראַבקין אין אַ טאַלענט, אַפילו מיסיס טקאַטש, דער „קעפּטן״ האָט אויך געפּאַטשט בראַוואָ. די מיסיס ראַבקין האָט נאָך געשריבן און געמעקט און דערנאָך פאַרגעלייענט פאַר די פרויען:

„ביי די היינטיקע אומשטענדן, וואָס די אידן לעבן דורך אין גאַר דער וועלט, זיינען מיר גליקלעך צו זיין אין אַמעריקע און זיינען „פּראַוד״ צו האָבן אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, ווי מיסטער שאַמוט״.

עס איז געוואָרן צו שפּעט און מען האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט אויף פאַרענדיקן די מעלדונג פאַר די „פּעיפּערס״.

איך האָב געטאָן אַ נאַרישקייט, וואָס איך האָב איבערגעלאָזן מאַק ליהאַי׳ס באַנק־קבלה אויפן טיש. אַז איך בין געקומען אַהיים איז „רעד״ געווען ביי מיר, און איז שוין ווידער געשטאַנען ביים פענצטער און געקוקט אויף די פייערן פון גאַס. עס איז אַ שלעכטער סימן, אַז „רעד״ הויבט זיך אָן אַריינקוקן אין די פייערן, ער איז דעמאָלט אין כעס, דאָס ווייס איך שוין. ער האָט טאַקע באַלד אָנגעהויבן ריידן ענגליש און האָט מיך אַ פרעג געטאָן:

— רבקה, „וואָט קאַינד אָוו רעסיט איז איט? (וואָס איז דאָס פאַר אַ קבלה?) איך האָב דיך געבעטן ניט גיין צו מיסטער עדלשטיין . . .

די ערשטע ווילע האָט מיך באַנג געטאָן, וואָס איך האָב איבערגעלאָזן דעם רעסיט אויפן טיש, און דערנאָך האָב איך אַ

טראַכט געטאָן, אַז איך האָב נאָך מיט „רעדן" ניט חתונה געהאַט און בין אים ניט מחויב צו זאָגן קיין ליגן...

— פון וואַנען ווייסטו, אַז איך בין געגאַנגען צו אים?

— און דער „רעסיט"?

איך האָב דערציילט „רעדן" וועגן מיין באַגעגעניש מיט מיס־טער עדלשטיין אין גאַס, און אַז ער וועט שיקן אַלע חודש מיין ברודער צען דאָלער.

— צו ווייניק, רבקה, האָט „רעד" אַ לאַך געטאָן.

איך ווייס ניט, וואָס מיט מיר איז געוואָרן, איך האָב דער־פילט אַ ווייטיק אַרום האַלדז, ווי מען זאָל מיך שטיקן און איך האָב אַ ווילע ניט געקענט ריידן. איך בין מסתם בלייך געוואָרן, ווייל „רעד" האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און מיך גענומען ביי די אַקסלען:

— רבקה'לע, „דאָן בי ענגרי" (זיי ניט בייז)...

— דו טראַכסט ניט וועגן מיין ברודער, און אַז ער הונגערט, אַרט דיך ניט... און עדלשטיין...

— איך בין ניט אַזוי רייך, ווי ער... האָט „רעד" מיר געענטפערט.

— און דו ביסט ניט הונגעריק אויך...

„רעד" האָט געשוויגן. ער איז געזעסן אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. איך האָב געזען, אַז ער האָט עפּעס באַשלאָסן, נאָר וואָס האָט ער מיר ניט געזאָגט.

„ניט איז ניט" האָב איך געטראַכט, איך קען ניט לעבן שטענדיק מיט „רעדס" שכל.

מיר האָבן אָפּגערעדט אויף מאָרגן „אויסגיין" און „רעד" האָט מיך געבעטן איך זאָל אָנטאָן די נייע „דרעס", וואָס זיין מאַמע האָט מיר געשיקט אַ מתנה.

וואו וויל מיט מיר „רעד" גיין? און צוליב וואָס דאַרף איך זיך אַזוי אויספּוצן? אַז „רעד" איז אַוועק האָב איך לאַנג ניט געקענט איינשלאָפן. און ביינאַכט האָט זיך מיר געחלומט דער „רעסיט", און מאַק ליהאַיס אונטערשריפט איז געוועזן פון שטיין. איך האָב די אונטערשריפט אַ פּאָר מאָל אַ ריר געטאָן און מיר האָט וויי געטאָן דער פינגער. דערנאָך האָט זיך מיר געדאַכט,

אַז ניט מיין פינגער טוט ווי, נאָר מיין ברודער כאַצקלען טוען ווי די פינגער. אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט האָב איך געזען, אַז ביי מיר איז רויט אַ פינגער, מסתם נעכטן פאַרשטאָכן ער־געץ. ניט גוט, עס וועט מיר שווער זיין אַרבעטן ביי דער מאַשין.

איך פאָר „זיך זען" מיט „רעד"ס טאַטע-מאַמע

21־טער אויגוסט.

ביי לייטן פאַרט מען „זיך זען" מיט אַ חתן, און מיר דאַכט זיך, אַז איך בין היינט געפאָרן „זיך זען" מיט „רעדס" טאַטע מאַמע. מיט קיין חתן האָב איך זיך אויף מיין לבען ניט געזען, נאָר זיך זען מיט טאַטע מאַמע איז אַ מאָדנע איבערלעבונג. עס דאַכט זיך, אַז דער טאַטע איז אַ בער, און די מאַמע איז אַ בע־ריכע, און אָט אָ וועלן זיי דיך באַלד אַ נעם טאָן מיט די לאַפּעס און די וועלט וועט זיך איבערקערן. אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט, ווען איך בין געפאָרן מיט „רעדן" אין באָס.

„רעד" האָט מיר היינט געזאָגט, אַז איך דאַרף צופאָרן זאָגן אַ דאַנק זיין מאַמען פאַר דער „דרעס". זעט אויס, אַז דאָס האָט ער טאַקע באַשלאָסן, ווען ער איז געזעסן ביי מיר אין צימער און האָט געשוויגן.

„רעדס" עלטערן האָבן אַ „לאַנטש־רום". באַטאָג אַרבעט דאָרטן „רעד" אויך, און אין אָוונט אַרבעט זיין מוטער און ער איז פריי.

„רעדס" מוטער, מיסיס לעוויט, האָט מיר געגעבן די האַנט. זי איז אַן „ענגלישע", דאָס הייסט זי רעדט ענגליש. זיין טאַטע איז אַ „אידישער", ער רעדט אידיש. די מאַמע רופט „רעדן" לאַרי, און דער טאַטע רופט אים לייזער יאָסל. נאָכאַמאָל ליי־זער . . .

איך האָב באַדאַנקט דער מיסיס לעוויט פאַר דער מתנה און זי האָט מיר געענטפערט:

— „א'ם גלעד יו לאַיק איט". (איך בין צופרידן, וואָס עס געפעלט דיר).

זי זעט אויס אַביסל, ווי אַ פּריצטע. די נעגל זיינען ביי איר געפאַרבט אויף רויט.

מען האָט דערלאַנגט אויף אַ טישל קעיק און קאַווע, און איך האָב ניט געוואוסט, וואָס צו ריידן. מיסטער לעוויט איז צוגעגאַנגען:

— וויפל שעה ביסטו דאָס היינט אָפּגעזעסן אין „ביוטי־פּאַרלע" מיט די צעפּ?

פון אָנהויב האָב איך געמיינט, אַז ער רעדט ניט צו מיר, נאָר אַז איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז ער קוקט גלייך אויף מיר, האָב איך איצט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. „רעד" האָט זיך פאַר מיר אָנגענומען, נאָר ער האָט זיך אַזוי אָנגענומען, אַז איך האָב ניט געוואוסט אויף וועלכער וועלט איך שטיי.

— „וואַט דו יו מין"? (וואָס מיינסטו?) האָט „רעד" זיך אָנגערופן צום טאַטן, און אין איין מינוט האָט ער אַרויסגענו־מען מיינע פיר שפּילקעס פון די האָר, און מיינע צעפּ זיינען אַראָפּגעפאַלן איין צאָפּ אויף הינטן און איין צאָפּ אויף פאָרנט. די מיסיס לעוויט האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

—„לאַרי, יו'ר קרייזי"? (לאַרי, ביסט משוגע?).

מיסטער לעוויט האָט געקוקט מיט שמייכלענדיקע אויגן אויף מיינע צעפּ און האָט געזאָגט:

— זי איז דאָך טאַקע אַן „אמתע", די מויד דיינע.

— שור, האָט געענטפערט „רעד". איך האָב דערזען, אַז „רעד" און זיין טאַטע האָבן פּונקט די זעלביקע אויגן, בייביידן האָבן די אויגן געוואָרפן שטראַלן, און ביידע האָבן געקוקט אויף מיר, איינער פון איין זייט און דער אַנדערער פון דער צווייטער זייט. ווען עס זאָל זיך אַן עפּן טאָן די פּאָדלאָגע, וואָלט איך אַהין גלייך אַראָפּגעפאָרן מיטן טישל, מיטן קעיק, מיט דער קאַווע, און מיט די צעוואָרפענע צעפּ. נאָר אַלץ איז געבליבן אויפן אָרט. איך האָב קוים געהערט, וואָס די מיסיס לעוויט האָט צו מיר געטשע־בעטשעט אויף ענגליש. איך געדענק אַפילו ניט וויאַזוי איך האָב פאַרשטעקט צוריק מיינע ביינערנע האָר נאָדלען, ווײַל אַלץ האָט זיך געדרייט אַרום מיר און איך האָב זיך אָפּגעטשוכעט.

ווען מיסטער לעוויט האָט מיר אַליין דערלאַנגט אַ שעלכל מיט אייז קרים.

— נאָ, האָט ער געזאָגט, עס, זועסטו הנאה האָבן.

ווען מיר זיינען אַרויס פון „לאַנטש רום" איז „רעד" גע־ווען זייער צופרידן, מיר האָט נאָך געקלאַפּט אין האַרצן, און עס האָט מיך פאַרדראָסן אויף „רעדן", וואָס ער האָט צענומען מיינע האָר. איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטן און איך האָב אים געזאָגט:

— „רעד"־שמעד, וואָס האָסטו געטאָן מיט מיינע האָר?

— „איט וואַז וואַנדערפול" (עס איז געווען פּרעכטיק), האָט „רעד" געזאָגט אויף ענגליש און האָט געלאַכט, ווי שטענ־דיק, ווען ער איז צופרידן פון עפּעס.

איך האָב זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, אים אָנגעקוקט און געגעבן צוויי היבשע פּעטשלעך איןביידע באַקן.

— דיס איז אַ נייס „אינגעידזשמענט", (דאָס איז אַ פיינער תנאים), האָט „רעד" געזאָגט, און האָט מיר אַ קוש געגעבן אין ביידע הענט.

דער מאַמעס יאָרצייט

3־טער סעפּטעמבער.

וואָס די ערד דעקט צו מוז מען פאַרגעסן, אַזוי האָט מיר היינט געזאָגט די טאַנטע, ווען זי האָט געזען, אַז איך וויין, ווייל עס איז היינט דער מאַמעס יאָרצייט.

פאַרוואָס מוז מען? איך פאַרקערט, אַפילו ווען איך טראַכט ניט וועגן דער מאַמען, פאַרגעס איך זי קיינמאָל ניט, און איך פאַרגעס קיינמאָל ניט, אַז דער טאַטע אין לובלין שלאָפט אויף דער ערד אין אַ שטאָל, און אַז זשאַנעט איז בלינד געוואָרן. ווי קען מען דאָס אַלץ פאַרגעסן? מערניט איך האָב זיך אויסגע־לערנט שוויגן וועגן דעם, צודעקן מיט ווייסע שיך, מיט אַרבעט אין שאָפּ, און מיט וואוינען אויף גרענד סטריט. אַז איך גיב אַמאָל אַ צו הויכן לאַך, דערהער איך מיין געלעכטער, און איך בין זייער פאַרוואונדערט, און אין איין רגע בין איך שוין מער אין לובלין, ווי אין ניו־יאָרק.

און גראָד היינט איז מיר אָנגעקומען אַ בריוו פון טאַטן. דער בריוו איז געגאַנגען זיבן וואָכן און איז אָנגעקומען היינט אין טאָג פון דער מאַמעס יאָרצייט. און דער טאַטע בעט מיך איך זאָל דעם טאָג ניט פאַרגעסן... בין איך היינט אַוועק צו דער אַרבעט אין שוואַרצע שיך. די פאַרליידי אונדזערע האָט אפשר צען פּאָר אויגן. אַלץ זעט זי. אַזויווי איך בין היינט אַריין אין שאַפּ, איך זע — אירע אויגן ליגן שוין אויף מיינע שיך! דער שאַפּ איז דער בעסטער שפּיטאָל אויף דער וועלט. אין שאַפּ איז ניטאָ קיין זאַך, אויסער שאַפּ. דאָרט איז ניטאָ קיין יאָר צייט, ניטאָ קיין קאָפּ ווייטיק, ניטאָ קיין טרערן.

דעם טאַטנס בריוו איז אַזאַ קורצער, אַז עס וואַרפט אָן אַ שרעק. ער שרייבט, אַז ער איז געזונט, מיכל איז ניט אין לובלין. וואו איז מיכל שרייבט ער ניט. און איך זאָל ניט פאַרגעסן דער מאַמעס יאָרצייט. און די לעצטע שורה איז „און דער אויבערשטער וועט אונדז העלפן."

„רעד" איז מיך היינט געקומען אָפּנעמען פון שאַפּ, זעט אויס דערפאַר, וואָס איך האָב אים נעכטן געזאָגט וועגן דער מאַמעס יאָרצייט. ער האָט אויך אַ קוק געטאָן אויף מיינע שוואַרצע שיך, נאָר ער האָט געוואוסט, פאַרוואָס איך האָב זיי אָנגעטאָן.

איז איין יאָר אַזויפיל צייט? אנשטאט לובלין — איז ניו־יאָרק. אנשטאט דער מאַמען — איז דאָ אַ יאָרצייט. לייזער איז אין ארץ ישראל, און „רעד" איז מיך געקומען אָפּנעמען פון שאַפּ. און דער טאַטע, וואָס איז געבליבן איינער אַליין אין קראַסוליעס שטאָל שרייבט מיר: „און דער אויבערשטער וועט אונדז העלפן."

שטערן

15־טער סעפּטעמבער.

די פאַרגאַנגענע וואָך האָט זיך געקאָכט, ווי אין אַ קעסל־גרוב צוליב מיסטער שאַמוטס יובילייאום. ביי דער טאַנטע זייי־נען אַזש געווען שוואַרצע רעדער אונטער די אויגן, אַזוי האָט זי זיך אָנגעהאָרעוועט. די מיסיס ראַבקין האָט זיך געמוזט לייגן אויף צוויי טעג אין בעט צוליב מידקייט. ערשטנס ביז זי האָט

פּאַרטיק געמאַכט די גאַנצע באַשרייבונג, ווער מיסטער שאַמוט איז, און דערנאָך, ביז זי האָט זיין „פּיקטשור" און די באַשריי־בונג אַריינגעגעבן אין די צייטונגען, אין די „פּעיפּערס". אַז זי האָט דינסטיק אָפּגעגעבן דעם באַריכט פאַר די מעמבערקעס פון דער „לובלינערליידיס סאָסייעטי", האָט זי געזאָגט: איך בין געווען אין אַלע רעדאַקציעס, און זיי האָבן „געפּראָמיזד" (צוגע־זאָגט), אַז די פּיקטשור וועט זיי אויף אַ פיינעם פּלאַץ". נאָכן מיטינג איז מיסיס ראַבקין אַוועק זיך לייגן אויף צוויי טעג אין בעט, זי זאָל האָבן כח קומען צו דער אונטערנעמונג.

נאָר דער אמתער טאַראַראַם איז געווען זונטיק אינדערפרי, ווייל זונטיק אינדערפרי איז מיסטער שאַמוטס בילד געווען אין אַלע צייטונגען. אויפן בילד איז מיסטער שאַמוט געזעסן אין זיין אָפיס לעבן טיש, מיט אַ ציגאַר אין מויל און האָט אַריינגעקוקט אין פּאַפּירן. די מעמבערקעס פון דער „לובלינער ליידיס סאָסייעטי" האָבן אַלע גע־קויפט צו צוויי צייטונגען, איינע אויף מיטנעמען צו דער אונטער־נעמונג, און אַ צווייטע באַהאַלטן פאַר אַ „סאָווועניר". אונטערן בילד איז געשטאַנען אַן אויפשריפט: „מיסטער שאַמוט, פּראָמי־נענטער אידישער פירער אין ניו־יאָרק". די פרויען זיינען געווען זייער צופרידן פון דער אויפשריפט. איבערהויפּט דאָס וואָרט פּראָמינענטער איז זיי געווען צום הארצן. די מיסיס ראַבקין האָט דערציילט, אַז זי האָט איבערגעזוכט אפשר הונדערט אויפ־שריפטן אונטער פאַרשיידענע „פּיקטשורס", ביז זי האָט אויס־געקליבן פאַר מיסטער שאַמוט די דאָזיקע אויפשריפט. „מער האָב איך שוין ניט געקענט טאָן, וויפל איך האָב געטאָן", האָט זי געזאָגט און האָט צענומען ביידע הענט, ווען זי איז געשטאַנען אינמיטן זאַל אין איר בלויען „איווענינג גאַון" (אָוונט־קלייד).

אַנקעגן מיסטער שאַמוטס בילד איז אין צייטונג היינט גע־ווען נאָך אַ בילד, פון מיסטער קאַרעלין. עס איז געמאָלדן גע־וואָרן די דערשיינונג פון דעם בוך „י. ה. קאַרעלין, זיין ביאָ־גראַפיע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט" אונטער דער רעדאַק־ציע פון פּראָפעסאָר דר. שיינפעלד.

כאָטש דער „קעפּטן" פון מיסטער שאַמוטס יובילייִ איז גע־ווען מיסיס טקאַטש, האָט פונדעסטוועגן מיסיס ראַבקין אָנגע־

פירט מיטן גאַנצן יום טוב. ווען מיסטער שאַמוט איז אַריין אין זאַל, האָבן אים די געסט באַשאָטן מיט קאָנפּעטי, אַזויווי אין לובלין באַשיט מען אַ כלה, און טאַקע ניט מיסיס טקאַטש, נאָר מיסיס ראַבקין האָט אים געפירט אונטערן אָרעם צו זיין שטול אויבן אָן. מען האָט אים דערלאַנגט אַ גאָלדענע פּען, און אויף דער פּען אָן אויפשריפט: „פון לובלינער לאַנדסלייט מיט אָנער־קענונג". ווען מיסטער שאַמוט האָט צוגענומען די פּען האָבן אַלע געסט געמאַכט דריי „טשירס" פאַר מיסטער שאַמוט. דער זאַל האָט אָפּגעהילכט און מיסטער שאַמוט האָט געהאַלטן אַ רעדע, אַ „ספּיטש": „עס איז ניט קיין צייט פון שמחות, האָט ער געזאָגט, נאָר אַז איר האָט זיך דערמאָנט פון אַ לאַנדסמאַן, אַז ער איז אַלט געוואָרן פופציק יאָר, און געמאַכט אַ יום טוב, דריק איך אייך אויס מיין טיפן דאַנק. דאָס איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד, און אויך אַ גרויס פאַרגעניגן היינט מיט אייך צו פאַר־ברענגען צוזאַמען"...

נאָכן ספּיטש האָט מיסטער שאַמוט אַרויסגענומען צען דאָ־לער, און האָט געגעבן אַ מתנה דער „לובלינער לידיס סאָסייעטי" פאַר זייער וויכטיקער טעטיקייט לטובת די אומגליקלעכע אין „דער אַלטער היים".

דער עולם האָט אַ זיפץ געטאָן, מיסטער רובין האָט צוגע־טראָגן אַ צווייטן צענערל, מיסטער טקאַטש, דער „קעפּטנס" מאַן, האָט צוגעטראָגן אַ דריטן צענערל, דערנאָך האָט מיסטער שאַמוט געגעבן אויטאָגראַפן אַ דאָלער אַ שטיק און מען האָט אויפגע־קלאַפּט אַ הונדערטער פאַר דער קאַסע פון דער „לידיס סאָ־סייעטי". ווען מען האָט אָנגעהויבן טאַנצן, בין איך אַוועק, כאָטש עס איז שוין נאָך דער מאַמעס ע"הש יאָרצייט, נאָר זשאָ־נעט איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן. איך בין אַוועק אַהיים און אַרויף אויפן דאַך, אָדער ווי זיי זאָגן דאָ „אויפן רוף".

איבער מיר האָט זיך אויסגעשפּרייט דער ניו־יאָרקער הימל, פול מיט שטערן פון אויבן, און אונטן זיינען געלעגן די ניו־יאָרקער גאַסן פול מיט שטערן פון אונטן, נאָר ביי מיר אין האַרצן איז פונדעסטוועגן געווען אַ פינצטערקייט. איך האָב זיך

דערמאָנט מיט פרייד, אַז מאָרגן איז מאָנטיק, איך גיי אין שאָפּ, און אין שאָפּ פאַרגעסט מען אַלע זאַכן, די פריילעכע און די אומעטיקע.

דער זיידע רב מאָטיעלע און מיינע תנאים

23־טער סעפּטעמבער.

נעכטן, זונטיק איז געווען סעלמאַס חתונה, צו דער חתונה זיינען געקומען „רעדס" עלטערן אויך, ווי אמתע מחותנים.

„רעד" איז צו מיר געקומען פאַרנאַכט, ער האָט געבראַכט אַן „אינגעידזשמענט" רינג מיט אַ דימענטל, און האָט מיר געזאָגט, אַז מיר זאָלן היינט אויף סעלמאַס חתונה אַנאָנסירן אונדזער „אינגעידזשמענט".

— די זילבערגס כאַפּן ניט קיין לעקעך פון קיין פרעמדן טיש, האָב איך אים געענטפערט.

— „וואָט"? האָט מיך „רעד" אַ פרעג געטאָן, „אי דאָנט אַנדערסטענד יו, רבקה", (איך פאַרשטיי דיך ניט).

פאַרשטייסט ניט? האָב איך געזאָגט, די זילבערגס ווילן ניט עסן קיין לעקעך פון קיין פרעמדן טיש...

— „וואָט דו יו מין"? (וואָס מיינט עס?).

— זעסט „רעד", האָב איך אים געזאָגט, מיין זיידע איז געווען...

— רב מאָטיעלע זילבערג... „אי נאָ אָלרעדי, הי וואָז עי טעריבל יחסן"... (איך ווייס שוין, ער איז געווען אַ „שרעקלעכער" יחסן) האָט מיך „רעד" איבערגעשלאָגן.

יע, רב מאָטיעלע זילבערג. קיין בעל גאווה איז ער ניט געווען. ערב פסח, אַז דער זיידע פלעגט פירן פון וואַלד קיין לובלין מעות חיטים, אַ וואָגן מיט מעל, פלעגט ער אַליין זיך זעצן אויפן קעלניע און ווי אַ בעל עגלה אַריינפאָרן אין שטאָט אַריין. ער פלעגט אַליין די זעקלעך אַראָפּטראָגן אויפן פּלייצע, און אַריינטראָגן צום גבאי אין שטוב אַריין, כאָטש ער האָט געהאַט „מענטשן".

מעל, פלעגט זאָגן דער זיידע, קען געבן נאָר דער, וואָס האָט, אַ רייכער, אָבער טרחה קען געבן יעדער מענטש, און

איך וויל געבן, וואָס יעדער מענטש קען, טאָמער איך וועל אָרעם ווערן, זאָל איך נאָך קענען בלייבן אַ בעל צדקה.

— „דאָס פילאָסאָפי”, האָט מיך „רעד” איבערגעשלאָגן.

— אָבער אַזוי פלעגט דער זיידע זאָגן, נאָר אַמאָל פלעגט אויף אים אָנפאַלן אַזאַ גרויסהאַלטעניש, אַז מען פלעגט צו אים ניט קענען ריידן. דער זיידע איז געווען אַ וואַלד סוחר, איינמאָל האָבן אים עטלעכע וואַלד סוחרים גערופן ער זאָל קומען. זיי האָבן אַ מסחר. פּאַגאָדע, גייט פאַרקויפן זיין וואַלד, אַ מציאה. פּאַגאָדע איז געווען דער רייכסטער פּריץ אין געגנט. דער זיידע איז געקומען צו די סוחרים. ערשט ער זעט, עס זיצן שוין הירש פּראַמפּאָלער, מיט אַ גאָלדענע קייט אויפן בויך, און איטשע מאיר טאַרנאָפּאָלסקי מיט די ברילן אויף דער נאָז, און שימעלע מילנער מיטן געלן בערדל, ווי אַן אָפּגעפּליקטער האָן, און „יאָכעס מאָן” — אַזוי האָט מען אים גערופן — סאָפּעט ווי אַ גאַנדז, מען זיצט און מען וואַרט אויפן זיידן. דעם זיידן האָט פאַרדראָסן, וואָס זיי האָבן זיך פריער אויפגערעדט צווישן זיך, ווייל זיי זיינען געווען רייכער, און דערנאָך אים געשיקט רופן. אַז זיי האָבן אים דערציילט וועגן דער מציאה, האָט זיך דער זיידע אַ הויב געטאָן און האָט זיי אָפּגעפאָרן:

— זילבערג האָט פיינט מציאות, און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

אַז דער זיידע איז געקומען אַ היים, און האָט דערציילט, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער מציאה, איז די באָבע אַוועק־געלאָפן קיין לובלין און האָט געבראַכט אַלע טעכטער און אַלע איידעמס, און די זין, מען זאָל איינריידן דעם זיידן נעמען אַ שותפות אין דער מציאה. און דער זיידע — איינמאָל ניין!

— זילבערג כאַפּט ניט קיין לעקעך פון קיין פרעמדן טיש...

און זאָלן זיי אַליין האַלטן די מציאה. מען האָט ביי אים ניט גע־פּועלט.

און פּאַגאָדע האָט געהאַט אַ פאַרוואַלטער, אַ יונג מיט לאַנגע וואָנצעס, מיט הויכע שטיוול, און מיט אַ וועלאָסיפּעד, אַ בייסיקל. האָט ער פון זיידן געהאַלטן אַ וועלט. איז ער ניט פויל, און זאָגט די סוחרים, אַז ער וויל זיי פאַרקויפן דעם וואַלד, נאָר ער וויל, אַז זילבערג זאָל אים קאַווירן... אים געטרויט ער...

זיינען געקומען אין וואַלד צום זיידן — הירש פּראַמפּאַליער מיט דער גאָלדענער קייט אויפן בויך, און איטשע מאיר טאַרנאָ־פּאָלסקי מיט די ברילן אויף דער נאָז, און שימעלע מילנער מיטן געלן בערדל, ווי אַן אַפּגעפּליקטער האָן און „יאָכעס מאַן", וואָס סאַפּעט ווי אַ גאַנדז — זיי זיינען אַלע דאָ. הכלל דער זיידע האָט זיך איינגעשפּאַרט, ניין, ער וויל ניט.

— און דאָס וואָס לובלינער אידן וועלן צוליב אייך פאַר־לירן אַזאַ גרויסע פּרנסה? עס איז דאָך אַן עברה, האָבן זיי גע־סטראַשעט דעם זיידן מיט יענער וועלט.

— וועלן דאָס קויפן וואָלינער אידן. וואָלינער אידן זיינען אויך אידן.

און דער זיידע איז געבליבן ביי זיינס: ער כאַפּט ניט קיין לעקעך פון קיין רייכע טישן...

— „וועל, אי אָנדערסטענד יו עי ליטל ביט", (אַלזאָ, איך פאַרשטיי שוין אַביסל) האָט „רעד" אַ זאָג געטאָן.

— און וואָס וועט זיין מיטן „אינגעדזשמענט" רינג? — האָט „רעד" אַ זאָג געטאָן.

איך האָב צו אים אויסגעשטרעקט אַ פינגער:

דעם „אינגעידזשמענט" רינג גיב אַהער, דער זיידע רב מאָטיעלע פלעגט אויך נעמען, אַז מען פלעגט אים געבן, ווען ניט וואָלט ער קיין גביר ניט געווען, נאָר ניט שטענדיק...

— איך וויים, „יו העוו יור אָון ועי", (דו האָסט דיינע געגנג) אַ ביסל אַ „צעדרייטע", „באַט אי לאיק איט", (נאָר מיר געפעלט עס).

„רעד" האָט אַרומגעשפּאַצירט איבערן צימער זייער צו־פרידן, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו מיר, האָט מיך אַ נעם געטאָן אויף די הענט און מיר געזאָגט גלייך אין אויער אַריין:

— רבקהלע, „יור זיידע וואַז אָלרייט"...

אויסגעפּוצט אין „אינגעידזשמענט" רינג בין איך מיט „רעדן" אַוועק אויף סעלמאַס חתונה.

איז דאָך פאַראַן מענדל פּושקאַרט אויף דער וועלט, און ער האָט שוין געוואוסט וועגן דעם „אינגעידזשמענט" רינג. דער גוטער יאָר ווייסט אים, צי קומט עס אים פון נאַרישקייט, צי פון

גוטסקייט, נאָר אַז די געסט זיינען שוין געזעסן ביי די טישן און מען האָט געהאַלטן ביי אַ גלעזל משקה, און מען האָט שוין אָפּגעגעבן מזל טוב חתן כלה, נעמט מענדל פּושקאַרט און שיסט אויס:

— לאָמיר אָפּגעבן אַ מזל טוב אונדזער רעי זילבערג, זי האָט היינט געקריגן אַ שיינע מתנה זי האָט געקריגן אַן „אינגעידזשמענט" רינג פון לאַרי לעוויט.

דער עולם האָט געפּאַטשט בראַוואָ. דאָס האָט מיר מענדל פּושקאַרט, זעט אויס, געוואָלט אָפּדאַנקען פאַר די גלעזלעך טיי, וואָס איך דערלאַנג אים שטענדיק. און צוליבן כבוד פון עולם, האָט ער מיך ניט גערופן רבקה, נאָר רעי.

מיר האָט אַזש אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן. אָבער עס איז שוין געווען פאַרפאַלן. זעט אויס, אַז מענדל פּושקאַרט האָט גאָר ווייניק געקלערט וועגן מיין זיידן רב מאַטיעלע מיט זיין גאווה.

„רעדס" טאַטע האָט מיט מיר געטאַנצט. ריידן רעדט ער ווי אַ איד, נאָר טאַנצן טאַנצט ער, ווי אַן אַמעריקאַנער, און גרינג ווי אַ יונגער מאַן. טאַנצנדיק האָט ער מיר געזאָגט: — לייזער יאָסל איז ביי אונדז איינער, אַ בן יחיד, אַז ער וויל דיך, ביסטו ביי אונדז ליב.

„רעדס" מאַמע איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן סאַטענעם קלייד, די האָר אַרויפגעשלאָגן אַרויף מיט הויכע לאָקן, זי האָט אויסגעזען, ווי אַן אמתע פּריצטע.

די טאַנטע און מיסיס שאָר האָבן געטענהט, אַז היינט איז אַ צווייענדיקע שמחה, און מאָרווין האָט אָפּגעטאַנצט יענעם טענצל, וואָס אין די גאַנצע יונייטעד סטעיטס קענען אים אויסטאַנצן בעני גודמאַן און ער, מאָרווין.

רוט איז צו דער חתונה ניט געקומען. זי האָט צוגעשיקט אַ טעלעגראַמע: „קאָנגראַטולעישאַנס ענד בעסט ווישעס". אַ סך פון די געסט האָבן געגעבן דער טאַנטע „ענוועלאָפּס" מיט געלט אנשטאט מתנות און צוגעוואונטשן „גוד לאַק".

איך בין געווען אויף דער חתונה און געזען האָב איך לו־

בלין, דעם טאָטן אין קראסוליעס שטאָל, כאַצקלען און די קליינע זשאַנעט, וואָס איז בלינד. ווי הינטער אַ פאָרהאַנג וואָלטן זיי אַלע געשטאַנען גאָר נאָענט צו מיר.

איך האָב געטאַנצט מיט „רעדן".

— דו דאַרפסט זיך לערנען טאַנצן די „מאָדערן" טענץ, האָט מיר „רעד" געזאָגט.

די פּאָדלאָגע איז געווען גליטשיק אויסגעשאַרפּעט פון די פיס, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך וויג זיך און וויג זיך הין און צוריק, ווי אויף אַ שיף...

מיר דאַכט זיך נאָך אַלץ, אַז וואָס עס איז געשען נעכטן איז געווען אַ שפּיל, און אַז דאָס האָט מענדל פּושקאַרט דערציילט אַ מעשה וועגן אַמעריקע און וועגן אַ לובלינער מיידל, מיט לאַנגע צעפּ, וואָס האָט געקריגן אַן „אינגעידזשמענט" רינג...

ווער ווייס?

6־טער אָקטאָבער.

איך האָב שוין לאַנג ניט געשריבן מיין טאָג בוך. אַלץ וואָס איך לעב איצט איבער האָט ניט קיין אָנהויב און האָט ניט קיין סוף. איך האָב אַמאָל געזען אין לובלין אַ שרפה. אַ שטוב האָט געברענט, און דאָס פייער האָט זי געמאַכט אַזוי דורכזיכטיק, אַז דורך די ברענענדיקע ווענט האָט מען געזען אַ בוים וואָס האָט געוואַקסן הינטערן שטוב. אַזוי זיינען איצט פאַר מיינע אויגן דורכזיכטיק אַלע זאַכן. וואָס עס איז געווען אַמאָל, און וואָס עס איז מיט מיר פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק פאַר דעם לעצטן יאָר, און מיין פאַרברענטע היים — אַלע זאַכן שטייען פאַר מיר דורכזיכטיק ווי אין אַ פייער...

היינט האָב איך באַקומען אַ בריוו פון לייזערן, ווי שטענדיק אין אַ בלויעם קאָנווערט. לייזער שרייבט מיר: „מיר לעבן איצט אין פינצטערניש, עס איז ביי אונדז אַלע נאַכט „בלעק אַוט", נאָר מיר האָפן, אַז נאָך דער גרויסער פינצטעריש וועט אויפגיין דער ליכטיקער טאָג. ווי לאַנג די מלחמה זאָל ניט געדויערן, רבקה, וואַרט איך אויפן טאָג, ווען דו וועסט קומען קיין ארץ ישראל. דאָ איז אַ גרויסער יקרות איצט, און עס איז זייער

שווער צו פאַרדינען, שמשי העלפט מיר אַ סך אַרויס מיט געלט און מיט אַרבעט, נאָר אָפטמאָל פעלט אויס דאָס נויטיקסטע. אָבער עס איז מיר ניט שווער. איך האָב אַ סך האָפענונגען און מיט האָפענונגען איז גרינג צו לעבן. איך בעט דיך, רבקה, שרייב צו מיר אָפט. אויב איך זועל אפילו אַלע בריוו ניט באַקומען, וועל איך פילן, אַז דו שרייבסט זיי. דו שרייבסט מיר אַזוי ווייניק".

איך האָב ניט געוואוסט וואו זאָל איך אוועקלייגן דעם בריוו. וואָס וועט זיין, אַז „רעד" וועט אים דערזען? איך האָב געוואָלט דעם בריוו צערייסן, נאָר ווי קען איך צערייסן לייזערס אַ בריוו?

איך האָב דעם בריוו אַוועקגעגעבן דער לאַנדריניטשקע זי זאָל אים באַהאַלטן. די לאַנדריניטשקע האָט געעפנט איינעם פון אירע שופלאָדן און האָט אַהין אַריינגעלייגט דעם בריוו. זי האָט פאַרמאַכט דעם שופלאָד, פאַרריכט דאָס סערוועטקע אויפן קאָמאָד און גלייכגעשטעלט די „מעיפלאַוער".

אַז „רעד" איז געקומען האָט ער מיר געזאָגט:

— „מיי פאַטער סעז", אַז דו זאָלסט אַוועקגיין פון שאַפּ און העלפן אין „לאַנטש רום".

„רעד" איז זייער גוט צו מיר. ער לאָזט מיר ניט זאָרגן: „דאָנט טינק סאָ מאַטש" (טראַכט ניט אַזויפיל) זאָגט ער.

איך טראָג דעם „אינגעידזשמענט"־רינג און מיר דאַכט זיך, אַז עס איז מער ניטאָ רבקה זילבערג. אין ניו־יאָרק וועט באַלד אָנהויבן אַרומגיין איינע רעי לעווינ. רבקה זילבערג איז געבליבן אין לובלין. אויף רבקה זילבערג וואַרט מען אין ארץ ישראל, און אין ניו־יאָרק וואוינט רעי לעווינ.

קען דאָס זיין, אַז אַלע מענטשן לעבן אַזוי אויף דער וועלט? ווער ווייס?

אינהאַלט:

דער ערשטער טאָג אין ניו־יאָרק 5
די זיסע בלאַט פון מענטשן 7
ע ד י 7
נ י י ־ י אָ ר 8
אַ טרייסט 9
מענדל פושקאַרט 10
די וועלט איז נאָך פאַר מיר ניט פאַרשלאָסן 12
דעם זיידנס יאָרצייט 13
ס ע ל מ אַ 14
פינף און זיבעציק סענט אַ טאָג (איך וויל ווייַנען) 15
אַ וועלט איז פאַרפאַלן געוואָרן 16
עס איז נאָך דאָ לובלין 16
אַזעלכע אויערן האָב איך 17
ביי דער טאַנטע אויף גרענד סטריט 18
איך פאָר זען לאַנדסלייט 19
אַן אויסגעבאָרגטע וועלט 22
מיסיס רובין 23
א י נ ש ו ר נ ס 25
מיסטער רובין 27
רבי פינקל 28
מיסטער שאַמוט 30
איך טרעף מיין לערער שיינפעלד 34
אַ נייע צרה 36
זיך געדרייט, געדרייט און אין קונע פאַרדרייט .. 37
ח ל ו מ ו ת 40
די מזלדיקע בלום 41
ע נ ג ל י ש 43
דער ערשטער דאָלער 45
די לאַנדריניטשקע 48
דער פעטער דערציילט מעשות 51
אַ בריוו פון לייזערן 54
זכות אבות זיינען מיר בייגעשטאַנען 56
אונטער דער „מעיפלאַוער“ 59

דריי מזל טובֿ׳ס ... 62
מיסטער רובין זוכט אַ „שונא" ... 65
אַ ביסל שרעק ... 69
רעד, רוט און איך ... 72
מיסיס קאַשעס ... 76
אַ „דזשאַב" ... 81
די „אַמאַליקע" און די „איצטיקע" ... 85
דער באַל ... 88
די „שיינע פּאַווע" ... 97
מיסטער שאָר ... 100
„רעד" קען טרעפן ... 103
אַלץ — עולם הזה ... 106
ה פ ק ר ... 110
גיטאָ ווערמען צו זאָגן אַ „זיי־געזונט" ... 116
די „שטומע באַלעבאָסטע" ... 118
איך טרעף משיח׳ן ... 122
מיסטער קאַרעלינס „מאַטעריאַלן" ... 127
איך זוך אַרבעט ... 132
„ביי דיר בליען איצט רויזן" ... 135
מ ת נ ו ת ... 137
מ אַ ר ו ו י ן ... 141
„ ז י י " ... 145
צוויי גוטע געסט ... 147
אַזוי טוט מען אין לובלין ... 150
ס ד ר י ם ... 155
דער קריג ... 158
דער ערשטער טאָג אין שאַפּ ... 160
נ י ס י ם ... 163
„רעד" וויל לייענען לייזערס בריוו ... 167
איך טראַכט וועגן נעכטן ... 169
געהאָלפן געוואָרן פון איין „האַו־דו־יו־דו" ... 171
ווידער עדי ... 174
רוט פאָרט קיין קאַליפאָרניע ... 178
שיינפעלד ווערט אַ לייט ... 180
די „שרפה" ... 183
אַ בריוו פון רוטן ... 186
די וועלט דרייט זיך, אויך די לובלינער סאָסייעטי 188
ל י י ז ע ר ... 191
אַ נ אַ ט אָ מ י ע ... 193

מאָנצי מיט בענצין 195
צוויי מאָל אַ זילבערג 199
מיסיס קאָשעס און די „שיינע פּאַווע" 201
אַ „פּלעזשור" 205
נ ע ו ו ע ר 208
ב ל י נ צ ע ס 211
ניטאָ מיט וואָס צו לעשן 214
די טייערע ליאַלקעס 217
די יונגע יאָרן 219
ווי אַ מאַמע 222
מענדל פּושקאַרט וויצלט זיך 224
אַ כּישוף 227
איך לערן זיך נייען הענטשקעס 230
אַלע וויסן שוין 231
„רעד" קען אויך ריידן „קאַפּידריך" 233
מענדל פּושקאַרט געווינט דעם „סוויפּסטייק" .. 234
דאָס איז אַן אַלטע געשיכטע 237
דאָס הייסט אַ מזל 239
מ ע ש ו ת 241
ווייסע שיך 243
די לובלינער 244
יענע צייט איז שוין פאַרענדיקט 247
ש אַ ר ל אָ ט 248
זשאַנעט איז בלינד געוואָרן 250
די בלינדע וועלט און די עלנטע וועלט 252
דער וויזיט 254
מיסטער עדלשטיין 255
בעסיע די בלאָנדע 258
„ניט אומזיסט געבויט אַ ניו־יאָרק" 260
אַ זומערדיקער מיטינג 263
איך פאָר „זיך זען" מיט „רעד"ס טאַטע־מאַמע .. 266
דער מאַמעס יאָרצייט 268
ש ט ע ר ן 269
דער ניידע רב מאָטיעלע און מיינע תּנאים 272
ווער ווייס ? 276